STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10432

MENAHEM-MENDL

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם

*

מנחם־מענדל

בית שלום־עליכם, י. ל. פרץ־פֿאַרלאַג
תל־אביב

שלום־עליכם

מנחם־מענדל

(ניו־יאָרק — וואַרשע — ווין — יעהופעץ)

תל־אביב, תשל״ז—1976

SHALOM-ALEICHEM
MENACHEM-MENDL

Beth Shalom-Aleichem
I. L. Peretz Publishing House
Tel-Aviv, Israel

פאָרטרעט געצייכנט פֿון משה בערנשטיין

©
כל הזכויות שמורות לבית שלום־עליכם, תל־אביב
Copyright by Beth Shalom-Aleichem, T. A.

Printed in Israel

המדפיס — אריאלי

אינהאַלט

דער צווייטער מנחם־מענדל, אַרײַנפֿיר . . . 3

מנחם־מענדל צו שלום־עליכמען . . . 13 23 29

שלום־עליכם צו מנחם־מענדלען 18

מנחם־מענדל צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל . . . 35
43 49 62 72 84 95 107 118 124 134
144 153 163 172 182 192 202 216 223
230 236 244 251 257 263 277 283

שיינע־שיינדל צו איר מאַן מנחם־מענדל . . . 56
68 80 91 102 113 129 139 148 158 168
178 186 198 210 269 273



בריוולעך צו מנחם-מענדל'ן
פון שיינע-שיינדיל זיין ווייב.
איבערגעגעבען פון שלום-עליכם.

I.

לכבוד בעלי היקר החכם מפורסם מוה"ר מנחם מענדל נ"י!
ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען
בעסטען געזונד. געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף וויטער
נישט ערגער. צווייטענס, שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז

אַ זײַט קאָרעגירט פֿון שלום-עליכם

דער צווייטער מנחם־מענדל

בית שלום־עליכם, אין וועמענס אַרכיוו ס'איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן שלום־עליכמס ליטעראַרישער גוטס, די עפּיסטאָלאַרע ירושה, — אויף וויפֿל ס'איז מעגלעך געווען ביז איצט צו דערגרייכן, — טרעט צו אַרויסצוגעבן די שלום־עליכם־ווערק, וואָס זענען ביז הײַנט ניט אַרויס אין בוכפֿאָרעם.

דעם פּרטימדיקן פּלאַן, וואָס און ווי אַרויסצוגעבן, האָט מאָנטירט און איבערגעלאָזט שלום־עליכמס געטרײַער איידעם דער שרײַבער און מײַסטערישער איבערזעצער פֿון שלום־עליכמען אין העברעיִש י. ד. בערקאָוויטש. דער פּלאַן זעט פֿאָר אַרום 10—12 בענד אין וועלכע עס דאַרפֿן אַרײַן ראָמאַנען, דראַמעס, דערציילונגען, פֿעליעטאָנען, ליטעראַטור־קריטיק, רעפּאָרטאַזשן, ווי אויך אַ צאָל איבערזעצונגען וואָס זענען בשעתו געדרוקט געווען אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען און צײַטשריפֿטן און נעמען אַרום כמעט די גאַנצע תּקופֿה פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן, פֿון דער ערשטער צײַט ביז עטלעכע יאָר פֿאַר זײַן פּטירה. אין אַ סך פֿון די שאַפֿונגען האָט שלום־עליכם נאָכן ערשטן אָפּדרוק געמאַכט קענטיקע שינויים און אַרײַנגעפֿירט סטיליסטישע און שפּראַכלעכע אויסבעסערונגען.

„מנחם־מענדל״ — „צווייטער טאָם״ — ווי שלום־עליכם האָט אָנגערופֿן די סעריע בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין יאָר 1913, איז סײַ אַ המשך פֿונעם פֿריִערדיקן, אַ המשך פֿונעם וווילבאַקאַנטן מנחם־מענדל, סײַ אַ ווערק פֿאַר זיך, וואָס איז אָפּגעשלאָסן און געבונדן צו אַ צײַט און אַ סביבה. ס'איז דער אייגענער צעפֿליגלטער, אימפּעטדיקער מנחם־מענדל. ניט מער, דאָ אין וואַרשע איז מנחם־מענדל אַ פּאָליטיקער, אַ כּלל־טוער, אַ וועלט־פֿאַרזאָרגער, און דערצו איז ער אַ שרײַבער, אַ צײַטונגסמענטש, וואָס טײַטשט אויס און קאָמענטירט די וועלטנײַעסן און די ייִדישע באַדרענגענישן, קלעמענישן, געראַנגלען און דערוואַרטונגען. — — ס'איז דאָך ערב דעם ערשטן וועלטקריג, וואָס דערווײַלע גייען נאָך אָן, ווי אַ פֿאָרשפּיל צו דער גרויסער מלחמה־דראַמע, די קליינע רײַסערײַען און מלחמהלעך אויפֿן באַלקאַן, טערקײַ און בולגאַריע און מאַקעדאָניע און רומעניע, און מנחם־מענדל שווימט דאָ אין דעם ים פֿון פּאָליטיק און סטראַטעגיע, אין אַ וועלט פֿון קאָמבינאַציעס — און ער זוכט לייזונגען. אין זײַן שטענדיקן אומרו פּלאַנירט ער, באַלאַנסירט ער צווישן אומות און פֿעלקער, צווישן לענדער און מדינות, אַ קיסר אַראָפּ, אַ מיניסטער אַרויף און אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, אויפֿן גרויסן פֿאַרנעם, און אַוודאי דאַרף מען פֿאַרזאָרגן אַ תּכלית פֿאַר ייִדן, פֿאַרן ייִדיש־פֿאָלק, אָט ווי מנחם־מענדל קען עס, אין זײַן צעפֿלאַטערטער אויסגעחלומטקייט, נאָך פֿון יענע יאָרן, בעת ער האָט געהאַנדלט און קאָמבינירט אויף דער בערזע אין יעהופּעץ, ווי שלום־עליכם שטעלט אים פֿאָר איצט אין „לכה דודי״ (זײַט 174):

הערט אַ נײַעס וואָס האָט געטראָפֿן,
אין מיטן וואַרשע זיך פֿאַרלאָפֿן:
ס׳איז דאָ אַ ייִד — מנחם־מענדל —
ער פֿלעגט פֿאַרנעמען זיך מיט הענדל,
אַ מאָל געהאַנדלט אין אָדעס,
געשפּעגעלירט אויף „האָס” און „בעס”,
מעקלערײַען, קאָמבינאַציעס,
פֿאַפּירן, אַקציעס, אָבליגאַציעס.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ מאָל, מיט יאָרן,
הײַנט איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן,
טע — טע — טע! שוין גאָרניט דער מנחם־מענדל,
גייט ניט אויף דער בערזע פֿאַר קיין רענדל,
ער שרײַבט שוין בעסער אויף גאַזעטן
מיט אַלע שרײַבערס און פּאָעטן,
פֿון פּאָליטיקע, מלחמות
און פֿון ייִדישע נחמות
און פֿון וואָס דען שרײַבט ער ניט?
ער האָט געכאַפּט דעם רעכטן שניט.

מנחם־מענדל האָט כּידוע שוין זינט לאַנג זיך געריסן צו ווערן אַ שרײַבער, שוין אין דער ערשטער סעריע בריוו (1908—1909) לאָזט ער וויסן זײַן שיינע־שיינדל אַזוי צו זאָגן:

„...והשנית הנה זײַ וויסן, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן אַלע געשעפֿטן, אַן עק, אויס בערזע, אויס סעמעדעני, אויס מעקלערײַ — ס׳איז גאָלע שווינדל מיט כאַפּערײַ, מיט בזיונות, מיט דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס! איך האָב שוין הײַנט אַ נײַע פּרנסה, אַ שפּאָגל נײַע פּרנסה, אַ ביסל אַ שענערע און לײַטישערע פּרנסה — איך בין געוואָרן למזל אַ שרײַבער. איך שרײַב! וועסטו דאָך מסתּמא פֿרעגן, ווי קום איך צו שרײַבערײַ? — ס׳איז מן השמים” („אַ בכבודע פּרנסה”).

אין יאָר 1913 פֿירט שלום־עליכם אַריבער מנחם־מענדלען קיין וואַרשע. ער נעמט אים אַרויס פֿון אַלע היציקע ניט־געשטויגענע פּרנסות, מעקלערײַען, שדכנות, בערזעס, ער ברענגט אים צוריק פֿון ניו־יאָרק, אויך דאָרט איז ער שוין געפּרווּט געוואָרן מיט אַלע עמיגראַנטישע ביטערנישן. און באַזעצט אים אין וואַרשע, אַ קליינינקייט — וואַרשע! און דאָ לעבט ער אויף, מנחם־מענדל, ווי אַ שרײַבער אין רעדאַקציע, ס׳איז טאַקע דער זעלביקער מנחם־מענדל, און ניט דער זעלביקער. עס צאַפּלען ווידער קאָמבינאַציעס און פּלענער און כּל־מיני רעיונות, אָבער דאָ זענען זיי געלײַטערטער, זייער פּלי איז אַן אַנדע־רער. מנחם־מענדל וויל פֿאַרזאָרגן ניט נאָר כּתרילעווקע און יעהופּעץ, ער נעמט זיך אָן אויך די קריוודע פֿון אומות און פֿעלקער... ער פֿילט אַז שטאַרקע מושלים באַגייען עוולות לגבי זיי — —

נאָר איבער אַלעם לויכט אַרויס דער וואַרעמער, האַרציקער מנחם־מענדל מיטן אייביקן פֿונק פֿאַר יושר און גערעכטיקייט. ס'איז אונדזער היימישער, יידישער מנחם־מענדל. ער איז ניט בלויז דער איינציקאַרטיקער העלד פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן. זינט שלום־עליכם האָט אים אויסגעפֿורעמט, איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דויערנדיקע, אַן אייביקע געשטאַלט אין דער יידישער וועלט.

„מנחם־מענדל, שלום־עליכמס אומשטערבלעכער פּאַרשוין — שרײַבט י. ד. בערקאָוויטש אין דער הקדמה צו זײַן ראָמאַן „מנחם־מענדל אין ארץ־ישראל", (י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, ת"א 1973) איז אַזוי ווײַט אַרײַן אין פֿלייש און בלוט פֿונעם יידישן לעבן, אַז ער עקסיסטירט שוין מער ניט ווי דער געשאַפֿענער איינצלנער טיפּ פֿון זײַן גרויסן מײַסטער, נאָר ער לעבט אין דער פֿאָרשטעלונג פֿונעם פֿאָלק ווי אַ סימבאָל פֿון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, פֿון אַ באַזונדערן קלאַס יידישע מענטשן, וואָס גייען דורך זייער וועלט אָן אַ ממשותדיקן באָדן אונטער זייערע פֿיס: זייערע פּרנסות זענען פֿון לופֿט, זייערע געבײַדעס ווערן געבויט אויף לופֿט, זייערע געדאַנקען און פֿאַנטאַזיעס דרייען זיך אין לופֿט, און זייער גאַנצע עקסיסטענץ אויף דער ערד איז אַ לופֿטיקע און אַ ווינטיקע — אויפֿגעקומען פֿון לופֿט און אַוועקגעבלאָזן מיטן ערשטן ווינט".

אַוודאי, לופֿטיק און ווינטיק, אָבער מנחם־מענדל, ווי מיר זעען אים, ווי מיר פֿילן אים הײַנט, איז דער געהויבענער אומרו, דער פּאָזיטיווער אומרו פֿון פֿאָלקישן געמיט. מנחם־מענדל בלײַבט ניט שטיין. אונטער זײַנע הענט צעטײַעט זיך דער גליוער, און אַ דורכפֿאַל, און ווו האָט ער ניט קיין דורכפֿאַל — צעטומלט אים טאָקע, דערשלאָגט אים, אָבער נאָר אויף אַ ווײַל, אָט הייבט ער זיך ווידער אויף און ער פֿאַרמעסט זיך אויף ס'נײַ מיט פֿרישע פּלענער און קאָמבינאַציעס. מנחם־מענדלס זענען צו מאָל געווען די פּיאָנערן און פֿאַרמירערס פֿון גרויספֿאַרנעמיקע פּראָיעקטן, פֿון אידעען און באַוועגונגען אין יידישן פֿאָלק. זיי האָבן אינספּירירט מיט זייער פֿאַנטאַסטישן פֿלי, באַווירקט די ניכטערע און תּכליתדיקע. מנחם־מענדל איז דער אימפּעטדיקער, צעצונדענער פֿלאַטער פֿון אַלע אונדזערע אויפֿטוען, ער באַנט דעם וועג פֿאַר די מיושבדיקע, פֿאַר די אָפּגעהיטענע בעלי־מעשׂה.

אַזאַ זעען מיר אים אין איצטיקן בוך אין דער צווייטער בריוועסריע „מנחם־מענדל (ניו־יאָרק, וואַרשע, ווין און יעהופּעץ)" ס'איז מנחם־מענדל, וואָס ניט די כּתרילעווקער אָרעמקייט, ניט דער ביטערער דלות דריקט אויף אים, נאָר די אומרויִקע צײַט פֿון פֿאַרן ערשטן וועלטקריג האַלט אים געשפּאַנט, ער זוכט מיטלען און וועגן אויסצובעסערן די וועלט און די יידישע מערכה.

ווי אַזוי איז אויפֿגעקומען אָט די לעצטע מנחם־מענדל בריוועסריע, וואָס און ווער איז געווען דער גורם פֿון אָט דעם מנחם־מענדל־המשך. אַוודאי האָט די געשטאַלט ניט אָפּגעלאָזט שלום־עליכמען. ער האָט אים תּמיד געהאַט פֿאַר זיך. ער האָט מנחם־מענדלען דערזען אויף אַ סך שטחים און אין פֿאַרשיידענע אומוואַנדלונגען. שרײַבט דאָך שלום־עליכם אין דער הקדמה צו דער

צווייטער אויפלאַגע פון ערשטן „מנחם־מענדל״ (נערווי, ערב חנוכה תר״ע) „מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבאָך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פּראָפעסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַקענט, ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן פון כמעט צוואַנציק יאָר״.

אין „אונדזערע ראשונים״, זכרונות־דערציילונגען וועגן שלום־עליכם און זײַן דור (באַנד ה׳ קאַפּיטל ט׳) דערציילט י. ד. בערקאָוויטש די געשיכטע פון — ווי ער רופט אָן דעם קאַפּיטל — „דער צווייטער מנחם־מענדל״. שלום־עליכמס קראַנקהייט האָט זיך אין יענער צײַט פאַרשאַרפט און די דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט פולשטענדיקע רו... די צווי חדשים רו, וואָס דער ווינער פּראָפעסאָר האָט אים פאַרשריבן, זענען שוין רעדוצירט געוואָרן אויף איין חודש — און דעם איין חודש האָט ער אויך קוים אויסגעהאַלטן. ניט שרײַבן איז פאַר אים געווען ניט קיין אָפּרו, נאָר אַן אָפּקומעניש — אַן אויסגעליידיקט, אומעטיק לעבן — —

„וואָס הייסט ניט שרײַבן? — האָט ער יענעם ווינטער געפרעגט אין איינעם פון זײַנע בריוו צו ש. ניגערן — ווי שטייט עס אויף אַ מענטש אין דער פרי, עסט און טרינקט! גייט אַרום — און שרײַבן שרײַבט ער ניט״.

שלום־עליכם האָט דעמאָלט אינטענסיוו זיך ווידער גענומען צום שאַפן, זיך פאַרטיפט אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך מיט אַ צײַט צוריק אונטערן טיטל „טריט בײַ טריט״.

דערציילט י. ד. בערקאָוויטש:

..„עס האָט אים ווידער גענומען ציִען צום ברייטן לעבעדיקן עולם, פאַר וועמען ער האָט זיך ניט באַוויזן שוין באַלד פיר חדשים, זינט ער האָט פאַרענדיקט אינעם ,הײַנט׳ זײַן ,בלוטיקן שפּאַס׳, איצט אָבער נאָך שאַרפער ווי פריִער, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס זאָל ער אַזעלכעס שרײַבן פאַרן ,הײַנט׳ אַז יאַצקאַן זאָל עס וועלן געברויכן? וואָרעם אָט האָט יאַצקאַן ווידער אויפגעוועקט זײַן אַלטן חלום, אַז שלום־עליכם מוז אַרויספירן אינעם ,הײַנט׳ זײַן מנחם־מענדלען ווי אַ פּאָליטיקער.

איצטיקס מאָל האָט שלום־עליכם זיך געלאָזט אײַנרעדן, ער האָט מיר צוגעשיקט יאַצקאַנס בריוו און זיך מיט מיר מישב געווען: וואָס ענטפערט מען אים דערויף? און איך דאַרף מיך דאָ מודה זײַן, אַז אַ ביסל האָב איך אויך גורם געווען דערצו, שלום־עליכם זאָל אַרויספירן מנחם־מענדלען אינעם ,הײַנט׳ — כאָטש ניט אין אַזאַ געשטאַלט ווי יאַצקאַן האָט אים געוואָלט זען. ער איז אָבער דאָך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אָן איבעריקן חשק, ער האָט אונדז וועגן דעם אַזוי געשריבן: ,פון יאַצקאַנען באַקום איך זייער ווייכע בריוו, וועלכע דער־מאָנען וועגן מנחם־מענדלען. נאָר איך, דעם אמת זאָגנדיק, קווענקל נאָך אַלץ: מנחם־מענדל איז דאָך אַ פיגור אַ באַוועגלעכע. ווי אַזוי וועל איך אים אָוועקזעצן צום רעדאַקציע־טיש און צווינגען אים איבערגיסן פון פוסטן אין ליידיקן?׳

דער פּלאַן איז געווען אַז מנחם־מענדל, וואָס האָט זיך אָנגעפּלאָגט אין אַמעריקע און צו גאָרנישט דערשלאָגן זיך, פֿאַלט אַרײַן צוריקוועגס אין וואַרשע, ווערט אַ רעדאַקציע־מענטש אין ,הײַנט' און שרײַבט פֿון דאָרט בריוו צו שיינע־שיינדל זײַן ווײַב וועגן פּאָליטיק און קהלשע ענינים, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער צײַטונג, און שיינע־שיינדל פֿון איר זײַט שרײַבט אים אויף איר שטייגער, ווי אַזוי דאָס לעבן גייט אַצינד אין כּתרילעווקע — אין דער פּראָווינץ הייסט עס".

בערקאָוויטש האָט אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען געפּרוווט פֿאַרברייטערן דעם פּלאַן און אָנגעוויזן אַז מנחם־מענדלס טועכץ דאַרף באַשטיין ניט אין שרײַבן פּאָליטישע חקירות (ווי עס האָט פֿאַרלאַנגט משמעות דער „הײַנט"־רעדאַקטאָר), וואָס עס פּאַסט זיך ניט צו זײַן כאַראַקטער, נאָר ער אַליין, מיט זײַן לופֿטפּלײַערישן אימפּעט, דאַרף ווערן אַ קהלשער טוער, מישן זיך אין כּלל־זאַכן, אין ציוניזם, אין ליטעראַטור, אין געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, און דערמיט אָפּשפּיגלען אין אַ קרומען שפּיגל דעם גײַסטיקן „מנחם־מענדעליזם" פֿון דער יידישער וועלט. עס וועט אויף אַזאַ אופֿן געשאַפֿן ווערן אַ נײַער קאַפּיטל פֿון מנחם־מענדלען — מנחם־מענדל אַלס גײַסטיק געזעלשאַפֿטלעכער בעל־חלומות.

דערויף — שרײַבט בערקאָוויטש — האָט אים שלום־עליכם געענטפֿערט: „אײַער בריוו האָט פּונקט צוגעטראָפֿן צו מײַנע פּלענער. איך האָב שוין אָפּגעשיקט אין דער רעדאַקציע צוויי בריוו מנחם־מענדלס און ווי מיר וואָלטן זיך מיט אײַך, טײַערער בערל, צונויפֿגערעדט. ווירקלעך, מנחם־מענדל האָט מיך שוין פֿאַרכאַפּט און איך זע פֿאָרויס פֿאַר אים אַרבעט ניט נאָר אויף איין יאָר — אַבי געזונט — אויף צוויי, דרײַ און אַפֿילו אויף מער. פֿאַרשטייט זיך, אין פֿאַרשיידענע פֿאַזעס און אַנטפּלעקונגען".

שלום־עליכם האָט תּוך זײַן שרײַבן זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ גרויסצוגיקן פּלאַן. אָבער די מנחם־מענדל־סעריע האָט זיך געצויגן אינעם „הײַנט" בלויז אַרום זיבן חדשים. פֿונעם 25סטן אַפּריל 1913 ביזן 10טן נאָוועמבער 1913 (פֿון נומער 86 ביזן נומער 246) און האָט צוזאַמען מיט דעם גרויסן דערפֿאָלג, וואָס די נײַע בריוו־סעריע האָט געהאַט צווישן די ברייטסטע שיכטן לייענערס, פֿאַרשאַפֿט צו מאָל שלום־עליכמען אויפֿרעגעניש און פֿאַרדראָס. די אַרויסזאָגונגען, די אָפּשאַצונגען פֿון עטלעכע שרײַבער־קאָלעגן זענען ווײַט ניט געווען צום האַרצן שלום־עליכמען. גאָר אויפֿגעבראַכט האָט אים אַ בריוו פֿונעם רעדאַקטאָר פֿונעם „הײַנט" ש. י. יאַצקאַן, וואָס נאָך אַ לאַנגער צײַט פֿון שטילשווײַגן (און דאָס נאָך זײַן דרינגלעכן צושטיין צו שלום־עליכמען ער זאָל ממשיך זײַן זײַן „מנחם־מענדל" אין „הײַנט") האָט ער געשריבן צו שלום־עליכמען צווישן אַנדערן (בריוו פֿון 8טן מײַ 1913): „איר האָט בשום־אופֿן נישט געטאָרט מאַכן אײַער מנחם־מענדלען פֿאַר אַ מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, נאָר פֿאַר אַ לאַקיי, וואָס הערט פֿון דער ווײַטנס וואָס מען רעדט, כאַפּט אַ וואָרט און פֿאַרשטייט און צעטײַטשט דאָס אויף זײַן לשון און באַגריף. דאָס וואָלט

געמאַכט די בריוולעך באמת קאַמיש, אָבער ווען ער איז אַ מיטאַרבעטער, קומט אויס לעכערלעך ווי אַזוי אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ צייַטונג רופֿט למשל סקוטאַרי סקעטאַריע וכדומה. נאָר מילא, פֿאַרפֿאַלן. סוף־כּל־סוף זייַט איר דאָך שלום־עליכם און איך האָב אַ שטאַרקע אמונה אין אייַער גרויסן טאַלאַנט, אַז ער וועט געפֿינען זייַן וועג בכל־אופֿן שהוא".

שלום־עליכם האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן, הן פֿון דעם געדאַנק אַז זייַן בריהדיקער, פֿאַלקסטימלעכער מנחם־מענדל האָט באַדאַרפֿט — לויטן רעדאַק־טאָרס אייַנזען — ווערן אַ לאַקיי אין רעדאַקציע, הן פֿון דעם ק אַ מ י ש, וואָס וואָלט געמאַכט די בריוולעך...

עטלעכע טעג שפּעטער (דעם 31סטן מייַ 1913) ענטפֿערט שלום־עליכם ש. י. יאַצקאַנען בזה־הלשון: „איך מוז מודה זייַן, איך האָב אייַער בריוו ניט פֿאַרשטאַנען. קודם־כּל האָב איך ניט געקאָנט איבערלייענען אַ וואָרט ,לאַקיי'. וואָס הייסט איך זאָל מאַכן מנחם־מענדלען פֿאַר אַ לאַקיי? (!) דערנאָך זאָגט איר: אַ פֿעלער, וואָס איך האָב אים באַזעצט אין רעדאַקציע, ניט קיין פֿעלער, נאָר אַ מעלה. און אָט פֿאַר וואָס, וואָס ער רעדט מיט גרייַזן? איז ערשטנס מנחם־מענדלס טבע אַזאַ, אויף דער בערזע האָט ער אויך פֿאַרדרייט די טעכנישע בערזע־ווערטער — והשנית זוכט נאָר גוט, וועט איר אפֿשר געפֿינען בייַ אייַך אין דער רעדאַקציע אַזעלכע מיטאַרבעטערס וואָס זענען ניט מער גראַמאַטיאַ־קעס פֿון מנחם־מענדלען — נאָך אַ מעלה וואָס מנחם־מענדל איז אין דער רעדאַקציע גופֿא: ניט פֿאַרגעסט אַז די מלחמה וועט אַ מאָל ענדיקן זיך, וואָס וועט איר טאָן מיט מנחם־מענדלען? וועט איר אים שיקן אין דער ,דומע'? צי אין דער גמינע, צי אויף דער פּראָווינץ, צי קיין אויסלאַנד אויף קאָנגרעסן — ניין. מנחם־מענדל מ ו ז זייַן אַ מענטש אין דער רעדאַקציע". שלום־עליכמען האָט אָט די באַמערקונג, זעט אויס, אַזוי געקרענקט, אַז ער קערט זיך ווידער אום צו איר אין אַ בריוו צו יאַצקאַנען און שרייַבט: „שיינע־שיינדל די טאָפּ־ייִדענע מיט אירע ווערטלעך ,ווי די מאַמע זאָגט' פֿאַרמאָגט אין נאָגל מער שׂכל ווי אַנדערע חכמים"...

אין דער זעלביקער צייַט, נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע מנחם־מענדל־בריוו, האָט אויך שלום־עליכמס נאָענטער פֿרייַנד י. דינעזאָן געשריבן צו שלום־עליכמען (בריוו פֿון 15טן מייַ 1913).

„ליבער טייַערער פֿרייַנד ר' שלום־עליכם!

איר פֿרעגט צי לייען איך אייַערע מנחם־מענדלס פּאָליטישע בריוו. ווי זאָגט יענער אין דער הייליקער גמרא: ,אוי לי אם אמר, ואוי לי אם לא אמר!'. אונדז, אייַערע אמתע פֿרייַנד — איך מיין מיט זיך אויך פּרצן, טוט שטאַרק לייַד, וואָס איר האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון יאַצקאַן, און איר — האָט קיין פֿאַר־איבל ניט — האָט פֿון אייַער גאָלדענעם מנחם־מענדל אַלס אַזעלכער, מיט זייַנע ערנסטע לאַנגאָנעדיקע בריוולעך פֿון דער בערזע און גאָלדענע ספּעקולאַ־ציעס, געמאַכט צו קליינגעלט און וואָכעדיק, צוליב יאַצקאַנס קאָנקורענץ מיטן „מאָמענט" און מיט דעם בטלנישן וואָסערדיקן יהאושזאָן — איר פֿאַרשטייט

אַליין, און עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ מאַריך צו זײַן אין דער דאַזיקער הכשלה״ — —

אויף אַט דעם בריוו פֿון י. דינעזאָן (ווו ער האָט אויך אויסגעדריקט די מיינונג פֿון י. ל. פּרצן) ענטפֿערט שלום־עליכם באַריכות (בריוו פֿון 1913.6.9). מיר נעמען אַרויס עטלעכע שטעלן:

טײַערער פֿרײַנד דינעזאָן,

ענטפֿערן אײַך נאָך אַ מאָל אויף אײַער האַרציקן בריוו וואָלט איך אייגנט־לעך ניט באַדאַרפֿט. איין מאָל געענטפֿערט, איז גענוג (איך מיין דאָס וואָס מנחם־מענדל האָט אײַך געענטפֿערט פֿאַרגאַנגענעם פֿרײַטיק אין „הײַנט״ *). נאָר איך מוז אײַך ענטפֿערן דורך אַ בריוו, ווײַל איר האָט מײַן ענטפֿער געוויס ניט געלייענט, אַזוי ווי איר לייענט ניט אַלע בריוועלעך פֿון מנחם־מענדלען, און אַז איר לייענט ניט איז דאָך „יאַוונע ויאַסנע״, ווען איר וואָלט יאָ לייענען וואָלט איר דאָך ניט געשריבן דאָס, וואָס איר האָט געשריבן, און דאָס פֿאַרדריסט מיר זייער, ניט דאָס וואָס איר קריטיקירט, איר מעגט אײַך זאָגן, אַז מנחם־מענדל איז אַ בהמה און אַז שלום־עליכם קען ניט שרײַבן און וואָס אין דער קאָרט, נאָר ניט דאָס וואָס איר האָט געשריבן — —

שלום־עליכם אַז ער שרײַבט עקסיסטירט בײַ אים ניט קיין פֿראַגע פֿון געלט. ער מעג זיך נייטיקן שבגייטיקן, אַז דער רוח זאָל אים נעמען. שלום־עליכם האָט קיין מאָל ניט פֿאַרקויפֿט זײַן פֿעדער פֿאַר געלט. ער שרײַבט שטענדיק לשמה... ער האָט ליב די אַרבעט בכל לבבו ובכל נפֿשו... דאָס געזונט און די נשמה און דאָס בלוט, וואָס ער לייגט אַרײַן אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט, קרענק מיט אַלע שלעק, מיט דאָס קוצר ימים, וואָס ער האָט, קומט דאָס אים פֿונעם שרײַבן, גאָר ניט קוקנדיק אויף זײַן פּראָדוקטיוויטעט און אויף זײַן לײַכטן סטיל... וועט דאָס זײַן בײַ אײַך אַ נײַס, אַז מנחם־מענדלס אַ בריוול ווערט איבערגעשריבן און איבערגעלייטערט מער ווי 10 מאָל — וועט דאָס זײַן בײַ אײַך אַ נײַס.

און דאָס וועט דאָך אַוודאי זײַן בײַ אײַך אַ נײַס, אַז דער איצטיקער מנחם־מענדל, וואָס דרוקט זיך אין ‚הײַנט׳ איז ניט, שטעלט אײַך פֿאָר, אַזוי לשם גאָזעט, ווי לשם אַ נײַ קאַפּיטל אינעם בוך, וואָס הייסט ‚מנחם־מענדל׳ — דאָס וועט זײַן דער צווייטער טאָם, ווו עס ווערט געשילדערט מנחם־מענדל דער לופֿטמענטש אינעם געשטאַלט פֿון אַ פּאָליטיקער און כּלל־טוער און דאָס איז ער אויך דער זעלבער פֿליִער, דער זעלבער היצקאָפּ, דער זעלבער אידעאַליסט, און דערצו נאָך אַ הומאַניסט און אַ פּאַציפֿיסט און אַ ‚ייִד׳ וואָס איר ווילט — —

שלום־עליכם האָט קלאָר און באַוווּסטזיניק געפֿורעמט אַט דעם נײַעם, דעם צווייטן מנחם־מענדל, ס׳איז ניט נאָר די השפּעה פֿון דעמאָלטיקן ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן קלימאַט. דאָ קענטיקט זיך נאָך מער אויס שלום־עליכמס

---

* זע, בריוו נומ׳ 8.

מהותדיקער באַנעם, זײַן ייִדישע אידייען־וועלט. אַט טענהט מנחם־מענדל:
„וואָרעם איך אַז איך דערהער דאָס וואָרט ,ציון׳ אָדער ,ירושלים׳, כאַפּט מיך אַוועק דער רוח. עס טוט מיך אַ ברען און עס נעמט מיך דורך אַ בענקעניש נאָך אונדזער אַלטער היים און נאָך אונדזער מלוכה, און מײַן נשמה לעכצט, גייט אויס, חלשט נאָך וואָס ניט איז, אַבי אַן אייגנס, כאָטש אַן אייגענעם ייִדישן גאָראָדאָוואָי, כאָטש אַן אייגענעם, אַ ייִדישן פּאַספּאָרט מיט ייִדישע אותיות אָפּגעדרוקט: זה הפספורט שייך להרבנו מהר״ר מנחם־מענדל מארץ־ישראל. אוי, ווי דערלעבט מען דאָס! און אין דער אמתן אַרײַנגערעדט, למאַי זאָלן מיר זיך נאַרן? לאָז מען אונדז געבן דרײַצן אַנגאָלעס מיט אַכצן גאַלוויסטאַנס מיטן גאַנצן לאַנד אַמעריקע אַפילו לאָז מען אונדז אַוועקשענקען, וועלן מיר עס דען אַוועקגעבן פאַר איין שטיקעלע ערד אין ארץ־ישראל? ס׳איז דאָך נאַריש!
וואָס וועלן מיר טאָן, למשל, מיטן וירושלים עירך ברחמים תשוב? און מיט ותחזנה עינינו בשובך לציון, וואָס מיר זאָגן דרײַ מאָל אין טאָג בײַם דאַווענען? צי אַ שטייגער וואָס וועט זײַן מיטן ובנה ירוש־לים עיר הקודש, וואָס אינעם בענטשן? אויסמעקן? אַרויסוואַרפן? טאַקע אַ יושר! — ניין, זוגתי היקרה, ניטאָ קיין נעגטערס פאַר אונדז ווי ארץ־ישראל״ (בריוו נומ׳ 19).

שלום־עליכם האָט דאָ ניט נאָר אַרויסגעהויבן ציון־בענקעניש. מנחם־מענדל טראַכט תכליתדיק, מיט סאָציאַלן געפיל, ס׳הייסט אַז מיר וועלן דערהאַרן די גאולה; אייגן ערד, אייגן לאַנד. דאַרף דאָ הערשן גלײַכהייט און יושר, מען דאַרף אויסגלײַכן אָרעמע־לײַט מיט גבירים, מען דאַרף שאַפן קאָלאָניעס און שטעט און אַזוי אויפשאַפן זיי, אַז אַלע זאָלן פאַרמאָגן דאָס גלײַכן גוטס, חלק כחלק (זע בריוו נומ׳ 21).

די פאַרדרוסן וואָס שלום־עליכם האָט געהאַט נאָכן אָפּדרוקן די ערשטע מנחם־מענדל־בריוו האָבן אין גאַנג פון די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך אויסגע־רונען, מחמת זיי האָבן דערוואַרבן אויך די הערצער פון מבינים, שרײַבערס און ליטעראַטור־קריטיקערס. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָפּטער אָנקומען לויב־בריוו צו שלום־עליכמען קיין לאָזאַן. די מיטאַרבעטערס פונעם „הײַנט״ האָבן זיך געקוויקט מיט מנחם־מענדלען. כאַראַקטעריסטיש איז דער בריוו, וואָס שמואל ניגער האָט געשריבן צו שלום־עליכמען (ווילנע, דעם 1913.8.29):

„ליבער, איינציקער ה׳ שלום־עליכם,

איך האָב ערשט דורכגעלייענט אײַער מנחם־מענדלס בריוו וועגן דעם „לעפּל לשון־קודש״, ווילט זיך מיר פשוט, עס חלשט זיך, כאָטש איר זײַט, דאַכט זיך, ברוגז אויף מיר — זאָגן אײַך אַ יישר־כח! און נאָך אַ מאָל: אַ יישר־כח, ניט ווײַל איך געהער אויך צו די „סמאָרגאָנער״ און די „אַשמיאַנער״, נאָר פשוט, ווײַל איך האָב נחת פון אײַער מנחם־מענדלען, וואָס „זאָגט אַרײַן״ אַן אַנדערש מאָל אַזוי, אַז אַנדערע חכמים און שפּיציקע קעפּ מעגן זיך לערנען בײַ אים (אויב ס׳וועט זיי העלפן). לאָז איך אײַך פון גאַנצן האַרצן גריסן און ווינטש אײַך אַל דאָס גוטס. מײַן פרוי אויך. מיר האָבן עס געלייענט בשותפות,

זענען מיר שוין ניט געשטאָרבן לאַכנדיק. נאָך אַ מאָל: זייט געזונט און גריסט אייערע. עס וואָלט געווען אַ שכל און אַ יושר, אַז איר וואָלט אָנגעשריבן, וואָס מאַכט איר אין געזונט.

אייער אמתער פריינד ש. ניגער"

שלום־עליכם וואָלט זיכער דעם „צווייטן מנחם־מענדל" געפירט אַזוי דורך אַלע יידיש־וועלטישע געשעענישן, דורך אַלע וועגן און שטעגן פון יידישן גאַנג און יידישן גורל, אָבער דער אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים געטראָפן אויפן סאַמע אומרופלאַץ, אין דייטשלאַנד, ער האָט דורך אומוועגן און פּלאָגענישן זיך דערשלאָגן ווידער קיין אַמעריקע, וווּ דער באָדן איז דאָרט מער ניט געווען פאַר דער געשטאַלטיקונג פון אַט דעם נייעם מנחם־מענדל, כאָטש עלעמענטן פון מנחם־מענדל־כאַראַקטער געפינען מיר אויך שפּעטער ביי עטלעכע פון זיינע העלדן אין די וויניקע אַמעריקאַנער דערציילונגען. אָבער מנחם־מענדל לעבט (אַזוי אגב האָבן מיר געטראַכט לכתחילה אָנצורופן דאָס איצטיקע בוך). מנחם־מענדל לעבט, ווי עס לעבט און ווי עס אָטעמט מיט חיותדיקער פרישקייט די וווּנדערלעכע שלום־עליכם־ירושה.

אין דעם בוך קומען אַריין 45 בריוו. 28 פון מנחם־מענדל צו שיינע־שיינדלען און 17 פון שיינע־שיינדל צו מנחם־מענדלען. ווי אויך דריי בריוו פון מנחם־מענדל צו שלום־עליכמען און אַ בריוו פון שלום־עליכם צו מנחם־מענדלען (1900, 1903, 1904).

די לעצטע דריי בריוו־קאַפּיטלעך געהערן צום ליטעראַרישן קלימאַט פון אַט דער סעריע, הגם זיי זענען געשריבן געוואָרן פון שלום־עליכמען מיט יאָרן פריער פאַר דעם צווייטן מנחם־מענדל. געוויס וועלן די לייענער אויסגעפינען און זיך חידושן, הלמאי דאָס בוך ענדיקט זיך מיט מנחם־מענדלס בריוו באַצייכנט מיטן נומ׳ 29 בעת דער נומ׳ 28 איז בכלל נישט בנימצא. וועגן דעם האָט בשעתו באַמערקט פּראָפ׳ חנא שמערוק, אין זיין אַריינפיר צו אַ גרופּע בריוו פון דער לעצטער מנחם־מענדל־סעריע, וואָס איז געדרוקט געווען אין „די גאָלדענע קייט" (נומ׳ 56, ת"א 1966, ז׳ 125), ווי אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער ישראל סערעבריאַני אין דעם עסיי „צו דער געשיכטע פון אַ קונסט־ווערק" („סאָוועטיש היימלאַנד", יוני 1966, ז׳ 146). ביידע האַלטן עס פאַר אַ גרייז אין דער נומעראַציע. דעם דאָזיקן „גרייז" חזרן מיר איבער אויך אין דעם בוך, מחמת דאָס איז דער ריכטיקער נומער פונעם בריוו־קאַפּיטל. טאָ וווּ איז דאָך דער 28סטער בריוו? אוודאי איז געווען אַזאַ בריוו. ער האָט געזאָלט געדרוקט ווערן לויטן ריכטיקן סדר. האָט זיך מיט דעם בריוו פאַרלאָפן אַזוי — ווי עס שרייבט צו שלום־עליכמען דער אַרויסגעבער פונעם „היינט" נח פינקלשטיין (דעם 24סטן נאָוו׳ 1913).

„ידידי! אייער לעצטן פעליעטאָן, דאָס 28סטע בריוול פון מנחם־מענדלען איז שוין געווען אָפּגעזעצט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן נישט געדרוקט ווערן. מיר האָבן באַקומען אַ ווונק פון דער

צענזור און מיט דער צענזור קאָן מען איצט ביי אונדז קיין חכמות נישט מאַכן. איר ווייסט דאָך ווי שטרענג ס׳איז איצט. דעם „פריינד" האָט מען טאַקע פאַרמאַכט און מיר האָבן מורא צו ריזיקירן. דעם אָפּגעזעצטן פעליעטאָן שיק איך אייך צו" *.

דער בריוו (קאַפּיטל) 28 איז אָבער משמעות קיין מאָל נישט אָנגעקומען.

דאָס בוך איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ קאָמפּלעט „היינט"-אויסשניטן, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון בית שלום-עליכם. ס׳איז דער איין און איינציקער קאָמפּלעט אין וועלכן שלום-עליכם אַליין האָט קאָרעגירט און אויסגעבעסערט דעם טעקסט. איז דער מאַטעריאַל בבחינת אַ מאַנוסקריפּט פון שלום-עליכמס פעדער און דער טעקסט איז אַזוי אַרום געַנוי ווי שלום-עליכם האָט אים מאַנטירט.

וואָלט דער איצטיקער מנחם-מענדל-בוך צוגעגרייט געוואָרן דורך שלום-עליכמען אַליין, ביי זיין לעבן, איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אַ ריי שטעלן וואָלט שלום-עליכם געקירצט, רעדאַגירט, איבערגעשטעלט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט דעם בוך פון זיין ערשטן מנחם-מענדל. מיר האָבן זיך דערלויבט בלויז צו קאָרעגירן דרוקפעלערן, די פונקטואַציע און אָנצווענדן די מאָדערנע יידישאָרטאָגראַפיע. מיר האָבן אָבער בכוונה ניט אוניפיצירט דעם אויסלייג און איבערגעלאָזט ניט נאָר די ספּעציפישע אויסדרוקן נאָר אויך די ווערטער-פאַרקריפּלונגען, וואָס טראָגן אין זיך אַ באַזונדערן טעם און באַטייט. מנחם-מענדלס שפּראַכקנייטשן פאַרמאָגן צו מאָל דעם אייגנטימלעכן זין און די משמעות פון טוביה דעם מילכיקערס פאַרדרייטע אויסטייטשן פון די חומש-און מדרש-פסוקים... קיין ספק ניט, מנחם-מענדל און טוביה וואָס זענען לכאורה אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן, קומען זיי זיך דאָך צונויף אין זייער שייכות הן מיט זייער טראַגיזם, הן מיט זייער יידישער גורלדיקייט. איןביידן גלימערט אַזאַ זעלטענער אָפּטימיזם און אַלט-יידישער בטחון — —

א ב ר ה ם   ל י ס

עס קומט אַ דאַנק דעם אַרכיוויסט פון בית שלום-עליכם צבי צעפּליאָוויטש פאַר דער הילף ביים פאַרגלייכן די טעקסטן, און תמרה (בערקאָוויטש) כהנא, שלום-עליכמס אייניקל, פאַר איר ביישטייער צו די-אַ אַרבעטן.

* די אָריגינאַלן פון די ציטירטע בריוו געפינען זיך אין אַרכיוו פון בית שלום-עליכם.

מנחם־מענדל צו שלום־עליכמען

שלום לכבוד ידידי היקר וכו׳ וכו׳ מוהר״ר שלום־עליכם נ״י.

ר א ש י ת באתי להודיעכם, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום, השם־יתברך זאָל העלפֿן מען זאָל תמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַט וויסן, אַז איך בין אײַך אַן אמתער גוטער פֿרײַנד ; גלייבט מיר, וואָס איך ווינטש אײַך זאָל דאָס מיר אָנגיין כאָטש האַלב ! וועט איר דאָך פֿרעגן, פֿאַר וואָס ? — פֿאַר אײַערע פֿעליעטאָנען. איך שווער אײַך בנאמנות, איר האָט מיך ממש מחיה געווען, ווען איך זאָל זײַן מיט אײַך באַקאַנט, וואָלט איך אײַך נאָר אַרומגעכאַפּט קושן ! דאָס הייסט, קענען קען איך אײַך, נאָר איך האָב ניט דאָס עזות צוגיין צו אײַך און זאָגן : „דאָס בין איך מנחם־מענדל". דערפֿאַר טאַקע האָב איך מיך מישב געווען, איך וועל אײַך בעסער אָרויסשרײַבן אַלצדינג דורך אַ בריוול, וואָרעם איך האָב אײַך זייער אַ סך צו זאָגן. נאָר איידער עפּעס וואָס וויל איך אײַך פֿרעגן אַ פּאָר ווערטער, איר מוזט דאָס מיר קלאָר מאַכן, איך קאָן דאָס ניט פֿאַרשטיין בשום־אופֿן : מילא, מיך אַז איר קענט אַזוי — איז קיין חידוש ניט. איר זעט מיך כמעט אַלע טאָג שוין פֿון עטלעכע יאָר זיך דרייען אַרום דער בערזע. ווערקמירדיק ! אַלע מאָל, ווען איך באַגעגן מיך מיט אײַך, מיין איך, אַז איך אײַך זע, און איר מיך — ניט ; צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז איר זעט מיך דורך און דורך. אַ פּנים, אַז ברילן איז טאַקע אַ רעכטע סגולה ?... נאָר דאָס איז בלאָטע. וואָס איז מיר יאָ אַ חידוש ? פֿון וואַנען זענט איר אַזוי קלאָר אין איר, איך מיין מײַן זוגתי הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחיה ? פֿון וואַנען ווייסט איר וואָס בײַ אונדז אין כתרילעווקע קאָכט זיך, און ווער האָט אײַך דערציילט פֿון מײַן שוויגער און פֿון איר תּורה ? נאָר נישט דאָס איז דער שפּיץ פֿון מײַן שרײַבן צו אײַך. איך האָב מיט אײַך צו שמועסן — זייער אַ נייטיקן ענין. איך וויל מיך, פֿאַרשטייט איר, מיט אײַך האַלטן אַן עצה. זאָגט מיר, ליבער שלום־עליכם :

וואָס טוט מען ? ? ?

באַשרײַבן אײַך מײַן איצטיקע לאַגע — איז דאָך ניט שייך. איר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז דאָ אין יעהופּעץ האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן. עס האָבן זיך, ברוך־השם, אויסגעלאָזט בײַ מיר אַלע פּרנסות. צו די הײַנטיקע גאָלדענע געשעפֿטן האָט מען בײַ מיר אָוועקגעגנבעט דאָס ביסל „אָפּיסן" פֿון הײַזער, אימעניעס און וועלדער, וואָס איך האָב געהאַט אין איינעם מיטן טלית און תּפֿילין, און איך בין געבליבן, ווי מען זאָגט, גאָר אָן אַ קנעלונג. דערצו האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפֿן אַ נײַער אומגליק, אַ ליטוואַק פֿון דער דעמעיעווקע, ימח־שמו־וזכרו. אַ קוק טאָן אויף אים — דאַכט זיך זייער אַ שיינער הענגקאַלנער, שטאַמט אַרויס, זאָגט ער, פֿונעם שענסטן יִחוס פֿון דער ליטע, און רעדט פּאָוואָ־לינקע, געציילטע ווערטער, דערמאָנט אַלע מאָל גאָטס נאָמען: „אם־ירצה־השם", „מיט גאָטס זײַנער הילף", „דער אייבערשטער זאָל רחמנות האָבן"... באַקענט האָב איך מיך מיט דעם דאָזיקן ליטוואַק, געוויינטלעך, אין דרויסן בײַ סעמאַדעניִן, זיך צערעדט: „אַ שטוב, אַ הײַזל, אַן אימעניעצקע", — בקיצור, מיר האָבן זיך צוגעקלעפּט, איך האָב אים איבערגעגעבן אַ פּאָר געשעפֿטלעך, אַזעלכע, וואָס איך דריי זיך אַרום זיי שוין העכער אַ האַלב יאָר, און האָב אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ פּאָר באַקאַנטע הײַזער, דאָרט ווו איך האָב מיך תּמיד גערעכנט פֿאַר אַ היימישן מענטשן, און ער, דער „דעמעיעווקער ליטוואַק" ימח־שמו, האָט מיר צוגעזאָגט גילדענע בערג, אַז „אַלצדינג וואָס מיר וועלן אם־ירצה־השם מאַכן, וועט דאָס זײַן מיט גאָטס הילף אויף דער האַלב. דער אייבערשטער זאָל נאָר רחמנות האָבן, וועט אַוודאי זײַן גוט פֿאַר אונדז ביידן, ווײַל ער איז אַ ייִד, זאָגט ער, וואָס קאַטאָרי ער קומט נישט אַרויס פֿון קײַן מעקלערס. גאָט זאָל אים אַרויסנעמען, זאָגט ער, פֿונעם דאָזיקן ברויט, און ער איז זיך מחיה, זאָגט ער, אַז אַ ייִד פֿאַרדינט נעבן אים אַ שטיקל ברויט, דער אייבערשטער זאָל נאָר העלפֿן, רחמנות האָבן!"... אַ פּאָר וואָכן האָט ער מיך אַזוי אָוועקגעפֿירט אַלץ מיט זיסע ווערטער, מיטן „אייבערשטנס הילף" און מיט „רחמנות". נאָך דעם האָב איך אים פֿאַרלוירן, און אַז איך האָב אים געפֿונען, פֿרעג איך אים: „וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח אונדזערע געשעפֿטן?" ענטפֿערט ער מיר ווידער מיט גאָט און ווידער מיט „רחמנות", אַז פֿון די געשעפֿטן וועט גאָרניט זײַן, ס'איז אַ נעכטיקער טאָג. „גיט עפּעס, זאָגט ער, פֿרישינקע געשעפֿטלעך אויב איר האָט, טאָמער וועט דער אייבערשטער רחמנות האָבן?"... בקיצור, וואָס זאָל איך אײַך דאָ מאריך זײַן — איך גיי אַרויס איין מאָל אין גאַס און ווער געוואָר, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרן מײַנס אַ געשעפֿט! ווער האָט דאָס געמאַכט? דער „דעמעיעווקער

ליטוואַק" ימח־שמו־וזכרו, און האָט געכאַפּט, זאָגט מען, עטלעכע טויזנט קאַרבן !... סטייטש ? ווי אַזוי ? ווען ? און ווו בין איך ? וואָס זאָל דאָס באַדייטן ? איך לויף אַוועק אויף דער דעמעיעווקע צו מיין שותף, איך הייב אָן מיט אים צו רעדן, אַהין — אַהער, זאָגט ער : „ווייס איך וואָס. פּטרנו ! וואָס מיר געשעפט ? ווער מיר שותפות ? וואָס בין איך — עפּעס אַ נעכטיקער ? איך ווייס דען אַליין ניט פריער פון אייך דעם געשעפט ? איר גיט אַהער, זאָגט ער, בעסער אַ פּרישינקע, טאָמער וועט דער אייבערשטער רחמנות האָבן !..." איך טו מיך אַ וואָרף צום קונה — מען לאָזט מיך ניט אַריין. איך לויף צום מוכר, הייב אָן צו שרייען — טרייבט מען מיך אַרויס. וואָס איז די מעשה ? בקיצור, איך ווער געוואָר, אַז דער „דעמעיעווקער ליטוואַק" ימח־שמו האָט אָנגערעדט אויף מיר אי דאָ אי דאָרטן, דערציילט איטלעכן פון ווי אַן אַנדערן ליגן, אָנגעפּירט אַזאַ רכילות, אַז איך טאָר מיך ניט ווייזן פאַר די אויגן. הכלל, איך לויף צום רב, וויל זיך פאַרלאָזן מיט מיין שותף אויף מענטשן — אַן עק, וואָס מענטשן וועלן פּסקענען ! זאָגט מען מיר, אַז ס'איז אומזיסט די טירחה : מען האָט אים שוין ניט איין מאָל געשלעפּט צום רב, גערופן צו מענטשן, שוין יוצא געווען, מען האָט אים שוין געפּאַטשט אויך וויפל מאָל — עס העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס ! בקיצור, שריי חי־וקים — ס'איז פאַרפאַלן ! ! אַז אַך און ווי איז מיר, דאָס איז דאָס ערשטע געשעפט מיינס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין יעהופּעץ — און איך בין אין דרויסן !.. די ערשטע עטלעכע טעג בין איך שיער נישט אַראָפּ פונעם זינען : איך האָב נאָר געוואָלט אַוועקגיין צום דניעפּער און אַריינוואַרפן זיך אַ לעבעדיקער אין וואַסער אַריין. נאָר איך האָב מיך מישב געווען : ווען וועל איך דאָ, אַ שטייגער, אַנלערנען ? נאָך אַ מאָל : דערפאַר וואָס אין יעהופּעץ אויף דער דעמעיעווקע איז פאַראַן אַ ליטוואַק אַ כל־בוניק ימח־שמו, זאָל מיין ווייב חלילה בלייבן אַן אַלמנה און מיינע קינדער יתומים ? פּע, דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ טאַטן פון קינדער ! און ווי איר זעט, בין איך געבליבן אויף צרות און מוטשע מיך ווי אויפן טויט. געוואַלד, וואָס טוט מען ? וואָס טוט מען ? איר פאַרשטייט דאָך, אַז קומען איצטער מיטן בייטשל אַהיים, איז פאַר מיר ערגער ווי דער טויט. ווי קאָן איך מיך באַווייזן אין כתרילעווקע ? על־כן, איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן און זיך נעמען צו עפּעס אַן אַנדערע פּרנסה אָדער אַ מלאָכה. וועט איר, דאָך מיך פרעגן, וואָס קען איך ? ווייס איך אַליין ניט. אַט האָט איר מיין גאַנצע ביגראַפיע אין קורצן : ביז דער חתונה האָב איך געלערנט אין חדר גמרא און פּוסקים מיט אַלע זיבעצן זאַכן. מיר דאַכט, אַז אַ רב אין אַ קליין שטעטל וואָלט

איך געווים געקאָנט זײַן, און אַ שוחט אוודאי. הײַנט האָט מען מיך געלערנט שרײַבן און לייענען, יידיש און רוסיש און דײַטש און חשבונען ביז „תשבורת״; דאַכט מיר, איך וואָלט געווען אַ גוטער מלמד, אַ לערער אָדער אַ שרײַבער. אין מיסחר שמועסט מען ניט, אַז איך בין, קיין עין־הרע, אַ בר־דעת. איך בין דורכגעגאַנגען, ווי אײַך איז ידוע, אַלע שיבעה־מדורי־גיהנום, געהאַנדלט אין אַדעס מיט „לאַנדאָן״, און דאָ, אין יעהופּעץ, האָב איך אָנגעהויבן פון יקנה״ז מיט „פּאַפּירלעך״ און האָב אויסגעלאָזט מיט צוקער, אימעניעס, וועלדער און זאַוואָדלעך וכו׳ וכו׳. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך וואָלט געקאָנט מיט גאָטס הילף באַטרעפן די שענסטע שטעלע ערגעץ אין אַ קאָנטאָר, אָדער אויף דער באַן, אָדער איך ווייס אַליין ניט וווּ. הײַנט רעכן איך, אַז ווען איך האָב אַ צינגל און קען ברוך־השם רעדן מיט אַ מענטשן, וואָלט איך, דאַכט מיר, געטויגט פאַר אַ משולח, אָדער ווי מען רופט דאָס הײַנט אַ „קאָמיוואָזשאָר״, קויפן, פאַר־קויפן, דרייען, האַנדלען. אָדער איך וואָלט אפשר געקאָנט זײַן אַן אַגענט אויף צו שטראָפירן פונעם טויט. מע זאָגט, אַז אַגענטן מאַכן ניט שלעכט. הײַנט האָב איך אײַך פאַרגעסן זאָגן, אַז איך האָב אַ קול־נגינה און דאַוון ניט שלעכט פאַרן עמוד; מבינים האָבן מיך געהערט און האָבן געזאָגט, אַז ווען איך פאַרשטיי נאָטן, וואָלט איך געווען גאָר אַ שייגער מנגן; אפשר וואָלט איך געוואָרן אַ חזן, אָדער גאָר אַ קאָנטאָר אין אַ כאָרשול? צי אפשר זאָל איך ווערן אַ שרײַבער, אַ מחבר? איך האָב דאָ, ווי איר זעט, אַן אויסגעשריבענע האַנט און קען לשון־קודש גאַנץ שיין. איך האָב אַ מאָל, נאָך ייִנגלווײַז, געשריבן וויפל מאָל קאָרעספּאָנדענציעס אין די בלעטער „הצפירה״ און „המליץ״ — און וווּ ניט? אמת, מײַנע קאָרעס־פּאָנדענציעס זענען אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט, איך ווייס ניט פאַר וואָס. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס — אַבי איך קען. און ווער שמועסט זשאַרגאָן — שרײַב איך גאָר אויסגעצייכנט. אַ טײַערע מציאה! ווער קאָן ניט שרײַבן זשאַרגאָן, „עברי־טײַטש״? אָדער אפשר וואָלט איך מיך גאָר פאַרשטעלט פאַר אַ ציוניסט? ציוניסטן איז דאָך הײַנט די גרעסטע מאָדע! איך האָב שוין אַדורכגעלייענט אַ פּאָר ציוניסטישע ביכלעך אויך: איך ווייס ווער איז מאַקס נאָרדוי, דאָקטאָר הערצעל, דאָקטאָר מאַנדעלשטאַם. איך וואָלט זיי, כ׳לעבן, צו ניץ געקומען, גערעדט, געפּאָרן, געאַרבעט, איך ווייס אַליין ניט וואָס — אַבי פאַרדינען אַ קערבל!... הכלל, איר זעט אַרויס פון מײַנע ווערטער, אַז איך בין, ברוך־השם, אַ יונגער־מאַן, ווי זאָגט מען, צו גאָט און צו לײַטן. אײן חסרון — נישטאָ קיין מזל! אוי, דאָס שטיקעלע הצלחה! הכלל, ידידי יקירי, איך בעט אײַך, ווי אַן אמתער גוטער

פֿרײַנד, איר זאָלט רחמנות האָבן און מיר ענטפֿערן תּיכף־ומיד דורך אַ בריוול: וואָס טוט מען? אויף וואָס פֿאַר אַ קבר זאָל איך זיך וואַרפֿן? צו וואָס פֿאַר אַ פּרנסה זאָל איך מיך נעמען? גלייבט מיר, איך וועל אײַך פֿאָלגן ווי אַן אייגענעם טאַטן, איך וועל טאָן אַלצדינג, וואָס איר וועט מיר הייסן — ערד גראָבן, שטיינער טראָגן; ווי זאָגט מען, אַ מענטש אַז ער טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אָן אַ שאַרף פֿון אַ שווערד. איך וועל אײַך אַ טובֿה ניט פֿאַרגעסן אייביק און אייביק!

פֿון מיר אײַער בעסטער פֿרײַנד
מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: האָט קײַן פֿאַראיבל ניט, וואָס איך שיק אײַך מײַן בריוול אָן אַ מאַרקע. איך האָב אײַך גאָר פֿאַרגעסן דערציילן אַז איך בין, לאַ־עליכם, איצטער שטאַרק געענגט אין געלט. ממש ניטאָ, איר זאָלט זאָגן, אַ גראָשן בײַ דער נשמה. ס'איז אַ סבֿרה, פֿאַרשטייט איר מיך, אַז איך האָב שוין דעם דריטן טאָג אין מײַן מויל ניט געהאַט... נאָר עס מאַכט ניט אויס, גאָט איז אַ פֿאָטער, מסתּמא וועט ער אויספֿירן...

הנ״ל

שלום־עליכם צו מנחם־מענדלען

לכבוד ידידי היקר וכו׳ וכו׳ מוהר״ר מנחם־מגדל נ״י.

אייער בריוול האב איך מקבל געווען און ענטפער אייך תיכף־ומיד, אזוי ווי איר פארלאנגט, על ראשון ועל אחרון אחרון. פון אלע „מלאכות״ און „פרנסות״, וואס איר האט מיר אויסגערעכנט, זע איך ניט ארויס, אז איר זאלט זיך קאנען דורך זיי צעפירן די הענט. איך וועל אייך זאגן מיט א טעם. איך מיין, אז ניט קיין רב, ניט קיין שוחט קאנט איר זיין, דערפאר ווייל איר האט שוין, פארשטייט איר מיך, פארזוכט פונעם עץ־הדעת, געכאפט א קוק אין די זייטיקע ספרים, געלערנט זיך שרייבן און געווען א ביסל אין דער וועלט — דאס פאסט ניט פאר א „כלי־קודש״... דערצו וואלט איר באדארפט זיך איבעראנדערשן, אראפווארפן פון זיך דעם פריערדיקן מנחם־מענדל און אנציען אויף זיך א נייעם לבוש, א מין מאסקע, און ווערליק איך קען אייך פאר אן ערלעכן מענטשן, זענט איר דערצו ניט מסוגל. דאס אייגענע וואלט איר באדארפט טאן, ווען איר זאלט זיך פארשטעלן פאר א מלמד, ווייל א מלמד ביי יידן קאן אנדערש קיין מלמד ניט ווערן, ביז ער שלעפט ניט ארויף אויף זיך די צורה פון א „כלי־קודש״; טאמער טוט ער דאס ניט, הייסט ער שוין „לערער״, און א לערער וועט איר ניט זיין, ווארעם די היינטיקע לערערס לערנען ניט, זיי „געבן שטונדן״. דאס הייסט, זיי גייען אריין אלע טאג, טוען א קוק אויפן זייגער און גייען ווייטער. חוץ־לזה מוז א לערער זיין א שטיקל אינטריגאנט, היינו: ער באדארף וויסן, ווי אזוי צו פירן זיך מיט די בעלי־בתים, בכדי זיי זאלן באצייטנס ארויסווארפן די איבעריקע לערערס, ווארעם אז ניט וועלן יענע לערערס אים ארויסווארפן, — און ווערליק איך פארשטיי אייך, איז דאס ניט אייער ארבעט... קיין שטעלע פון אייערט וועגן זע איך ניט ארויס, איבער צוויי טעמים: ערשטנס איז היינט ניטא קיין שטעלעס: א סך בעלי־בתים, זאוואדטשיקעס, באנקירן וואלטן היינט אליין געווען בעלנים אויף רעכטע שטעלעס; און צווייטנס, מיין איך, אז פון אייערע אלע דרייענישן, וואס איר האט געדרייט ביז אהער מיט „לאנדאן״ און מיט יקנה״ז, האט איר ניט געגאשט, איר זאלט מיר מוחל זיין,

גאָרניט — סײַדן אַ „מײַנונג“ װעגן דער בערזע, אַ „קוק“ אויף די קורסן און אַ מבינות אויף אַ „האָס“ און אויף אַ „בעס“. אַן עבירה, כ׳לעבן, װאָס איר האָט אין די עטלעכע יאָר ניט אָפּגעגעבן זיך מיט שוסטערײַ — איר װאָלט, לכל־הפּחות, געקענט אויפֿנייען אַ פּאָר שטיװל... אַ משולח אָדער אַ קאָמיװאָיאַזשאָר איז אויך ניט אײַער האַנט, װײַל דערצו באַדאַרף מען זײַן שטענדיק אויס־געפּוצט, װי אַ חתן, מיט אַ פּאָר שײנע װאָנצעס, מיט אַ שײנע אויסגעפּרעסטע מאַנישקע, מיט גאָלדענע קנעפּלעך און מיט אַ ציגאַר אין די צײן — מיט איין װאָרט, מען באַדאַרף דערצו זײַן גאָר אַן אַנדער מין פֿויגל... און פֿאַר אַן „אַגענט“ טויגט איר אַוודאי ניט. אַן „אַגענט“ באַדאַרף זײַן אַ רעדמאַשין, דאָס הייסט, ער באַדאַרף קאָנען רעדן און רעדן אַזױ לאַנג, ביז ער זאָל אײַנרעדן אַ װאַנט, אַז די װאַנט זאָל זיך פֿאַרסטראַכירן... אויף זינגען בין איך אַ װיניציקער מבין און קײן „נגינה“ פֿאַרשטײ איך ניט, דעריבער קאָן איך אײַך װעגן חזנות גאָרניט זאָגן. איך װײס נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלקסװערטל: „אַלע חזנים זענען נאַראָנים“ — הײַנט גײ טרעף, צי חזנים זענען נאַראָנים דערפֿאַר װאָס זײ זענען חזנים, צי נאַראָנים זענען חזנים דערפֿאַר, װאָס זײ זענען נאַראָנים ?... װערן אַ „מחבר“ װאָלט יאָ געװען אפשר אַ שטיקל פּלאַן — װײס איך ניט, צי עס װעט אײַך לוינען, װײַל „חיבורים“ פֿאַרקויפֿן זיך בײַ אונדז „אויף דער װאָג“, אויב איר האַנדלט מיטן מוכר־ספֿרימניק ; נאָר טאָמער װילט איר אויסברענגען אײַער חיבור אַלײן, אַן אַ מוכר־ספֿרים, באַדאַרפֿט איר זיך מטריח זײַן גײן מיט אײַער חיבור פֿון שטוב צו שטוב. מיט איין װאָרט, אַ מחבר — דאָס איז נאָר אַן אויסרייד אויף צו גײן איבער די הײַזער... זײַן אַ זשאַרגאָן־שרײַבער — איר זענט אפשר גערעכט — איז ניט אַזאַ שװערע זאַך ; ס׳איז אָבער דער חסרון, װאָס אונדזערע אַריסטאָקראַטן לײענען ניט קײן זשאַרגאָן, און דער פּראָסטער עולם און די קלײן־שטעטלדיקע װײַבלעך און מײדלעך האָבן ליב אַ „ראָמאַן“, און דװקא אין פֿיר טײלן מיט אַן „עפּילאָג“, און אויפֿן פֿעדערשטן בלעטל פֿונעם ראָמאַן זאָל דװקא שטײן אָדער „שײַקעװיטש“ אָדער „בלױשטײן“ — אַז ניט, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ ראָמאַן ?.. ציוניזם איז גלאַט ניט קײן געשעפֿט אויף צו פֿאַרדינען געלט : ציוניזם איז נאָר אַ רעיון, אַ געדאַנק, ניט קײן פּרנסה ; אַ ציוניסט באַדאַרף געבן געלט, און דער ציוניסט װאָס װיל פֿון ציוניזם נעמען געלט, דער איז שױן אויס ציוניסט.

בכן, בלײַבט דאָך איבער אַלץ די אײגענע קשיא : װאָס טוט מען ? אַ מענטש באַדאַרף דאָך לעבן, און אַ ייִד איז דאָך אויך בכלל מענטש (כאָטש אַפֿילו ניט

אַלע און ניט אומעטום האַלט מען מיט דער דאָזיקער דעה). איך האָב לאַנג געקלערט, געבראָכן דעם מוח, און האָב געפֿונען פֿאַר אײַך אַן עצה, און מיר דאַכט, אַז דאָס איז די בעסטע עצה: פֿאָלגט מיך, ווערט אַ שדכן! וועט איר דאָך מסתמא פֿרעגן: וואָס עפּעס אַ שדכן? באַדאַרף איך אײַך קלאָר מאַכן, פֿאַר וואָס איך האַלט דאָס שדכנות פֿאַר אַ בכבודע פּרנסה מער ווי אַלע אַנדערע ייִדישע פּרנסות, און פֿאַר וואָס איך רעכן, אַז די דאָזיקע פּרנסה איז פֿאַר אײַך אַנגעמאָסטן, ווי געוווּנטשן. שדכנות — דאָס איז אַזאַ מין זאַך, וואָס גייט קיין מאָל ניט אויס פֿון דער מאָדע; בחורים און מיידלעך איז אַזאַ מין סחורה, וואָס עס זענען תמיד פֿאַראַן דערויף קונים. אַ חתן מוז האָבן אַ כּלה און אַ כּלה מוז האָבן אַ חתן — דאָס איז געשטעלט געוואָרן משׁשת ימי בראשית. איטלעכער ייִד, וואָס האָט קינדער, און ווער שמועסט טעכטער (און טעכטער האָבן אַ מיאוסע טבע — זיי וואַקסן!), מוז סוף־כּל־סוף אָנקומען צום שדכן. למשל, לאָז מען קומען צו אַ ייִד און זאָגן: „רב יענקל, גייט זײַט מוחל אַהיים, דאָרט וואַרט אויף אײַך דער רב, דער שוחט אָדער דער חזן, דער לערער, דער אַגענט, דער מחבר״, — וועט ער אײַך ענטפֿערן: „נישקשה, ער מעג וואַרטן״... קומט זשע אָבער צום אייגענעם רב יענקלען (אויב ער האָט טעכטער פֿון אַכצן יאָר און העכער) און זאָגט אים, אַז עס וואַרט אויף אים דער שדכן, — טוט דאָס אים אַ טראָג אין דער לופֿטן: „אָט באַלד, אָט גיי איך!״... און אַז ער וועט אײַך דערזען, וועט ער אײַך מאַכן אַ ברייטן ברוך־הבא (ער מעג אײַך אין האַרצן ניט קאָנען אָנקוקן), און איר וועט בײַ אים זײַן זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. פֿאַר וואָס דאָס איז? — ניט דאָ איז דאָס אָרט צו חקירהן. פֿרעגט אַ ייִדן, וואָס האָט טעכטער פֿון אַכצן יאָר און העכער, וועט ער אײַך זאָגן, צי איך האָב געטראָפֿן, צי ניין (איך האָב נאָך ניט אַזעלכע טעכטער — שווער איך אײַך בהן שלי!).

אַצינד באַדאַרף איך אײַך זאָגן דעם טעם, פֿאַר וואָס איך רעכן, אַז אײַך פּאַסט צו זײַן אַ שדכן. ערשטנס, וואָס דען וועט איר זײַן, אַז ניט קיין שדכן? איר האָט אַן אַנדער ברירה? און צווייטנס זענט איר דאָך, קיין עין־הרע, אַ מפֿורסם אין דער וועלט. די וועלט קען אײַך פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן, ניט קיין ליגנער חלילה און ניט קיין שווינדלער, ווי אַנדערע שדכנים. גלייבט מיר, וווּהין איר וועט אַרײַנקומען און וווּהין איר וועט אַרײַנשרײַבן אַ בריוול און וועט זאָגן, אַז דאָס בין איך מנחם־מענדל, וועט איר זען, אַז עס וועט זײַן רעכט... איך האָף, אַז איר וועט, אם־ירצה־השם, מיט דער צײַט באַקומען אַ שיינעם נאָמען און ווערן אַ „לאַנד־שדכן״ און מאַכן גוטע געשעפֿטן. דער עיקר — ניט זײַן קיין

שלימזלניק, אָנשמעקן ווי עס וואַלגערן זיך ערגעץ אַ בחור אַן אַנטיק, וואָס זוכט אַ כּלה מיט נדן, אָדער אַ מויד אַ דערוואַקסענע, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ חתן, אויפּפּאַסן ווי עס געהערט צו זײַן, צוטרעפֿן איטלעכן וואָס אים שטייט אָן, אויס־בײַטן יִיחוס אויף געלט, פֿאַר געלט קויפֿן בילדונג, ניט קוקן וועלכעס איז קרום און וועלכעס איז גלײַך. וואָרעם אַ מאָל איז דאָס קרומסטע גלײַך און דאָס גלײַכסטע קרום, ניט אַראָפּפֿאַלן בײַ זיך, טאָמער שטייט עמעצן ניט אָן יענעמס יִיחוס; איטלעכער ייִד וועט אײַך דערציילן, אַז ער איז מער מיוחס פֿון יענעם, כאָטש אין האַרצן ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז יענער איז מער מיוחס פֿון אים, און איטלעכער גייט מיט דעם גאַנג, אַז ער נאַרט יענעם, אַז די מציאה האָט ער געכאַפּט... אויך טאָרט איר ניט פֿאַרגעסן אַז הײַנט איז אַרײַן אין דער מאָדע, אַפֿילו אין די קליינע שטעטלעך, משדך צו זײַן זיך „דורך ליבע“, דאָס הייסט, חתן־כּלה קאָנען אַנדערש ניט ווערן קיין חתן־כּלה, סײַדן זיי פֿירן צווישן זיך פֿריִער אַ ליבע כאָטש עטלעכע טעג. דעריבער באַדאַרפֿט איר זען וואָס איר האָט צו טאָן. דאָס הייסט, די ליבע איז טאַקע אַ ליבע, נאָר איר זענט דער שליח פֿון דער ליבע. האָט איר אויסגעגלײַכט די מחותּנים מיט זייער יִיחוס און מיטן נדן, פֿירט איר צונויף חתן־כּלה און קלאַפּט אַ דעפּעש צו דער ליבע, אַז זי מעג שוין קומען... קיין ליגנער, ווי אַנדערע שדכנים, באַדאַרפֿט איר ניט זײַן, נאָר גיין דערציילן איטלעכן באַזונדער דעם גאַנצן אמת זענט איר אויך ניט מחויב. אײַער סחורה זאָלט איר לויבן אין טאָג אַרײַן: לאָזן אַלע מחותּנים זײַן די „שענסטע מיוחסים“, די גרעסטע „גבירים־אַדירים“; אַלע כּלות לאָזן בײַ אײַך זײַן זעלטענע „יפֿת־תּוארס“. אַלע חתנים — „אַנטיקן שבאַנטיקן“. וואָס אַרט דאָס אײַך?... קיין בריוועלעך צו שדכנים אין אַנדערע שטעט זאָלט איר ניט זשאַלעווען. ניט מורא האָבן פֿאַר יענעם, טאָמער כאַפּט ער אויס — שדכנים זענען ניט קיין מעקלערס, די וועלט איז ניט קיין בערזע, חתנים מיט כּלות זענען ניט קיין יקנה״ז... און נאָך עטלעכע זאַכן האָב איך אײַך אַפֿילו באַדאַרפֿט זאָגן, נאָר אַזוי ווי איך רעכן אײַך ניט פֿאַר קיין נאַרישן ייִדן, פֿאַרהאָף איך אַז דאָס איבעריקע וועט אײַך שוין די צײַט אַליין אויסלערנען, און איר וועט מיט גאָטס הילף ווערן אַ שדכן — צווישן שדכנים אַ שדכן. און לאָז זײַן מיט גליק, ווי עס ווינטשט אײַך מיטן גאַנצן האַרצן אײַער אמתער גוטער פֿרײַנד

שלום־עליכם

עיקר־שכחתי. איר באַדאַרפֿט דאָך האָבן מיט וואָס אַרויסצופֿאָרן

אויף דער וועלט, שיק איך אײַך לעת־עתה עטלעכע קערבלעך אַלס גמילות־חסד. אַז גאָט וועט אײַך העלפֿן, וועט איר מיר מסתמא אָפּגעבן. בעטן וועל איך אײַך איין זאַך — למען־השם, פֿון יעדן אָרט, ווו איר וועט זיך געפֿינען, זאָלט איר מיר שרײַבן בריוולעך פֿון אײַער געזונט און פֿון אײַער נײַער פּרנסה. נאָר למען־השם, מיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות... פֿאָרט און זײַט מצליח!

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם

אַ ד י ע !
(לעצטער בריוו וואָס מנחם־מענדל האָט געשריבן פֿון יעהופּעץ)

לכבוד ידידי היקר הנגיד המפֿורסם מהור״ר שלום־עליכם נ״י.

ר א ש י ת באתי להודיעכם, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום; השם־יתברך זאָל העלפֿן, מ׳זאָל תּמיד האָרכן אייַנס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ונחמות אויפֿן כּלל־ישׂראל, אָמן.

ו ה ש נ י ת, הנה זייַט וויסן, אַז איך בין אייַך געקומען זאָגן „אַדיע״, דאָס הייסט, איך וויל מיט אייַך זיך אָפּגעזעגענען, און אויף לאַנג, און, גאָט ווייסט, אפֿשר אויף שטענדיק, אויף אייביק — איך פֿאָר אַוועק, זאָלט איר וויסן, קיין אַמעריקע? איז דערינען פֿאַראַן אַ סך טעמים, און דער עיקר איז: וואָס עס האָבן זיך אויסגענומען פֿאַר מיר אַלע וואַסערן, פֿאַרשטאָפּט געוואָרן אַלע קוואַלן פֿון פּרנסה, ניטאָ פֿאַר מיר קיין שום טועכץ אינעם דאָזיקן לאַנד, און דערצו פֿעלט דאָס שטיקעלע הצלחה, וואָס אָן דעם גייט ניט קיין זאַך אויף דער וועלט! מילא, פֿון די אַלע איבעריקע פּרנסות מייַנע מיט די אַלע עבֿודה־זרות וואָס איך האָב איבערגעדינט און עס האָט ניט געפֿערדלט — זענט איר אפֿשר גערעכט, איך בין ניט קיין סוחר, קיין דרייער, קיין טענצער. גיי זייַ אַ נבֿיא, אַז צוליב האַנדלען מיט דער וועלט מוז מען גאָר קאָנען טאַנצן, און אַפֿילו צו דער וויסטער פּרנסה פֿון מעקלערייַ איז אויך גוט אַז מען קאָן טאַנצן... מילא, וואָס זאָל איך טאָן, אַז מ׳האָט מיך פֿאָרט ניט געלערנט טאַנצן? האָב איך דערפֿאַר אַוועקגעוואָרפֿן אַלע געשעפֿטן און האָב זיך גענומען צו שרייַבערייַ; איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז דאָך אַוודאי אַ גרינגע פּרנסה, וואָרעם וואָס איז דאָס פֿאַר אַ תּורה? מ׳נעמט אַ פּען און מ׳שרייַבט! ובפֿרט נאָך „מעשׂיות״ שרייַבן — דאָס האָב איך אַליין געלייענט פֿון אַן ייִדישן שרייַבער, אַז ס׳איז גאָר אַ נאַרישקייַט... צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אַפֿילו צו אַזאַ נאַרישקייט באַדאַרף מען אויך האָבן מזל! ס׳איז נאָר אַ האַרצווייטיק! וויפֿל מעשׂיות די וועלט שרייַבט און מ׳דרוקט זיי, און מייַנע מעשׂיות וויל מען ניט דרוקן — פֿאַר וואָס? לאָז מיך אַזוי וויסן בייז! פֿון דער רעדאַקציע שרייַבן זיי מיר, אַז ס׳איז „שאַרזש״. וואָס איז דאָס אַזעלכעס שאַרזש — ווייס איך ניט, נאָר פֿאַרשטייך פֿאַרשטיי איך, אַז קיין אַנטיק איז דאָס

ניט, ווארעם מ׳האט מיך געבעטן, איך זאל אויפהערן שרייבן מיינע שרייבעכצן, מחמת זיי האבן קיין צייט ניט צו לייענען. פאלג איך זיי און שרייב שוין מער ניט, דאס הייסט, שרייבן שרייב איך, נאר פון מיינעט וועגן, זיך אין טאפ אריין, און אז גאט וועט מיר העלפן, איך וועל מיך א מאל צעפירן די הענט, וועל איך ארויסנעמען אלע מיינע פאפירן און וועל זיי ארויסגעבן אויף מיין אייגענעם חשבון, און לאז די וועלט הנאה האבן. דערווייליע ליגן ביי מיר אזוי פיל מעשיות און קיינער זעט זיי ניט — אט וואס הייסט, אז ס׳איז נישטא קיין מזל! וואס דארפט איר מער, אט נעמט, א שטייגער, לייזער אלי, געדרייט זיך גלייך מיט מיר, ניט היינט געדאכט, אין יעהופעץ אויף דער בערזע. געמעקלערט „פוטיוול" מיט „מאלצאוו" מיט „בריאנסק" — און היינט איז ער מיט גאטס הילף א רע־דאקטאר פון א בלאט. לייזער אלי! הכל תלוי במזל, זאגט די גמרא, צו אלצדינג דארף מען האבן גליק. נעמט, א שטייגער, קעשעניוו און האמעל — צוויי שטעט; אין קעשעניוו איז געווען א יום־טוב און אין האמעל איז געווען א יום־טוב. מיט קעשעניוו האט געהאט צו טאן די וועלט, און מיט האמעל גארניט, כאטא פאקרישקא... צי א שטייגער, נעמט דעם זעקסטן קאנגרעס אין באזעל: אזוי פיל, קיין עין־הרע, דעלעגאטן זענען זיך צונויפגעפארן פון דער גארער וועלט. ווער לאזט זיך הערן? — ווידער הערצל און ווידער נארדוי, ווידער טריטש און ווידער אחד־העם. די אלע איבעריקע זענען גלייך ווי גאר ניט געווען. פאר וואס? ניטא קיין מזל! א סימן האט איר, אט האט זיך ארויסגעכאפט דארטן איינער א מענטש פון הורוויטש. געזען די וועלט טרעט ארויס מיט פרא־יעקטן און מען איז זיך קונה־שם: אלע, אלע טוען אויף עפעס א נייעס, אפילו מרדכי בן־הלל האט געעפנט א קאסע פאר יידישע שרייבערס, און עס האט זיך א שאט געטאן געלט, שוין דא א קערבלעך עטלעכע און דרייסיק! — און נאר ער, דער מענטש פון הורוויטש — גארניט, באדארף זיצן און הארכן! איז ער זיך מישב און פאלט אויף א המצאה: צעפויקט אין אלע בלעטער, אז דער וואס וועט מאכן א נייעם מורה־נבוכים, ווי דער רמב״ם, — שענקט ער אים א פרעמיע פינף טויזנט קארבן. דאס הייסט, פיר טויזנט וועט ער זען מ׳זאל מאכן און טויזנט וועט ער צולייגן זיינע... עס כאפט אפילו דעם אנבליק פון יענעם קלייני־שטעטלדיקן נדבן, וואס האט מנדר געווען א דאך אויפן נייעם בית־המדרש, דאס הייסט, אז דאס ארעמע שטעטל וועט אויסבויען א נייעם בית־המדרש, וועט ער אים דעקן... דערווייליע האט זיך דער דאזיקער מענטש פון הורוויטש קונה־שם געווען אויף דער גאנצער וועלט: עפעס הערט מען רמב״ם, פרעמיע, מענטש,

קראַכמאַל, הורוויטש, פינף טויזנט... אַ גליק, וואָס עס האָט זיך אַרײַנגעמישט אָט דאָס אַפריקע אין מיטן מיט יענעם וויסטן אוגאַנדאַ, וואָס די דעלעגאַטן האָבן דאָס באַוויזנט, באַגאַסן מיט טרערן, ווײַטער וואָלט אָט דער מענטש פֿון הורוויטש מיטן דאָך פֿונעם בית־המדרש מרעיש־עולם געווען!

יש קונה עולמו בשעה אחת — זאָגט ווײַטער די גמרא (אַלצדינג שטייט אין דער גמרא) — באַשערט אַ מענטשן זיך קויפֿן אַ נאָמען אויף דער וועלט, למשל, אָט אַ יענער רעדאַקטאָר, וואָס האָט צוגעזאָגט אַ פּרעמיע (ווײַטער אַ פּרעמיע! געוואָרן אַ מאָדע פּרעמיעס!), אַ שפּאָגל נײַע זאַך, אַ „קאָנקורדאַנציע". דאַכט זיך, אין פֿלוג, וואָס קומט דערפֿאַר, אַז מען וויל שענקען יענעם אַ מתּנה? איז דאָך אָבער פֿאַראַן עזות־פּנימער אויף דער וועלט און גריבלערס, וואָס קריכן אין די גרגרת. איז זיך מישב איינער אַ חברה־מאַן, דוד הייסט ער, נאָך ר' דודל טאַלנער, זכרונו לברכה, און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז די נײַע זאַך, וואָס דער רעדאַקטאָר וויל שענקען דעם עולם, איז גאָר ניט קיין נײַעס, ס'איז גאָר אַן אַלטס. דאָס האָט שוין לאַנג געמאַכט אַן אַנדער מחבר, וואָס איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט, און ער ווײַזט אויף מיט ראיות (אַן עזות־פּנים קען!) אַז דאָס גאַנצע בוך — און אַפֿילו די הקדמה — איז גענומען געוואָרן וואָרט אין וואָרט בײַ יענעם געשטאָרבענעם הייסט דאָס... אַן אומגליק מיט די קריטיקערס! קיין קאָפּ ניט אויפֿצוהייבן! נו, און אַז יענעמס, איז וואָס? וועמענס עסק איז דאָס? דערווײַלע האָט זיך דער רעדאַקטאָר קונה־שם געווען: דער געוויסער רעדאַקטאָר פֿון דער געוויסער קאָנקורדאַנציע... מיט דער דאָזיקער מעלה פֿון אַרויסגעבן פּרעמדע ביכער פֿאַר אייגענע האָט זיך אַ מאָל אויסגעצייכנט, זאָגט מען, די שטאָט יעהופּעץ. דאָ איז געווען אַ גאַנצע כנופֿיה פֿון מחברים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין כאַפּן איינס דאָס אַנדערע פֿאַר דער האַנט... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז עטלעכע מחברים זענען זיך צונויפֿגעקומען אין איינעם, האָט מען זיך געהאַלטן בײַ די קעשענעס... איינער, אַ ווילד־פֿרעמדער מחבר, וואָס איז געפֿאָרן פֿאַרבײַ, האָט געזאָגט צו די יעהופּעצער מחברים: „ברידערלעך, האָט קיין פֿאַראיבל ניט, דער דובנער מגיד פֿלעגט זיך שטעלן אויף אַ פּסוק, און איך שטעל מיך אויף מײַן טשעמאָדאַן, — דאָרט ליגן בײַ מיר כּתבים, אַ קשיא אויף אַ מעשׂה"...

נאָר איך האָב מיך אַ ביסל פֿאַרדרייט פֿון זײַטיקע ענינים, פּאַני שלום־עליכם! דאָס לעצטע מאָל, פֿאַרשטייט איר מיך, ווילט זיך מיר אַ ביסל אַנרעדן מיט אײַך; גאָט ווייסט, אויב מיר וועלן אַזוי גיך קאָנען דורכשמועסן זיך מיט אײַך, דען איך פֿאָר אין אַזאַ לאַנד, וווּ מען האָט קײַן צײַט ניט, מ'מאַכט אַ

לעבן. דאָס לאַנד איז, זאָגט מען, אַ גליקלעך לאַנד, און אַ פֿרײַ לאַנד, דאָס הייסט, מען איז דאָרט פֿרײַ, פּטור פֿון אַלצדינג. איטלעכער קען זיך טאָן וואָס ער וויל, און ייִדן זענען דאָרטן, זאָגט מען, בחשיבות גדול, מ׳טראָגט זיך דאָרט מיט זיי אַרום ווי מיט עפּעס רעכטס און מ׳גיט זיי אָפּ פֿיל כּבוד. איין חסרון נאָר, וואָס דאָרטן דאַרף מען אַרבעטן, אַלע אַרבעטן, און ווער ס׳וויל ניט אַרבעטן, נייט מען אים פֿון קהל. בײַ מיר קומט דאָס אויס אַ ביסל משוגע, וואָרעם וועמען גייט דאָס אָן צי איך אַרבעט, צי איך אַרבעט ניט? באָר למאַי, ווו האָט איר געזען אַ לאַנד אָן פּאַספּאָרטן? וואָס טויג אײַך — ס׳איז אַ וווּיל פֿאָלק מיט אַ געבענטשט לאַנד, און מען מאַכט דאָרט אַ לעבן. פֿאָר איך אַהין צו, הייסט דאָס, „מאַכן אַ לעבן״; ניט אַליין, מיר פֿאָרן אַרויס עטלעכע געזינדלעך אין איינעם, צו מייסטן בעל־מלאָכות, מלמדים, לערערס, מעקלערס, קרעמערס און די בעל־הביתטע מײַנע פֿון דער אכסניה מיט אירע קינדער און איך אויך בתוכם. די בעל־הביתטע מײַנע פֿאָרט צוליב די קינדער, און די קינדער פֿאָרן דערפֿאַר וואָס מ׳וויל זיי דאָ ניט צונעמען שטודירן הייסט דאָס, זיי האָבן געענדיקט גימנאַזיע, און ווײַטער לאָזט מען זיי ניט גיין, ביטאָ פֿאַר זיי קיין ערטער. פֿרעגן זיי: וואָס וועט זײַן דער תּכלית? זאָג איך זיי: וואָס עס וועט זײַן מיט כּל־ישׂראל, דאָס וועט זײַן מיט רב־ישׂראל. ווילן זיי ניט הערן, ניט זען! ער, דער זון הייסט דאָס, וויל זײַן דווקא אַ דאָקטאָר, און זי, די טאָכטער, וויל זײַן אַן אַקושערקע — און גיי רעד מיט זיי! און מחמת זיי צעפֿאָרן זיך אַלע, פֿאָר איך אויך, וואָרעם וואָס וועל איך דאָ טאָן איינער אַליין? ובפֿרט, אַז מען יאָגט מיך שוין פֿון צוויי חדשים, מ׳האָט מיך נאָך געוואָלט כאַפּן און אָפּשיקן אַהיים מיטן עטאַפּ, האָב איך מיך ניט געלאָזט, געבריהט זיך, אויסגעבאַהאַלטן זיך אויף אַלע בוידעמס, אין אַלע קעלערס, מ׳האָט מיך געזוכט גאַנץ גוט, גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך, עס קאָסט שוין אָפּ — איך זאָל עס נאָר פֿאַרמאָגן... נאָר לאָ! ניט אַזוי גיך לאָזט זיך מנחם־מענדל כאַפּן! איך האָב שוין גענעכטיקט אויף אַ באַרקע צווישן קאַוועגעס, אויפֿן ברעג צווישן לאַפּאַצאַנעס, געשפּאַצירט געגנוג נעכט פֿון איין עק שטאָט ביזן אַנדערן עק, שוין איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אין „חדר״ אויך, מיט דרײַ שיכּורים, און אַרויסגעכאַפּט זיך פֿון דאָרטן מיט נסים־ונפֿלאות — הכּלל, איך זע אַז מ׳וויל איך זאָל אַוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע. טו איך זיי צו ליב און פֿאָר און האָב נעכטן געגעבן צו וויסן מײַן שיינע־שיינדלען דורך אַ בריוול, אַז איך וועל איר אם־ירצה־השם פֿונעם אָרט שרײַבן גוטע בריוו און וועל איר אַרויסשיקן די ערשטע דאָלערס, וואָס וועלן מיר נאָר אַרײַנפֿאַלן. איך וועל, חס־ושלום זי

ניט לאָזן קיין עגונה מיט קליינע קינדער; איך בין ניט, חלילה, קיין שאַרלאַטאַן, קיין הפקר־מענטש, וואָס איך זאָל אַזעלכעס טאָן. און אַהיים פאָר איך ניט מהאי טעמא, וואָס איך ווייס, אַז מ׳וועט מיך ניט לאָזן פאָרן קיין אַמעריקע. דערפאַר איַיל איך מיך אַזוי אין וועג אַריַין און בין איַיך מודיע און זאָג איַיך צו, אַז איך וועל איַיך, מיט גאָטס הילף, שריַיבן גוטע בריוו. דער אייבערשטער זאָל מיך נאָר ברענגען בשלום, וואָרעם מ׳דאַרף אַהין צו פאָרן, פאַרשטייט איר מיך, דריַי וואָכן און איבערן ים — איז דאָס עפּעס ניט אַזוי פויגלדיק. נאָר גאָט איז אַ פאָטער. מיר זעען דאָך, וויפל מענטשן פאָרן אויפן ים און קומען צו פאָרן גאַנץ... און איך בעט איַיך, איר זאָלט קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך האָב איַיך מיט מיַינע בריוולעך אַזוי אָפּט געדולט אַ קאָפּ — און אויך אַלע איַיערע באַקאַנטע בעט איך, זיי זאָלן מיר מוחל זיַין, טאָמער האָב איך עמעצן אָנגערירט מיט אַ וואָרט, גאָט איז יודע דעם אמת, אַז דאָס וואָס איך האָב געשריבן האָב איך געשריבן בתמימות, ניט געמיינט חלילה עמעצן זאַטשעפּען, פוגע בכבוד זיַין. וואָס האָב איך צו זיי? זיי האָבן מיר עפּעס שלעכטס געטאָן? און טאָמער האָב איך זיך אַ מאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ קרום וואָרט, איז טאַקע אַן עוולה. מיַין שיינע־שיינדל זאָל לעבן איז טאַקע גערעכט: זי זאָגט אַז מיט אַ וועלט טאָר מען זיך ניט קריגן, און ניט איך, זאָגט זי, וועל די וועלט קליגער מאַכן... און וויסן זאָלט איר, אַז איך פאָר מיטן פאַראָכאָד קיַין יעקאַטערינאָסלאַוו, און פון יעקאַטערינאָסלאַוו מיטן באַן צו דער גרענעץ, און פון דער גרענעץ קיין האַמבורג און פון האַמבורג מיטן שיף קיין ניי־יאָרק. און מיר האָבן דאָ, קיין עין־הרע, אַ שיינע לוויה. אַ סך ייִדן און וויַיבער זענען אַרויסגעגאַנגען אונדז באַגלייטן. ס׳איז אַ טומל, אַ הו־האַ, אַ געפּילדער — זאָל גאָט שומר־ומציל זיַין! אַלע געזעגענען זיך, קושן זיך, וויינען, וויַיבער חלשן, און איך אויך בתוכם. איינער אַן אַלטער, אַ בלינדער אויףביידע אויגן, איז אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן די אייניקלעך; רופט ער צו אַלע מאָל אַן אַנדער קינד, טאַפּט דאָס אַרום מיט די הענט און זאָגט: „לאָם איך זיך אָנקוקן כאָטש דאָס לעצטע מאָל“... און מחמת איך קאָן ניט צוזען דעם רחמנות פונעם אַלטן און בין זייער פאַרטאַרעראַמט פון דער נסיעה, מאַך איך דאָס בקיצור און זאָג איַיך דעם שיינעם אַדיע! אם־ירצה־השם, פונעם אָרט וועל איך צו איַיך אַרויסשריַיבן אַלצדינג באריכות. לאָז גאָט געבן, מיר זאָלן קומען בשלום אַהין, ווו מיר פאָרן, מיט פריילעכע הערצער.

פון מיר איַיער בעסטער פריַינד

מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי. אפשר מיינט איר, אַז איך האָב מיט וואָס צו פֿאָרן אַפֿילו ביז האַמבורג? האָט איר אַ גרויסן טעות! איך האָב ניט אַפֿילו ביז דער גרענעץ. איַי, ווי אַזוי לאָזט מען זיך אין אַזאַ וויַיטער נסיעה אָן אַ קאָפּיקע ביַי דער נשמה? דערויף זענען מיר דאָך עפּעס ייִדן אויף דער וועלט. אַ ייִד צווישן ייִדן ווערט ניט פֿאַרפֿאַלן. מ׳וועט זיך ווי ס׳ניט איז מן־הסתם דורכשלאָגן, דורכ־שטופּן... אַדיע! אַדיע! און נאָך אַ מאָל איַיך — אַדיע!

מנחם־מענדל הנ״ל

מנחם־מענדל צו שלום־עליכמען

מיסטער שלום־עליכם!

אָלרײַט! האָט קײן פּאָראיבל ניט, וואָס איך שרײַב אײַך אַזוי כּאַפּנדיק — אַמעריקע איז ניט יעהופּעץ. דאָ האָבן אַלע קײן צײַט ניט. „טײַם איז מאָנע״ — אַזוי זאָגט דער אַמעריקאַנער. דער פּשט איז: אַ רענדל אַ מינוט! איטלעכער איז דאָ פֿאַרנומען. און נאָר מיט זיך. מ׳האָט קײן צײַט ניט אַרומקוקן זיך אויף יענעם; יענער מעג זיך אויסצײַען אין מיטן גאַס, וועט אים קײנער ניט זאָ־טשעפּען. „העלפּ יור סעלף״ זאָגט דער אַמעריקאַנער. דער פּשט איז: איטלעכער פֿאַר זיך. קריך פֿון דער הויט, אַקער מיט דער נאָז די ערד, רײַס זיך אײַן דאָס געזונט, גיי מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף — וועמענס עסק איז דאָס? אַ געבענטשט לאַנד! מ׳האָרעוועט און מ׳ווערט פֿאַרשוואַרצט און מען מאַכט אַ לעבן. איטלעכער מאַכט אַ לעבן און איך אויך בתוכם. וועט איר דאָך פֿרעגן: וואָס הייסט „מען מאַכט אַ לעבן״? באַדאַרף מען אײַך דערציילן אַקוראַט פֿון אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי עס האָט דאָ מיט מיר פּאַסירט, וועט איר פֿאַרשטיין וואָס באַדײַט אַ געבענטשט לאַנד אַמעריקע.

די ערשטע צײַט וואָס איך בין אַהער אָנגעקומען בין איך געווען, געוויינטלעך, אַ „גרינער״, ניט געוווסט ווו אַ טיר עפֿנט זיך, ניט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט פֿונעם היגן לשון, וואָס צום ערשטן מאָל ווײַזט זיך אײַך אויס, אַז ניט זיי רעדן נאָר זיי שפּײַען און מאַכן זיך נאַריש, באַלעבעטשען עפּעס מיט די צינגער און לויפֿן אַרום דער אַהער, דער אַהין, ווי די משוגעים, גלײַך ווי עמעצער זעצט זיי אין האַלדז און באַקן. די ערשטע צײַט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די טומלדיקע גאַסן, וואָס עס רעשט אין זיי ווי אין גיהנום, פֿאַרריסן דעם קאָפּ און באַטראַכט די מוראדיקע מויערן מיט די מענטשן, מיטן גאַנצן טראַסק. נאָר לאַנג אַזוי אַרומגיין האָט מען מיך ניט געלאָזט; פֿאַר ענגשאַפּט אַ פּנים, און פֿאַר גרויס אײַלעניש האָט מען מיך מכבד געווען אַלע מאָל מיט אַ שטורך אין זײַט אַרײַן און מיט אַ שטויס פֿון הינטן און מיט אַ זאָג בשעת־מעשה: „גיי די דעוול״, דער

פשט איז: „צו אַל די שוואַרצע יאָר!" פֿון אַזאַ מין באַנעמונג האָב איך אויסגעזען ביי זיך אין די אויגן ווי געפֿאַלן, עפּעס ווי איבעריק, ווי אַ מין הינטל, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פֿיס, און איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, טוט דאָס אַ וואָרף, אַ שליידער: „פּאַשאָל וואָן!" און גייט זיך ווייטער. אַוודאי בין איך אין יעהופּעץ צו אַזעלכע זאַכן ניט געווינט געוואָרן, און ווער שמועסט ביי מיר אין מאַזעפּעווקע, צי אין כּתרילעווקע. ווער וואָלט דאָס גאָר געהאַט די עזות מיר זאָגן אַ קרום וואָרט ובפֿרט נאָך דערלאַנגען פֿון הינטן אַ סטוסאַק — פֿונקען זאָלן פֿליִען פֿון די אויגן! און חוץ־לזה איז געווען אַן אַנדער זאַך וואָס האָט מיך געטריבן צו דער אַרבעט: עס האָט מיר שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ, דער מאָגן האָט אָנגעהויבן מאָנען מזונות און אין קעשענע — איר זאָלט זאָגן אַ סענט! איך בין אַפֿילו יענעם טאָג אַרויסגעגאַנגען יאָ מיט אַ פּאָר פּעניס (גראָשנס) אין קעשענע, זענען זיי אָבער גיך צעטרענצלט געוואָרן, צעגאַנגען, ווי שניי אויף דער זון. ראשית־חכמה האָב איך מיר געקויפֿט פֿאַר אַ סענט אַ פּייפּער, אַ גאַזעט הייסט דאָס, און דווקא אויף יידיש, אַזוי איז מען זיך דאָ נוהג אין אַמעריקע, אַז איטלעכער מענטש מוז אַלע פֿרימאָרגן, ווי אַ פֿרומער ייד דאַוונען אײדער ער נעמט עפּעס אין מויל אַריין, זיך קויפֿן אַ פּייפּער, האָרכן, וואָס טוט זיך עפּעס אויף גאָטס וועלט. און גיין זוכן אַ פּייפּער דאַרפֿט איר ניט — מ'טראָגט אייך אים אַקעגן אויף אַלע גאַסן און מ'שרייט אויף אַלערליי קולות. מ'קאָן פֿון זייער געשריי טויב ווערן! נאָך דעם פּייפּער האָב איך געכאַפּט אַ „קייק", דאָס איז אַזאַ מין פֿלעדל ווי ביי אונדז, למשל, פּורים־גרעט, און אויך אויף דער גאַס, און אויך געטראָגן אַקעגן. נאָר לעבן מיט אַ „קייק" אַ גאַנצן טאָג איז אַ זאַך וואָס ס'איז ניט מעגלעך. האָט מיר אָנגעהויבן חלשן דאָס האַרץ גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן! וואָס טוט מען? וואָלט איך כאָטש געקענט דאָס לשון זייערס, וואָלט איך זיך צעפֿרעגט אויף מיין בעל־אכסניהטע פֿון יעהופּעץ, וואָס מיר זענען מיט איר געקומען אַהער צוזאַמען און וואָס פֿונעם ערשטן טאָג נאָך אין „קעסטעל־גאַרד" האָט מען אונדז צעשיידט. זי איז אַריבערגעפֿאָרן מיט אירע קינדער צו אירע קרובים, וואָס זענען איר אַרויסגעקומען אַקעגן מיט פֿרישע חלה, מיט געבראָטענע הינער־פּופּיקעס און מיט „אָרענדזשעס" (פּאָמאַראַנצן, פּאַלטשיגעס הייסט ביי זיי אָרענדזשעס). מ'האָט זיך שטאַרק געקושט און געפֿרייט זיך, אַזש געוויינט פֿאַר פֿרייד, און מ'האָט זיי פֿאַרנומען אויף דער באַן און מ'האָט זיי אַוועקגעפֿירט אויף אַזאַ גאַס, וואָס אַז איך וועל דאָ אָפּזיין נאָך צען יאָר וועל איך אויך ניט קאָנען אַרויסרעדן דעם נאָמען אירן. דער נאָמען פֿון דער גאַס הייבט זיך אָן

מיט אַ „טשעגלרד" און לאָזט זיך אויס מיט אַ „דזשאַנסטאַנסטריט" — און גיי חזר איבער אויף אויסנווייניק!

בקיצור, איך גיי און גיי, עס הייבט אָן ווערן נאַכט, איך זע דער פּאָליסמען, דער גאַראַדאָוואָי הייסט דאָס, קוקט אויף מיר מיט די אויגן; זאָגן זאָגט ער מיר גאַרניט, נאָר ער קוקט. און איך האָב פֿײַנט, אַז סע קוקט אויף מיר אַ פּאָליסמען... דערווײַלע, אַזוי ווי איך גיי, דערזע איך אַ ייִד אַ שלימזל גייט אײַנגעהויקערט אין דרײַען, טראָגט אויף די פּלייצעס אַ גרויסן טשעמאָדאַן און שפּאַנט מיט אַלע כּוחות. דערקענט אַז דאָס דאַרף זײַן אַן אונדזעריקער, גיי איך צו צו אים און מאַך מיט אים אַ שמועס: ווו איז דאָ ערגעץ אַ ייִדישע גאַס, אַ ייִדישער מאַרק, אַ ייִדישע שול? ווו זענען דאָ ערגעץ אחינו בני־ישׂראל, פּראָסטע ייִדן, וואָס מ'קאָן מיט זיי אַרויסרעדן אַ ייִדיש וואָרט? ענטפֿערט ער מיר ניט, נאָר ער טוט אַ מאַך מיטן קאָפּ. אייגער רעדט: קומט מיט מיר! און מיר האָבן זיך געלאָזט ביידע אין וועג אַרײַן. געגאַנגען מיט אים וואַלד־אײַן וואַלד־אויס, אָן אָן עק, איך האָב קוים מיט צרות אַרויסגעצויגן בײַם ייִדן עטלעכע געציילטע ווערטער, אַז ער איז אַליין אויך אַ גרינער, ניט לאַנג הייסט דאָס פֿון אונדזערע קאַנטן, און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַליין אויך געווען פֿאַרשוואַרצט געוואָרן די ערשטע צײַט דאָ אין דעם געבענטשטן לאַנד, ביז גאָט האָט אים געהאָלפֿן, ער האָט „געקעטשט אַ פּלייס". דער פּשט איז: ער האָט באַקומען אַן אָרט אין אַ וועשפֿאַבריק, און ער מאַכט אַ לעבן. מאַלט אײַך, אַז אַך און ווי איז צו אַזאַ „מאַכן" און צו אַזאַ „לעבן"! נאָר דאָך בעסער פֿון גאַרניט איז דאָס שוין. זײַן עובדא איז — ציילן און סאָרטירן דאָס קויטיקע גרעט אויף דער פֿאַבריקע: מענערהעמדער באַזונדער און פֿרויענהעמדער באַזונדער, און נאָך דעם גייען, מחילה, תּחתּונים, זאָקן און קאָפּצים. אַ קאָפּצי צו אַ קאָפּצי — דאָס אַלץ באַדאַרף ער, זאָגט ער, סאָרטירן קויטיקערהייט און מאַכן סימנים, מ'זאָל זיי חלילה ניט פֿאַרבײַטן — זייער אַ מיאוסע מלאָכה, זאָגט ער, און אַ נודנע. ובפֿרט אַז ער איז, זאָגט ער, דערצו גאָר ניט געוווינט געוואָרן, ער איז פֿון דער היים, זאָגט ער, אַ ייִד אַ בעל־הבית מיט אַ דירה אַן אייגענע, מיט שיינע מחותּנים, און קינדער, זאָגט ער, האָט ער אין דער היים לײַטישע, גאָר לײַטישע; זיי, די קינדער, זאָגט ער, זאָלן וויסן, אַז ער, דער טאַטע זייערער... אַזוי זאָגט צו מיר דער ייִד און ווישט אָפּ מיטן אַרבל דעם שווייס פֿונעם פּנים און בדרך־הליכה וואַרפֿט ער אַראָפּ אַ טרער... מילא, דאָס אַלצדינג וואָלט נאָך געווען, זאָגט ער, נומער ערגער. וואָס זאָל מען טאָן? מ'דאַרף, זאָגט ער, אָנסייפֿען אַ ביסל געלט — אַנקלייבן

הייסט דאָס. דער חסרון איז נאָר, זאָגט ער, וואָס ס'איז ביי זיי אַצינד אויף דער פֿאַבריקע אַ סטרייק. דער פּשט איז: די אַרבעטערס האָבן זיך געמאַכט יד־אחת און ווילן ניט גיין אויף דער אַרבעט ביז מ'וועט זיי ניט מוסיף זיין דאָס וואָס זיי פֿאָדערן. איז ער דערווייַלע, זאָגט ער, געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט, דערפֿאַר וועלן זיי אָבער אויספֿירן דאָס וואָס זיי ווילן! אַזוי מאַכט צו מיר דער ייִד מיט גדלות און טוט צו מיר אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ זאָג: „גו־אוד־ביי!" דאָס הייסט: זיי געזונט, און פֿאַרקערעוועט אין אַ הויף אַרייַן און — אַן עק, אויס ייִד!

דער ייִד איז טאַקע נעלם געוואָרן. דערפֿאַר איז אָבער אויף זייַן אָרט אויסגעוואַקסן אַ סך אַנדערע ייִדן און ווייַבער, אָבער טאַקע וואָס ייִדן הייסט, ייִדן ממש, כּמעט די אייגענע וואָס ביי אונדז אין יעהופּעץ און אין מאַזעפּעווקע. און אויך די גאַסן זענען כּמעט אַזוי ווי ביי אונדז, און דער ריח, וואָס סע שמעקט, איז אַ באַקאַנטער ריח, און איך האָב מיך דערקוויקט, ווי אַ פֿיש, אַז מ'לאָזט אים אַרייַן צוריק אין וואַסער. ממש מחיה געווען! מ'האָט מיך אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייַטן און עס האָבן אָנגעהויבן פֿליִען שלום־עליכמס: פֿון וואַנען איז אַ לאַנדסמאַן (אַ ייִד הייסט דאָס), וואָס הערט זיך אין רשע (אין רוסלאַנד הייסט דאָס), וואָס מאַכן עפּעס אונדזערע לאַנדסלייַט (ייִדעלעך הייסט דאָס)? און ווער בין איך? און וואָס בין איך? דערהערט, אַז איך פֿאָר פֿון יעהופּעץ, און אַליין בין איך אַ כּתרילעווקער, דאָס הייסט אַ געבוירענער מאַזעפּעווקער, — איז געוואָרן אויף זיי אַ שׂימחה, אַ גדולה: סטייַטש, ביי זיי איז דאָך דער רב אַ מאַזעפּעווקער, דער שוחט אַ מאַזעפּעווקער און דער חזן אַ מאַזעפּעווקער! אַוודאי בין איך געווען נייַגעריק צו זען זיך מיטן רב, מיטן שוחט און מיטן חזן פֿון מייַן שטאָט. און איך האָב געבעטן מ'זאָל מיר אָנווייַזן, ווו זיי וווינען. און שטעלט אייַך פֿאָר, אַז דער רב מיטן שוחט מיטן חזן זענען אַלע דריי איין פּאַרשוין, און דאָס איז אונדזער בערל דוד משהס, אַ ייִד וואָס קערט זיך אַזוי אָן מיט רב, מיט שוחט און מיט חזן, אַזוי ווי איך קער זיך אָן מיט פּרעזידענט. אַז בסך־הכּל איז ער אין דער היים ביי אונדז געווען גאָר אַ ייִד פֿון די, וואָס קאָטאָרי, וועלכע... געהאַט האָט ער אַפֿילו יאָ נישקשה פֿון אַ קולעכל צו דאַוונען פֿאַרן עמוד אַ מאָל אַ שחריתל אונטער אַ יום־טוב, נאָר ווי קומט ער צו אַ חזן, צו שוחט און צו רב, אַז האַנדלען האָט ער געהאַנדלט מיט טריפֿה סחורה, מיאוס אַרייַנגעפֿאַלן, געהאַט אויף זיך אַ פּעקל און געמוזט מאַכן אַ ויברח אַזש אַהער קיין אַמעריקע? איך בין געשטאַנען און געקוקט און באַטראַכט מייַן בערל דוד משהס, דעם רב מיטן שוחט מיטן חזן. אָט וואָס הייסט אַ געבענטשט לאַנד אַמעריקע!

געשטויסן זיך, אַ פּנים, וואָס איך קוק, האָט מיך דער דאָזיקער רב מיטן שוחט מיטן חזן אָפּגערופֿן אויף אַ זײַט און מאַכט צו מיר: „הער נאָר אויס מנחם־מענדל, ס׳זאָל זײַן יהודי בלא״... האָב איך מיך געשטויסן, אַז מ׳באַדאַרף מאַכן אַ שווײַג, און ער האָט מיך פֿאַררופֿן צו זיך אויף „סאַפּער״ (אויף וועטשערע הייסט עס), און דאָרט ערשט האָט ער מיר אויסדערציילט אין גאַנצן די ביגריפֿיע זײַנע, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָ פֿריִער גוט אָנגעגעסן מיט צרות אינעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד. איבערגעדינט פֿריִער אַלע עבודה־זרות, געהאָרעוועט, געאַר־בעט כל עבודת־פּרך, ביז גאָט האָט אים אַרײַנגעגעבן אַ שטיקל זינען, ער זאָל זיך פֿאַרלאָזן אַ פּאָר פּאהלעך, אָנטאָן אַ ביסל אַ לענגערע קאַפּאָטע מיט אַ גאַר־טעלע, זיך אַוועקשטעלן פֿאַרן עמוד און ווערן בײַ זיי למזל אַ חזן. „אַ שיינעם קול־נגינה״ זאָגט ער, האָב איך דאָך געהאַט פֿון תמיד, און אַ ביסעלע האָב איך מיך אונטערגעלערנט, בין איך געוואָרן איצטער אַ חזן צווישן חזנים!״ בשעת־מעשׂה טוט בערל דוד משהס אַ מאַך מיטן קאָפּ, אַ הוסטל און אַ קאַטשע זיך אויפֿן העלדזל, ווי אַן אמתער חזן. „נו, זאָג איך, מילא, אַ חזן — דאָס פֿאַרשטיי איך נאָך; אָבער אַ שוחט — ווי קומט איר, רב בערל, צו שחיטה?״ — „אַ טײַערע מציאה״ זאָגט ער, וואָס איז? איך בין ניט געגאַנגען אין חדר? איך האָב ניט גע־לערנט קיין הלכות שחיטה?״ און ער נעמט זיך רייניקן די נעגל, ווי אַ יוסטער שוחט. „בין איך אײַך, זאָג איך, דאָס אויך מוחל; אָבער אַ רב, זאָג איך, ווי קומט איר פּסקענען שאלות? געוואַלד, רב בערל, שאלות פּסקענען?!״ „ע, מאַכט ער צו מיר, מנחם־מענדל, ביסט נאָך גאַר גרין, ווי אַ גרינע אוגערקע! וואַרט אויס, וועסט אָפּזײַן דאָ אין אַמעריקע אַ שטיקל צײַט, וועסטו ערשט דעמאָלט אַרויסזען חידושים, וואָס פֿאַר אַ לאַנד דאָס איז, אַ געבענטשט לאַנד!״ און ער נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט און פֿירט מיך אַרײַן צו זײַן עטל־דבורהן און שטעלט מיך פֿאַר פֿאַר זײַן „מיסעס״; בײַ אונדז האָט זי געהייסן עטל־דבורה און געטראָגן אַ פּאַריק ביז די אויערן, און דאָ הייסט זי שוין „מיסעס״, און איז אַ גאַנצע מאַדאַם. „און וועד זענען יענע צווײ פּאַניטשלעך?״ — פֿרעג איך אים. „דאָס זענען, זאָגט ער, מײַנע „באָיעס״, „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, באָיעס?״ „באָיעס הייסט, זאָגט ער, זין״. „סעם״ און „הערי״ — דאָס זענען מײַנע צוויי זין, מאַכט ער צו מיר און פֿירט מיך צו זײַנע צוויי בחורימלעך, דעם סעם מיטן הערי. געהייסן האָבן זיי בײַ אונדז אין מאַזעפּעווקע חיים און פּרץ — אַ מין איבערקערעניש, זאָל גאָט שומר־ומציל זײַן! — „וואַרט אויס, מאַכט צו מיר דער רב מיטן שוחט מיטן חזן, וואַרט אויס, מנחם־מענדל, וועסט ערשט זען חידושים אָט דאָ, אין דעם

געבענטשטן לאַנד, אין אַמעריקע!" און מחמת איך אײַל מיך זייער וואָס פֿריִער אַוועקשיקן אײַך דעם דאָזיקן ערשטן בריוו מײַנעם פֿון אַמעריקע, מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם, שפּעטער וועל איך אײַך אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריי־כות. דערווײַלע מוטשע איך מיך נאָך אַפֿילו זייער שטאַרק אויפֿן שטיקל ברויט, נאָר דאַנקען השם־יתברך, איך מאַך אַ לעבן און האָף צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז איך וועל מיט דער צײַט, אם־ירצה־השם, ווערן אַן אמתער „אַמעריקאַנער ציטעסטער", דאָס הייסט אויף אײַער לשון: „פּאָלנאָפּראַוונע גראַזשדאַנין", און וועל ווערן גוט־אַפּ, דאָס הייסט, אַ מענטש גלײַך מיט אַלע, זיך מישן אין „פּאָלי־טישען", אין דער פּאָליטיקע הייסט דאָס, מחמת עס גייט בײַ אונדז אַ „לעק־שעניאָר", אַזאַ יאָר ווען מען קלויבט אַ פּרעזידענט און דאָ בײַ קלויבן אַ פּרעזידענט האָבן אַלע אַ דעה, און איך אויך בתוכם. לעת־עתה דאַרף מען גיין טאָן „ביזנעס", געשעפֿטן הייסט דאָס, מחמת איך האָב נאָך ניט אויף „רענט", מיין איך דירה־געלט, פֿאַר דער וואָך, נאָר גאָט איז אַ פֿאָטער, ער וועט מסתמא העלפֿן און עס וועט זײַן, אם־ירצה־השם, אָלרײַט!

פֿון מיר אײַער בעסטער פֿרײַנד
מ ע נ ע ט ש מ ע נ ד
(געוועזענער מנחם־מענדל)

נ אָ ט אַ ב ע נ ע, מיין איך ע י ק ר ־ ש כ ח ת י: עס זאָל אײַך קיין חידוש ניט זײַן, מיסטער שלום־עליכם, וואָס איך האָב מיר משנה־שם געווען, איבער־געביטן זיך פֿון מנחם־מענדל אויף „מענעטשמענד". וואָס זאָל איך טאָן, אַז מען רופֿט מיך דאָ אַזוי? אַלע הייסן דאָ מיט אַנדערע נעמען: ברוך־יענקל איז בײַ זיי „דזשען", מאיר־קלמן — „קען", לייזער־פּייסי — „פּען"; און די ווײַבער — די זענען גאָר משוגע! די וואָס האָבן געהייסן בײַ אונדז צייטל־ביילע, שרה־לאה — הייסן שוין דאָ: טשיטאַ־בעללאַ, סערע־ליישען — און גיי טו זיי עפּעס!
הנ"ל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

1

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

והשנית זײַ וויסן, אַז איך בין שוין אַ וואַרשעווער, איך בין אין וואַרשע הייסט עס. ווי קום איך קיין וואַרשע? ווערסטו האָרכן — ס׳אַ גאַטזאַך.

פֿון מײַן לעצטן בריוו, וואָס איך האָב דיר אַרויסגעשיקט פֿון אַמעריקע מיטן געלט, ווייסטו דאָך שוין אַלצדינג, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען דאָרטן, דורכגעגאַנגען אַלע שיבעה־מדורי־גיהנום, גוט פֿאַרשוואַרצט געוואָרן, ניט היינט געדאַכט, אינעם פֿרײַען לאַנד פֿון קאָלומבוסן, איבערגעדינט אַלע עבודה־זרות, געאַרבעט עבודת־פּרך, ממש טאַטשקע־אַרבעט, איין מאָל אין דרײַ טעג אַ שטיקל ברויט געגעסן, איין מאָל אין דרײַ וואָכן אַ העמד געביטן, אַבי, דאַנקען גאָט, ניט אַנגעקומען חלילה צו יענעם, — ביז דער בורא ברוך־הוא האָט מיר געהאָלפֿן, איך האָב מיך דאָרטן נאָך לאַנגע און ביטערע לײַדן קוים דערשלאָגן צו אַ שטיקל פּרנסה, אַ פּרנסה אַ לײַטישע און אַ בכבודע, ווי מיר שטייט אָן; דהײַנו: איך בין געוואָרן אַ מענטש פֿון גאַזעטן און אָנגעהויבן עוסק זײַן מיט שרײַבערײַ. און ווי איך האָב דיר שוין, דאַכט מיר, נאָך אין יענעם בריוו געשריבן, עס האָט מיר מצליח געווען גאָר אויפֿן בעסטן אופֿן און ס׳איז מיר אָוועק מיט מזל־ברכה. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָנגעהויבן האָב איך קליין און געגאַנגען אַלע מאָל העכער און העכער, ווי דער שטייגער איז אין אַמעריקע. תּחילת האָב איך אַרומגעטראָגן גאַזעטן (דאָרטן הייסט עס „פּייפּערס״) אויף צו פֿאַרקויפֿן איבער די גאַסן (דאָרטן הייסט עס „סטעריטען״), פֿאַרקויפֿט אַ פּייפּער פֿאַר אַ קאָפּיקע (דאָרטן הייסט עס אַ „סענט״), אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז כ׳האָב דערזען, אַז ס׳איז פֿאַר מיר ניט קיין פּלאַן, כ׳וועל פֿון אַזאַ מיסחר קיין ראָקפֿעלער און קיין וואַנדערבליט ניט ווערן, און אַפֿילו קיין יענקל שיף אויך ניט. האָב איך מיך מישב געווען און האָב געגעבן אַ קוק אַרײַן אין די פּייפּערעס, טאַקע

אויפֿן סטריט שטייענדיק, וואָס שרײַבן זיי דאָרט אַזעלכעס, וואָס דער עולם כאַפּט דאָס ווי הייסע לאָקשן? און איך האָב באַלד געגעבן אַ כאַפּ מיט מײַן אויג, אַז ס'איז גאָרניט אַזאַ הארבע מלאָכה אָט דאָס שרײַבעניש. ובפֿרט איך בין דאָך אַליין אויך אַ מאָל געווען נאָך ׳אין רישענלאַנד אַ שטיקל שרײַבער, אויב דו געדענקסט, און איך האָב מיך גענומען אָפּטלעך אַרײַנשמעקן צו זיי אין דער „שרײַבאַרני״ אַרײַן און דערזען ווי עס גייט צו בײַ זיי די מלאָכה, — בין איך נבהל־ונשתומם געוואָרן! ראשית־חכמה האָב איך מיך באַקענט מיט די דאָרטיקע רעדאַקטאָרס־אַרויסגעבערס (דאָרטן הייסן זיי „אַדיטערס״) און מיט זייערע מיט־העלפֿערס די שרײַבערס און איך האָב געגעבן אַ שמועס אַרײַן מיט זיי אין די קליינע אותיות, איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זוגתי היקרה? נאָר מזל דאַרף מען האָבן, ווײַטער גאָרנישט!... דאַכט מיר, וואָס וואָלט גאָט געאַרט ס'זאָל זײַן דאָס אייגענע פֿאַרקערט? דאָס הייסט, זיי זאָלן בעסער שטיין מיט די פּייפּערס אויפֿן סטריט און מנחם־מענדל זאָל זיצן אָט דאָ אויף זייער אָרט בײַ דער מלאָכה?... און איך האָב מיך גענומען צוקוקן, מן הצד כלומרשט, מיט איין אויג, צו דער מלאָכה גופֿא, ווי אַזוי עס ווערט בײַ זיי באַשאַפֿן די דאָזיקע סחורה — און איך האָב אַרויסגעזען, אַז איך בין טאַקע ביז אַהער געווען אַ בהמה. איך האָב געמיינט, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס זיי דרוקן אויף זייערע פּייפּערס האָבן זיי דאָס טאַקע פֿון זייער קאָפּ אויסגעטראַכט. צום סוף לאָזט זיך אויס, ווער־וואָס־ווּעמען? אַ נעכטיקער טאָג! עס זיצט זיך, זאָלסט אָנקוקן אויף אַ טשיקאַוועסט, אַ חברה־מאַן בײַ אַ גרויסן טיש (דאָרטן הייסט עס אַ „דעסקע״), פֿאַרוואַלגערט מיט גאַזעטן פֿון דער גאָרער וועלט, און אַ שער האַלט ער אין די הענט און שנײַדט ווי אַן אמתער חיט (דאָרטן הייסט עס אַן „אַפּרייטער״) און אַקעגן אים זיצט אַ בחור מיט רויטע פּיסקעס, אויך מיט אַ שערל אין האַנט, איבער אַ מעשׂה־ביכל, כ'וואָלט געמעגט שווערן — אַ באַקאַנט ביכל פֿון יענע מינים ביכלעך, פֿון שמ״רס ראָ־מאַנען; דער בחור מיט די פּיסקעס קוקט זיך אַרײַן אין ביכל, קײַט בעת־מעשׂה עפּעס אַן עסנדיקס און שנײַדט מיטן שערל דאָ אַ בלעטל און דאָרט אַ בלעטל — און פֿאַרטיק בײַ אים אויף מאָרגן אַ שטיק ראָמאַן! „ע־ע־ע — טראַכט איך מיר — אַבי איך וויס נאָר ווי אַזוי — די קונץ קען איך דאָך בעסער פֿון דיר!...״ און כ'בין אַוועק אין מאַרק (דאָרטן הייסט עס „מאַרקעט״) און האָב מיר געגעבן אַ קויף איין אַ גאַנצן טראַנספּאָרט מיט סחורה, מעשׂה־ביכלעך פֿון כּל מאַמינים שהוא און האָב מיך געגעבן אַ נעם צו דער אַרבעט אויפֿן אַמעריקאַנישן שטייגער: איבערניצעווען אַלטע טראַנטעס, מאַכן פֿון צוויי־דרײַ אַלטע מעשׂיות איינע

אַ נײַע, אַ פֿאַרדרייעניש, אַ פֿאַרפּלאָנטערניש מיט אַ שרײַענדיקן קעפּל — הכּלל, עס איז בײַ מיר אַוועק אָן עין־הרע, ווי אַ מיזמור! קאָנסט פֿאַרשטיין, אַז כ׳האָב שוין געאַרבעט פֿאַר דרײַ פּייפּערס מיט אַ מאָל, געווינטלעך, אומעטום אונטער אַן אַנדער נאָמען. וואָס טוט גאָט? — גייען די ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע און ברעכן אויס אַ שטרײַק! זינט קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע און זינט די וועלט שטייט איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין ערגעץ, אַז ייִדישע שרײַבערס זאָלן גאָר מאַכן אַ שטרײַק! נאָר מײַן מזל — אַז מנחם־מענדל ווערט מיט גאָטס הילף אַ שטיקל שרײַבער און האָט פּרנסה בכּבוד און קאָן שוין שיקן אַהיים אַ פּאָר דאָלערס, פֿאַרגלוסט זיך זיי מאַכן אַ שטרײַק! קום איך צו גיין אין איין רעדאַקציע, די אַנדערע, די דריטע, זאָגן זיי צו מיר, די בעלי־בתּים הייסט עס (דאָרטן רופֿט מען זיי „באָסעס”): „וואָס קערט זיך אָן מיט אײַך, רב מנחם־מענדל, שטרײַק־שמײַק? וואָס פֿאַר אַ מחותּן, זאָגן זיי, זענט איר מיט די יונ־גאַטשעס, די שטרײַקערערס? איר טוט אײַך, זאָגן זיי, אײַער אַרבעט. איר קאָנט אַדרבא, זאָגן זיי, אין אַזאַ בהלה נאָך מער מרוויח זײַן”... איז דאָך גוט, אַיאָ? עפֿנט זיך אויף בײַ מיר די טיר און עס קומען אַרײַן צוויי יונגע־לײַט, אויך אַזעלכע בעלי־מלאָכות ווי איך, רעכטע קלאַפּערס, און רופֿן זיך אָן צו מיר כהאי לישנא: „מיר זענען געשיקט צו אײַך, מיסטער מנחם־מענדל, פֿון דער נײַער יוניאָן פֿון דער שרײַבערײַ, אַז איר זאָלט מוחל זײַן, זאָגן זיי, אַוועקלייגן שער־און־אײַזן און ניט דערוועגן זיך, זאָגן זיי, אין דער גאַנצער צײַט פֿון אונדזער שטרײַק אָנשרײַבן אַפֿילו אַ וואָרט! און באַם, זאָגן זיי, איר וועט ניט פֿאָלגן און וועט זיך יאָ פּרוּוון שרײַבן, וועט אײַך אונדזער שרײַבערישער צעך באַטראַכטן ווי אַ שטרײַקברעכער, און אַ שטרײַקברעכער, זאָגן זיי, ברעכט מען די ביינער! אַזוי איז דאָ, זאָגן זיי, בײַ אונדז אין אַמעריקע, דער מינהג...” דערהערט אַזעלכע דיבורים, זאָג איך צו זיי אויף זייער לשון: אָלרײַט! אויף אונדזער לשון וועט דאָס הייסן: שמעתּי...

הקיצור, צו וואָס זאָל איך דיר לאַנג מאריך זײַן, זוגתי היקרה, איך האָב געזען, דאָס שפּיל איז פֿאַרן טײַוול, מען דאַרף זיך אָפּגעזעגענען מיט דער פּען. און דערווײַלע די צײַט שטייט ניט, אַ וואָך און אַ וואָך, אין בײַטעלע טאָגט, עס ווערן צעגאַנגען די פּאָר דאָלערס, וואָס וועט זײַן דער תּכלית? און ווי אויף להכעיס האָט די מלאָכה פֿון שרײַבערײַ מיר פֿאַליובעט, איך קאָן מיך שוין צו קיין אַנדער אַרבעט מער ניט נעמען — גענוג שוין אויסגעריסן געוואָרן! — און דאָ לאָזט זיך הערן פֿון דער היים אַ קול: „אַמעניסטיע! אַמעניסטיע!”

וואָס איז דער פּשט — יידן וועלן באַקומען אַלע „ראַוונעפּראַוויעס“ — שאַ, ווי באַלד אַזוי, וואָס מיר אַמעריקע? טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, טראַכט איך מיר, איך זאָל פאַרקערעווען דעם דישל און זיך לאָזן איבערן ים צוריק אַהיים? וואָרעם ווי באַלד אַז מען שמועסט שוין פון „ראַוונעפּראַוויעס“, איז דאָך גאָר אַנדערע דיבורים מיט אַנדערע „פּאַסטראַיקעס“!.. הקיצור, איך האָב מיך אָפּגעזעגנט מיט קאָלומבוסן און מיט זיין פרייער מדינה, לאָז זי זיך שטיין געזונטערהייט ביז משיח וועט קומען, — וואָרעם וואָס איז דאָס פאַר אַ פרייהייט, אַז אַ ייִד וויל פרנסה, שיקט מען אים זאָגן, אַז ער איז אַ שטרייקברעכער און מ׳וועט אים ברעכן די ביינער? — און איך האָב מיר געקויפט אַ שיפקאַרטע, זיך אויפגעזעצט און — מאַרש צוריק, מיט דער דעה, אַז איך זאָל פאָרן גלייך אַהיים טאַקע, קיין כתרילעווקע הייסט עס. נאָר ביז איך בין אַריבער בשלום דעם ים און דערנאָך די גרענעץ, און אַ פּאַס האָב איך דאָך געהאַט אַ מכה, בין איך אויסגעשטאַנען אַ שיין ביסל צרות. ביני־לבינו האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע „ראַוונעפּראַוויעס“ אַ טייך, מער ניט נאָר די 300־רובלדיקע שטראָף, — אי דאָס איז אַ גרויסע סברה, אַז מ׳האָט די 300 רובל אויך ניט אַראָפּגענומען — אָט האָסטו דיר ייִדישע גליקן מיט ייִדישע ישועות ונחמות!... ווי באַלד אַזוי, הייַנט וואָס וועל איך טאָן אין דער היים, אַז איך האָב אויף זיך צוויי פּעקלעך. איין ברודער איז ביי מיר, ווי דו ווייסט, נחמיה עליו־השלום, געשטאָרבן נאָך ווייס איך ווען און מ׳האָט אים פאַרגעסן אויסצושרייבן פון די מעטריקעס, און דעם אַנדערן ברודער האָט מען על־פּי טעות פאַרשריבן פאַר אַ זכר, כאָטש ער איז גאָר אַ נקבה, מיין שוועסטער סאָסי, וואָס דער שיינער ראַבינער האָט זי פאַרשריבן יאָסי. איצט זוכט מען זי מסתמא, וועל איך נאָך דאַרפן אָפּזיצן פאַר די צוויי מאָל 300 רובל שטראָף — נאָר דאָס פעלט מיר! הקיצור, זוגתי היקרה, דו וועסט מיר אַליין זאָגן, אַז כ׳האָב גלייך געטאָן, וואָס כ׳בין ניט געפאָרן אַהיים און האָב אָפּגעדעקעוועט בעסער אַהער קיין וואַרשע. ובפרט, אַז דו וועסט איבערלייענען דעם גאַנצן בריוו ביזן סוף, וועסטו ערשט דעמאָלט אַרויסזען, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און ווי אַזוי ער פירט, אַזוי איז גוט. איך וועל דיך בעטן נאָר איין זאַך: זאָלסט ניט האָבן אויף מיר קיין תרעומות, ניט נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן און אויסהערן מיך ביזן סוף.

אַז כ׳בין געקומען קיין וואַרשע, בין איך געקומען נקי, זאָלסט זאָגן אַ פרוטה ביי דער נשמה! די שטאָט איז קיין עין־הרע אַ גרויסע שטאָט, מענטשן אַ סך, אַ טומל, אַ הו־האַ, אַלע לויפן, אַלע טוען געשעפט, כמעט ווי להבדיל דאָרט אין

אַמעריקע, נאָר איך איינער דריי מיך אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט און נאָך אַ ניכ־טערער דערצו. און דאָ ציט מיך דאָס האַרץ דווקא צו מײַן שרײַבערישע מלאָכה, וואָס איך בין שוין צו איר אַזוי געוווינט געוואָרן, אַז ממש כלות־הנפש! וואָס טוט מען! איז מען דאָך צווישן ייִדן אחינו בני־ישׂראל, הייב איך מיך אָן צו פֿרעגן זיך, צי ווייסט איר ניט ייִדישע קינדער, ווו איז דאָ ערגעץ בײַ אײַך דער גרעסטער פייפער? קוקן זיי מיך אָן: וואָס פֿאַר אַ פייפער? גיב איך זיי צו פֿאַר־שטיין, אַז פײַפער איז דער טײַטש אַ גאַזעט. זאָגן זיי: „האָט איר דאָך געקאָנט זאָגן גלײַך אַ גאַזעט". זאָג איך: „איך בין ניט שולדיק, איך קום פֿון אַמעריקע קום איך, און דאָרט איז, זאָג איך, אַזאַ לשון, אַז גאַזעט איז בײַ זיי אַ פײַפּער". זאָגן זיי: „אַ פאַסקודנע לשון!" זאָג איך צו זיי: „אַ פאַסקודנע ניט אַ פאַסקודנע, זאָגט מיר בעסער, ווו איז דאָ בײַ אײַך דער גרעסטער פײַפער — טפֿו! מיין איך, די גרעסטע גאַזעט?" גייען זיי און ווײַזן מיר אָן אויף אַ הויף: „אָט דאָ האָט איר אײַך, זאָגן זיי, די רעדאַקציע פֿון דער סאַמע גרעסטער צײַטונג". איך קוק אַרום: אָט אַ דאָ אָ איז די גרעסטע צײַטונג? גאָר גלײַך ווי אין אַמעריקע, ס'זאָל פֿעלן אַ האָר! אין אַמעריקע זאָלסט זען אַ רעדאַקציע — אַ מויער אין 12 גאָרנס, מיט גאָלדענע אותיות און מיטן גאַנצן קנאַק! און דאָ גאָרניט, אַ הויף ווי אַלע הויפֿן. אַ שטוב ווי אַלע שטיבער. איך קום אַרײַן אינעווייניק, אין דער סאַמע רעדאַקציע הייסט עס, — אַ פֿולע שטוב מיט ייִדן. פֿרעג איך: „ווער איז דאָ צווישן אײַך דער אַדיטער — טפֿו! — מיין איך, דער רעדאַקטאָר?" קוקן זיי מיך אָן און מאַכן צו מיר: „וואָס דאַרפֿט איר? איר ווילט אַ גאַזעט, צי מכוח אַנאָנסן?" זאָג איך: „איך וויל ניט קיין גאַזעט און דאַרף ניט קיין אַנאָנסן. איך דאַרף, זאָג איך, צום אַדיטער — טפֿו! — מיין איך, צום רעדאַקטאָר". קוקן זיי זיך איבער עפּעס מאָדנע, טראַכטן זיך אַ פּנים: „וואָס קאָן אַזאַ ייִדל דאַרפֿן צום רעדאַקטאָר?" און זיי רופֿן זיך אָן צו מיר פֿון דעסטוועגן גאַנץ פֿרײַנדלעך: „זיצט, אָט באַלד קומט דער רעדאַקטאָר!" זיץ איך מיר אין געהאַקטע ווונדער, וואָרעם מי יודע, טראַכט איך מיר, צי וועל איך דאָ עפּעס פּועלן? און ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ מענטש ער איז, דער רעדאַקטאָר הייסט עס, און איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דאָס דאַרף זײַן מסתמא עפּעס אַ קנאַקער, ווי יענע, די אַמעריקאַנער קנאַקערס מיט די גראָבע בײַכער און מיט די אַוטאָמאָבילן, און מיטן „אָלרײַט". צום סוף, זאָלסט זען, קומט צו צו מיר עפּעס איינער, מיט אַ שפּיציק בערדל, נעמט מיך דורך מיטן קוק און מאַכט צו מיר: „וואָס דאַרפֿט איר?" טראַכט איך מיר: וואָס וויל דער? און איך רוף מיך אָן צו אים: „וואָס גייט אײַך אָן וואָס איך

דארף?" ווערט ער שוין בייזלעך און מאַכט צו מיר: „זאָגט, פּעטער, וואָס איר דאַרפֿט, וואָרעם דאָ האָט מען קיין צײַט ניט". „ווי אין אַמעריקע", זאָג איך. דאָרט האָט מען אויך קיין מאָל קיין צײַט ניט. „הרי את" הייסט עס דאָרט אויף זייער לשון... איך דאַרף, זאָג איך, אייגנטלעך גאָרניט, איך דאַרף האָבן צום אַדי־טער — טפֿו — מײַן איך, צום רעדאַקטאָר". טוט ער אַ שמייכל און מאַכט צו מיר, נאָך אַלץ סטראָגע: „דאָס בין איך דער רעדאַקטאָר. וואָס'ט איר זאָגן? ווער זײַט איר?" „ווער איך בין? — זאָג איך — איך בין אַ ייִד פֿון כתרילעווקע בין איך. דאָס הייסט אַליין בין איך אייגנטלעך, זאָג איך, אַ מאַזעפּעווקער, נאָר אין כתרי־לעווקע שטיי איך אײַן פֿאַר אַן אײדעם, זאָג איך; אַ צײַט געהאַנדלט אין יעהופּעץ, זאָג איך, נאָר איצט קום איך פֿון אַמעריקע און מײַן נאָמען, זאָג איך, ווייס איך ניט צי איר וועט קענען, איך הייס מנחם־מענדל הייס איך..." ווי כ'האָב נאָר אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט זיך דאָס בייזע פּנים פֿונעם רעדאַק־טאָר מיט אַ מאָל איבערגעביטן און ער רופֿט זיך אָן צו מיר שוין גאָר מיט אַן אַנדער נוסח: „אַזוי? זענט איר עס הייסט עס טאַקע אָט דער מנחם־מענדל טאַקע? נאָט זשע אײַך אָפּעט שלום, רב מנחם־מענדל. וואָס מאַכט איר אין געזונט? און ווי גייטס אײַך אין די געשעפֿטן? און וואָס טוט איר הי? וואָס שטייט איר? פֿאַר וואָס זיצט איר ניט? אָדער שאַ, ווייסט איר וואָס? קומט אַהער צו מיר אין קאַבינעט. עה! הערבאַטע! — טוט ער אַ קאָמאַנדעווע אויס אויף פּויליש — טיי זאָל זײַן! צוויי גלעזער טיי! מיט פֿאַרבײַסן!..."

און וואָס זאָל איך דיר לאַנג מאַריך זײַן, זוגתי היקרה, טאַקע נאָר חידושים, נפֿלאות הבורא און גענוג! איידער איך האָב נאָך אויסדערציילט אים אין גאַנצן וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין דעם אַמעריקע, איידער איך האָב אים נאָך אַפֿילו מזכיר געווען, אַז איך וויל בײַ אים אַ דינסט אָדער אַן אַרבעט, טאָמער וועל איך עפּעס פֿאַרדינען, פֿאַרכאַפּט ער פּריִער און מאַכט צו מיר בזה־הלשון, איך גיב דיר איבער איטלעכס וואָרט, בכדי זאָלסט זען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן: „הערט זשע אויס רב מנחם־מענדל, זאָגט ער צו מיר און גלעט זיך בײַם בערדל און דער קאָפּ בײַ אים אַרבעט קענטיק און דער מוח טראַגט־טראַגט — הערט מיך אויס, נאָר מיט קאָפּ. איך האָב פֿאַר אײַך, זאָגט ער, אַ פּלאַן, גאָר אַ גרויסן פּלאַן, ס'זאָל זײַן גוט פֿאַר אײַך און פֿאַר מיר און פֿאַר אונדז אַלעמען. איר זוכט, זאָגט ער, פּרנסה, איר ווילט, פֿאַרשטיי איך, אַרבעטן? איך וועל אײַך געבן, זאָגט ער, אַן אַרבעט, אָט האָט איר, זאָגט ער, אַ טיש, אַ טינט און אַ פּען און פּאַפּיר, זעצט זיך אַוועק, זאָגט ער, און שרײַבט..." רבונו־

של־עולם, — טראַכט איך מיר — ס'איז דאָך עפּעס טאַקע נאָר מן השמים! און איך רוף מיך אָן צו אים: „וואָס ווילט איר, זאָג איך, זאָל איך אײַך שרײַבן — ראָמאַנען?“ ווערט ער שוין ווידער בייזלעך און פֿאַרוואָרפֿט מיט די הענט און פֿיס: „ניין־ניין! נאָר ניט קיין ראָמאַנען! ראָמאַנען האָבן מיר, זאָגט ער, די־והותר!... איר שרײַבט אײַך, זאָגט ער, אײַערע בריוועלעך, למשל, ווען מיר זאָגן, צו אײַער ווײַב, איין מאָל אַ וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, ווי איר זענט אײַך געוווינט געוואָרן. אײַער נאָמען, זאָגט ער, איז באַקאַנט (הערסט ווערטער?), אײַערע בריוולעך, זאָגט ער, האָבן אַ שם (געפֿעלט דיר דיבורים?), איר שרײַבט אײַך, זאָגט ער, אײַערע בריוולעך און איידער איר שיקט זיי אַוועק, זאָגט ער, אויף דער פּאָסט, וועל איך מיר דערווײַל זיי געבן אַ דרוק אָפּ בײַ מיר אין בלאַט אָט ווי זיי שטייען און גייען — האָט איר עס צעקײַעט?“ אַזוי טאַקע, מיט די ווערטער, מאַכט ער צו מיר, דער רעדאַקטאָר הייסט עס, און נעמט מיך דורך מיטן קוק און איך טראַכט מיר בעת־מעשׂה: אויף אַלצדינג איז דאָ אַ צײַט. געקומען אַ צײַט אויף מנחם־מענדלס בריוולעך אויך... נאָר פֿון דעסטוועגן ברעקל איך מיך נאָך אַ ביסל און רוף מיך אָן צו אים: „אַלרײַט — טפֿו — מיין איך, מהיכא־תּיתי, איר ווילט, זאָג איך, דרוקן מײַנע בריוולעך, דרוקט זיי. איר וועט דאָך אָבער וועלן, זאָג איך, אַז איך זאָל אין מײַנע בריוולעך מי יודע...“ לאָזט ער מיך ניט קינטשען און זאָגט צו מיר: „ניין! אַדרבה! אָט ווי איר שרײַבט אַלע מאָל צו אײַער שיינע־שיינדלען, אַזוי שרײַבט איר אײַך איצט אויך אָט פֿון וואָס אײַער האַרץ גלוסט: פֿון פּאָליטיקע, פֿון מלחמות, פֿון גזרות, פֿון צרות, פֿון געשעפֿט, פֿון וועלט, פֿון מענטשן, און וואָס איר הערט און וואָס איר זעט, און וואָס איר לייענט, און וואָס איר ווייסט זאָלט איר אײַך שרײַבן. הכּלל, איר זאָלט אײַך, זאָגט ער, גאָרניט סטעסניאַיען, ווי בײַ זיך אין דער היים. און איך — מאַכט ער צו מיר שוין פֿרײַנדלעך און רײַבט זיך אַ האַנט אָן אַ האַנט — איך וועל אײַך אם־ירצה־השם דערפֿאַר שיין באַלוינען...“ „דהײַנו?“, זאָג איך. דהײַנו — זאָגט ער — איר וועט בײַ מיר האָבן עסן און טרינקען, אַ בגד ללבוש און פּאַפּיראָסן אויף צו רייכערן און קליינגעלט אין קעשענע אויף אַרײַנצוקומען אַלע טאָג, למשל, אין אַ מלע־טשאַרני פֿאַרברענגען מיט אַ מענטשן בײַ אַ גלעזל קאַווע, און אַלצדינג וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן. און אַזוי ווי עס גייט, זאָגט ער, צו פּסח, און אײַער שיינע־שיינדל קוקט מסתּמא אַרויס אויף ממתּקים, וועל איך, זאָגט ער, הייסן מ'זאָל איר עד־לחשבון אַרויסשיקן דערווײַל אַ הונדערטער...“

דאָ האָט זיך מיר אַזש, זוגתי היקרה, דער קאָפּ פֿאַרדרייט! איך האָב

געמיינט, ס׳איז עפּעס נאָר אַ חלום און געגוג! ס׳איז אָבער ניט געווען קיין חלום. איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אויגן, ווי ער האָט דיר אַרויסגעשיקט אַ הונדערטער. איך זאָל שוין אַזוי זען איך גיכן אַל דעם גוטס בײַ דיר און בײַ אונדזערע קינדער, אָמן רבונו־של־עולם! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — איך האָב נאָר וואָס פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך געגעבן אַ נעם צו דער אַרבעט — לכן מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. דערווײַל זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו און גריס די שווער־און־שוויגער און דער גאַנצער משפּחה איטלעכן באַזונדער זאָלסטו לאָזן גריסן גאָר פֿרײַנדלעך!

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי. אַ תּנאַי האָב איך אויסגענומען מיטן רעדאַקטאָר, אַז דרוקן קאָן ער נאָר מײַנע בריוולעך וואָס איך שרײַב צו דיר, נאָר ניט דײַנע בריוולעך וואָס דו שרײַבסט צו מיר, מחמת דו ביסט אַ ספּילשליוועס, האָב איך אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, און כאַפּסט זיך אַרויס אַ מאָל מיט אַ האַרב וואָרט... האָט ער מיר צוגעזאָגט. על־כּן, קאָנסטו מיר שרײַבן וואָס דו ווילסט און זאָלסט גאָרניט מורא האָבן, ס׳וועט זיי חוץ מיר קיינער ניט לייענען. רק איך בעט דיך, זוגתי היקרה, זאָלסט זיך ניט אָפּעסן שטאַרק דאָס האַרץ, כּי דו זעסט דאָך אַליין, אַז גאָט וויל ניט איך זאָל זײַן אַ כּתרילעווקער גלײַך מיט אַלע כּתרילעווקער. כאָטש ער איז יודע דעם אמת, ווי עס ציט מיר אַהין דווקא צו אײַך קיין כּתרילעווקע, און ווער שמועסט זינט איך בין געווען אין דער אַמע־ריקע און האָב מיך צוגעקוקט צום דאָזיקן לאַנד און צו יענע מענטשן, איז דײַן כּתרילעווקע געוואָרן בײַ מיר טײַערער מיט גײַן און ניינציק פּראָצענט, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן באמת.

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

2

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז אַ כּפּרה דאָס גאָלדענע לאַנד אַמע־ריקע מיט איר קאָלומבוסן און מיט איר פֿרײַהייט און מיט איר אָלרײַט און מיט אירע הויכע מויערן ביז דער כמאַרע און מיט אירע ביזנעס — עס גייט מיר דאָ בעזרת השם־יתברך פֿיל בעסער ווי אין אַמעריקע, הלוואי ווײַטער ניט ערגער. דהײַנו: דאָ שטייסטו דיר אויף אין דער פֿרי, דאַוונסט דיר אָפּ און כאַפּסט עפּעס איבער, נעמסט דאָס שטעקל און גייסט דיר אַוועק גלײַך אויף דער סלוזשבע אין דער רעדאַקציע אַרײַן. געקומען אין דער רעדאַקציע, טראָגט מען דיר אַקעגן דעם גוט־מאָרגן פֿון אַלע זײַטן: „אַ גוט־מאָרגן אײַך, רב מנחם־מענדל!" — „גוט־מאָרגן, גוט־יאָר". און דו גייסט דיר צו גלײַך צו דײַן טישל און דו זעצסט זיך אַוועק צו דער אַרבעט — זיך פֿאַרנעמען מיט „פּאָליטיקע". וועסטו דאָך פֿרעגן מסתּמא, ווי אַזוי פֿאַרנעמט מען זיך דאָס מיט פּאָליטיקע? באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן, בכדי זאָלסט פֿאַרשטיין אַקוראַט ווי עס געהער צו זײַן. ראשית־חכמה הייסטו דיר דערלאַנגען טיי, ברענגט דיר דער גוי אַרײַנצוטראָגן טיי און פּאַפּיראָסן כּיד־המלך, און גאַזעטן ליגן שוין דאָרטן צוגעגרייט פֿון דײַנט וועגן נאָך פֿון כּאור אַזאַ באַרג, אַז אין כּתרילעווקע וואָלט דאָס דיר געווען גענוג אויף אַ יאָר צו לייענען. ניט מער וואָס דו ביסט ניט מעשׂה־מחויב אַלצדינג איבערצולייענען. דו באַדאַרפֿסט אַרויס־כאַפּן פֿון דאָרט נאָר דעם תּמצית, דאָס וואָס דיך קאָן אינטערעסירן און ס׳האָט אַ ווערדע. און וואָס קאָן הײַנט האָבן אַ ווערדע, אַחוץ מלחמה? די מלחמה — דאָס איז דאָך דער עיקר. אַ ייִד עפֿנט אויף די אויגן איז דאָס ערשטע: וואָס הערט מען עפּעס פֿון דער מלחמה? וואָס שרײַבט מען אים פֿון קאָנסטאַנטי־נאָפּעל, פֿון סאָפֿיע, פֿון בעלגעראַד און פֿון סקעטאָריע? איך האָב מיך דאָ אין

די פּאָר וואָכן, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַזוי אַנגעלייענט וועגן דער מלחמה, וואָס די סלאַוויאַנער פֿירן מיטן טערק, אַז בײַ נאַכט חלומט זיך מיר שוין ניט קיין זאַך אַחוץ בלויע הויזן, רויטע יאַרמלקעס, האַלבע לבנה, אַדרינאָפּל, סקע־טאַריע, טשאַלאַמאַנדזשאַ און נאָך אַזעלכע ווילדע נעמען, וואָס אַ גוי אויפֿן ניכטערן האַרצן וועט זיי זיכער ניט קענען אַרויסרעדן. און דאָס פֿאַרשטייסטו שוין אַליין מסתמא, אַז קיינער איז אַזוי ניט קלאָר ווי דײַן מנחם־מענדל אין דער גאַנצער פּאָליטיקע און אינעם גאַנצן גאַנג פֿון דער דאָזיקער מלחמה, וואָס דער טערק האָט געגומען און האָט זיך אַליין אָפּגעקוילעט בידים, וואָרעם ווען למשל ער פֿרעגט מיך, דער טערק הייסט עס, וואָלט איך אים בשום־אופֿן ניט דערלאָזט צו אַזאַ מפּלה! איך וואָלט אים לכתחילה געגעבן אַן עצה, דעם פֿעטער ישמעאל, ער זאָל דורכקומען מיט זיי בעסער מיט גוטן. מיט עטלעכע חדשים פֿריִער האָט ער עס געהאַט ביִד אָפּצומאַכן פֿאַר אַ דבר שבוש. איך בין זיכער, אַזוי ווי עס איז הײַנט חול־המועד פּסח אויף דער גאַנצער וועלט, אַז עס וואָלט קיין מאָל ניט דערגאַנגען צו אַדרינאָפּל, כאָטש יעדער פֿון די פֿיר סלאַוויאַנער מלכים האָט זיך באַרימט, אַז ער וועט דאָרטן יום־טוב האַלטן: דער בולגאַר זיך, דער סערב זיך, דער גרעק זיך און אַפֿילו דער קבצן פֿון מאָנטענעגערע האָט אויך באַקומען לשון. אַ נס, וואָס די הויכע פֿענצטער האָבן זיך באַצײַטנס אַרײַנגעמישט און מוסר־מודעה געווען דעם דאָזיקן קנאַקער פֿון מאָנטענעגערע עס זאָל זיך אים אויפֿהערן חלומען פֿייגעלעך און אַז ער זאָל מאַכן אַ טריט־אָפּ פֿון סקעטאַריע באַצײַטנס און באַם לאַוו — ווייס ער שוין אַליין וואָס... דאָס באַדאַרף ער שוין אַליין פֿאַרשטיין פֿון די שיפֿלעך מיט די קאַנאָנען, וואָס די הויכע פֿענצטער האָבן אים אַרויסגעשטעלט גלאַט אַזוי, פֿון דרך־שלום וועגן... די דאָזיקע שיפֿלעך זענען בעצם דײַטשע, פֿראַנצייזישע און ענגלישע שיפֿלעך, נאָר שטאַמען שטאַמט עס פֿון „אונדז", דאָס הייסט „מיר" האָבן אַליין קיין איינציק שיפֿל נאָך ניט אַרויסגעשיקט, מחמת „מיר" האָבן ניט אין יענע מקומות נאָענט קיין שיפֿן, און אַז מ'האָט ניט קיין פֿינגער, זאָגט די מאַמע דײַנע, קאָן מען קיין פֿײַג ניט שטעלן. נאָר ס'מאַכט ניט אויס, „מיר" האָבן אָבער דערפֿאַר גוטע געדאַנקען. דערזען שיפֿלעך מיט אַרויסגע־שטעלטע האַרמאַטן, האָט זיך אָבער דער מאָנטענעגערער קנאַקער וויניק דער־שראָקן פֿאַר דעם קאָפּוליער אַנצוהערעניש און פֿאַרלאָזט זיך אויף „יִחוס־בנות"... דערווײַל האָט ער זיך שוין אין סקעטאַריע אַרײַנגעכאַפּט און איז דאָרט געוואָרן גאָר מעשׂה בעל־הבית. נאָר עס מאַכט ניט אויס — אין גיכן

וועט מען אים מסתמא בעטן מחילה. ווי די מעשׂה איז, פֿאַר די הויכע פּענצטער האָט מען דאָך דרך־ארץ, און ווען ניט דאָס וואָלטן די סלאַוויאַנער חברה־לײַט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט איבער טשאַלאַמאַנדזשאַ (אַנו, לאָז אַ גוי אויסרעדן אַזאַ נאָמען!) און וואָלטן שוין לאַנג געווען אין סטאַמבול. און איך וועל דיר זאָגן, זוגתי היקרה, דעם ריינעם אמת, איך האָב טאַקע מורא פֿאַרן בולגאַר, ער זאָל זיך חס־ושלום ניט אַרײַנכאַפּן סוף־כּל־סוף קײַן סטאַמבול, וואָרעם אָפּשטעלן זיך טאָר ער ניט, ער מוז קריכן ווײַטער און ווײַטער... אײַ וואָס וועט זײַן נאָכדעם? טאָמער וועלן גאָר די הויכע פּענצטער אַליין וועלן פֿאַר זיך סטאַמבול? און וועלן דאָך מסתמא געוויס וועלן, וואָרעם פֿאַר וואָס זאָלן זיי ניט וועלן? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, וואָס וועלן מיר זאָגן, אַז ס'וועט קומען צו די דאַרדאַנעלן. ווי קאָנען „מיר" זיך באַגיין אָן די דאַרדאַנעלן? „מיר" וועלן דען שווײַגן? — דאָס איז אַחוץ אַ מעשׂה. דערפֿון קאָן ערשט אַרויס־שפּרינגען די אמתע מלחמה צווישן די הויכע פּענצטער גופֿא: „מיר" מיטן פֿראַנצויז מיטן ענגלענדער פֿון איין צד, און דער דײַטש מיט פֿראַנץ־יוספֿן מיט דעם איטאַליענער פֿון דעם אַנדערן צד. בײַ אַזאַ חתונה וואָלטן שוין די סלאַוויאַנער באַקומען דאָס וואָס פּרעה האָט באַקומען אין מצרים, נאָר דעם טערק וואָלט שוין אויך געווען אַז אָך און ווי צו זײַן רויטער יאַרמלקע. זײַן גאַנץ אומגליק, זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, איז נאָר דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ קיינער, ווער ס'זאָל אים געבן אַן עצה. ווייסטו וואָס אים פֿעלט? אים פֿעלט אַ מעקלער. אַ רעכטער מעקלער ווען ער מישט זיך אַרײַן באַצײַטנס, ווערט גאָר אַנדערש. דאָס אייגענע איז געווען בײַם פֿעטער פּיני מיט דער מומע רייזע. עס זאָלן זיך ניט געווען אַרײַנמישן דעמאָלט די צוויי מעקלערס, וויטי פֿון איין זײַט און רוזענוועלט פֿון דער אַנדערער זײַט — מי יודע וואָס עס וואָלט געווען... וויפֿל די דאָזיקע צוויי מעקלערס האָבן בײַם דאָזיקן געשעפֿט געכאַפּט, וועל איך דיר ניט זאָגן, איך בין דערבײַ ניט געווען. דערלייגט האָבן זיי געוויס ניט. דאָס בין איך מיר משער על־פּי סברה, איך בין דאָך אַליין געווען ניט הײַנט געדאַכט אַ מעקלער אויף דער בערזע, און אויף דער בערזע איז אַ כּלל, אַז סוחרים ווערן אַ מאָל באַגראָבן, נאָר אַ מעקלער דערלייגט קיין מאָל ניט.

אַציינד, זוגתי היקרה, אַז איך האָב דיר שוין אַ ביסל קלאָר געמאַכט, וואָס איז אַזעלכעס „פּאָליטיקע", דאַרף מען דיר באַשרײַבן ווײַטער ווי אַזוי איך פֿאַרברענג דעם טאָג בײַ מײַן איצטיקער נײַער סלושבע.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער פּאָליטיקע, דאָס הייסט אָנגעלייענט זיך ווי

אַ פויק מיט צימבלען און אַנגעריכערט זיך מיט פּאַפּיראָסן, נעם איך מיר דאָס שטעקל און גיי מיר אין מיַין מלעטשאַרניע טרינקען אַ גלעזל קאַווע און רעדן מיט אַ מענטשן. און מיַין מלעטשאַרניע איז אויף די נאַלעווקעס ביַי כאַסקל קאַטיק. פֿאַר וואָס עפּעס ביַי כאַסקל קאַטיק? אויף צו להכעיס דעם פּאַליאַק! פּאַליאַק האָט דאָ אַרויסגעלייגט אַ חרם אויף די ייִדן, בויקאָט האָבן זיי דאָס אַ נאָמען געגעבן, „סוואַי דאָ סוועגאָ“, דאָס הייסט מ׳זאָל ביַי ייִדן ניט קויפֿן, ניט פֿאַרקויפֿן, ניט האָבן קיין שום מגע־משׂא מיט אַ ייִדן. איז ווי באַלד אַז יאָ „סוואַי דאָ סוועגאָ“, פֿאַר וואָס זאָל איך אויך ניט גיין מיט דעם זעלבן גאַנג? איז אָבער אַ צרה מיט די היגע ייִדן, ס׳איז אַן עם לא היה! אַט וויַיל דער פּאַליאַק וויל אים ניט קענען, אַט וויַיל ער שפּיַיט אים אין פּנים און בויקאָטעוועט אים פֿון אַלע זיַיטן, קריכט ער דווקא אין דעם פּוילישן געזעלב, אין דער פּוילישער מלעטשאַרניע, אינעם פּוילישן טעאַטער, צום פּוילישן אַדוואָקאַט, צום פּוילישן דאָקטאָר. דער גוטער יאָר זאָל זיי וויסן די היגע ייִדן! מילא פֿון די גרויסע, פֿון די אַריסטאָקראַטן, וואָס רופֿן זיך אַן „משה רבינוס פּאַליאַקן“ — פֿון די רעד איך שוין גאָרניט. ביַי די איז גאָר אַ גאַנצער כבוד און אַ גדולה, אַז זיי זענען זוכה צו פֿירן זייערע טעכטער צו דער חופּה אין פּוילישן קאָשטשאָל... אַזעלכע ייִדן אַז זיי נעמען אײַן אַ מיתה־משונה פֿאַרן פּריץ, רעדן ניט קיין אַנדער לשון אַחוץ פּויליש, האַלטן אונטער דעם „דוואָגראָשע“, האָבן פֿיַינט אַ ייִדן און העלפֿן בויקאָטעווען ייִדן — איז קיין חידוש ניט. מ׳קען זיי שוין דאָ און מ׳האַלט זיי גאָר ניט פֿאַר קיין ייִדן. דאָס זענען ניט קיין ייִדן, ניט קיין פּאַליאַקן, נאָר עפּעס מינים טומטומס און אַנדריגונוסן. איך רעד פֿון די ייִדן וואָס מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט די קליינינטשקע קאַשקעטלעך, וואָס דאַווענען דאַווענט עס אין חסידים־שטיבל און ס׳פֿאָרט צום רבין — ווו איז זייער שׂכל, וואָס זיי זענען נאָך ביז אַהער ניט געפֿאַלן אָפּצופּענטפֿערן דעם שׂונא אויף זיַין פּוילישן „סוואַי דאָ סוועגאָ“ מיט אַ ייִדישן „סוואַי דאָ סוועגאָ“? דאַכט, מ׳דאַרף דערצו ניט האָבן קיין גרויסע בריהשאַפֿט און קיין סך געלט, נאָר איין קלעפּקע אין קאָפּ און איין טראָפּן האַנער אין האַרצן. צום סוף, זאָלסטו זען, פֿאַראַן ניט וויַיט פֿון וואַרשע אַ שטאָט, הייסט זי לאָדזש, אַ שטאָט מיט קיין עין־הרע אַ היפּש ביסל ייִדן זאָלן לעבן, זענען זיך מישב די דאָרטיקע ייִדישע פֿאַבריקאַנטשיקעס היַינטיקן ערב־פּסח און נעמען צו, גאָט אויף צו להכעיס, אין פֿאַבריאַד אַריַין באַקן מצות דווקא גויים, ניט קיין ייִדן — נו, פֿרעג איך דיך, זוגתי היקרה, נעמט דער רבונו־של־עולם און קערט

איבער צווי שטעט, סדום און עמורה, און אין לאָדזש האָט ער גאָר פֿאַרגעסן! איך ווייס, מ׳טאָר עס ניט זאָגן, נאָר אַז מ׳זעט ווי יידן אַליין בויקאָטעווען יידן אין אַזאַ צײַט, פֿאַרבאַקט עס ביים האַרצן! מיר זיצן אַוועק גוזמי גוזמאות אין צווייען, איך און כאַסקל קאַטיק, ביי אַ גלעזל קאַווע און שמועסן זיך אַלץ וועגן אחינו בני־ישראל, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט אויפֿטאָן אָט דאָ אין וואַרשע ביי דעם בויקאָט, ווען זיי זאָלן נאָר זײַן שטיקלעך מענטשן... און דער עיקר שמועסן מיר מכוח פּאָליטיקע. הײַנטיקע צײַטן, דאַרפֿסטו וויסן, גייט ניט אָן קיין שום שרײַבערײַ, אַחוץ פּאָליטיקע! ניט אומזיסט דאַנק איך גאָט אַלע טאָג, וואָס כ׳האָב מיך אַ נעם געטאָן אַקוראַט צו אַזאַ זאַך, וואָס מ׳דאַרף און וואָס מ׳האָט ליב און וואָס מ׳צאָלט דערפֿאַר געלט — אַ גאַנצבאַרער אַרטיקל... און צו גאָט אַ האָפֿענונג, איך וועל אין דער פּאָליטיקע עפּעס אויפֿטאָן אַ ביסל פֿאַר דער וועלט און אַ ביסל טאָקע פֿאַר זיך אַליין אויך. ס׳איז הײַנט אַזאַ צײַט, זוגתי היקרה, וואָס יעדער פֿאַר זיך! און דערצו קום איך דאָך עפּעס פֿון אַזאַ לאַנד, פֿון אַמעריקע! עס באַמבלען זיך מיר אין קאָפּ אַלערליי פּלאַנען און פּראָיעקטן. איין פּראָיעקט האָב איך גאָר אַ גרויסן, אַ גוואַלדיקן פּראָיעקט, וואָס ביי אַ שטיקעלע הצלחה, ווען דער אייבערשטער העלפֿט נאָר, קאָן איך אַזוי נתגדל ווערן, אַז ס׳זאָל טאָקע קלינגען מיט מיר די וועלט! נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — איך דאַרף נאָך לויפֿן אין דער רעדאַקציע לייענען דעפּעשן — מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. דערווײַל זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו, גריס דער שוויגער שתחיה און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: אַקעגן דעם וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געשמועסט, אַז יידן העלפֿן בויקאָטעווען יידן, גיבן בעסער צו פֿאַרדינען אַ גוי איידער אַן אייגענעם, ווילסטו הערן אַ מעשה, זוגתי היקרה, וואָס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן טאָקע דאָ אין וואַרשע: הײַנטיקן פֿאַרפּסח קומען צו פֿאָרן אַהער צו עפּעס רײַכע יידן, גאָר פֿון ראַדאָמישלע, און גיבן צו לייזן געלט. וואָס איז די מעשה? — זיי מאַכן חתונה אַ טאָכטער, באַדאַרף מען איר צוגרייטן אַ שליוב, נייען זײַדענע און סאַמעטענע מלבושים כיד־המלך — וועמען גיט מען צו פֿאַרדינען עטלעכע טויזנטער? יידישע נייטאָרינס? — זאָל דער אייבערשטער שומר־ומציל זײַן!

וואָס הייסט אַ ייִד וועט געבן צו פֿאַרדינען אַ ייִדן און נאָך קומען צו פֿאָרן אַהער קיין וואַרשע צוליב דעם פֿון אויס רייַסן, אַזש פֿון ראַדאָמישלע ? — האָסטו געהערט אַ ביסל !.. אַצינד זיץ איך און ברעך מיר דעם קאָפּ : ווער זאָלן דאָס אַ שטייגער זייַן אָט די ראַדאָמישלער נגידים, וואָס האָבן זיך אַזוי צעלאָזט, אויסגעפּייַנט און אַזוי קונה־שם געווען אויף דער וועלט, אַז מ׳שרייַבט אַזש וועגן זיי אויף די גאַזעטן ? — איך האָב מורא, אויב דאָס זענען ניט יענע ראַדאָמישלער לייַט, וואָס איך האָב אַ מאָל מיט זיי געהאַנדלט אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, ניט הייַנט געדאַכט, געמאַכט מיט זיי זאַוואָדלעך... אויב אַזוי, איז שוין רעכט. אויב דאָס זענען יענע ראַדאָמישלער גבירים, זענען זיי ניט נאָר גבירים־אַדירים מיליאָנערן, זיי זענען נאָך סאַדעגערער חסידים אויך. און ווי באַלד מ׳איז אַ ראַדאָמישלער און אַ מיליאָנער, און אַ חסיד, און נאָך אַ סאַדעגערער דערצו, איז דאָך גלאַט ניט שייך !..

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כתרילעווקע

3

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז דאָס עגמת־נפֿש וואָס איך האָב פֿונעם טערק איז אײַן־לשער! ממש איך עס ניט, איך שלאָף ניט, איך גיי אַרום אָן אַ קאָפּ. מ׳האָט זיך גענומען אויף אונדזער פֿעטער ישמעאל נעבעך, מ׳וויל אים דערגיין די יאָרן! שטעל דיר פֿאָר׳ אַז דאָס סקעטאַריע, וואָס איך האָב דיר געשריבן וועגן דעם, אַז די גאַנצע וועלט שטייט און קוקט אַרויס וואָס וועט זײַן מיט דעם, אַז דאָס דאָזיקע סקעטאַריע איז געפֿאַלן! און ווער מיינסטו האָט דאָס אײַנגענומען? דווקא דער מלך ניקאָלאַי פֿון מאָנטענעגערע. עפּעס טאָקע נאָר משיחס צײַטן און געגנוג! אַ מלך, גאָט זאָל ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, וואָס באַדאַרף הייצן די הרובע בײַם טערקישן סולטאַן, זאָלסטו זען ווי שׂרים און מלכים זענען געשטאַנען און געבעטן זיך בײַ אים, ווי מ׳בעט זיך בײַ אַ גזלן, פֿריַער מיט גוטן: „צו וואָס טויג דיר סקעטאַריע? צו וועלכע גוטע יאָר דאַרפֿסטו עס? נעם בעסער אין יד אַרײַן עטלעכע מיליאָן אָפּטרעטגעלט כּל־זמן מ׳גותנט, וועסטו בעסער מאַכן, וואָרעם די הויכע פֿענצטער וועלן ניט דערלאָזן, אַז אַ קליין מלוכהלע ווי מאָנטענעגערע זאָל זיך חלומען גאָר שטעט חרוב צו מאַכן, מיט מדינות אײַנעמען, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן...״ אַ קוק געטאָן אַז מיט גוטן העלפֿט ניט, האָט מען אָנגעהויבן מיט בייזן, געשריבן נאָטעס, אַרויסגעשטעלט אויף די ברעגעס פֿון אַלבאַניע, ווי איך האָב דיר שוין געהאָט געשריבן, עטלעכע פֿײַנע שיפֿלעך מיט האַרמאַטן. הקיצור, ער איז ווייכער געוואָרן, דער מלך פֿון מאָנטענעגערע, און גענומען זיך דינגען פֿאַרן מקח, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, און עס האָבן אָנגעהויבן פֿליִען דעפּעשן, אַז עס האַלט שוין טאָקע בײַ 20 מיליאָן, נאָר ער וויל 24! דערנאָך איז געוועזן אַ סלוך, אַז אַפֿילו ניט קיין 20 מיליאָן און אַפֿילו ניט קיין 15 — מ׳וועט דאָס מאַכן וועלוועלער, —

אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז פּלוצעם איז אָנגעקומען די גוטע ידיעה, אַז סקעטאָריע איז געפֿאַלן און אַז דער מלך פֿון מאָנטענעגערע איז אַרײַן אַהין צו מיט אַלע פּרינצן און מיטן גאַנצן קנאַק! ווּעסטו דאָך מיינען מסתּמא, אַז דאָס איז מי יודע וואָס פֿאַר אַ גיבור, אָדער ער פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל חיל, אָדער געלט אַ סך? — הערסטו! אָט דאָס איז דער פֿאַרדראָס, וואָס אַליין איז ער, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס! דאָס פֿאָלק פּגרט, זאָגט מען, דרײַ מאָל אַ טאָג פֿון הונגער אַחוץ ווּעטשערע, און די סאָלדאַטן גייען אָן פּאָדעשווּעס, האָבן אַ פֿײַג און ניט קיין קוילן אויף צו שיסן, און ווען ניט „מיר" זאָלן געווען, צווישן אונדז רעדנדיק, אונטערשמעלצן באַצײַטנס מיט אַ ביסל ברויט אויף צו אַכלען, מלבושים אויף צו טראָגן, הייצונג אויף צו הייצן און קוילן אויף צו שיסן, וואָלט ער שיין אויסגעזען צווישן די פֿעלקער!..

און איצט אַז די באַלקאַנער ז̇ענען אַרויס אַקעגן טערק מיט מלחמה האָט דער מיקיטאַ־ניקאָלאַי געמאַכט מיט זיי יד־אחת און איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען אין אַ פֿינצטערער נאַכט קעגן טערק, גאָר ניט צו זאָגן עמעצן אַ שלעכט וואָרט, כאָטש פֿון די הויכע פֿענצטער האָט מען אים נאָך דעמאָלט מוסר־מודעה געווען, ער ער זאָל ניט זײַן קיין קופּץ בראש... מיקיטאַ, מיין איך ניקאָלאַי איז אָבער ניט אַזאַ גוי, וואָס שרעקט זיך איבער פֿאַר אַזעלכע זאַכן. אין דער צײַט ווען די „שאַרפֿע מוחות" זענען געזעסן אין לאָנדאָן און פֿון די הויכע פֿענצטער האָט מען געשריבן נאָטעס, האָט ער זיך דערווײַלע געגריבלט און געגריבלט ביז ער האָט זיך דערגריבלט — און איצט איז ער אויפֿן פֿערד!... אוודאי איז דאָס פֿאַרן זקן פֿראַנץ־יוסף אַ פּאַטש אין פּנים! אַוודאי וועט דער אַלטער ניט שווײַגן און וועט זיך געבן אַ נעם צו די סערבן. פֿאַר וואָס עפּעס צו די סערבן? וואָרעם ווען ניט די סערבן וואָלט מיקיטאַ, מיין איך ניקאָלאַי שוין ניט אָנגעזען סקעטאָריע! כאָטש אַפֿילו די לצני הדור מורמלען אונטער — און איך האָב מורא אַז ס'איז אמת — אַז גאָר ניט די סערבן האָט ער צו פֿאַרדאַנקען, נאָר די טערקן אַליין, דאָס הייסט דעם טערקישן קאָמאַנדיר פֿון סקעטאָריע, רב סעד־פּאַשאַ, אַ סברה, אַז דעם דאָזיקן סעד־פּאַשאַ האָט מען מטמא געווען מיט אַ גראָבס אָדער מיט עפּעס אַנדערש און ער האָט אַליין אַוועקגעגעבן מיקיטאַן די שטאָט סקעטאָריע, מיט הכל מכל פּלעקל. אָפּגעמאַכט יד־אחת מיט מיקיטאַן, האָט דער דאָזיקער סעד־פּאַשאַ אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו זײַנע טערקישע סאָלדאַטן: „נאַ ליעוואָ קרוגאָם", דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך אויסקערעווען מיטן פּנים צו מיזרח־זײַט, און דער שונא זאָל געבן אַ שאָס פֿון מערב־זײַט — איינס

צווי דרײַ און פּאַרטיק! אַוודאי קאָן מען מיט אַזאַ שיסן זײַן אַ בריה אַ קנאַקער! אויף אַזאַ אופן וואָלט איך געקאָנט אײַננעמען די גאַנצע וועלט. דאָס הייסט, לאָז די וועלט אויף אַ ווײַלע זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צו מיזרח־זײַט און איך זאָל געבן אַ שאָס אויס פֿון מערבֿ־זײַט, איז די וועלט מײַנע... שיין, מאָל דיר, איז דאָס ניט פֿון סעד־פּאַשאַס זײַט, און מ׳זאָל זאָגן ערלעך — אַוודאי ניט, און פֿאַר די סלאַוויאַנער, וואָס שרײַען און פּילדערן און לייגן אײַן די וועלט, אַז דאָס האָבן זייערע בראַטשיקעס מיט זייער גבֿורה אײַנגענומען די באַרימטע שטאָט, איז דאָס אויך עפּעס ניט אַזוי דאָסיק, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: שנײַץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים... רב סעד־פּאַשאַ פֿאַרענטפֿערט זיך אַפֿילו, אַז ס׳איז ניט אַזוי די מעשׂה. אמת, זאָגט ער, די מאַנטענעגערער האָבן דאָ קיין גרויסע גבֿורות ניט באַוויזן, דאָס האָט ער אַליין, זאָגט ער, זיי צוגעהאָלפֿן, כמעט מיט גוטן זיי געעפֿנט די טויערן פֿון שטאָט. נאָר ער איז, זאָגט ער, ניט שולדיק. שולדיק זענען, זאָגט ער, די בעלי־בתים פֿון שטאָט, זיי האָבן אים, זאָגט ער, געצוווּנגען, בעל־כּרחו הייסט עס, ער זאָל זיך אונטערגעבן דעם שונא. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, זאָגט ער, אַז די בעלי־בתים אַליין זענען מרוצה?.. נאָר ווי אַזוי די מעשׂה איז דאָרטן געווען, צי אַזוי, צי אַזוי, דער זקן פֿראַנץ־יוסף וועט דאָס ניט פֿאַרשווײַגן און דאָס פֿאַלן פֿון סקעטאַריע וועט גלאַט ניט אָפּלויפֿן. און ווי באַלד ער וועט אַרויס מיט מלחמה, וועלן „מיר" אויך מסתמא ניט שווײַגן, וואָרעם מיר זענען דאָך פֿאַר די סלאַוויאַנער, וועלן מיר קעגן אונדזער אייגענעם רצון מוזן אַרויסטרעטן קעגן אונדזער אַלטן פֿרײַנד, קעגן דעם זקן פֿראַנץ־יוסף הייסט עס. אַ ברירה וועלן מיר האָבן? און ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן אין פֿריִערדיקע בריוו, ווײַזט אויס אַז ער, פֿראַנץ־יוסף הייסט עס, שרעקט זיך ניט איבער פֿאַר אונדז, וואָרעם ער איז ניט אייִנער אויפֿן יריד. זיי זענען, פֿאַרשטייסטו מיך, זאַלבע דריט. דאָס הייסט אויף זײַן זײַט איז קירע־דײַטש און דער איטאַליענער וויקטאָר עמנואל, טאַקע מיקיטעס, ניקאָלאַיס הייסט עס אָן איידעם. איי מיר האַלטן דאָך מיטן שווער, מיט מיקיטען, הײַנט ווי קען דער איידעם זײַן אקעגן? דאָס זאָלסטו ניט פֿרעגן. בשעת מלחמה קוקט מען ניט, אַ שווער, אָן איידעם. מעג זײַן אָן אייגענער ברו־דער און אַפֿילו אַ טאַטע. „האַנדלשאַפֿט איז קיין ברודערשאַפֿט". נאָר ווי די מעשׂה איז, אַז די דרײַ, פֿראַנץ־יוסף, וויקטאָר עמנואל און רב ווילהעלם מיט די וואָנצעס וועלן געבן אַ גיי אַרויס קעגן אונדז, קאָן פּאַרקילט ווערן אינע־ווייניק... פֿון דעסטוועגן, זוגתי היקרה, באַדאַרפֿסטו זיך ניט שרעקן — מיר

זענען חלילה אויך ניט אַליין אויפֿן יריד. ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, זענען מיר אויך זאַלבע דריט. אויף אונדזער זייַט האָבן מיר, דאַנקען גאָט, דעם פֿראַנצויז — דאָס איז אונדזער געשווירענער ידיד נאמן, לאָז איך עס פֿאַרמאָגן אַ צענט חלק, וואָס מיר זענען אים שולדיק — און אַ סברה, אַז אַחוץ דעם פֿראַנצויז האָבן „מיר" נאָך דעם ענגלענדער אויך, דו פֿאַרשטייסט? „מיר" האָבן זיך באַוואָרנט סייַ אויף דער יבשה און סייַ אויפֿן ים. וואָס דען האָסט דו געמיינט? אונדזערע דיפּלאָמאַטן זענען שוין גאָר בהמות? הקיצור, דאָ קאָן אַרויסשפּרינגען אַזאַ מלחמה, און עס קאָן זיך פֿאַרקאָכן אַזאַ חתונה, ס'זאָל זייַן צו זינגען און צו זאָגן!... פֿאַרן טערק, קאָן זייַן, וואָלט דאָס אפֿשר געווען די גרעסטע טובה, וואָרעם בשעת חדווה חדוותא, עס וואָלט שוין אַלעמען פֿאַרגאַנגען אַזעלכעס, אַז מ'וואָלט אין אים פֿאַרגעסן... נאָר צוריקשמועסנדיק, וואָס איז דער תּכלית? אָט דערויף האָבן מיר אַזוי פֿיל געהאַרעוועט, מיר זאָלן זיך אַליין בידים נעמען און מאַכן איינס פֿון דאָס אַנדערע אַ תּל? וואָס זענען מיר, ווילדע חיות, צי מענטשן? מאָל דיר, עס וועט דערצו אַזוי גיך ניט דערגיין. דער אַלטער זקן, פֿראַנץ־יוסף מיין איך, זאָל מאַריך־ימים־ושנים זייַן, כּל־זמן ער לעבט וועט ער דערצו ניט דערלאָזן. איי וואָס מיקיטאַ האָט זיך אַרייַנגערוקט ווי אַ קלין אין סקעטאַריע? איז טאָקע ניט גוט — און וועמען? אַלץ אים, דעם טערק הייסט עס. אַן אומגליק האָט זיך גענומען אויף דעם קראַנקן מענטשן! איובס צרות! ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער נעמט. דעם ערשטן פעטשאַטעק האָט געמאַכט טאָקע דער זקן, זאָל מאַריך־ימים־ושנים זייַן, רב פֿראַנץ־יוסף אַליין, וואָס האָט געגעבן אַ שנייַד אָפּ צו זיך באָסני מיט הערצעגאָווינע. דערנאָך דער איטאַליענער מיט זייַן טריפּאָליס. איצט די באַלקאַנער חברה־לייַט: דער — אַדרינאָפּאָל, דער — קריט, דער — סקעטאַריע — מי יודע, וואָס וועמען עס קאָן זיך נאָך פֿאַרוועלן מאָרגן?... אָט שמועסט מען נאָך, אַז דער ענגלענדער שמייכלט צו מצרים, דער דייַטש שאַרפֿט די ציין אויף ארץ־ישראל, דער פֿראַנצויז האָט שוין לאַנג געלייגט די האַנט אויף טוניס. נו און מיר וועלן קוקן הייסט עס ווי אַלע נעמען און וועלן שווייַגן? סיזאַנאָוו הייסט עס, איז עפּעס אַ יינגעלע צי וואָס? אחת לאחת, דערווייַלע בלייַבט דער פּעטער ישמעאל אַן אַ קנעלונג, און איבער וואָס? נאָר איבער דעם, וואָס ס'איז נישטאָ, ווי איך האָב דיך שוין געשריבן, קיין מתּווך, קיין מעקלער הייסט עס. אַ מעקלער פֿעלט דאָ, אַ רעכטער מעקלער, וואָס זאָל האָבן אין זיך גלייַכע געדאַנקען מיט קאָמבינאַציעס. למשל, אָט האָב איך אַ קאָמבינאַציע, און ניט איינע נאָר עטלעכע קאָמבינאַציעס,

וואָס ווען גאָט העלפֿט מיר, איך פֿיר עס דורך, גיב איך אים די וועלט צו זען, טאַקע דעם טערק מיין איך. די דאָזיקע קאָמבינאַציעס לאָזן מיך ניט שלאָפֿן. עס טראָגט מיך אין דער לופֿטן. איך זע עס אַרויס באַשײַמפּערלעך, אַז ווען איך קאָן מיך מיט אים געבן אַ שמועס דורך, אָדער אַ שרײַב איבער דורך אַ בריוול, ווערט ער געהאָלפֿן. איז אָבער דער חסרון, וואָס איך בין געהרגעט — אַחוץ יידיש פֿאַרשטיי איך ניט קיין אַנדער לשון. בין איך אָוועקגעלאָפֿן צו מײַן פֿרײַנד, צו כאַסקל קאַטיק. ער איז בײַ מיר דער בעל־סוד. ער ווייסט בײַ מיר אַלצדינג. „איר זענט מיר עפּעס, זאָגט ער, די לעצטע טעג זייער צעטראָגן, רב מנחם־מענדל“. זאָג איך צו אים: „ווי אַזוי זאָל איך ניט זײַן צעטראָגן, זאָג איך, אַז ס'טראָגט מיך?“ און איך גיי און לייג אים אויס אַלצדינג, ווי אויף אַ טעלער, געצונמען בײַ אים פֿריִער, געוויינטלעך, האַנט תּקיעת־כּף, אַז קיין פֿויגל טאָר דערפֿון ניט וויסן, נאָר איך און ער און גאָט! איך רעכן אם־ירצה־השם, אַז דער פּראָיעקט וועט דורכגעפֿירט ווערן, זאָל ער אויך האָבן אַ שטיקל חלק, וואָס אַרט מיך? און אפֿשר טאַקע אַ גלײַכן חלק מיט מיר. פֿאַר וואָס ניט? פֿון אַ שותּפֿות־פֿאַרדינסט ווערט מען ניט בדלות. דאָס האָב איך בקבלה נאָך פֿון דער בערזע, ניט הײַנט געדאַכט. אַדרבה, איך רעכן אַז מען וועט צו דעם געשעפֿט דאַרפֿן צוציִען נאָך ניט איין שותּף. נישקשה, עס וועט קלעקן, זײַן גענוג פֿאַר אַלעמען. הלוואי דער אייבערשטער זאָל געבן, איך זאָל מיט זיך אַלץ פֿאַרטיק ווערן אַרום און אַרום, וואָרעם דער ענין איז אַ ביסל צו אַ פֿאַרפּלאָנ־טערטער! איך וואָלט דיר באַדאַרפֿט, זוגתי היקרה, אויפֿקלערן טאַקע אָט דאָ דעם דאָזיקן ענין, צעקײַען און אַרײַנלייגן אין מויל אַרײַן, אַזוי ווי איך האָב ליב, נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור, אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתּה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זײַ געזונט, קוש די קינדער שיחיו, גריס דער שוויגער שתּחי', און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי.

איאָ, זוגתי היקרה, די באַסעס פֿון די אַמעריקאַנער יידישע צײַטונגען האָבן געמאַכט חוזק פֿונעם שטרײַק, וואָס זייערע שרײַבערס האָבן געמאַכט? „וואָס

פֿאַרמאָגן ייִדישע שרײַבערס, האָבן זיי געזאָגט און געחכמעט זיך, אַחוץ זייערע פֿינף פֿינגער?״ זאָלסטו זען, ווי אויף זיי קוקנדיק האָט שוין בעלגיע אויך פֿאַר־שטרײַקט. נאָך אַ מין פֿאַרשטרײַקן! אַ האַלבער מיליאָן ווי איין מענטש זענען זיי אַרויס אין שטרײַק. און ס׳איז אַ סברה אַז זיי, די בעלגייעצעס הייסט עס, האָבן נאָך מער אויסגעפֿירט ווי די ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע. ס׳איז שוין אַזאַ וועלט געוואָרן הײַנט. באַלד עפּעס — אַ שטרײַק! אַ שטרײַק אָדער אַ בויקאָט. און אַ בויקאָט פֿאַר אַ בויקאָט. דו בויקאָטעוועסט מיך, איך וועל דיך בויקאָטעווען. מיר איז דאָס דווקא געפֿעלן. וואָרעם ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה. איך זאָג עס אָקעגן וואַרשע זאָג איך עס. וואַרשעווער ייִדן זאָלן מיך פֿאָלגן, וואָלטן זיי געטאָן דאָס וואָס איך טו. איך רעד ניט קיין אַנדער לשון חוץ ייִדיש. איך לייען ניט קיין אַנדערע צײַטונגען אַחוץ ייִדישע. איך גיי ניט אין קיין אַנדער טעאַטער אַחוץ אין ייִדישן. איך רייכער ניט קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן אַחוץ אַ ייִדישן (פֿון עסן און טרינקען איז אָפּגערעדט?). איך פֿאָר ניט מיט קיין אַנדער דראָזשקאָזש, נאָר מיט אַזעלכן וואָס פֿאַרשטייט מײַן לשון; אַניט קאָן איך באַשטיין גיין צו פֿוס. אַזוי ווי דער פּאָליאַק, וואָס האָט געדונגען אַ פֿור יענע וואָך אין וואַרשע צו פֿאָרן אין אַ דאָרף אַרײַן און פֿאַרנדיק דערזען, אַז דער בעל־עגלה איז אַ ייִד, האָט ער אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל און איז אַראָפּ־געשפּרונגען אין מיטן וועג און געגאַנגען צוריק זיבן וויאָרסט צו פֿוס — ווי דען? אַז מ׳שמועסט „סוואַי דאָ סוואָגאָ״, איז דאָך ניט שייך!.. נאָר ווי לאַנג שמײַסט מען זיי, איך מיין טאַקע די וואַרשעווער ייִדן, ווי לאַנג זיי וועלן נאָך ניט פֿאַרשטיין זייערע אייגענע אינטערעסן. כאַסקל קאָטיק איז נעבעך גערעכט. ער זאָגט: איר קענט ניט, רב מנחם־מענדל, זאָגט ער, קיין וואַרשעווער ייִדן. איר וועט גיכער דורכפֿירן, זאָגט ער, אײַער גרויסן פּראָיעקט מיטן טערק, זאָגט ער, איידער פּועלן בײַ אַ וואַרשעווער ייִדן, זאָגט ער, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן „פּראַשע פּאַנאַ״... נאָר וואָס דאַרפֿסטו מער, זוגתי היקרה, אָט נעם אַפֿילו די רבנים די היגע, די כּלי־קודש, זענען אויך ניט דאָס וואָס בײַ אונדז. שטעל דיר פֿאָר, אַז פּוילישע פֿירמעס, די זעלבע וואָס בויקאָטעווען ייִדן, האָבן זיך מישב געווען הײַנטיקן פֿאַרפּסח און האָבן אַרויסגענומען בײַ רבנים אַ הכשר אויף זייערע סחורות, כּשר לפּסח, געווײנטלעך, פֿאַר געלט... דער ייִד, הייסט עס, איז טרייף און דער גראָשן איז כּשר... אַז איך האָב עס דערהערט בין איך געוואָרן אויסער זיך און בין באַלד אַוועק צו כאַסקל קאָטיק: „אין גאָטעס ווילן, רב כאַסקל, וואָס שווײַגט איר? ס׳איז דאָך בײַ אײַך ערגער ווי

אין סדום !״ שמייכלט ער, כאַסקל קאָטיק הייסט עס, און מאַכט צו מיר בנעי־מותדיק רויִק, ווי זייַן שטייגער איז : „נאָר ניט געקאָכט זיך, רב מנחם־מענדל, זאָגט ער. וואַרט אויס אַ קאַפּעטשקעלע, זאָגט ער, איר וועט נאָך הערן, זאָגט ער, ערגערע זאַכן...״ אַ מאָדנער ייִד אָט דער כאַסקל קאָטיק !..

הנ״ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

1

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז מיר האָבן דאָ געהאַט אַ ווינטער — זאָל זיך שוין אַזאַ ווינטער ניט אומקערן! דער טאַטע, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געפֿילט ניט גוט, האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז עס וואַקסט בײַ אים עפּעס אינעווייניק און אַז ער קאָן ניט עסן. האָבן אים די דאָקטוירים געהאָדעוועט מיט פּילן, געזאָגט ס׳וועט איבערגיין, און ער, וואָס ווײַטער און ווײַטער האָט אָנגעהויבן עסן אַלץ ווינציקער און ווינציקער, און זיי, די דאָקטוירים, האָבן אים אַלץ געהאָדעוועט מיט פּילן, געשלעפּט געלט, אויסקרענקען זאָלן זיי, ביז ער האָט גאָר אויפֿגעהערט צו עסן און איז פּאַוואָלינקע אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, אין דער שטיל, ווי אַ טויב, קיין קרעכץ, קיין פּיפּס, נאָר צוגעמאַכט די אויגן און — שוין! ווי זאָגט די מאַמע: „געלעבט ווי אַ תּם, געשטאָרבן ווי אַ צדיק״. דער זכות זײַנער מעג אונדז בײַשטיין אויף יענער־וועלט, וואָרעם ער איז, נישקשה, געגנוג אָפּגעקומען אויף דער־וועלט... דו קאָנסט זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, מענדל, ווי די מאַמע נעבעך האָט די ערשטע צײַט אײַנגעגלייגט די וועלט! לאָזן שונאים זאָגן וואָס זיי ווילן, אַז ער עליו־השלום האָט געהאַט בײַ איר יאַקבי אַ שלעכט לעבן — געזאָגט זאָל זיי ווערן פּרעהס מכּות! נעכײַ וואָלטן זיי געזען ווי די מאַמע האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, בעת ער איז געלעגן אויף דער ערד, געשריגן מ׳זאָל זי אַרויסטראָגן מיט אים אין אײנעם! און ווו זענען זיי געווען, די חכמים, אַז זי האָט אויפֿן הייליקן אָרט דרײַ מאָל געחלשט — מ׳האָט זי קוים אָפּגעמינטערט? און איצט מיינסטו קאָן זי זיך דען באַרויִקן? צי זי עסט? צי זי שלאָפֿט? טאָג ווי נאַכט, אָדער זי וויינט אָדער זי דאַוונט. „ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז אַ ווײַב אָן אַ מאַן איז געגליכן צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן וואָס קיינער דאַרף אים ניט האָבן, כאָטש נעם וואַרף אים אַרויס״. איין שטיקל טרייסט איז געווען, וואָס אַט קומסטו צו פֿאָרן אַהיים, —

צום סוף — איך בין שטאַרקער פֿון אײַזן, הערסטו, אַז איך האַלט דאָס אויס. באַרעכן נאָר אַליין מײַן פּאָלאָזשעניע. איך האָב דאָך געמיינט, אַז מלאָכים שפּילן זיך מיט מיר בעת איך האָב באַקומען פֿון דיר דײַן ליבן בריוו מיט די דאָלערס, אַז דו פֿאַרלאָזט שוין מיט גאָטס הילף דאָס שיינע לאַנד אַמעריקע, וואָס וואָלט געמעגט פֿאַרברענט ווערן אײדער דו ביסט אַהין צו צו געקומען; די גאַנצע שטאָט האָט מיר שוין אָפּגעגעבן מזל־טוב — „גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!“ פֿון די קינדער שמועסט מען ניט, אַז זיי זענען געווען גאָר אויפֿן זיבעטן הימל. אַ קלייניקייט, אָט־אָט זעען זיי זיך מיט זייער טאַטן נעבעך, וועלכן זיי געדענקן שוין כּמעט גאָרניט! — גיי ריכט זיך אויף אַזאַ שלאַק, אַז וואַרשע וועט אים איבערכאַפּן, ווי אַן אבן־טוב, און גאָרניט וועלן אָפּלאָזן אַפֿילו! קאָרג געווען די יעהופּעצער גאָלדענע געשעפֿטן, וואָס ליגן מיר נאָך אין טעם, האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ נײַע פּרנסה — שרײַבערײַ! און גאָרניט — עס געפֿינען זיך נאָך אויף דער וועלט נאַראָנים, וואָס צאָלן אים דערפֿאַר געלט, וואַרפֿן זיך מיט הונדערטערס, — ווער וואָלט דאָס געגלייבט? אויף אַלצדינג איז אַ צײַט. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „אַז ס׳קומט פּורים, גייט יאָקל־משה דער שמש אין גאָלד“... וואָס זי מיינט דערמיט באַדאַרפֿסט דו שוין אַליין פֿאַרשטיין. און אַז ניט, וועל איך דיר זאָגן וואָס זי מיינט. זי מיינט: הלוואי עס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן און פֿון דײַן שרײַבעניש זאָל זיך ניט אויסלאָזן חלילה דאָס וואָס פֿון דײַנע יעהופּעצער וועלדער, אימעניעס און זאַוואָדלעך, וואָס פֿריִער קישעט עס און קישעט, דערנאָך קומט די קאַץ און לעקט אויס די סמעטענע. מעגסט דיר זאָגן, מענדל, אַז איך בין אַ ייִדענע, נאָר עפּעס לייגט זיך מיר ניט אויפֿן מוח, אַז ס׳איז דאָ מענטשן, פּוסטע קעפּ, וואָס ס׳ליגט זיי אין זינען לייענען דײַנע בריוולעך און נאָך לעקן די פֿינגער אין אַזאַ צײַט ווען מען ליגט אין דער ערד בײַן אײלן. זיי זאָלן אַ קוק טאָן מיט מײַנע אויגן, ווי אַזוי מ׳טרײַבט ייִדן, ערגער ווי סקאָט, פֿון די דערפֿער אין די שטעטלעך און פֿון די שטעטלעך אין די שטעט, וואָלט זיי ניט געלעגן אין זינען אַזעלכע זאַכן. קאָנסט פֿאַרשטיין, אַז כּתרילעווקע איז שוין געוואָרן די גרויסע שטאָט, וואָס אַהער פֿאָרן זיך צונויף די אַרויסגעטריבענע פֿון דער גאַנצער וועלט. טאָמער ווייסטו, וואָס וועלן זיי דאָ טאָן? פֿון וואַנען וועט מען לעבן? גאָט זאָל העלפֿן מ׳זאָל זיך כאָטש ניט אַרומקוקן אויף כּתרילעווקע גופֿא און מ׳זאָל אונדז ניט געבן חלילה אַ טרײַב אַרויס פֿון דאַנען, ווי מען טרײַבט פֿון אַנדערע ערטער. פֿאַר וואָס? — פֿאַר שבת! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „בײַ גאָט פֿרעגט מען ניט

קיין קשיות, וואָרעם מ׳האָט שוין געפֿרעגט, ענטפֿערט ער ניט״... הערסטו, מענדל, זי איז טאַקע אַ חכמה די מאַמע מײַנע. ניט ווײַל זי איז מיר אַ מאַמע, נאָר מחמת זי האָט אין זיך גוטע געדאַנקען. אָט למשל זיצן מיר הײַנטיקן פּסח און עסן, לייגט זי אַוועק פּלוצעם די לעפֿל און מאַכט צו מיר אַזוי: „הײַנט זע אַליין, שיינדל, זאָגט זי, ווער דײַן מענדל איז. גאָט האָט אים צוגעשיקט, זאָגט זי, אַזאַ גליק, עס האָט זיך אָפּגעריסן אַ בראָדער סוחר׳ וואָס איז גאָר די כּפּרה נאָך זײַן שרײַבעכץ און צאָלט אים מזומנע קערבלעך, סטײַטש, ווי פֿאַלט אים ניט אײַן, זאָגט זי, אין קאָפּ, דעם קלוגן מאַן דײַנעם, ער זאָל אים, זאָגט זי, געבן אַ כאַפּ אַרויף אויף פּאַפּיר, אָפּחתמענען הייסט עס, וואָרעם טאָמער, זאָגט זי, שלאָפֿט ער זיך אויס און האָט חרטה?״... הײַנט זאָג אַפֿשר, מענדל, אַז זי איז ניט גערעכט?... דאָס געלט, מענדל, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט פֿון וואַרשע האָב איך מקבל געווען, נאָר ווי זאָגט די מאַמע: „צו מזל, זאָגט זי, באַדאַרף מען אויך האָבן מזל. אַז גאָט האָט זיך שוין יאָ, זאָגט זי, אַ מאָל אַרומ־געקוקט אויף מײַן קינד און זי באַקומט שוין יאָ אַ מאָל, זאָגט זי, די עטלעכע גראָשנס פֿון איר באַשערטן דעם גאָלדשפּינער, באַדאַרף עס, זאָגט זי, איר אויס־פֿאַלן באָקעם, זי זאָל׳ זאָגט זי, קיין הנאה ניט האָבן״... הער אַ שיינס, מענדל, וואָס איך האָב געהאַט. אַ פּנים, עס ווײַזט אויס, אַז די, וואָס צאָלן דיר פֿאַר דײַן שרײַבעכץ, — פֿאַרגינען עס דיר עפּעס ניט אַזוי מיטן גאַנצן האַרצן. זיי זענען זיך מישב און נעמען און שיקן מיר צו דורך דער פּאָסט אין אַ פּאַקעט, אָן אַ שום בריוועלע, נאָר גלאַט אַזוי, אַ הונדערטער, אַ גאַנצן הונדערטער, אַ שפּאָגל נײַעם, אַ קנאַקנדיקן, נאָר וואָס פֿון דער נאָדל אַרויס, ווי איינער רעדט: נאַ, וואַרג דיך! און ווען טרעפֿט זיך אַזאַ גליק? סאַמע אין רעכטן ערב־פּסח! דאָס אַנדערע וואָס מיט די דאָלערס פֿון דעם שיינעם אַמעריקער, וואָס איך האָב מיך גענוג אָנגעטויטשעט ביז איך האָב דערלעבט צו זען פֿון זיי קערבלעך. אַ גליק, וואָס שמשון דער פּראָמילניק איז אַ שטיקל קרוב, איי דאָס זאָל זיך אים זעצן די מכּות, וויפֿל ער האָט מיך אָפּגענאַרט. איך האָב געמיינט אַז אַ דאָלער איז צוויי קערבלעך מיט עפּעס, צום סוף האָט ער מיר געגעבן וועדליק צוויי קערבלעך אָן עפּעס — אויסקרענקען זאָל ער עס! הכלל, איך האָב אים גענומען, דײַן הונדערטער הייסט עס, און כאַפּ מיך אַרויס מיט אים אין מאַרק, וויל אים צעבײַטן — ווער? וואָס? וועמען? כ׳קום צו צו איינעם, צום אַנדערן, צום דריטן — קוקן זיי מיך אָן: „דו מאַכסט פֿון אונדז חוזק, זאָגן זיי, צי וואָס״? בײַ איינעם האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן: „ע! זאָגט ער, ווען איך האָב,

זאָגט ער, אַ הונדערטער, — טע־טע־טע — ווו וואָלט איך איצט אָנגעשפּאַרט ?" און איינער, מאָטל זווינעראָדקער, — דאַרפֿסט אים געדענקען, אַ רעכטער עזות־פּנים, אַן אמתער אַ זווינעראָדקער, — שטעלט ער זיך אַוועק און ווערטלט זיך נאָך : איך זאָל אים זאָגן, זאָגט ער, דעם אמת, וויפֿל נאָך האָב איך אַזעלכע הונדערטערס, זאָגט ער, פֿאַרנייט בײַ מיר אין אונטערשטן קליידל ? אַ שייגעץ קאָן ! מאָל דיר, איך זע אַז ער איז מיר גוט מקנא ! אַלע, די גאַנצע שטאָט איז מיר מקנא אויפֿן הונדערטער. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס פֿונעם הונדערטער, אַז ס'איז ערב־פּסח און צעבײַטן איז ניטאָ ווו, און מ'דאַרף און מ'דאַרף און מ'דאַרף ? משה־הערשעלען נעבעך האָב איך צוגעזאָגט נײַע שטיוועלעך נאָך פֿאַר אַ יאָרן פּסח. און די איבעריקע קינדער דאַרף מען אויך עפּעס מאַכן — און דו טראָג זיך אַרום מיט דער באָמבע ! אַ שטיקל גליק כאָטש, וואָס כ'בין מיט אַ מאָל געוואָרן אַ בטוח אין שטעטל, באַקומען קרעדיט : „נעם, זאָגן זיי צו מיר, נעם שיינע־שיינדל וויפֿל דו ווילסט, דו ביסט, זאָגן זיי, בײַ אונדז באַגלייבט ; נישקשה, דײַן מנחם־מענדל, זאָגן זיי, איז קיין עין־הרע אַ שיינער פֿאַרדינער". וואָס זאָגסטו אויף זייער טאָטן ? איצט ביסטו שוין בײַ זיי געוואָרן אַ שיינער פֿאַרדינער — מײַנע וויטיקן אויף זייערע ציין ! פֿרעג, ווו זענען זיי געווען דעמאָלט, ניט הײַנט געדאַכט, אַז דו ביסט געלעגן אין דעם שיינעם אַמעריקע, אײַנגעזונקען זאָל עס ווערן, און איך האָב מיך אויסגעצויגן פֿאַר אַ גראָשן ? איצט גיבן זיי מיר קרעדיט, געבן זאָל זיי גאָט קרענק מיט מאַיאָווע קדחת. ווי זאָגט די מאַמע : „אַז גאָט גיט מיטן לעפֿל, גיבן מענטשן מיטן שעפּל"... דערפֿאַר, בעלי היקר, האָבן מיר געהאַט אַ פּסח — אויף אַלע אונדזערע ליבע ! ערשטנס איז בײַ אונדז געווען אַל דאָס גוטס : פֿון מצה און פֿון אייער און פֿון עופֿות און פֿון שמאַלץ און פֿון כריין און פֿון ווײַן אויף ארבע כוסות. הײַנט האָסטו באַדאַרפֿט זען ווי אונדזער משה־הערשעלע, לעבן זאָל ער, האָט אונדז אָפּגעריכט אַ סדר — מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי אַן אַלטער ! די טרערן, וואָס מיר בײדע האָבן פֿאַרגאָסן, איך און די מאַמע, מעגן פֿאַלן אין ים אַרײַן. די מאַמע האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט פֿאַר אַ יאָרן אין דער צײַט איז נאָך דער טאַטע עליו־השלום אַליין געזעסן בײַם סדר. מאָלט אײַך, אַזאַ זיצעכץ אויף אַלע שונאי־ישראל געזאָגט געוואָרן. נאָר גאָרניט. אַלץ גלײַכער ווי געשטאָרבן ; ווי זאָגט די מאַמע : „עס שטייט געשריבן, זאָגט זי, ס'איז בעסער אַ לעבעדיקער אויף דער ערד, איידער אַ טויטער אין דער ערד"... און וואָס האָב איך געווײנט ווילסטו וויסן ? איך האָב געוויינט אויף מײַן פֿינצטער מזל, אַז אַך און ווי איז

די גויִים, וואָס איך בין אין אַזאַ שעה געבוירן געוואָרן, אַז איך באַדאַרף זײַן פּאַרוויסט אָט דאָ אײנע אַליין מיט די קינדער און מײַן מאַן נעבעך איז שטענדיק נע ונד, בלאָנקעט זיך אַרום פֿון לאַנד צו לאַנד, ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער ניט. ווי זאָגט די מאַמע: „עס שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז אַ פֿויגל האָט אַ נעסט, אַ בהמה האָט אַ שטאַל, אַ הונט האָט אַ הויף, נאָר אַ מענטש, מישטײנס געזאָגט, קאָן זיך ניט געפֿינען קיין מקום־מנוחה"... זי לאָזט דיר גריסן, מענדל, גאָר פֿרײַנדלעך און האָט צו דיר אַ בקשה: אפֿשר איז מעגלעך, אַזוי ווי דער טאַטע עליו־השלום האָט ניט געלאָזט קיין זין, אַחוץ טעכטער, זאָלסטו מוחל זײַן זאָגן קדיש. און ווײַטער זײַ געזונט און פֿאַרדין אַ סך געלט בכדי זאָלסט קאָנען וואָס גיכער אויסגעלייזט ווערן פֿון דעם וואַרשע, ווי דו ביסט אויסגעלייזט געוואָרן פֿון דעם וויסטן, פֿינצטערן אַמעריקע, פֿאַרברענט זאָל עס ווערן באַלד נאָך פּסח, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

יאָ, שיִער ניט פֿאַרגעסן! מיר האָבן עס דאָ געהאַט אַן איבערשרעק אין כּתרילעווקע הײַנטיקן פֿאַרפּסח! יואליק, ראובן דעם ווײַנשענקערס עלטערן זון געדענקסטו דאָך מן־הסתם? ער איז הײַנט אַליין אַ ווײַנשענקער, דאָס הייסט ער האָט געעפֿנט דעם טאַטן דעם ווײַנשענקער אויף צו להכעיס אַ ווײַנשענק, אַ הויף קעגן אַ הויף. איז ער זיך מישב, יואליק הייסט עס, הײַנטיקן ערב־פּסח און צעקריגט זיך מיט זײַן עלטערן בן, קאָפּל רופֿט מען אים, — אַ יונג אַן אויס־וורפֿלינג! מילא, מאַכט זיך אַ שלעכט קינד, כאַפּט דיך דער גוטער יאָר — נעם לייג אים אַוועק און בראָק אים אַרײַן אַז דער רוח זאָל דיך נעמען! ניין. איז ער זיך מישב, יואליק הייסט עס, און וואַרפֿט אים אַרײַן אין קעלער, קאָפּלען הייסט עס, און פֿאַרשליסט אים פֿון דרויסן מיט אַ שלאָס. איז ער זיך מישב, קאָפּל הייסט עס, און הייבט אויף אַ גוואַלד מיט אַ קוויטשערײַ, אַז מען האָט געקאָנט הערן אין וואַרשע, גלײַך ווי מען קוילעט אים! גייט פֿאַרבײַ אַ גויע און דערהערט אַ לעבעדיקער מענטש קוויטשעט, איז זי זיך מישב, די גויע הייסט עס, און לויפֿט אַרויס אין מאַרק און לאָזט אַרויסעט אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן ערגעץ דערטאַפּט אַ שייגעצל און מ׳קוילעט עס אויף פּסח! איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מענדל, הימל עפֿן זיך! אין איין שמע־ישראל איז געוואָרן פֿול דער מאַרק מיט גויִים, גויעס און שקצימלעך. און אויף ייִדישע קינדער — אַ געוויין, אַ יללה!

ווײַבער אויף די בוידעמער! עלטערע מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן צו יואליקן — ער זאָל עפֿענען דעם קעלער. ווייל ער ניט הערן, ניט זען: „דער רוח וועט אים ניט נעמען, זאָגט ער, ער וועט בײַ מיר פֿוילן ביזן ערשטן סדר!" בעט מען זיך בײַ אים: „גזלן! עפֿן אויף!" הערט עפּעס די וואַנט? איז מען אוועקגעלאָפֿן צום זיידן, צו ראובנען הייסט עס. איז געקומען צו לויפֿן דער זיידע, ראובן הייסט עס, און מאַכט צום זון, צו יואליקן הייסט עס: „עפֿן אויף, יואליק, דעם קעלער און לאָז אַרויס דאָס קינד!" מישט זיך אַרײַן די שנור, יואליקס ווײַב הייסט עס, עטל־ביילע: „וואָס האָט איר זיך צו מישן צו יואליקס קינדער?" ענטפֿערט ער ניט, ראובן הייסט עס, דאָס צווייטע וואָרט און רופֿט זיך אָן נאָך אַ מאָל צום זון, צו יואליקן הייסט עס: „איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, דו גראָבער יונג, זאָלסט עפֿענען דעם קעלער און אַרויסלאָזן דאָס קינד! צי דו ווילסט אפֿשר, אַז דורך דיר זאָל זײַן אַ פּאָגראָם?"... ערשט דעמאָלט, דערהערנדיק דאָס ליבע וואָרט פּאָגראָם, האָט ער זיך דערשראָקן, יואליק הייסט עס, האָט אויפֿגעעפֿנט דעם קעלער און אַרויסגעלאָזט דעם שיינעם תכשיט — איז געוואָרן שטיל. אַלע בייזע, וויסטע, פֿינצטערע חלומות אויף זייערע קעפּ — אַ משפּחטערע!

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

4

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך האָף צו השם־יתברך, אַז איך וועל אין מײַן איצטיקער נײַער פּרנסה מאַכן ניט שלעכט, אָבער טאָקע גאָרניט שלעכט! דהײַנו: אַלע זענען מודה, אַז אין עניני הפּאָליטיקע האָב איך קיין עין־הרע אַ קוק. איך האָב באַלד געזאָגט, אַז דער קאָמאַנדיר פֿון סקעטאָריע, אָט דער סעד־פּאַשאַ, האָט פּאָר זײַן שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט איבערגעגעבן דאָס שטעטל צום מלך מאָנטענעגערע קיין מזומן ניט גענומען. דאָס וואָלט שוין געווען צו גראָב. און אגב איז ער, זאָגט מען, אַליין אַן אַדיר. מטמא געווען האָט מען אים מיט שווה־כּסף. אַ סימן האָסטו — ס׳איז דאָ אַ ידיעה, אַז אָט דער סעד־פּאַשאַ האָט זיך געקרוינט אַלס מלך איבער אַלבאַניע. דאָס הייסט דער בעל־הבית איבערן דאָזיקן מדינהלע בלײַבט טאַקע ווי פֿריִער דער טערק, און ער, אָט דער פּאַשאַ הייסט עס, רעכנט זיך שני־למלך — אויך נישקשהדיק פֿון אַ שטרײַמל! און כאָטש אַפֿילו, צווישן אונדז רעדנדיק, איז דאָס דאָזיקע שטעטעלע, סקעטאָריע הייסט עס, ניט גרעסער פֿון אײַער כּתרילעווקע, פֿון דעסטוועגן זאָלסטו זען, ווי דער זקן נעבעך, פֿראַנץ־יוסף הייסט עס, לייגט אײַן די וועלט! הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר איך האָב מורא דער אַלטער זאָל חלילה ניט אָפּזאָגן זיך פֿון דער מלוכה, ווי ער האָט עס שוין עטלעכע מאָל געסטראַשעט, — און דאָס וואָלט געווען אַן עבירה פֿאַר גאָט! דו ווייסט גאָר ניט, וואָס פֿאַר אַ דימענט אַ מלך דאָס איז. אַן אמתער אוהב־ישׂראל! ייִדן האַלטן פֿון אים אַן עולם־ומלואו, האָבן אים ליב, שייך צו זאָגן, דאָס חיות! „אונדזער פֿראַנץ־יאָסעל״ רופֿן זיי אים. פֿאַר אַ פּאָר יאָר איז דער דאָזיקער קייסער דורכגעפֿאָרן גאַליציע, געווען אין לעמבעריק. זאָלסטו הערן וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן! אויף די הענט האָבן אים די דאָרטיקע ייִדן געטראָגן, מיט ספֿרי־תּורות געטאַנצט אין די גאַסן! אַ

לעמבערגער ייד האָט מיר אַליין דערציילט, אַז פראַנץ־יוסעפל האָט ביי זיי געגעסן יידישע פיש אין לעמבעריק. איך וואָלט אים ניט געגלייבט דעם דאָזיקן יידן, האָט ער מיר געשווירן מיט כל השבועות און טרערן זענען אים אַזש געשטאַנען אין די אויגן! ווערסטו דאָך פרעגן מסתמא, ווי באַלד אַז דאָס סקעטאַריע איז יאָ אַזוי קליין, ניט גרעסער פון כתרילעווקע, היינט וואָס באַדאַרף זיך פראַנץ־יוסף אַזוי אָפּעסן דאָס האַרץ און מפקיר זיין זיך? באַדאַרף מען זיך קלאָר מאַכן וואָס דאָ איז. דאָ גייט ניט, פאַרשטייסטו מיך, אין געלט, דאָ גייט ניט אין כבוד, דאָ גייט ניט אַפילו אין ניצחון. דאָ גייט גאָר אין עפּעס אַנדערש. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן שכנות. אַ מלוכה באַדאַרף וויסן וועמען זי האָט פאַר אַ שכן. אַ שלעכטער שכן איז ערגער פון אַ קרענק, ווי מיר זאָגן עס אַלע אינדערפרי ביים דאַווענען: „הצילנו משכן רע ומפגע רע"... נאָר כדי דו זאָלסט דאָס נאָך בעסער פאַרשטיין, באַדאַרף מען דיר, זוגתי היקרה, מסביר זיין מיט אַ משל. אַ שטייגער, לאָמיר נעמען דיין מאַמע, דאָס הייסט די שוויגער זאָל לעבן, און איר שכן זימל דעם טוטין־שניידער, וואָס זיצט מיט אייך אַ שטוב קעגן אַ שטוב און וואָס האַלט שכנים. איז כל־זמן ביי זימלען דעם טוטין־שניידער אין דער חורבה איז געזעסן אין שכנות לאה־ביילע, איז געווען נישקשה. איז זיך אָבער מישב, וועלן מיר זאָגן, זימל און וואַרפט אַרויס לאה־ביילען און לאָזט אַריין צו זיך, למשל, טשאַרנע די שוואַרצע, וואָס איז מיט דיין מאַמען אויף מעסערשטעך, — איז איר עפּעס גוט? — אָט פונקט אַזוי איז מיט פראַנץ־יוסעפן און מיטן מלך פון מאָנטענעגערע. כל־זמן אַלבאַניע איז געווען אַלבאַניע און סקעטאַריע האָט געהערט צום טערק, האָט פראַנץ־יוסף געקענט שלאָפן רויק. איצט אַז קיין סקעטאַריע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אָט דער מיקיטאַ פון מאָנטענעגערע און אַלבאַניע וועט מסתמא צושטיין צו די סלאַוויאַנער, איז דאָך לא ימלט, אַז אַלע סלאַוויאַנער זאָלן דער־נאָכדעם מאַכן יד־אחת דווקא מיטן טערק, אויף וואָס איך האָב שוין לאַנג אָן אויג, — דעמאָלט איז דאָך פראַנץ־יוסעפס מדינה טאַקע אויף גרויסע צרות, וואָרעם דו דאַרפסט וויסן, אַז בסך־הכל באַשטייט זיין מדינה אויך פון סאַמע סלאַוויאַנער: טשעכן, רוסאַקן, קראָוואַטן, סליוויניאַקן. נו, און פּאָליאַקן זענען הינט? און ווו זענען די באָסניאַקן מיט די הערצאָוויניאַקן? הקיצור, ס'איז אַ מדינה פון אַלטע, אַ געלאַטעטע, פון סאַמע שטיקלעך: עקודים, נקודים, וברודים, און זיי אַלע אַז זיי מאַכן יד־אחת, צענעמט מען אים דאָס חדר און ער בלייבט אָן אַ קנעלונג. היינט פאַרשטייסטו שוין, אַז ער האָט באַדאַרפט האָבן דעם סלאַ־וויאַנער מלך מאָנטענעגערע אין דעם טערקישן אַלבאַניע, ווי אַ לאָך אין קאָפּ?

נאָר וואָס העלפֿט דאָס, אַז דער האָט זיך באַזעצט אין סקעטאַריע גאַנץ ברייט־לעך, ווי ביַי זיַין טאַטן אין וויַינגאָרטן, און עס איז אים גאָרניט אַרויסצורייכערן? אַ סברה גאָר, אַז זיַין זונדל, דאַנילקע רופֿט מען אים, אויך וויַיזט אויס ניט קיין מלופּים־קינד, האָט שוין מכריז־און־מודיע געווען פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מהיום והלאה איז סקעטאַריע די הויפּטשטאָט פֿון מאָנטענעגערע — און גיי, הייסט עס, רוף אים קנאַקניסל! אַוודאי אַרבעט איצט פֿראַנץ־יוסף מעשׂים, געוואַלדעוועט און טענהט: היתּכן? הישמע כּזאת? שריַיבט נאָטעס צו אַלע מלכים, אַז מ׳זאָל זען מוסר־ידיעה זיַין דעם מיקיטאַ פֿון מאָנטענעגערע, ער זאָל למען־השם וואָס גיכער אָפּרייניקן סקעטאַריע, אַניט עט זיך טאָן חושך!

זאָגן די מלכים, וואָס קאָנען זיי טאָן, אַז ער זיצט שוין דאָרטן? סיַידן אַראָפּ־שלעפּן אים ווי יענעם חזן אין איינעם מיטן עמוד? — דו פֿאַרשטייסט וואָס דאָ טוט זיך? אַ סברה, נאַרעלע, אַז דאָס אַלצדינג איז געטאָן געוואָרן על־פּי הסכּמה פֿונעם טערק. דער פֿעטער ישמעאל האָט זיך גאָר מחיה געווען, הייסט עס, וואָס אַלבאַניע און מאָנטענעגערע פֿון איין זיַיט און זיַין גענעראַל סעד־פּאַשאַ פֿון דער אַנדערער זיַיט האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ געשעפֿטל — און דער סעד־פּאַשאַ האָט דאָס טאַקע געטאָן ווי אַ חכם, וואָרעם אַחוץ וואָס ער האָט זיך פֿאַר־זאָרגט מיט כּבוד און מיט פּרנסה — אַ קלייניקייט שני־למלך? — האָט ער נאָך די גאַנצע משפּחה זיַינע גליקלעך געמאַכט. מ׳שריַיבט, אַז ער האָט שוין צוויי פֿעטערס נאָזנאַטשעט פֿאַר גובערנאַטאָרן אין אַלבאַניע אין צוויי שטעט, איך האָב פֿאַרגעסן די נעמען זייערע — מ׳קאָן זיך דען אָנגעדענקען? נו, און ווי באַלד די פֿעטערס, וועלן שוין מסתּמא די פּלימעניקעס מיט די שוועסטערקינדלעך אויך ניט נאַרן זיך... איַי, וועסטו דאָך פֿרעגן: „וואָס האָט דאָ דער טערק געפֿועלט?" גאָרניט מיט גאָרניט, ניט מער, ער טראַכט זיך: „שלאָגט איַיך, קינדערלעך, קאָפּ אָן קישן, רייַסט איַיך ביַי די שלייערס, אַבי מיך לאָזט צו רו"... אַ חידוש איז מיר נאָר אויף די הויכע פֿענצטער, ווי האָבן זיי דאָס דערלאָזט? ווו זענען געווען יענע שאַרפֿע קעפּ, וואָס זיצן און שליַיפֿן זיך די צינגלעך אין לאָנדאָן? איך האָב מורא, אַז די שאַרפֿע קעפּ האָבן פּלאַטשיקע מוחות און ניט אַזוי פּלאַט־שיקע מוחות, ווי קאַלטע לונג־און־לעבערס, וואָרעם ווי קאָן מען איַינזיצן אין אַזאַ ציַיט און ווו זענען געווען זייערע אויגן? איצט זיצן זיי און קראַצן זיך די ליסינעס: זיי האָבן זיך ניט גערעכנט, זאָגן זיי, אויף אַזאַ קאָמבינאַציע, אַז שׂונאים הייסט עס, וואָס זענען גרייט איינס דאָס אַנדערע אָפּבייַסן די נעזער, וועלן גאָר נעמען און מאַכן צווישן זיך געשעפֿטלעך מיט קאָמבינאַציעס!... הערסטו, זוגתי

היקרה, גאָט זאָל מיר טאַקע אַזוי העלפֿן באמת, ווי איך האָב דאָס אייגענע מהרהר געווען נאָך פֿריִער, אַז ניט נאָר מיקיטאַ־ניקאָלאַי דער מלך פֿון מאָנ־טענעגערע, נאָר אַלע סלאַוויאַנער זאָלן, איידער אויסברענגען אַזוי פֿיל מיליאָנען און איידער פֿאַרגיסן אַזוי פֿיל בלוט, בעסער אָפּמאַכן מיטן טערק, און איינס מיט דאָס אַנדערע מיט גוטן; מיט גוטן וועט מען אַלע מאָל מאַכן בעסער, און מיטן טערק קאָן מען מאַכן אַלצדינג: ער איז אַ סוחר, פֿאַרשטייסטו מיך, ער קומט אַרויס פֿון ישמעאלן, און די ישמעאלים, ווי מיר ווייסן עס פֿון חומש, זענען פֿון תמיד אָן געווען סוחרים... איך האָב אָן עדות האָב איך, טאַקע כאַסקל קאַטיק, וואָס איך האָב דיר געשריבן. איך האָב אים וויפֿל מאָל געזאָגט: „רב כאַסקל, זאָג איך אים, וואַרפֿט אַוועק, זאָג איך, אײַערע נאַרישקייטן (ער פֿאַרנעמט זיך מיט דעם אייגענעם וואָס איך, מיט שרײַבערײַ הייסט עס; רק ער שרײַבט ניט קיין פּאָליטיקע, ער שרײַבט נאָר ביכער שרײַבט ער), לאָמיר זיך בעסער געבן אַ נעם, זאָג איך, צו דער מלחמה, וועלן מיר בעסער מאַכן!“... קוקט ער מיך אָן ווי אַ משוגענעם. „וואָס פֿאַר אַ שײַכות, זאָגט ער, האָבן מיר, יידן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט שרײַבערײַ, צו דער מלחמה?“ זאָג איך אים: „מיר אַליין, זאָג איך, האָבן אפֿשר טאַקע קיין שײַכות ניט, נאָר, זאָג איך, אַז מיר זאָלן וועלן, זאָג איך, קאָנען מיר, זאָג איך, האָבן אַ שטאַרקע שײַכות“. און איך גיי און לייג אים אויס ווי אויף אַ טעלער און גיב אים צו פֿאַרשטיין, אַז די מלחמה פֿירט זיך ניט גוט. אַז פֿון דער מלחמה, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, וועט קיינעם קיין גוטס ניט אַרויס, נאָר ערגער פֿון אַלע וועט מאַכן דער טערק, דער שלימזל. און איבער וואָס? נאָר איבער דעם, וואָס ס'איז ניטאָ קיין רעכטער מעקלער. צו שפּעט בין איך אַהער געקומען פֿון אַמעריקע! צו שפּעט האָב איך מיך אַ נעם געגעבן צו מײַן נײַער פּרנסה, צו פּאָליטיקע! מיט איינע דרײַ־פֿיר חדשים פֿריִער ווען איך קום צו פֿאָרן — טע־טע־טע! גלייב מיר, זוגתי היקרה, בנאמנות, איך בין ניט משוגע. דו קענסט מיך, דאַכט זיך, ניט פֿון נעכטן, אַז איך בין ניט קיין באַ־רימער ווי אַנדערע, וואָס איך זאָל מיך גיין אויסשטעלן פֿאַר דיר און זאָגן אַזאַ נאַרישקייט, אַז ווען איך, מנחם־מענדל, מיש מיך אַרײַן אין דער מלחמה, וואָלט די וועלט געווען אַן אַנדער וועלט און די לאַנדקאַרטע וואָלט באַקומען אַן אַנדער פּנים. ניין! די וועלט איז זיך אַ וועלט און די לאַנדקאַרטע איז אַ לאַנדקאַרטע. נאָר וואָס דען? דײַן מאַן וואָלט איצט געקאָנט פֿאַרמאָגן, הערסטו, דרײַ מויערן אין מיטן וואַרשע!... נאָר מיין ניט פֿון דעסטוועגן, אַז שוין אָן עק, פֿאַרפֿאַלן די קו מיטן שטריקל. האָב צײַט, וועסט נאָך אם־ירצה־השם הערן פֿון מיר און אפֿשר

נאָך גאָר אין גיכן אַזעלכע זאַכן, וואָס דײַנע כתרילעווקער האָבן עס אַפילו אין חלום ניט געזען! איך טראַג מיך אַרום, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן, מיט אַ גוזמא קאָמבינאַציעס, נאָר איין קאָמבינאַציע איז דאָ בײַ מיר אַזעלכע, וואָס איך טאָר דיר נאָך דערפֿון ניט שרײַבן, טאָמער חלילה כאַפּט דאָס עמעצער איבער און גיט דאָס אַרויס פֿאַר זײַנעם. אַזעלכע זאַכן האָבן זיך שוין געטראָפֿן ניט איין מאָל, סײַ אויף דער בערזע, סײַ אין דער פּאָליטיקע. מענטשן זענען אומעטום להוט נאָכן קערבל. אַז וויטי איז געפֿאָרן דעמאָלט צו רוזענוועלטן מאַכן דאָס געשעפֿט צווישן דעם פֿעטער פּיני מיט דער מומע רייזי, האָט ער אויך געהאַלטן מויל, אַ רענדל אַ וואָרט... איז איין מאָל אַוועק. והשנית איז דאָ נאָך אַ צרה — דאָס לשון! איך בין געהרגעט אויף דער שפּראַך. אַחוץ אונדזער יידיש קען איך דאָך ניט קיין אַנדערע שפּראַך — מ'האָט מיך ניט געלערנט. אוי, הלוואי וואָלט איך אויפֿן אָרט פֿון דער גמרא מיטן תוספֿות מיטן מהרש"א מיטן מהר"ם שיף בעסער געלערנט פֿראַנצייזיש און כאָטש אַ קאַפּעלע טערקיש, וואָלט איך שוין איצטער געהאַלטן ווײַט־ווײַט אין דער שמונה־עשׂרה! זוך איך אָצינד איינעם אַזעלכן, וואָס פֿאַרשטייט אָט די ביידע לשונות, ער וואָלט געהאַט בײַ מיר אַ פֿײַנעם חלק, און אפֿשר טאַקע אַ גלײַכן חלק מיט מיר. עס וועט אם־ירצה־השם קלעקן, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, פֿאַר אַלעמען. איז אָבער ניט צו קריגן אַזעלכע אין וואַרשע מיט ליכט! אַזעלכע וואָס פֿאַרשטייען אַ ביסל פֿראַנצייזיש קאָן מען נאָך געפֿינען. נאָר טערקיש — ניט אַ לעק! איך האָף אָבער צו גאָט, אַז איך וועל מסתמא יאָ געפֿינען. מ'באַדאַרף אַ זוך טאָן צווישן די ציוני־סטן, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט ציוניזם — זיי באַדאַרפֿן וויסן, ווו מ'געפֿינט אַזעלכן. נאָר דערווײַל באַדאַרף מען גיין צו דער אַרבעט. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — מיר זענען דאָ פֿאַרנומען, אַלע מענטשן פֿון דער רעדאַקציע, מיר האַלטן בײַ פֿאַרגרעסערן אונדזער גאַזעט — מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זײַ געזונט. קוש די קינ־דער שיחיו, גריס דער שוויגער שתחי', און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל.

עיקר־שכחתי: געדענקסט, איך האָב דיר געהאַט געשריבן וואָס באַסקל קאַטיק האָט מיר געהאַט געזאָגט וועגן די וואַרשעווער יידן? „גיכער, זאָגט ער, וועט איר דורכפֿירן, רב מנחם־מענדל, אײַער גרויסן פּראָיעקט מיטן

טערק, זאָגט ער, איידער איר וועט פועלן ביַי אַ וואַרשעווער יידן, זאָגט ער, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיַין פּראַשע פּאַנאַ"... ווייסטו הערן אַ שיינס, וואָס וואַר־שעווער יידן קענען! פּאַראַן דאָ אַ קלוב פון פריקאַזשטשיקעס, פון יידישע פּרי־קאַזשטשיקעס. וואָס הייסט אַ קלוב פון פּריקאַזשטשיקעס? יידישע פּריקאַזשטשי־קעס הייסט עס קלויבן זיך צונויף אויף דער נאַכט, אַז מ'פאַרשליסט די קלייטן, אַלע אין איינעם און מ'רעדט. מ'רעדט, מ'לייענט אַ בלאַט צייַטונג, מ'כאַפּט אַ קערטל, — אָט דאָס הייסט אַ קלוב. און איטלעכער קלוב, דאַרפסטו וויסן, האָט זיך, ווי יעדע חברה, זיַין פּינקס מיט זיַינע תקנות, מיט זיַינע גבאים, — אַלץ ווי עס קער צו זיַין. דערווייַל זענען זיך מישב די חברה פּריקאַזשטשיקעס און מאַכן אַן אסיפה און מען הייבט אָן צו באַקלערן: „רבותים! אויף וואָס פאַר אַ לשון באַדאַרפן מיר, יידישע פּריקאַזשטשיקעס, רעדן אין אונדזער יידישן קלוב?" ווערט אַ געלעכטער: „וואָס הייסט אויף וואָס פאַר אַ לשון? געוויינטלעך אויף פּוילעש!".. „פאַר וואָס עפּעס אויף פּוילעש? און פאַר וואָס עפּעס געוויינטלעך? פאַר וואָס ניט אויף רוסיש?" „אַזוי, וואָרעם רוסיש איז ניט פּוילעש און פּוילעש איז ניט רוסיש!" בקיצור, פּוילעש רוסיש, רוסיש פּוילעש, — ביז עס כאַפּט זיך אַרויס איינער, אויף אַ פּריקאַזשטשיק: „יידן! פאַר וואָס זאָלן מיר ניט רעדן גאָר אויף יידיש? מיר זענען קיין יידן ניט?" איז געוואָרן אַ גערוואַלד מיט אַ גע־פּילדער: „יידיש? זשאַרגאָן? פּע! לא יזכר ולא יפקד!" — און ס'איז אָנגענומען געוואָרן פה אחד, און ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ פּונקט, און ס'איז אַרייַנגעשריבן געוואָרן אין פּינקס לזכרון: „היות כפי מיר, חברה יידישע פּריקאַזשטשיקעס דק"ק וואַרשע, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אונדזער קלוב בשנת תרע"ג לבריאת העולם און ניט געקאָנט אויסגלייַכן זיך אויף וואָס פאַר אַ לשון מיר זאָלן רעדן, לכן איז געבליבן בהסכם כולם און ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ תקנה, אַז אין אונדזער קלוב קאָן זיך איטלעכער רעדן אויף וואָס פאַר אַ לשון ער וויל: אויף פּוילעש, אויף רוסיש, אויף דייַטש, נאָר ניט אויף יידיש. און באַם, ווער עס וועט עובר זיַין אויף דער תקנה און וועט רעדן חלילה אויף יידיש, זאָל מען אים טאָן וואָס די פּאָליאַקן טוען — מען זאָל אים בויקאָטעווען, דאָס הייסט, ער קאָן זיך רעדן פון הייַנט ביז מאָרגן צעזעצטערהייט, זאָל מען אים ניט ענט־פערן קיינער דאָס צווייטע וואָרט — והכל שריר וקים..."

הנ"ל

עיקר־שבעיקר־שכחתי: בזה הרגע האָט מען מקבל געווען אַ ידיעה, אַז מיקיטאַ האָט פּלוצלונג באַשלאָסן אָפּצוטראָגן זיך פון סקעטאָריע. דו קענסט זיך, זוגתי היקרה, פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ רעש דאָס האָט ביַי אונדז געמאַכט.

הנ"ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

2

לכבוד בעלי היקר החכם מופֿלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך האָב דערהאַלטן פֿון דײַנע לײַט ווידער אַ מאָל אַ הונדערטער, איצטיקס מאָל שוין ניט קיין גאַנצן, נאָר אַ צעבי־טענעם, און ווידער אַ מאָל אָן אַן אײַנגעטונקטע פּען, כאָטש צוויי ווערטער מ׳זאָל דאָס צושרײַבן, כאָטש פֿון יוצא וועגן, — איז אויך ניט. צי מ׳האָט טאָקע אַזוי קיין צײַט ניט, ווי די מאַמע זאָגט: „מ׳שלאָפֿט אין שלייער״? צי אפֿשר שטייט ניט אָן דעם טאַטן זייערן מײַן יִחוס? ווייס איך ניט. אַז מיר וועלן זיך אויסרע־כענען, בין איך נאָך אפֿשר אַזאַ טאַטנס קינד ווי זיי... און ווײַטער, מענדל, שרײַב איך דיר, אַז איך האָב מיך נאָכגעפֿרעגט דאָ בײַ די יונגע־לײַט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין זאַך אָט די איצטיקע פּרנסה דײַנע, דײַנע שרײַבעכצן, — האָבן זיי מיר דערפֿון געמאַכט גאָר אַ גאַנצן צימעס. זיי זאָגן, אַז גאַזעטן איז הײַנט די בעסטע פּרנסה און אַז דײַנע לײַט, וואָס דו שרײַבסט בײַ זיי אין זייער גאַזעט, גייען גאָר אין גאָלד, זענען מאסף ממון, וואָרעם דער גאַזעט, זאָגן זיי, איז הײַנט נייטיקער פֿון אַלצדינג, אַפֿילו פֿון עסן. „מיר וועלן זיך אײַך אָפּזאָגן, זאָגן זיי, אין דער פֿרי פֿונעם גלעזל טיי, נאָר דער גאַזעט, זאָגן זיי, דאָס מוז זײַן! און ווער שמועסט, זאָגן זיי, אַז עס קומט אָן דער פֿרײַטיקדיקער גאַזעט און מען ווייסט, אַז עס דאַרף זײַן אײַער מאַנס אַ בריוול, איז דעמאָלט, זאָגן זיי, גאָר אַ גאַנצער יום־טוב!״... ווי באַלד אַזוי, מענדל, אַז דו ביסט יאָ, ווי זאָגט די מאַמע, אין פֿעדערן, פֿאַר וואָס זאָלסטו ניט זען אָפּלעקן בײַ זיי אַ ביינדל? למאי זאָלסטו האָבן אַ טבע אַלע מאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף יענעמס יושר? זאָגסט דאָך אַליין, אַז דאָס אַמעריקע, פֿאַרברענט זאָל עס ווערן, האָט דיך אַזוי אויסגע־צוויטשעט, אַז דו גלייבסט שוין גאָר הײַנט קיינעם ניט אויף נאמנות, הײַנט ווי קומט דאָס זאָלסט זיך לאָזן מעלקן ווי אַ ציג אין די נײַן טעג? געשריבן וואָלט איך זיי? אַ קדחת וואָלט איך זיי אָפּגעשריבן! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין

שרײַבעכץ גלאַט אַזוי הולאַם אויף דער קאַראַבקע, ווי זאָגט די מאַמע: „פֿאַר אַ שמעק טאַבעקע". וואָס איז? טאָמער וועלן זיי זיך דערמאָנען אַ מאָל אַרײַנוואַרפֿן אַ הונדערטער! למאי זאָלסט זיך לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע? זאָלסט מיך פֿרעגן וואָלט איך דיר געזאָגט אַזוי, מענדל. עס איז אַ ריינער חשבון: דאָס ערשטע איז — דײַנע הוצאות דאַרפֿן זיי דיר אומקערן; ביסט ניט מחויב צוליב זיי אַוועקוואַרפֿן דײַן משפּחה, האָסט אַ ווײַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר מיט קינדער זאָלן געזונט זײַן. עסן און טרינקען און אַ מלבוש און אַ ציגאַר טוטין, ווי דו זאָגסט, און אַ מאַרקע טאָמער דאַרפֿסטו שיקן אַהיים אַ בריוו און נאָך אַזעלכע זאַכן — דאָס אַלצדינג באַדאַרף זײַן אויף זייער רעכענונג. וואָס דען? און מיר אַ הונדערטער — דאָס, פֿאַרשטייט זיך, דאַרפֿן זיי מיר צושיקן אַלע פּערווע טשיסלאָ אָדער גאָר צוויי מאָל אין חודש. און פֿאַר וואָס טאַקע ניט אַלע וואָך? און דיר זענען זיי ניט קליין אַחוץ, געבן אַ הונדערטער אַ וואָך. נישקשה, עס וועט דיר צו ביין קומען אויב ניט איצט, איז שפּעטער, מיט דער צײַט, טאָמער חלילה וועסטו זיך מיט זיי צעפּאַטשן... און ווו איז דאָס מזומנע, וואָס פֿאַלט זיי אַרײַן פֿונעם געזעצט? איך מיין, אַז על־פּי יושר וואָלטן זיי מיטן מזומנעם גלאַט זיך געמעגט טיילן מיט דיר אויף דער האַלב, גלײַך אויף גלײַך. פֿאַר וואָס קומט זיי אין גאַנצן? איך וויים — אַזוי קומט אויס נאָך מײַן שׂכל, נאָר דו פֿאַרשטייסט מסתמא בעסער, וואָרעם דו ביסט דאָך קליגער. ווי זאָגט די מאַמע: „ער איז ניט אַזוי קלוג ווי שיין, און ניט אַזוי שיין ווי גוט, און ניט אַזוי גוט ווי געניט". זי אַז זי זאָגט אַ וואָרט, באַדאַרף מען עס קושן. זאָג אפֿשר אַז ניין? און ווײַטער, וואָס דו שרײַבסט מיר, מענדל, פֿונעם טערק, אַז דו עסט ניט, און טרינקסט ניט, און שלאָפֿסט ניט, איז דאָס פֿון דיר אַ גרויס נאַרישקייט! טאַקע כּדאַי כ׳לעבן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ פֿון אַזעלכע זאַכן. וואָס גייט עס דיך אָן דרינאָפּעל, סיוועסטאָפּאָל? מיקיטאַ שוויקיטאַ? מיינעט וועגן לאָזן זיי זיך דאָרטן רײַסן, לאָזן זיי זיך בײַסן, אַבי דער געזעצט זאָל האָבן וואָס צו שרײַבן און דו זאָלסט פֿאַרדינען געלט... און וואָס דו שרײַבסט מיר עפּעס וועגן גרויסע פּראָיעקטן, האָב איך מורא, בעלי היקר, ס׳זאָל זיך ניט אויסלאָזן חלילה דאָס אייגענע וואָס פֿון דײַנע גילדענע פֿייגעלעך אין יעהופּעץ, ניט הײַנט געדאַכט. מ׳צאָלט דיר זאָלסט שרײַב — שרײַבן. וואָס טויג דיר גליקן? און ווער איז אָט דער קאַטיק וואָס דו האָסט זיך מיט אים שוין אַזוי גיך צונויפֿגעקאָמפּאַניעט, אַז דו קאָנסט שוין גאָר אָן אים אַ טאָג ניט זײַן? פֿון וואָסערע קאַטיקעס איז ער? און צי איז ער אַ באַוױַבטער?... זע נאָר ער זאָל דיך דאָרט ניט אַרויספֿירן אויף אַ בלאָטע,

אָדער גלאַט עפּעס אויסנאַרן — אַ קשיא אויף דיר! און וואָס דו שרײַבסט מיר וועגן דעם, אַז די פּאָליאַקן בויקאָטעווען יידן, פֿאַרשטיי איך נאָך. דערויף זענען זיי פּאָליאַקן. נאָר אַז יידן אַליין בויקאָטעווען יידן — דאָס איז שוין אַ ביסל צו דאַסיק... איך האָב מורא, מענדל, אַז מ׳זאָל חלילה דאָרט צווישן יאָ און ניין דערווײַל דיך ניט אָנבויקאָטעווען! איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר איך האָב פֿײַנט וואַרשע, איך האָב פֿײַנט די וואַרשעווער יידן. די וואַרשעווער יידן דערפֿאַר, וואָס זיי רעדן מיטן אײַ און מיטן ווײַ, און וואַרשע דערפֿאַר, וואָס ס׳איז אַ שטאָט פֿון גנבים. מײַן טאַטע עליו־השלום איז אַ מאָל געווען אין וואַרשע, שוין לאַנג, איך בין נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען, דערציילט ער, אַז מען האָט בײַ אים אַרויסגעמאַנטאַשעט אַ בײַטעלע פֿון קעשענע אין מיטן העלן טאָג! אַ גליק וואָס דאָרט איז געווען קדחת ניט קיין געלט. אונדזערע כּתרילעווקער קרעמערס, צום מייסטן צעלניקערס, פֿאָרן אָפּטלעך קיין וואַרשע, זאָגן זיי אויך, אַז ס׳איז אַ פּאַסקודנע שטאָט. דאָס הייסט, די שטאָט אַליין איז דווקא אַ שיינע, נאָר די מענטשן זענען פּאַסקודנע מענטשן. ס׳איז אַ מיצווה, זאָגן זיי, אַז מ׳זעצט זיי אָן. אַלע צעלניקערס אונדזערע האָבן שוין דאָרטן וויפֿל מאָל אָנגעזעצט... נאָר די שניטקרעמערס — די זעצן אָן אין לאָדזש. דאָס איז דאָס אייגענע לאָדזש, וואָס דו שרײַבסט, אַז ס׳וואָלט געמעגט אײַנגעזונקען ווערן אַזוי ווי סדום. בײַ מיר האָסטו געפּועלט. איך וועל מיך פֿאַר דעם ניט אײַנשטעלן. פֿראָ מענע וואָלט מיט וואַרשע אויך געמעגט זײַן דאָס אייגענע, נאָר ניט כּל־זמן דו ביסט אַ וואַר־שעווער... דו ביסט אַזוי פֿאַרטאָן, מענדל, אין דײַנע פּאָליטיקעס מיט דײַנע מלכים און שני־למלכס, אַז די היים קריכט דיר אין דער לינקער פּיאַטע. פֿרעגסט זיך אַפֿילו ניט נאָך ניט אויף אַ ווײַב, ניט אויף אַ קינד. פֿון דער משפּחה רעד איך שוין ניט. ווי שטייט דיר אָן זיך נאָכפֿרעגן אויף אַ משפּחה, אַז אַקערשט, ווי מען זעט ניט, ווערסטו באַלד אַליין אַ שני־למלך? און פֿאַר וואָס זאָלסטו מיר אַ מאָל גלאַט ניט אַ שרײַב טאָן, שרײַבער מײַנער, ווי אַזוי דו לעבסט דאָרטן און ווו דו וווינסט, וואָס דו עסט און ווו דו שלאָפֿסט? דאַכט מיר, איך מעג עס אויך וויסן, צי ניין? וואָס בין איך דיר — אַ ווײַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, צי חלילה אַ פּאָליבאָווניצע? — ניט דערהאָרן וועלן דאָס דײַנע וואַרשעווער פּאָ־ליאַקן, וואָס בויקאָטעווען יידן, פֿאַרבויקאָטעוועט זאָלן זיי ווערן פֿון גאָט, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

גוט, כ׳האָב מיך דערמאָנט ! זאָג מיר נאָר, מענדל, וואָס איז דאָס אַזעלכעס „איקע״, צי „מיטע״, צי „שמיטע״ וואָס ייִדן פֿאַרשרײַבן זיך אַהין אויף אַוועקצופֿאָרן ? גוזמי גוזמאות ייִדן האָבן זיך שוין אַהין פֿאַרשריבן און וואַרטן אויף זייער פֿאַרטיע וואַרטן זיי. כ׳האָב מיך נאָכגעפֿרעגט אָט דאָ בײַ אַ פּאָר שכנים, קענסטו דאָך אונדזערע כתרילעווקער חכמים, באַלד עפּעס, שיטן זיי מיט ווערטלעך. „דו האָסט, זאָגן זיי צו מיר, אַזאַ מאַן ווי מנחם־מענדל, הײַנט ווי קומט דאָס, זאָגן זיי, אַז דו זאָלסט ניט וויסן אַזאַ זאַך ?״ — האָסטו עפּעס צו זייער טאָטן ? ווי זאָגט די מאַמע : „ס׳שטייט געשריבן, אַז אַ טויב איז געגאַנגען פֿרעגן בײַ פֿוקס אַן עצה, האָט זי פֿאַרזאָגט קינדסקינדער״... ווי טיף דאָס איז ! זינט דער טאַטע עליו־השלום איז געשטאָרבן, מאַכט זיך ניט צו בײַ איר דאָס טײַטש־חומש.

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

5

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז ער איז אַ חכם. איך מיין טאַקע דעם מלך פֿון מאָנטענעגערע מיין איך, וואָס ער האָט זיך באַצײַטנס אונטער־געגעבן. אַ מענטשן אַז עס שפּילט דאָס גליק, איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט! פֿריִער איז ער געווען בײַ זיך דאַכט זיך געדולדיק, געלאָזט וויסן דער גאַנצער וועלט אַז לא מיט אַן אַלף — ער טרעט ניט אָפּ פֿון דער אײַנגענומענער שטאָט, סײַדן, האָט ער געזאָגט, מ׳וועט אים אין לײַלעכער אַרויסטראָגן. איצט, אַז ער האָט דערזען, אַז פֿראַנץ־יוסף האָט געגעבן אַ רוק צו צו דער גרענעץ אַ פּאָר מאָל הונדערט טויזנט חיל, און אַז וויקטאָר עמנואל, כאָטש ער איז אַן אייגענער, אַן אײדעם הייסט עס, האָט זיך אויך צוגעגרייט אין וועג מיט אַ דרײַסיק טויזנט סאָלדאַטלעך, און אַז מיר אין פּיטערבאָרג זיצן אויך ניט צונויפֿגעלייגט די הענט, וואָרעם „מיר" האָבן אים גלײַך געגעבן אַ ווונק, אַז ס׳איז דברים בטלים, אַז אויף „אונדז" האָט ער זיך ניט וואָס צו פֿאַרלאָזן — האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז צע טאַבי נע רב אליקום און איז באַלד געוואָרן ווייך אַזוי ווי פּוטער און האָט שוין אָנגעהויבן רעדן אַנדערע דיבורים און שמועסן גאָר מיט אַן אַנדער לשון: „עס שטייט אים ניט אָן — זאָגט ער אין זײַן ערשטער דעפּעשע צום ענגלענדער — אַז אַ גרויסער און אַ שטאַרקער (דאָס מיינט ער דעם אַלטן פֿראַנץ־יוסף) זאָל מיט גוואַלד צווינגען אים, דעם קליינינקן אָרעמען מלך פֿון מאָנ־טענעגערע, מה אנו מה חיינו"... הערסט ווערטער? בין איך ניט גערעכט געווען, אַז איך האָב דיר געשריבן, אַז פֿאַר די „הויכע פּענצטער" האָט מען דרך־ארץ? דאָס אייגענע איז געווען אויך מיטן שני־למלך פֿון אַלבאַניע. אַנגעגורט די לענדן אין וועג אַרײַן האָט דער זקן פֿראַנץ־יוסף און דער איטאַליענישער וויקטאָר עמנואל געלאָזט וויסן, אַז ניט צוליב דער שטאָט סקעטאַריע רוקן זיי

זיך צו דער גרענעץ. סקעטאַריע, זאָגן זיי, איז בײַ זיי די לעצטע דאגה, און דער מלך מאָנטענעגערע, זאָגן זיי, ליגט זיי אין דער לינקער פּאה, ער וועט, זאָגן זיי, סײַ ווי סײַ אַפּריינּיקן די שטאָט, און אַז ער וועט ניט אַפּריינּיקן מיט גוטן, וועט ער זי אַפּרײַניקן מיט בייזן. זיי טוט ווי דער קאָפּ, זאָגן זיי, נאָר פֿאַר אַלבאַניע. מיט אַלבאַניע, זאָגן זיי, באַדאַרף מען לערנען דרך־ארץ, זי זאָל נעמען אַליין און אַפּרײַסן זיך פֿונעם טערק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָפּרײַסן זיך?! דאָס הייסט, אַפּרײַסן אַלבאַניע פֿונעם טערק האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפֿט. נאָר וואָס דען? ניט זי אַליין. אַזאָס! דערויף זענען דאָ עלטערע און בילכערע. אַלבאַניע באַדאַרף צו זײַן אַ מלוכה פֿאַר זיך, ווי איך האָב דיר שוין מסביר געווען אין פֿריערדיקן בריוו, צוליב שכנות און צוליב דעם, אַז פֿאַר די צוויי מלוכות זאָל זײַן אַן אָפֿענער וועג אין אַדריאַטישן ים אַרײַן. און טאַקע צוליב דעם איז צווישן די צוויי קיסרים אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, ווי אַזוי פֿראַנץ־יוסף מיט עמנואלן זאָלן דאָס אַלבאַניע אָפּרײַסן פֿונעם טערק און צעטיילן זיך מיט דעם אויף דער האַלב, חצי שלי וחצי שלך... דערהערט אַזאַ מעשׂה און דערזען אַז ס'שטייט שמאָל, האָט דער אַליינגעקרוינטער מלך פֿון אַלבאַניע, סעד־פּאַשאַ, זיך מישב געווען און לייקנט אָפּ שטיין און בײן. ער זאָגט, אַז ער האָט גאָר אַפֿילו קיין מאָל ניט אין זינען געהאַט זיך קריינען, ניט פֿאַר שני־למלך, ניט פֿאַר שלישי־למלך. דאָס האָבן שונאים, זאָגט ער, אויסגעטראַכט. אַדרבא, אַזאַ הייסער פּאַטריאָט ווי ער, רב סעד־פּאַשאַ הייסט עס, איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ער איז אַ געטרײַער דינער, זאָגט ער, צום סולטאַן און אַן איבערגעגעבענער סאָלדאַט צו זײַן פֿאָטערלאַנד, צו אַלבאַניע, פֿאַר וועלכער ער איז גרייט, זאָגט ער, אין פֿײַער און אין וואַסער! אַז מען שמועסט אַ פּאַטריאָט, איז דאָך ניט שייך... קומט דאָס אויס, הייסט עס, אַז ס'איז גאָר שיין און פֿײַן און גוט און רויִק, — אַן עק, אויס מלחמה, אויס מעבעליזאַציע, און וואָס דאַרף מען נאָך? איז אָבער די מעשׂה, זוגתי היקרה, וואָס איך בין ניט רויִק. און כּל־זמן איך בין ניט רויִק — איז אַ שלעכטער סימן! איך האָב, פֿאַרשטייסטו מיך, אין די ענינים אַ שטיקל געפֿיל, וואָס עס פֿאַרקעט מיך אינעווייניק. אַזוי איז געווען אַ מאָל, ניט הײַנט געדאַכט, אַז איך האָב געאַרבעט אויף דער בערזע, אַלע שפּעגעלאַנטן מיט אַלע מעקלערס פֿלעגן זיך זיצן גאַנץ רויִק בײַ די ווײַסע טישלעך, טרינקען קאַווע אָדער עסן מאַראָזשענע און איך אויך בתוכם. און פּלוצעם פֿלעגט עס מיך געבן אַ פֿאַרקע אינעווייניק און אַ טראַג אַוועק אויפֿן טרעטואַר. פֿרעג מיך בחרם — ווייס איך אַליין ניט וואָס.

און כּך־הוה: עס גייט ניט אַוועק קיין האַלבע שעה, קומט ניט אָן אַ דעפּעש פֿון דער פּיטערבאַרגער בערזע, אַז דאָרט איז אַן איבערקערעניש, חושך ואפלה? אַוודאי זענען דעמאָלט אַלע אונדזערע שפּעגעלאַנטן און מעקלערס מיט זייערע אַלע פּאַפּירלעך און אַקציעס אַרײַן ווי קורח און איך אויך בתוכם...

פּונקט דאָס אייגענע איז אויך איצט מיט דער מלחמה: עפּעס פּאַרקעט מיך. הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר דאָס אָפּטרעטן פֿונעם מלך מאָנטענעגערע געפֿעלט מיר ניט. ס׳זאָל ניט זײַן דאָס אייגענע וואָס איז געווען מיט אונדז אינעם צוועלפֿטן יאָר בעת מיר האָבן מלחמה געהאַלטן מיט נאַפּאָליאָנען. מיר האָבן אויך דעמאָלט אָפּגעטרעטן פֿון מאָסקווע... איך האָב מורא, פֿאַרשטייסטו מיך, אַז מיט זײַן אַוועקגיין פֿון דער שטאָט זאָל די שטאָט גופֿא ניט אַוועקגיין מיטן רויך. ער זאָל ניט מאַכן בורא מאורי האש... דו מיינסט מיך אַרט אַזוי די שטאָט? מילא, וועט זײַן ווינציקער מיט אַ שטאָט! מיך אַרט אַן אַנדער זאַך אַרט מיך: ווער ווייס וואָס אַט דער שפּעגעלאַנט מיקיטאַ ניקאָלאַי קאָן נאָך אַרויסוואַרפֿן פֿאַר אַ שטיקל? און ווער ווייס וואָס דעם סעד־פּאַשאַ קאָן זיך פֿאַר־גלוסטן? אַט הערט זיך גאָר אַ סלוך, אַז מאָנטענעגערע מיט סערביע זאָל גאָר ווערן איינס! טאָמער ווייסטו וואָס שמעקט דערינען?... הלוואי איך זאָל זײַן אַ נאַר, נאָר איך בין דיר ניט ערב, אַז ביז דער דאָזיקער בריוו מײַנער וועט אָנקומען צו דיר קיין כּתרילעווקע, זאָל זיך ניט איבערדרייען דאָס רעדל און ס׳זאָל זיך ניט דערהערן חס־ושלום ערגעץ אַ שיסערײַ דאָרטן אויף די באַל־קאַנעס, וואָרעם דו ווייסט ניט וואָס פֿאַר אַ פּולווער דאָס איז, און דו קאָנסט ניט, נאַרעלע, אַט דעם מלך פֿון מאָנטענעגערע. איך גיי מיר, הערסטו, מיט מײַן גאַנג, אַז ער איז אַ שפּעגעלאַנט און אַז ער שפּילט אויף דער בערזע. הלוואי מיר זאָלן שוין אַזוי באמת אויפֿגעריכטט ווערן — איך מיין עס טאַקע אונדזערע ייִדן מיין איך. ער איז אַ שפּעגעלאַנט און אַ ברענענדיקער! איך זע דאָס אַרויס בחוש פֿון אַלע זײַנע געגנג. איך בין, נישקשה, אַ מבין אויף אַ טשאַד — איך בין דאָך עפּעס אַליין אויך געווען, ניט הײַנט געדאַכט, אַ שפּעגעלאַנט, און ווייס די קונץ ווי אַזוי מען מאַכט פֿון שבֿיי גאָמלקעס, דאָס הייסט ווי אַזוי מ׳רופֿט אַרויסעט פֿריער אַ „בעס״, דאָס הייסט אַקציעס זאָלן פֿאַלן ארצה און מ׳קויפֿט זיך דעמאָלט גוט אָן מיט פּאַפּירן אויף „אולטימאָ״, סוף חודש הייסט עס, און דערנאָך קערט מען זיך איבער „אַ לאָ האָס״, דאָס הייסט מען מאַכט אַזוי, אַז פּאַפּירן זאָלן זיך געבן אַ הייב אויף, בכדי מ׳זאָל זיי קאָנען גוט פֿאַרקויפֿן און איבערשמײַסן, דאָס הייסט דו גייסט אַרויס פֿאַרקויפֿן אויפֿן צווייטן אולטימאָ

אַלץ וואָס דו האָסט און נאָך מיט אַ סמיטשיק! און אַז ס׳קומט צו דער „רעאַ־ליזאַציע״, דאָס הייסט, אַז דו דאַרפֿסט אָנהייבן געבן, טוסטו זיך דעמאָלט ערשט אַ קער איבער צוריק ווידער „אַ לאַ בעס״ — אַ, מיר וויסן די מאַכערײַען! אָט האָב איך נאָר וואָס געלייענט אַ דעפּעש, אַז דער מלך מאָנטענעגערע רעכנט, תּיכּף ווי נאָר ער פֿאַרלאָזט די שטאָט אַזוי זאָגט ער זיך אָפּ פֿון דער מלוכה. וואָס פֿאַר אַ שמד־שטיק מיינסטו שטעקט דערינען! כאַסקל קאָטיק האָט ליב אַ מאָל איבערשפּאַרן, „פֿון וואַנען ווייסט איר, זאָגט ער, וואָס בײַם מלך מאָנטע־נעגערע אין האַרצן טוט זיך? אפֿשר וויל ער טאַקע אויף דער עלטער זיך אָפּ־זאָגן פֿון דער מלוכה? געלט, זאָגט ער, האָט ער? די קינדער פֿאַרזאָרגט? וואָס נאָך, זאָגט ער, פֿעלט אים?״ וואָס זאָגסטו אויף דעם משל? ניין! דו וועסט מיר ניט אײַנרעדן און קיינער וועט מיך ניט איבערשפּאַרן, און כּל מלכי מיזרח ומערב לאָזן קומען, וועלן זיי בײַ מיר ניט פּועלן, אַז ער איז ניט קיין שפּעגעלאַנט און שפּעגעלירט ניט אויף דער בערזע, און אפֿשר נאָך אין איינעם מיטן איידעם וויקטאָר עמנואל! אַניט וואָס דען? יעדע מלחמה, נאַרעלע, איז ניט מער ווי אַ שפּעגעלאַציע. אַ שפּעגעלאַציע צווישן מלכים, וואָס שפּעגעלירן מיט זייערע סאָל־דאַטלעך. פֿאַרשטייט זיך, ניט צוליב זיך אין קעשענע אַרײַן, נאָר לטובה פֿון זייַ־ערע לענדער, און פֿון זייערע פֿעלקער... און די שפּעגעלאַציע פֿון אַ מלחמה איז, ווי אַלע שפּעגעלאַציעס, אַ גליקזאַך, אַ קאָרט. ווען עס געראָט, דער נעמט אויס; באַקומט ער אי אַ לאַנד, אי געלט, אי אַל דעס גוטס, און כּבֿוד אָן אַ שיעור. און ווען עס געראָט ניט, דער ווערט בדיל־הדל, וואָרעם אַחוץ וואָס ער האָט פֿאַרלוירן די מלחמה, אָפּגעשניטן אַ שטיק לאַנד, אויסגעלייגט זײַנע סאָלדאַטלעך און זײַנע פּאַפּירן אויף דער בערזע זענען געפֿאַלן אין דער ערד אַרײַן, פֿאַרלירט דעם קרעדיט בײַ דער וועלט, און צו אַלע צרות באַדאַרף ער נאָך באַצאָלן דעם שונא צער און רפֿוא און שבת און בושת, אומקערן אים אַלע הוצאות — קאָנטריבוציע ווערט דאָס אָנגערופֿן...

הקיצור, מלחמה איז אַ שפּעגעלאַציע. ניט מער, וואָס איז דער חילוק פֿון אַ שפּעגעלאַציע ביז אַ מלחמה? דער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס בײַ אַ שפּעגע־לאַציע מוזן בײדע צדדים, סײַ דער מוכר סײַ דער קונה, מסכּים זײַן אויפֿן געשעפֿט, און בײַ מלחמהשער שפּעגעלאַציע טרעפֿט גאַנץ אָפֿט אַז איין צד וויל, דער אַנדערער — בשום־אופֿן ניט. העלפֿט אים אָבער ניט. איינער קומט צום אַנדערן און זאָגט צו אים: „לאָמיר שפּעגעלירן״. ענטפֿערט אים יענער: „איך

וויל ניט״. זאָגט ער אים: „דו ווילסט ניט? וויל איך אָבער״. אַ וואָרט צו אַ וואָרט — פּיטש־פּאַטש, מ׳שלאָגט זיך שוין! אָט אַזוי איז למשל מיט די טריפּאָליס וואָס אין אַפריקע. דער איטאַליענישער מלך וויקטאָר עמנואל איז געקומען צום טערקישן סולטאַן און זאָגט צו אים:

„הער נאָר אויס, רויטע יאַרמלקע! טאָמער וואָלטן מיר געמאַכט אַ שפּעגע־לאַציע?״ פרעגט אים דער טערק: „דהיינו כדומה־למשל, וואָס פאַר אַ שפּעגע־לאַציע?״ זאָגט אים עמנואל: „היות ווי מיין לאַנד, איטאַליע הייסט עס, איז פאַר מיין פאָלק אַ ביסל צו ענגלעך, און מײַנע איטאַליענישע אַרבעטערס עמיג־רירן צו דיר יאָר־יערלעך אין די טריפּאָליס וואָס אין אַפריקע, אַזוי אַז מײַנע מענטשן וועלן דאַרטן אין גיכן זײַן אם־ירצה־השם מער פון דײַנע טערקן, על־כן פאָדערן מײַנע איטאַליענישע געשעפטן, אַז דײַנע טריפּאָליס וואָס אין אַפריקע זאָלן אין גאַנצן אַריבערגייען צו מיר. און אויב דו ווילסט מיט גוטן איז מה־טוב ומה־נעים. אלא ניט, וועסטו ערגער מאַכן, וואָרעם איך וועל עס בײַ דיר אָפּנעמען מיט גוואַלד, וועסטו נאָך דאַרפן צאָלן קאָנטריבוציע אויך. האָסט עס צעקיי־עט?״... ווערט דאָך מסתמא דער סולטאַן אָנגעצונדן און מאַכט אַ גוואַלד, שרײַבט אָוועק צו די הויכע פּענצטער אַ נאָטע אַ פלאַם־פײַעריקע:

„געוואַלד, ראַטעוועט! גזלנים זענען באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג!״ הערן אויס די „הויכע פענצטער״ און ענטפערן אים אָפּ אויך מיט אַ נאָטע, נאָר אָן פײַער, געלאַסן, ווי עס פּאַסט פאַר „הויכע פענצטער״: „פון איין זײַט הייסט עס געפינען זיי, אַז ס׳איז טאַקע אַ רציחה און זיי וועלן אַוודאי אָנווענדן כל־המעגלעכקייטן דורך די מעקלערס, זייערע דיפּלאָמאַטן הייסט עס, אַז מ׳זאָל דעם סיכסוך ווי עס איז אויסגלײַכן אויף אַן אָנשטענדיקן שטייגער. נאָר פון דער אַנדערער זײַט מוזן זיי צוגעבן, אַז יענעמס טענות האָבן אַ שטיקל גרונט, וואָרעם וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, אַז אין זײַן לאַנד איז אים פאָרט ענגלעך און זײַנע אַרבעטערס האָבן זיך פאָרט באַזעצט אינעם נײַעם לאַנד? געוויינטלעך וועלן זיי ניט דערלאָזן ס׳זאָל געטאָן ווערן אַן עוולה, די וועלט איז דאָך ניט הפקר... נאָר אַזוי ווי ער, דער סולטאַן הייסט עס, איז אויך ניט קיין אַבי־ווער, און זײַן מדינה רעכנט זיך צווישן די גרויסע, צווישן די „הויכע פענצטער״, על־כן איז זייער עצה, אַז מעלתו זאָל דעם אַרויסרוף אָננעמען און זאָל זיך ווערן קעגן שונא מיט שווערד און מיט פולווער און דערמיט אונטערהאַלטן זײַן אייגענעם כבוד און דעם כבוד פון זײַן מדינה און פון זײַן פאָלק ודל... און וואָס דער סוף איז געווען האָב איך דיר שוין דאַכט זיך געשריבן: די טריפּאָליס וואָס אין אַפריקע געהערן שוין הײַנט טאַקע

צו איטאַליע, און קאָנטריבוציע וועט דער טערק אָם־ירצה־השם נאָך דערפאַר צאָלן און צאָלן...

דאָס אייגענע וועט זײַן אויך איצט מיט די באַלקאַנער. די שפּעגולאַציע, מיין איך די מלחמה מיט די באַלקאַנער איז דאָך כמו ווי געענדיקט און צווישן די צדדים ווערט איצט אויסגעאַרבעט אַ שלום מיט אַלערליי תּנאים. פרעגט זיך: ווער האָט דאָ גובר געווען? גובר געווען האָבן די באַלקאַנער מלכים און מ'דאַרף הייסט עס אַ נעם טאָן זיך צו דער חלוקה, אײַנטיילן זיך מיט די אײַנגענומענע שטעט און מיט דער קאָנטריבוציע, וואָס די מעקלערס, די דיפּלאָמאַטן הייסט עס, וועלן אויסאַרבעטן. ווייסט דו זען, וואָס פאַר אַ קאַשע דאָ וועט זיך ערשט פאַרקאָכן! דאָ וועט זיך ערשט אָנהייבן די רעכטע חתונה. מילא, דעם טערק וועט מען שוין קנסנען, מ'וועט שוין פון אים אָפּשנײַדן אַ פּאַס — פון דעם איז קיין רייד ניט. וואָס וועט אָבער זײַן ווײַטער? דאָס הייסט, ווי אַזוי וועלן זיך די באַלקאַנער מלכים אײַנטיילן צווישן זיך מיטן דערווידענד, מיט דער קאָנטרי־בוציע מיין איך? און מיט די אײַנגענומענע שטעט וואָס וועט זײַן? איטלעכער פון זיי וועט דאָך וועלן דעם בעסטן חלק. איטלעכער וועט האָבן אַ טענה, און וועט זײַן גערעכט, אַז אים קאָסט די שפּעגולאַציע, די מלחמה מיין איך, מער סאָלדאַטן, לכן קומט אים אַ גרעסערן חלק. און אין זייער אַפּמאַך איז דאָ אַ בפירושער פּונקט, אַז די חלוקה זאָל זײַן נאָך דער צאָל פון די געפאַלענע קרבנות. וואָס זשע מיינסטו וועט זײַן? בוזי־בזיונות, מחלוקת מיט קריג מיט סקאַנדאַלן און מיט נײַע שפּעגולאַציעס, מיין איך נײַע מלחמות, טאַקע צווישן זיך גופא, און סוף־כל־סוף וועט מען ערשט באַדאַרפן אָנקומען צו מענטשן, צו די „הויכע פּענצטער", אַז זיי זאָלן אויסגלײַכן די צדדים, — וועט דאָס פאַרן טערק זײַן דווקא די גרעסטע מעלה! וואָס איז דער שׂכל? דער שׂכל איז אַ פּראָסטער שׂכל: אַז די צדדים וועלן קומען צו די „הויכע פּענצטער" מ'זאָל זיי אויסגלײַכן, וועלן די „הויכע פּענצטער" טאָן דאָס וואָס מײַן רבי האָט אַ מאָל געטאָן מיט די צוויי יינגלעך, וואָס האָבן זיך צעקריגט אין חדר איבער אַן איי. איטלעכער פון די ביידע יינגלעך האָט געטענהט, אַז דאָס איי איז זײַן איי, וואָס זײַן מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אויף אָנבײַסן. אַ וואָרט און אַ וואָרט, יינגלעך — קונדסים, — האָט מען זיך מסתּמא צעהרגעט, צעבלוטיקט! איז געקומען דער רבי און גע־מאַכט אַ פּשרה: דאָס איי האָט ער אָפּגעשיילט, צוגערופן זײַן אייגן יינגעלע, מיט אים געמאַכט אַ ברכה און געהייסן אויפעסן, און די צוויי קינדער האָט ער גאַנץ פײַן אָפּגעצימבלט און נאָך געזאָגט דערבײַ אַ ווערטל (געווען אַ ווערטל־

זאַגער): „אַ רוח אין אײַער פֿאַטער און מוטער אַרײַן! איר זענט דען די בית־שמאי מיט די בית־הלל, וואָס איר האָט זיך געקריגט איבער אַ ביצה שנולדה ביום־טוב, איבער אַן איי הייסט עס? אַצינד נעמט זיך, ממזרים, צו די חומשים!"

דאָס איז, הייסט עס, דער משל, און דעם נימשל באַדאַרפֿסטו, זוגתי היקרה, שוין אַליין פֿאַרשטיין... אײַ די קשיא: דעם טערק וואָס וועט דערפֿון אַרויסקומען? עס וועט אים זייער אַ סך אַרויסקומען! ווארעם ביז די אײַנגענומענע שטעט וועלן אַריבערגיין פֿון די באַלקאַנער צו די „הויכע פֿענצטער", וועט פֿאַרגאָסן ווערן גענוג בלוט, וואָרעם די „הויכע פֿענצטער" צווישן זיך גופֿא וועלן דאָך אויך ניט אַזוי גיך אײַנטיילן זיך — און דאָ ליגט דער גאַנצער ברען און דאָ טאַקע ליגט אייגנטלעך דער שׂכל פֿון מײַן פּראָיעקט, וואָס איך האָב פֿאַרצוליייגן פֿאַרן טערק... נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט (מ'דאַרף שוין ווידער לויפֿן אין דער רעדאַקציע אַ קוק טאָן וואָס שרײַבט מען עפּעס פֿון ווין, פֿון פּאַריז און פֿון בערלין. הײַנטיקע צײַטן ווערן דאָך אין איין טאָג איבערגעקערט וועלטן!) מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר באַשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל

ע י ק ר ־ ש כ ח ת י: וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז איך נעם ניט גענוג געלט פֿאַר מײַנע שרײַבעכצן, דאַרף איך דיר זאָגן, זאָלסט מיר מוחל זײַן, זוגתי היקרה, דו שרײַבסט ווי אַ ייִדענע. ערשטנס דאַרף יעדע זאַך האָבן אַ שיעור. מ'טאָר ניט איבערצי:ען דאָס שטריקל, ס'קען נאָך איבערגעריסן ווערן... און מ'דאַרף אַרײַנגיין אין יענעמס פּאָלאָזשעניע אויך. מענטשן זענען זיך מפֿקיר, ס'קאָסט דאָך עפּעס הוצאות, אויסהאַלטן אַ גאַנצע רעדאַקציע, מיט טיפּאָגראַפֿיע, און פּאַפּיר גיט מען אויך ניט אומזיסט. הײַנט דעפּעשן! וואָס זיי קאָסט אָפּ אַ טאָג דעפּעשן מעגן זיך דײַנע כּתרילעווקער קרעמערס ווינטשן לייזן אין אַ מאַרק־טאָג. והשנית, איז דאָס שרײַבעכץ וואָס איך שרײַב, שרײַב איך דען נאָר צוליב געלט? פֿון שרײַבערײַ, נאַרעלע, האָט בײַ אונדז קיין שרײַבער פֿון די גרעסטע שרײַבערס זינט זיי שרײַבן נאָך לעת־עתה קיין מויערן זיך ניט אָנגעשריבן. און בײַ מיר, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דאָס שרײַבערײַ קעגן יענע קאָמבינאַציעס,

וואָס באַמבלען זיך מיר איצט אין קאָפּ? און אַלץ צוליב דעם וואָס איך בין דאָ און בין געוואָרן אַ מענטש אין דער רעדאַקציע און פֿאַרנעם זיך מיט פּאָליטיקע. ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אָרום אַ שווערן וואָגן איז גוט גיין צו פֿוס“... נאַרעלע, יענע גרויסע קאָמבינאַציע מיטן טערק ווען איך פֿיר דורך, האָב איך דיר שוין לאַנג געשריבן, אַז איך פֿאַרמאָג דעמאָלט דרײַ מויערן אין וואַרשע! דער אייבערשטער זאָל רחמנות האָבן איך זאָל נאָר אָנטרעפֿן דעם רעכטן פּאַרשוין וואָס איך דאַרף, דאָס הייסט אַז אַחוץ דעם וואָס ער זאָל קענען שפּראַך זאָל ער נאָך זײַן דערצו דער אָרנטלעכער מאַן, וואָס מ׳זאָל זיך קאָנען אויף אים פֿאַרלאָזן, אַז ער זאָל ניט נעמען מײַן קאָמבינאַציע און זאָגן נאָכדעם, אַז דאָס איז זײַן קאָמבינאַציע. פּאָליטיקע, פֿאַרשטייסטו מיך, איז אַן אײדעלע מאַטעריע... און וואָס דו פֿרעגסט זיך נאָך אויף דעם, וואָס מ׳פֿאַרשרײַבט זיך בײַ אײַך אויף אַוועקצופֿאָרן, באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן, זאָלסט ניט רעדן ווי אַ ייִדענע. פֿאַראַן אַ חברה וואָס זי הייסט „איקאַ“, און פֿאַראַן אַ חברה וואָס זי הייסט „איטאַ“. „איקאַ“ איז דאָס וואָס דער באַראָן הירש האָט אַרײַנגעבראָקט אַהין זײַנע מיליאָנען און קיינער האָט פֿון זיי קיין הנאה ניט, אַחוץ די עטלעכע גבאים און רעדלפֿירערס. און „איטאַ“, זעסטו, איז שוין ווידער אַן אַנדערע חברה, אַ חברה פֿון טעריטאָריסטן וואָס זוכן אַ טעריטאָריע פֿון ייִדנס וועגן. דאָרט איז דער גאַנצער טוער זאַנגוויל, וואָס זיצן זיצט ער אין לאָנדאָן און זוכט פֿאַר אונדז אַ טעריטאָריע אויף דער גאָרער וועלט און קאָן ניט געפֿינען; פֿאַר וואָס? אַ פּראָסטער שכל:

די טעריטאָריע וואָס ייִדן ווילן, וויל מען זיי ניט, און די טעריטאָריע וווּ מען וויל זיי, טויג זי אויף תּשעה נײַנציק כּפּרות... אַן עבירה וואָס איך קען ניט קיין איינגעלש. איך זאָל קענען איינגעלש, וואָלט איך אים אַוועקגעשריבן אַ בריוו, זאַנגווילן הייסט דאָס — איך האָב פֿאַר אים אויך אַ קאָמבינאַציע, אַן אַנטיק אין דער וועלט!

הנ״ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

3

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

און צ ו וי י ט נ ס, שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז דאָס וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז דו זוכסט אַ שותּף צו דײַן גרויס געשעפֿט, הייבט דאָס מיר ניט אָן צו געפֿעלן. הלוואי זאָלסטו כאָטש אָנטרעפֿן אויף אַזעלכן, וואָס זאָל אין זינען האָבן דיך אויך, ניט נאָר זיך אַליין, כאָטש עס גלייבט זיך מיר ניט, אַז צווישן די גרויסע קנאַקערס, וואָס קענען אַ סך לשונות, זאָלן זיך געפֿינען צדיקים, ווי זאָגט די מאַמע: „עס שטייט געשריבן, אַז דער מענטש איז געגליכן צו די חיות וואָס אין וואַלד און צו די פֿיש וואָס אין ים״. דאָס איז אָבער אַלץ שפּעטערדיקע דאגות. דער עיקר איז דאָס געשעפֿט אַליין. איך מיין דעם גרויסן פּלאַן דײַנעם, וואָס דו זאָגסט אַז דו האָסט און וואָס איך הייב נאָך ניט אָן צו וויסן וואָס דאָס איז? און ווער דאָס איז? איך הער נאָר, אַז דו האָסט און דו האָסט. לאָמיר שוין דערלעבן הערן, וואָס האָסטו דאָרטן אַזעלכעס? ווער ווייסט, וווהין דו קאָנסט פֿאַרפֿליִען? ווי זאָגט די מאַמע: „עס שטייט געשריבן, אַז דעם מענטשנס קאָפּ ווייס ניט וווהין די פֿיס קאָנען אים פֿאַרטראָגן״. און דעם משל, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, מענדל, פֿון זימל דעם טוטין־שנײַדער מיט ביילע־לאָהן האָב איך איבערגעגעבן דער מאַמען, האָט זי אויסגעבטלט אַלע בייזע ווּסטע חלומות אויף אירע שונאימס קעפּ. ווי לאַנג קרענקט, זאָגט זי, טשאַרנע מיטן שוואַרצן פּיסק, ווי לאַנג זימל וועט זי נאָך ניט אַרײַנלאָזן אין שכנות! און פֿאַר וואָס, זאָגט זי, דיר איז געפֿעלן, אַז זימל זאָל פּלוצעם אין מיטן העלן טאָג משוגע ווערן און אַרויסוואַרפֿן ביילע־לאָהן פֿון שכנות — פֿאַרשטייט זי ניט. „סײַדן, זאָגט זי, דער געניידעם מײַנער האָט ניט וואָס צו טאָן, וויל ער, זאָגט זי, אָנמאַכן אַ בייז לעבן צווישן שכנים. ס׳זאָל זײַן, זאָגט זי, דרײַ שלייערס אַ גראָשן?״ אַזוי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן און בעט טאָקע איך זאָל עס דיר שרײַבן. זי ווייסט ניט,

אַז איר געניידעם איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע איידעמס. אַלע איידעמס פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן אין זינען זיך, געדענקען אַז זיי האָבן אַ ווײַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר און קינדערלעך זאָלן געזונט זײַן, און דו דאַרפֿסט נאָר טראָגן אויפֿן קאָפּ דעם טערק, פֿאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט, און זאָגסט נאָך אַז ביסט געווען אין אַמעריקע און אַנגענומען זיך דאָרט מיט שׂכל. דערווײַלע זעט מען עס נאָך ניט אַרויס. אפֿשר וועט עס זיך נאָך אַרויסבאַווײַזן אם־ירצה־שם מיט דער צײַט, ווי זאָגט די מאַמע: „ס׳שטייט געשריבן, אַז כּל־זמן דער מענטש שפּאַנט אַרום איבער דער ערד, קאָן ער נאָך אָפּטאָן די גרעסטע נאַרישקייטן“. פֿון די ווערטער באַדאַרפֿסטו שוין פֿאַרשטיין, אַז זי האַלט עפּעס ניט אַזוי שטאַרק פֿון דײַנע בריהשאַפֿטן, און פֿאַראיבל האָבן אויף איר באַדאַרף מען אויך ניט, מ׳קאָן דאָך יענעם ניט נייטן, ער זאָל גלייבן דעם אַנדערן אויף נאמנות ביז ער זעט ניט מיט די אויגן, ס׳איז געווען אַז דײַן אייגן ווײַב האָט צײַט און קאָן וואַרטן. אַ פּנים, איך האָב דען אַן אַנדער ברירה? אַז כ׳בין צוגעבונדן צו דײַנע קינדער און האָב אויף זיך אַ מאַמע אַן אלמנה, וואָס אַוועקוואַרפֿן קאָן איך זי ניט און מיטנעמען זי מיט זיך צו דיר — זאָגט זי, ניט דערלעבן וועט דאָס וואָרשע, אַז אירע ביינער זאָלן ליגן אויף אַ פֿרעמדן בית־עולם; ניט אין כּתרילעווקע און ניט נעבן איר מאַן, וואָס זי האָט אָפּגעלעבט מיט אים דאָס גאַנצע לעבן אין שלום און אין פֿרידן, ניט געזאָגט זיך איינס דאָס אַנדערע „קרום גייסטו“, סײַדן טאָמער האָט זי זיך אַ מאָל יאָ אַרויסגעכאַפּט קעגן אים מיט אַ הויך וואָרט, האָט ער איר אויך צוגעשוויגן, וואָרעם ער עליו־השלום האָט געוווּסט, דיר צו לענגערע יאָר, אַז אַ ווײַב באַדאַרף מען שאַנעווען און וויפֿל אַ ווײַב זאָל ניט באַגראָבן איר מאַן, איז זי אים דאָך אַ ווײַב און דאָך אַ מאַמע צו זײַנע קינדער, און אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע. אַ מאַמען דאַרט דער קאָפּ פֿאַר איטלעכס קינד, ס׳זאָל עסן צו דער צײַט, ס׳זאָל ניט גיין נאַקעט, ס׳זאָל קענען דאַוונען, לערנען און שרײַבן, און אַ טאַטע וואָס? גאָרניט! אָט זיצסטו דיר דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט ווי אַ גראָף און שרײַבסט בריוולעך, דער רוח וויסט וועגן וואָס, האָסט צו טאָן טאָג ווי נאַכט מיט מלכים און שׂני־למלכס, און לאָז דיר עמעצער אַ פֿרעג טאָן אויף אַ טשיקאַווע, וואָס פֿאַר אַ קינדער האָסטו, ווי הייסן זיי, וואָס קענען זיי — זאָלן שוין יידישע שׂונאים אַזוי וויסן פֿון זייער געזונט, ווי דו הייבסט אָן צו וויסן אָפֿילו, אַז דײַן משה־הערשעלע, מיר זאָל זײַן פֿאַר זײַן קאָפּ, איז שוין גאָר אַ גאַנצער מענטש. קרענקען זאָל איך, ווען דו וואָלסט אים דערקענט! ערשטנס איז ער קיין עין־הרע אַזוי שיין,

אַז גאָט און לײַט זענען מיר מקנא. און צווייטנס, זאָלסטו אים הערן ווי ער דאַוונט און ווי ער לערנט און ווי ער רעדט אויף לשון־קודש! איך האָב אים אָוועקגעגעבן אויפֿן זומער אינעם מסוכּנעם חדר, וואָס האָט זיך בײַ אונדז געעפֿנט, אַלע לערנען דאָרטן, — איז רעדט ער שוין מער ניט קיין אַנדער לשון אַחוץ לשון־קודש. „שאַלאָם!" זאָגט ער מיר אַלע מאָל ווען ער גייט אַוועק און קומט פֿון חדר. אַ „גוט־מאָרגן" הייסט עס בײַ זיי און אַז איך פֿרעג אים עפּעס, ענטפֿערט ער מיר ניט, נאָר ער טוט אַ מאַך מיטן קאָפּ: „קען", אָדער „לאָ", פֿאַרשטיי איך שוין לויטן שאָקלען מיטן קאָפּ, אַז ס'איז אָדער „יאָ", אָדער „ניין". אַ וואָרט בײַ אים — צו קויפֿן! און אַ מאָל זאָל ער זיך צוטשעפּען, אָפּשיטן מיך מיט רייד און אַלץ אויף לשון־קודש, באַגראָב איך אים ער זאָל רעדן ווי אַ מענטש, צעלאַכט ער זיך און מאַכט אַ שווײַג — אין גאַנצן דײַן טבע, מיר זאָל זײַן פֿאַר זײַן קאָפּ! אַפֿילו אינעם שרײַבן איז ער אויך אין דיר געראָטן. ער האָט אַ טבע דראָקען. פֿון קינדווײַז אויף, דערטאַפּט ער אַ שטיקל פּאַפּיר — דראָקעט ער. ער האָט מיר שוין פֿאַרדראָקעט די גאַנצע שטוב. איך שיק דיר דאָ זײַנס אַ כּתב, וואָס ער האָט דאָס אָנגעשריבן פֿון דײַנעט וועגן, זע און האָב דו אויך אַ שטיקל תּענוג פֿון דײַן זון דעם שרײַבער, כאָטש דעם אמת וועל איך דיר זאָגן, בעלי היקר, איך וואָלט בעסער געוואָלט, אַז ער זאָל זײַן וואָס ער זאָל ניט זײַן, אַבי ניט קיין שרײַבער. ווי זאָגט די מאַמע: „אַ שיינער שרײַבער איז אַ שיינער קבצן"... האָב קיין פֿאַראיבל ניט, מענדל, וואָס איך דול דיר אַ ספּאָדיק מיט אַזעלכע נאַרישקייטן ווי ווײַב און קינדער, אין דער צײַט וואָס דו קרויבסט מלכים און זעצסט אַראָפּ מלכים פֿון די שטולן. פֿון דעסטוועגן, מיין איך, וואָלט גלײַך געווען, אַז דו האָלטסט שוין יאָ בײַ שרײַבן, זאָלסטו בעסער שרײַבן פֿון דעם וואָס דיר איז נאָענט; דײַן טערק, וואָס דו האָסט אויף אים אַזוי רחמנות, אַז ממש די נשמה גייט דיר אויס, האָט דערווײַלע אַ היים מיט אַ ווינקל וווּ דעם קאָפּ צוצושפּאַרן, און אונדזערע ייִדעלעך נעבעך דרייען זיך אַרום ווי די פֿריבלודנע שאָף, וואַרפֿן זיך פֿון איינס צום אַנדערן, וויסן ניט וווהין זיי זאָלן לויפֿן, ווי זאָגט די מאַמע: „משיחס צײַטן, וואָרעם ס'שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז משיח וועט קומען וועט מען צונויפֿטרײַבן די ייִדן פֿון אַלע פֿיר עקן פֿון דער וועלט"... אַלע זאָגן, אַז זינט די וועלט שטייט זענען נאָך ייִדן אַזוי ניט אויסגעריסן געוואָרן ווי אַצינד. ס'איז גאָר אַ סברה, אַזוי דערציילט מען בײַ אונדז אין כּתרילעווקע, אַז די שונאי־ישראל האָבן אײַנ־געגעבן אַ פּראָשעניע אַז מען זאָל מעגן מאַכן פּאָגראָמען בכל תּפֿוצות־ישראל.

מנחם-מענדל

שרײַב מיר צי ס'איז אמת, דו ווייסט דאָך יאָ פֿון אַלע שווערע הערצער, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק. פֿון דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע-שיינדל

יאָ. וואָס האָסטו מיר אָנגעפּלעשטשעט פֿון דער „איקאַ", צי פֿון דער „איטאַ"? מײַנע שונאים זאָלן אַזוי וויסן ווער עס האָט זיי געשלייערט, ווי איך הייב אָן צו וויסן וואָס דו בעטסט דאָרטן: באַראָן הירש... טאַרעטאָריע... מיליאָנען!... באַלד עפּעס אַזוי, הייבסטו אָן צו זעצן מיט מיליאָנען, ווי זאָגט די מאַמע: „ס'שטייט געשריבן, פֿון וואָס דער מענטש טראַכט בײַ טאָג, חלומט זיך אים בײַ נאַכט"... עס קאָן זײַן, ווען דו זאָלסט חס-ושלום אַ מאָל אַ טראַכט געבן וועגן מיר בײַ טאָג, וואָלט איך דיר געקומען צו חלום בײַ נאַכט, וואָלט דאָס אפֿשר געווען אַ סגולה, אַז דו זאָלסט זיך דערמאָנען אַ מאָל קומען אַהיים. נאָר שאַ! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, ווי די מאַמע זאָגט: „ווי קאָן ער קומען אַהיים, טאָמער קערט זיך איבער דאָרטן די וועלט, דער טערק צעשלאָגט זיך מיט דער טער-קיניע און מנחם-מענדל וועט ניט זײַן דערבײַ — אַ קלייניקייט?..

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

6

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן, מ׳זאָל תּמיד הערן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז מײַן גרויסע קאָמבינאַציע, וואָס איך האָב און וואָס דו פֿרעגסט זיך אַזוי נאָך אויף איר, איז מוראדיק פֿאַר־פּלאָנטערט, נאָר איך קאָן זי דיר אַרויסגעבן אין צוויי ווערטער, צוויי גע־ציילטע ווערטער מערניט, נאָר וואָס אויף זיי שטייט די גאַנצע וועלט. די צוויי ווערטער זענען — שלום און וואָגשאָל.

שלום — דאָס איז אַ זאַך, וואָס אָן דעם וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט, איינער דעם אַנדערן וואָלט אײַנגעשלונגען לעבעדיקערהייט, עס וואָלט ניט געווען ניט קיין מיסחר, ניט קיין באַנען, ניט קיין שיפֿן, ניט קיין שטעט, ניט קיין געלט, — תּהו־ובֿהו. דאָס איז אַזוי פּראָסט, ווי פֿאַר אַ גראָשן אַ בייגל. און איך מיין אַז מען באַדאַרף עס דיר לאַנג ניט קײַען, דו פֿאַרשטייסט עס שוין אַליין. דו קענסט דיר נעמען אַ מוסר טאַקע פֿון דײַן כּתרילעוועקע. שטעל דיר פֿאָר, אַז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן גייט אַרויס אין כּתרילעווקע אַ זאַקאָן, אַז ס׳איז אויס זאַקאָן, דאָס הייסט אַז יעדער קאָן זיך טאָן וואָס ער וויל און נעמען וואָס זײַן האַרץ גלוסט! באַדאַרף איך דיר לאַנג באַשרײַבן, ווי די שטאָט וואָלט דעמאָלט אויסגעזען? און וואָס פֿאַר אַ פּנים עס וואָלט דעמאָלט באַקומען דער מאַרק מיט די קלייטן, מיט די הײַזער, מיט די בעלי־בתּים און דערהויפּט די נגידים? אין איינע דרײַ־פֿיר טעג, נאַרעלע, וואָלט מען זיך איינס דאָס אַנדערע אויסגעקוילעט, צעראַבעוועט און פֿאַרברענט, און פֿון כּתרילעווקע וואָלט נאָר געבליבן אַ זכר, אַז אויף דעם אָרט איז אַ מאָל געשטאַנען אַ שטעטל, וואָס האָט געהייסן כּתרילעווקע... כּל־זמן אָבער דער זאַקאָן איז זאַקאָן און מענטשן לעבן בשלום איז, ווי די מעשׂה איז, צי גוט צי שלעכט, נאָר די שטאָט איז אַ שטאָט,

כתרילעווקע איז געווען כתרילעווקע, און כתרילעווקע וועט זי בלייבן ביז משיח וועט קומען...

דאָס אייגענע וואָס מיט כתרילעווקע איז אויך מיט דער גאַנצער וועלט. ניט מער דאָס, וואָס אין כתרילעווקע איז „זאַקאָן״, איז פאַר דער וועלט „שלום״. כל־זמן דער שלום איז אַ שלום, איז די וועלט אַ וועלט. און טאָמער חלילה ווערט אויס שלום און אַלע מדינות וואָס אויף דער גאַנצער וועלט גייען אַרויס אויף מלחמה, ווערט חרוב די וועלט — אויס וועלט!

וואָלט אייגנטלעך געווען דערצו דער על־פּי שׂכל איין תּרופה. דהיינו, וואָסער אַ תּרופה? — צעברעכן די ביקסן, צעגיסן די האַרמאַטן, צעלאָזן די סאָלדאַטן — און שוין! ווי אונדזער נביא ישעיה האָט שוין לאַנג נביאות געזאָגט. איז אָבער דער חסרון, וואָס אַזוי וועט דאָס זיין ערשט דעמאָלט ווען משיח וועט קומען... דערווײַלע איז דאָ ביי די פעלקער אַן אַנדער תּרופה: דווקא ביקסן און דווקא סאָלדאַטן און וואָס מער, ניט צוליב מלחמה חס־ושלום! — נאָר צוליב שלום, מ׳זאָל זיין זיכער מיטן לעבן און מיטן גוטס און מ׳זאָל קאָנען שלאָפן רויק, אַז איין מדינה וועט ניט אָנפאַלן אויף דער אַנדערער מדינה — אָט דאָס ווערט אָנגערופן „וואָגשאָל״. דאָס לעבן הייסט עס הענגט אויף משקלות, די וועלט איז אויף אַ וואָגשאָל. און ווער האַלט די וואָג אין האַנט? — וועסט גאָר ניט טרעפן — דווקא דער טערק מיט דער רויטער יאַרמלקע! פאַר וואָס עפּעס גראָד ער? ווייל זיין מדינה גרענעצט זיך מיטן שוואַרצן ים און צום שוואַרצן ים שטופּן זיך אַלע „גדולים״. איטלעכער וויל דאָרט האָבן אַ דריסת־הרגל. איט־לעכער וויל אַ דורכגאַנג פאַר זיינע שיפן און איטלעכער וואָלט אַ בעלן געווען, אַז ער זאָל זיין איינער אויפן יריד. איי די קשיא: דער ים איז דאָך גענוג גרויס, ס׳וועט קלעקן פאַר אַלעמען? — דאָס זאָלסטו ניט פרעגן. וואָרעם אַז דו וועסט וועלן פרעגן קשיות, איז דאָ צו פרעגן און צו פרעגן. אַז מ׳שמועסט, אַז אָט אַזוי איז דער סדר העולם — איז דאָך ניט שייך!..

הכלל, ליגט דעם טערקס מדינה ביים שוואַרצן ים און ביי די סאַמע דאַר־דאַנעלן און האַלט די וואָגשאָל אין האַנט, דאָס הייסט אַז דער שוואַרצער ים זאָל זיין אַלעמענס ים, ניט ער זאָל געהערן צו איינעם. פאַרשטייסטו שוין, אַז דעם טערק הייסט עס, באַדאַרף זיין גוט און אַז אים טאָר קיינער ניט אָנרירן? איז עס טאַקע אַזוי געווען פון קדמונים. נאָך מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק איז מען זיך צונויפגעפאָרן אַלע „גדולים״ פון די „הויכע פענצטער״ אין

פאַריז און מ׳איז געזעסן און מ׳האָט געקלערט, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז דער ים זאָל זײַן אַלעמענס ים און ס׳זאָל זיך ניט גלוסטן איטלעכן באַזונדער צו זײַן איין זכר אין מאָסקווע? און ס׳איז געבליבן בהסכם כולם, אַז דערצו איז דאָ נאָר איין עצה: דער טערק זאָל בלײַבן בעל־הבית איבערן ים און איבער די דאַרדאַנעלן און קיינער טאָר אים ניט אָנרירן — הזהר והשמר!.. דערויף האָבן אַלע „גדולים“ צעשריבן זיך און מ׳איז זיך צעפאָרן אהיים בשלום. פאַרשטייט זיך, אַז די „גדולים“ האָבן באַלד חרטה געהאַט, וואָלטן אַ בעלן געווען יעדער באַזונדער כאַפּן צוריק, זיך צורוקן נענטער צו די דאַרדאַנעלן, נאָר צעשריבן זיך — פאַרפאַלן! און אגב, טאָמער אַפילו וויל איין „גדול“ משנה זײַן דאָס וואָרט, דערלאָזן אים ניט די איבעריקע „גדולים“ — און אַזוי פירט זיך עס עד־היום הזה. עס ליגט הייסט עס אַן אוצר און אַלע זיצן אַרום און אַרום און קוקן זיך איינס דאָס אַנדערע אין די הענט אַרײַן... מיט אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק צוריק, אַז מיר האָבן מלחמה געהאַלטן מיטן טערק און געהאַט שוין אײַנגענומען פּלעוונע און אַסמאַן־פּאַשאַ איז שוין געווען בײַ אונדז אין די הענט, האָט ביסמאַרק געגעבן אַן עפּן אויף דאָס אַלטע געשריפּטס און אונדז דערמאַנט אינעם הזהר והשמר — און טערק איז געבליבן טערק... אײַ מ׳האָט נאָכדעם פאַרט ניט אויסגעהאַלטן קיין ייִדישקייט און מ׳הערט ניט אויף צו רײַסן פון אים שטיקלעך און פּיצלעך, פראַנץ־יוסף זיך, וויקטאָר עמנואל זיך, און אָט האָבן די באַלקאַנער געמאַכט יד־אחת און האָבן איצט אָפּגעשניטן פון אים אַ פּאַס און אַ גראָבן פּאַס? איז טאַקע אַן עוולה, נאָר דו ביסט נאָך ניט פאַרטיק. האָב צײַט, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן פריִער, אַז ערשטנס וועלן זיך די באַלקאַנער ניט אַזוי גיך אײַנטיילן, און צווייטנס ווייסט מען נאָך ניט צו וועמען עס וועט אַרײַנפאַלן אין טאָפּ אַרײַן, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „דו האָסט געקאָכט, איך וועל עסן“... נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז די „וואָגשאָל“ — און דאָ קומען מיר צו מײַן קאָמבינאַציע, וואָס איך האָב פירצולייגן פאַרן טערק.

זי באַשטייט אין דעם אַז ער, דער טערק הייסט עס, זאָל ווערן ווייך ווי פּוטער און איטלעכן באַזונדער נאָכגעבן וואָס ער וויל. ער זאָל זיך צולאָזן צו די באַלקאַנער, אָפּגעבן זיי אַלצדינג וואָס זיי ווילן, אַחוץ קאָנטריבוציע (מיט מזומנס באַדאַרף מען זײַן תמיד אײַנגעהאַלטן!) און חוץ־לזה וויל איך אים פאַרלייגן נאָך אַ שענערע זאַך — און דאָס וועט אים דערהאַלטן דעם כבוד, ממש ראַטעווען! אָט וועסטו הערן: איך וויל קודם אים פאַרזאָרגן מיט שיינע

עטלעכע מיליאַרד דורך שפּעגולאַציע און דערנאָכדעם ערשט מאַכן אַזוי, אַז ס'זאָלן אים אומגעקערט ווערן צוריק אַלע זײַנע שטעט מיט אַלע מדינות, וואָס מ'האָט אים ביסלעכווײַז צעשלעפּט אין די לעצטע יאָרן. ווערסטו דאָך פֿרעגן: ווי אַזוי? גאָר פּשוט. ראשית־חכמה באַדאַרף ער צעשיקן זײַנע אַגענטן אויף אַלע גרויסע בערזעס פֿון די גרעסטע שטעט און געבן זיי אַן אָרדער זיי זאָלן פֿאַר אים אײַנ־קויפֿן פּאַפּירן, אַקציעס און וויגרישנע בילעטן וואָס מער. דאָס הייסט ער באַדאַרף געבן אַ גיי אַוועק „אַ לאַ האָס" אַזוי, אַז ס'זאָל קלינגען! דערנאָך, אַז ער וועט שוין האָבן זיך גוט אָנגעקויפֿט, באַדאַרף ער צעשיקן נאָטעס צו די גדולים פֿון די הויכע פּענצטער און געבן זיי צו וויסן, לאמור אַזוי צו זאָגן: „הנה כּפּי כּאשר אַזוי ווי איך, טערק, בין אַלט און שוואַך און אויסגעמאַטערט פֿון די מלחמות וואָס די וועלט פֿירט מיט מיר פֿון כּמה וכמה יאָרן, אַזוי אַז איך האָב ניט כּמעט איך בײַן אַ גאַנצן, און אַזוי ווי איר, גדולים, זענט דאָך יונג און שטאַרק און קלוג און געבילדעט, איר האָט געלט און שיפֿן און סאָלדאַטן און עראָפּלאַנען מיט אַלע אַנדערע הײַנטיקע קונצן און אויפֿטועכצן, על־כּן איז בײַ מיר געבליבן, צו וואָס זאָל איך מיר פֿאַרדרייען אַ קאָפּ אויף דער עלטער מיט סטאַמבול, מיטן באָספּאָר, מיט די דאַרדאַנעלן? אַמער אָט גיב איך עס אײַך אַוועק מיט גוטן, טיילט אײַך אײַן, טוט אײַך מיט דעם ווי איר פֿאַרשטייט, און איך וועל מיר מײַן ביסל יאָרן, וויפֿל ס'איז מיר באַשערט, פֿאַרברענגען בײַ זיך אין ווײַטן ווילדן אַזיע בײַ מײַנע טויזנט ווײַבער מיט מיין ליולקע־ציבעק — און לעבט אײַך הונדערט און צוואַנציק יאָר אין פֿרידן און אין אחדות, ווי עס ווינטשט אײַך פֿון גאַנצן האַרצן אײַער באמת געטרײַער פֿרײַנד ישמעאל, דער זון פֿון אברהם, וואָס האָט אים געהאַט פֿון זײַן דינסט הגר..." און תּוך כּדי דיבור, ווי נאָר ער וועט האָבן אַוועקגעשיקט דאָס דאָזיקע בריוול, אַזוי זאָל ער אַוועקקלאַפּן אַ דעפּעש צו זײַנע אַלע אַגענטן וואָס אויף די בערזעס, אַז זיי זאָלן געבן אַ פֿאַרקויף אויס אַלע זייערע פּאַפּירן, אַקציעס און וויגרישנע בילעטן, וואָס וועלן צוליב דעם שטײַגן העכער הײַזער. אַ קלייניקייט, דער טערק זאָגט זיך אָפּ פֿון סטאַמבול, באָספּאָר, דאַרדאַנעלן! און נישט נאָר זאָלן זיי פֿאַרקויפֿן דאָס וואָס זיי האָבן, ניין! זיי זאָלן אַריבערשמײַסן נאָך מיט אַ סמיטשיק, דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך געבן אַ קער איבער „אַ לאַ בעס", וועט ער פֿון דעם דאָזיקן „בעס" אָפּלעקן נאָך אַ סך מער ווי פֿונעם „האָס". פֿאַר וואָס? — און אָט דאָ ליגט דער רעכטער שפּיץ! — דערפֿאַר, ווײַל ווי נאָר דער טערק זאָגט זיך אָפּ פֿון סטאַמבול, פֿונעם באָספּאָר און פֿון די דאַרדאַנעלן, און די גדולים פֿון די

הויכע פּענצטער טוען אַ פּאַר אַרײַן אין שוואַרצן ים מיט זייערע שיפן, אַזוי צינט זיך אָן אַ פֿײַער און עס ברעכט אויס צווישן זיי גופֿא אַ מלחמה אשר לא מלחמו אבותינו! דו קענסט דיר דען משער זײַן, זוגתי היקרה, צו וואָס אַזאַ מלחמה קאָן ברענגען און וויפֿל געלט און וויפֿל מענטשן זי קאָן אָפּקאָסטן? דאָס איז ניט קיין מלחמה, נאַרעלע, דאָס איז — דער איבערשטער זאָל שומר־ומציל זײַן, אַ מבול, דער צווייטער מבול אויף דער וועלט! מ׳וועט באַדאַרפֿן זײַן בלינד אָדער משוגע מ׳זאָל ניט אַרויסזען פֿריִער צו וואָס אַזאַ שחיטה קאָן ברענגען! און ס׳איז בײַ מיר ווי כמונח בקופּסא, אַז די גדולים וועלן אַליין דער־ציטערט ווערן פֿון אַזאַ מחשבה און וועלן זיך בעטן בײַ אים, בײַם טערק טאַקע, ער זאָל רחמנות האָבן אויף דער וועלט און זיך אומקערן צוריק צו זײַן סטאַמ־בול מיט זײַן באַספּאָר מיט זײַנע דאַרדאַנעלן, און אויב ס׳איז אים ווינציק, וועט מען אים נאָך אפֿשר אומקערן צוריק אַדריאַנאָפּעל מיט סקעטאַריע מיט אַל־באַניע מיט הכל בכל מכל כּל פֿלעקל. איי פֿראַנץ־יוסף, וויקטאָר עמנואל און די באַלקאַנער קלאַפּערס וועלן האָבן תּרעומות? וועט מען זיי אײַנבעטן! זיי וועלן אַליין פֿאַרשטיין, אַז מען מיינט ניט זייער היזק, מען מיינט דעם „שלום“ און די „וואָגשאָל“, וואָס אויף זיי שטייט די גאַנצע וועלט!

אַ סימן האָסטו, אַז איך רעד ניט פֿונעם וועג — אָט איז די טעג געווען אַן אַסיפֿה אין בערן. עס האָבן זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַהין די דײַטשן מיט די פֿראַנצויזן, וואָס זענען צווישן זיך די בלוטיקסטע שונאים פֿאַר עלזאַסלאָטע־רינג, וואָס דער דײַטש האָט בײַ זיי צוגענומען, און נאָך ניט אַזוי עלזאַסלאָ־טערינג ווי די פֿינף מיליאַרד קאָנטריבוציע, וואָס דער פֿראַנצויז האָט אים אײַנגעצאָלט כּמעט אין איין טאָג. וואָס האָבן זיי מיינסטו געטאָן אין בערן? געזוכט עצות, ווי אַזוי מ׳זאָל פֿאַרגעסן דאָס עלזאַסלאָטערינג מיט די פֿינף מיליאַרד און מ׳זאָל ווערן שלום טאַקע באמת, דאָס הייסט מ׳זאָל אויפֿהערן צו גרייטן זיך איטלעכער בײַ זיך אין דער היים, אויסברענגען אומזיסט אַזוי פֿיל כּוחות און אַזוי פֿיל געלט, וואָס קאָן צו ניץ קומען אויף עפּעס נייטיקערס... דו פֿאַרשטייסט כּאַטש? מ׳הייבט אָן צו כאַפּן זיך ביסלעכווײַז, אַז דעם נביא ישעיהס ווערטער מוזן סוף־כּל־סוף מקוים ווערן, וואָרעם אַז ניט איז שלעכט!.. דו מיינסט, וויפֿל אַ שטייגער קאָסט אָפּ דאָס שטיקל צײַט דעם אַלטן פֿראַנץ־יוספֿן נאָך איידער ער האָט אַרויסגעשיקט אַפֿילו איין סאָלדאַט אויף מלחמה צו האַלטן? אַ מיליאַרד אָן אויסגעבונדענער! הײַנט די איבעריקע מלוכות? וויפֿל מיליאַרדן קאָסט זיי אָפּ אָט דאָס גרייטן זיך צו מלחמה? און דאָס איז אין

דער צײַט פֿון שלום! הײַנט וואָס וועט שוין זײַן, פֿרעג איך דיך, בשעת מלחמה? ווי וועט מען נעמען אַזוי פֿיל געלט?

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען דערווײַלע נאָר די ראשי־פּרקים פֿון מײַן גרויסן פּראָיעקט. דערצו איז נאָך דאָ אַ גוזמא קליינע פּראָיעקטן מיט קאָמבינאַציעס, וואָס מען דאַרף זיי דיר ערשט רעכט צעקײַען. נאָר איך מיין, אַז פֿון דעם אַליין באַדאַרפֿסטו שוין אַרויסזען, אַז דײַן מנחם־מענדל איז ניט משוגע, אַז ער רעדט פֿון דרײַ אייגענע מויערן אין וואַרשע... כאַסקל קאַטיק אַז ער האָט דערהערט פֿון מײַן פּלאַן איז ער אויפֿגעשפּרונגען און האָט מיך אַרומגעכאַפּט קושן: „איר זענט ווערט, רב מנחם־מענדל, מאַכט ער צו מיר, מ׳זאָל אויף אײַן וואָג גאָלד אויף דער אַנדערער וואָג אײַך! אײַער אָרט איז, זאָגט ער, ניט אין וואַרשע, אײַער אָרט איז דאָרט ערגעץ, אין ווין, זאָגט ער, אין בערלין, אין פּאַריזש אָדער אין לאָנדאָן!" — „שאַ! שאַ! — זאָג איך אים — היצט זיך ניט אַזוי, רב כאַסקל, איך ווייס עס אַליין, אָן אײַך, אַז מײַן אָרט איז דאָרט, ניט דאָ, נאָר וואָס זאָל איך טאָן? דער קאָפּ טראָגט, נאָר די צונג איז אין גלות!" וואַרט אויס אַ ביסל, זוגתי היקרה, לאָם איך נאָר באַקומען דעם רעכטן שליח, וועסטו אם־ירצה־השם הערן פֿון מיר נאָך שענערע זאַכן. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־שם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי. מײַן עצה, אַז די היגע ייִדן זאָלן צאָלן די פּוילען פֿאַר זייער „סוואָי דאָ סוועגאָ" מיט אַן אייגענעם „סוואָי דאָ סוועגאָ" האָבן די פּוילישע ייִדן, ווי עס ווײַזט אויס, קוים אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אָננעמען. דעם ערשטן פּעטשאַטעק האָבן זיי געמאַכט אויף די פּוילישע קאַרפּן. ראַדאָמער און קעלצער ייִדן האָבן אויפֿגעהערט צו קויפֿן פֿיש אויף שבת. און דערהויפּט קאַרפּן, לעבעדיקע קאַרפּן, די וואָס די פּריצים פֿירן אַרויס פֿון זייערע סאַזשלקעס אַלע ערב שבת — און דאָס ברענגט זיי אַרײַן פּדיון אַלע יאָר (איך און כאַסקל קאַטיק האָבן עס אויסגערעכנט מיט אַ בלײַשטיפֿטל) ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ מיליאָן מיט אַ פֿערטל! אַ מיצווה, זייער רעכט! הלוואי וואָלטן די היגע ייִדן

מיך געפֿאָלגט אויך ביי אַנדערע זאַכן. איי וועסטו דאָך פֿרעגן, וואָס טוען יידן שבת אָן פֿיש? איז מיר אַ חידוש אויף דיר, דו זאָלסט אַזעלכעס פֿרעגן. וואָס טוען אַיערע כּתרילעווקער יידן, אַז זיי האָבן קיין חלה אויך ניט? מען קאָן זיך זייער שיין באַגיין אָן פֿיש. אָט נעם אַ שטייגער מיין בעל־הביתטע, ווי איך עס שבת, מאַכט זי „פֿיש־קאַרטאָפֿלעס", אָן אַ סימן פֿון פֿיש, מעג זיי עסן דער מלכות! איך האָב זי געפֿרעגט, האָט זי מיר געזאָגט, ווי אַזוי מען מאַכט עס: זי נעמט, זאָגט זי, קאַרטאָפֿלעס און זידט אויף וואַסער און בראָקט אָן ציבעלעס און טוט אַריין אַ סך פֿעפֿער, אָבער אַ סך! — אַזוי אַז עס הערט זיך פֿיש איבער דער גאַנצער שטוב און אַ טרונק ווילט זיך נאָך דעם, ווי נאָך אמתע פֿיש... איך שריי שוין לאַנג, אַז מיר דאַרפֿן נאָכטאָן די פּאָליאַקן, הערט מען מיך ניט! למשל די היגע ווייבער זאָלן מיך פֿאָלגן וואָלטן זיי געדאַרפֿט נאָכטאָן די פּוי־לישע פּריצטעס און וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ סך, אַ סך זאַכן! אַז די פּריצ־טעס שטייט אָן, מעג זיי אויך אָנשטיין. אָט האָבן זיך צענויפֿגעקליבן אַנומלטן די גרעסטע רייכסטע פּריצטעס אין קראָקע און זיך געגעבן דאָס וואָרט צו העלפֿן בויקאָטעווען יידן. איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז מיר באַדאַרפֿן דאָ נאָכטאָן די פּאָליאַקן, נאָכטאָן אין אַלצדינג.

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר"ר מנחם מענדל נ"י!

שיינע־שיינדל פֿון פּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

4

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויך ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט קיין פֿאַראיבל ניט האָבן וואָס איך זאָג דיר, נאָר מיר דאַכט, אַז דו שרײַבסט ניט דאָס וואָס מ׳דאַרף שרײַבן. זאָלסט וויסן, למשל, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ בײַ אונדז, ווי אַזוי יידיש בלוט גיסט זיך אין די גאַסן און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען, אַן עצה געבן, אַ גוט וואָרט זאָגן, ווי זאָגט די מאַמע: „סע שטייט געשריבן, אַז מיר זענען געגליכן צו די פֿויגלען וואָס האָבן פֿאַרלאָזט זייער נעסט, אָדער צו די פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייער פּאַסטעך...״ ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער רײַסט. און וואָלטן דאָס געטאָן בלויז פֿרעמדע אַליין, וואָלט דער פֿאַרדראָס ניט געווען אַזוי גרויס. איז אָבער אַ סברה, אַז אייגענע טאַקע, אונדזערע יידן אַליין הייסט עס, האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פֿון דעם, אויסקרענקען זאָלן זיי יעדן גראָשן! און ווי קאָן עס דען זײַן, אַז גאָט זאָל שווײַגן? ווי זאָגט די מאַמע: „סע שטייט געשריבן, אַז הימל און ערד האָבן געשווירן, אַז קיין פֿאַרפֿאַלענע זאַך זאָל ניט זײַן...״ הער אַ שיינס, וואָס מיט אונדזער שעיה־דודס מחותן האָט זיך געטראָפֿן, און דווקא אין דײַן פּיטער־באַרג אין די „הויכע פֿענצטער״, ווי דו רופֿסט זיי אָן.

שעיה־דודס מחותן יענקל שאַראַגראָדסקי מיט זײַן גאַנצער משפּחה, גע־דענקסטו דאָך, זענען געזעסן ניט ווײַט פֿון דובנע נאָך פֿון ווייס איך ווען אָן, פֿון פֿאַרן ערשטן פּאָגראָם! איצט האָט מען זיי געגעבן דעם וועג, באַלד נאָך פּסח אַרויסגעוואָרפֿן מיט די בעבעכעס, בדיל־הדל געשטעלט! זענען זיי גע־קומען צו פֿאָרן אַהער. האָט זיי שעיה־דוד — אַ ייד אַ חכם! — געגעבן אַן עצה — זיי זאָלן זיך לאָזן קאָסטן געלט, פֿאָרן קיין פּיטערבאַרג כלאָפּאָטשען. דאָרטן זענען דאָ, זאָגט מען, מאַכערס, ספּעציאַליסטן אַזעלכע, וואָס קאָנען מאַכן פֿון טרייף כשר און וואָס קאָנען פּועלן מ׳זאָל די אַרויסגעטריבענע אַרײַנלאָזן צוריק...

האָבן זיי זיך מסתּמא געלאָזט איבעררעדן — אַז אַן אייגענער אַ מחותּן זאָגט! — און האָבן אויספּאַרקויפט אַלצדינג וואָס זיי האָבן געהאַט און האָבן זיך אַוועק־געלאָזט אין דעם פּיטערבאָרג און האָבן זיך דערפֿרעגט צום ספּעציאַליסט. האָט זיי דער ספּעציאַליסט גאַנץ פֿײַן צוגענומען און געהייסן קומען מאָרגן. געקומען מאָרגן, האָט ער זיי געהייסן קומען איבער מאָרגן. און אַט אַזוי טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג, זיי זענען, לאָז זיך דיר דאַכטן, גוט אויסגעריסן געוואָרן, וואָרעם קיין פּראָוואָזשיטעלסטווע האָבן זיי דאָך ניט און הוצאות קאָסט! ביז איין מאָל רופֿט ער זיך אָן צו זיי, דער ספּעציאַליסט הייסט עס, אַז ער האָט קוים־קוים געפּועלט מ׳זאָל זיי צוריק אַרײַנלאָזן, נאָר מ׳באַדאַרף אָנשרײַבן, זאָגט ער, אַ פּראָשעניע און עס באַדאַרף קאָסטן דרײַ הונדערט, אי דאָס, זאָגט ער, איז נאָך אַ ספק, וואָס דער מיניסטער וועט זאָגן... האָבן זיי דאָך מסתּמא אָנגעהויבן וויינען און שווערן זיך מיט כּל השבועות, אַז קיין דרײַ הונדערטער פֿאַרמאָגן זיי ניט אויף זייער אייגנס, און אַז מער ווי אַ הונדערטער, איז כאָטש לאָז מען זיי הענגען דאָ אויפֿן אָרט! קורץ, מ׳האָט זיך געדונגען־געדונגען, קוים אויס־געדונגען זיך פֿאַר ק״ן, און ס׳איז געבליבן, אַז מאָרגן מירטשעם זאָלן זיי קומען צו אים מיטן געלט. און בכדי זיי זאָלן ניט מיינען, אַז זיי האָבן צו טאָן עפּעס מיט אַ יינגעלע, מאַכט ער צו זיי: „וואַרט צו אַ ווײַלע, אַט רוף איך אַרויס אויף אַ מינוט דעם מיניסטער״. דערהערט מיניסטער, איז זיי פּרחה נשמתו גע־וואָרן! מאַכט ער, דער ספּעציאַליסט הייסט עס: „האָט קיין מורא ניט, איך וועל נאָר אַ רעד טאָן מיט אים דרײַ ווערטער״. און ניט לאַנג געטראַכט גיט ער זיך אַ קער צו דער וואַנט, טוט אַ דריי אַ רעדל און רופֿט אַרויס דעם מיניסטער, און רעדט זיך מיט אים דורך דער וואַנט ווי מיט אַ היימישן מענטשן — זיי האָבן געמיינט, די שאַראַגראַדסקים הייסט עס, זיי וועלן אין דער ערד אַרײַן! הײַנט גיי זײַ אַ נביא, אַז דאָס אַלצדינג איז גאָר געווען מערניט אַן אָנשטעל, אײַנגע־זונקען זאָלן זיי ווערן, און אַז דער דאָזיקער ספּעציאַליסט ימח־שמו־וזכרו קאָן זיך אַזוי מיטן מיניסטער, ווי איך קען זיך מיטן מיניסטערס שוויגער. דערווײַלע איז דאָס געלט פֿאַרפֿאַלן ווי אין אַ גענדזענעם... ביז אויף היינטיקן טאָג, וואָרעם ווי וועלן זיי זיך גיין לאָדן, שרײַען חי־וקים, אַז ס׳איז ניטאָ ניט קיין פּראָ־וואָזשיטעלסטווע, ניט קײַן הוצאות, ניט קיין לײַב־און־לעבן? נו, פֿרעג איך דיך, בעלי היקר, מעג ניט קומען אויף זיי אַלע אַ מפּלה הײַנטיקן טאָג? און זיי זענען דען ניט גערעכט, די גויִים טאַקע, וואָס זיי זאָגן אויף אונדז כּל מום רע? ווי זאָגט די מאַמע: „אַט אַזעלכע דערלעגנגערן דעם גלות״... הײַנט זעסטו שויך,

מענדל, אַז דו שרײַבסט ניט דאָס וואָס מ׳דאַרף? זאָלסט שרײַבן פֿון אַזעלכע זאַכן, וואָלטן זיך אפֿשר די ספּעציליסטן באַגראָבן נײַן איילן און פֿאַרזאָגט אַ צענטן. נײַן, האָט ער זיך אָבער אַרײַנגענומען אין קאָפּ — אַ רחמנות אויפֿן טערק! מילי־מיליאָסן ווילט זיך אים זאָל דער טערק פֿאַרדינען און אַליין באַ־גנוגנט ער זיך מיט דרײַ מויערן אין וואַרשע. איך וואָלט נאָר וועלן וויסן דעם שׂכל, פֿאַר וואָס עפּעס ווילט זיך דיר דרײַ מויערן און דווקא אין וואַרשע? מיר דאַכט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז כּל־זמן די מאַמע לעבט — לאָז זי זיך לעבן און לעבן — וועל איך מיך פֿון דאַנען ניט רירן און וועל צו דיר קיין וואַרשע ניט פֿאָרן, אַזוי ווי איך בין ניט געפֿאָרן צו דיר קיין אָדעס און ניט קיין יעהופּעץ, סײַדן דו וועסט מיך אַרויסטרעבעווען מיט גוואַלד דורך פּאָליציע, ווי לייבעלע בראָנשטיין האָט אַרויסגעטרעבעוועט זײַן ווײַב פֿון יעהופּעץ, זײַן זאָל זי דיר די כּפּרה פֿאַר מײַן מיגדסטן נאָגל. וואָרעם דאָס איז געווען אַ פּרי נאָך מיידלווײַז, געוואָלט נאָך דעמאָלט אַנטלויפֿן מיטן לערער, האָט מען זיי איבערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן... ניט אַנטלאָפֿן פֿון טאַטע־מאַמע, איז זי אַנטלאָפֿן פֿונעם מאַן, ווי זאָגט די מאַמע: „סע שטייט געשריבן, אַז ווי דער מענטש נעמט זיך פֿיר, אַזוי העלפֿט אים גאָט“... אָט האָסטו זיך פֿירגענומען זײַן ווו די וועלט האָט אַן עק, אַבי ניט אין דער היים, האָסטו אויסגעפֿירט דײַנס. אַז ניט יעהופּעץ, איז אַמעריקע, אַז ניט אַמעריקע איז וואַרשע. און אַ וואַרשעווער, ווי איך זע, רעכנסטו זיך שוין בלײַבן. אַניט וואָלסטו ניט גערעדט פֿון דרײַ מויערן אין וואַרשע. צו וואָס טויג דיר, מענדל, מויערן? וועמען ווילסטו באַוואָרענען? און ווו שטייט עס געשריבן, אַז ס׳איז שוין ניטאָ קיין אַנדערע באַוואָרענישן אַחוץ מויערן? ווי זאָגט די מאַמע: „דאָס בעסטע מאכל פֿון אַלע מילכיקע מאכלים איז אַ שטיקל פֿלייש און דאָס זיכערסטע פֿון אַלע באַוואָרענישן איז אַ מזומן קערבל“... און אַז מיר האַלטן שוין בײַ מזומנס, וויל איך דיר געבן אַן עצה, כאָטש אַפֿילו דו פֿרעגסט קיין מאָל בײַ מיר קיין עצות ניט — ווי קום איך צו דיר, מה אנו מה חיינו? — פֿון דעסטוועגן זאָג איך דיר ווי אַן אמתער פֿרײַנד, אויב דײַנע חלומות, וואָס דו האָסט דאָרט מיטן טערק, האָבן כאָטש אַ שטיקל ממשות, וואָלסטו באַדאַרפֿט זיך אויסרעדן פֿריִער דײַן פֿאַרדינסט וואָס דיר קומט בפּירוש, אָן הינטערשיסעלעך און האַלבע ווערטער אויפֿן פֿאָנף, נאָר טאַקע ברחל בתך הנאַקעטע, אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל, וואָס דאַרף מען זיך דאָ שעמען און אויף וועמענס יושר ווילסטו זיך פֿאַרלאָזן? נישט מער, איך דאַרף דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז כּל־זמן דו האָסט געהאַנדלט מיט יקנה״ז, פּאַפּירלעך, אַק־

ציעס, וויגרישנע בילעטן, האָב איך נאָך עפּעס פֿאַרשטאַנען — ניט מער זאָלן עס, מאָל דיר, די שונאים פֿאַרמאָגן. נאָר זינט דו האָסט אָנגעהויבן צו פֿירן געשעפֿטן מיט טערקן, הויכע פֿענצטער, מלכים און מלוכות, הייב איך אָן מורא צו האָבן ס'זאָל דיך ניט פֿאַרפֿירן חלילה גאָט ווייסט וווהין, ווי זאָגט די מאַמע: „סע שטייט געשריבן, אַז ס'איז באַשערט אַ מענטשן, קומט עס אים דורך דער טיר, און אַז ניט דורך דער טיר, איז דורכן פֿענצטער, און אַז ניט דורכן פֿענצטער, איז דורכן קוימען...“ און אפֿשר קאָן זײַן, אַז איך בין אַזוי קליינשטעטלדיק, אַז איך בין ניט זוכה דיך צו פֿאַרשטיין, מישטיינס געזאָגט? וואָלסטו, דאַכט מיר, געקאָנט אַרויסשרײַבן ווי אַ מענטש אַזוי, אַז איך זאָל אויך פֿאַרשטיין? וואָרעם וואָס זאָלסטו נעבעך טאָן, אַז דו האָסט אַ ווײַב אַ „ייִדענע“, ווי דו רופֿסט מיך אָן אַזוי. הייסט עס, בין איך שוין געוואָרן בײַ דיר אַ ייִדענע? הכלל, וואָס פֿאַר אַ מין ווײַב וואָלסטו געוואָלט האָבן וואָלט איך וועלן וויסן? אפֿשר אַזעלכע ווי אָט יענע, וואָס קאָכט דיר פֿיש־קאַרטאָפֿליעס אַלע פֿרײַטיק צו באַכטס און דו לעקסט פֿון זיי די פֿינגער? ווער איז זי אָט די יפֿיפֿיה? וואָס איז זי, אַן אלמנה צי אַ גרושה? ווי אַזוי רופֿט מען זי? ווי אַלט איז זי? און ווי אַזוי זעט זי אויס? און פֿאַר וואָס שרײַבסטו, אַז דאָס איז דײַן בעל־הביתטע וואָס דו עסט בײַ איר שבת? די משמעות, אַז דו האָסט דאָרטן צוויי: איינע אַ שבתדיקע אויף שבת, די אַנדערע אַ וואָכעדיקע אויף אין דער וואָכן? אויב אַזוי מעג דאָך טאָקע וואָרשע אײַנגעזונקען ווערן מיט אַלע אירע בעלי־הביתטעס די יפֿיפֿיות, וואָס קאָכן אַזוי גוט פֿיש־קאַרטאָפֿליעס, וועסטו פֿאַרשפּאָרן לעקן פֿון זיי די פֿינגער און איך וועל אפֿשר אויך אַ מאָל אויפֿגעריכט ווערן, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

יאָ, פֿאַר וואָס זאָלסטו ניט צושיקן דײַן פּאָרטרעט — לאָם איך כאָטש אויך זען וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט אין דײַן איצטיקער פּרנסה פֿון שרײַבערײַ? מ'זאָגט, אַז די מלאָכה פֿון שרײַבעכץ נעמט צו דאָס געזונט, איז אפֿשר גאָרניט כדאַי זאָלסט אַזוי פֿיל אַרבעטן? דאָס געזונט איז טײַערער, ווי זאָגט די מאַמע: „סע שטייט געשריבן, אַז אַלצדינג קאָן מען קויפֿן פֿאַר געלט, נאָר ניט קיין געזונט און ניט קיין יאָרן“...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

7

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובֿות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך זאָג עס פֿאַרקעט מיך, וויס איך וואָס איך זאָג. לאָזן די שאַרפֿע קעפּ, וואָס זיצן און שלײַפֿן זיך די מוחות אין לאָנדאָן, אויסאַרבעטן טויזנטער טראַקטאַטן פֿון שלום, וועל איך אַלץ טענהן מײַנס, אַז כּל־זמן איך אַליין בין מיט זיך ניט פֿאַרטיק, איז ניט גוט — עס וועט ניט אויסגעהאַלטן ווערן! איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג, אַז שלום, וואָס מענטשן לייגן זיך אין אים אַרײַן, איז קיין שלום ניט. מ׳באַדאַרף אַליין קומען צו דער מדרגה, אַז מ׳האָט זיך ניט וואָס צו קריגן און אַז מ׳קאָן אַלצדינג אויספֿירן מיט גוטן... דו וועסט מיר ניט אײַנרעדן, אַז צוויי מענטשן למשל האָבן אַ סיכסוך און אַ דריטער וועט קומען און וועט זיי כּלומרשט אויסגלײַכן, וועלן זיי דיר זײַן צופֿרידן אַרום און אַרום און וועלן זיך צעגיין בשלום ושלווה און נאָך צעקושן זיך אין די פּיסקלעך. לאָז דער דריטער אָפּקערעווען זיך אויף אַ ווײַלע נאָר און לאָזן זיי בלײַבן אַליין, וועסטו זען ווי די צוויי וועלן זיך עס אַ ביסל אַרומנעמען ברידערלעך און וועלן זיך איינס דאָס אַנדערע אָפּבײַסן די נעזער! ובֿפֿרט אַז דאָ זענען ניט קיין צוויי, נאָר עטלעכע. דער באָלגאַר דאַרף זײַן משוגע, נאַרעלע, ער זאָל דערלאָזן דעם גרעק בעל־הבית־עווען אין מאַקידאָניע, ווי אים ווילט זיך. אוי ווײ דאָס מאַקידאָניע! דאָס איז דאָך פֿון כּמה־וכמה יאָרן געווען אַ פּעסל פּולווער און איז גרייט געווען אַלע מאָל אויסצושיסן מיט אַ בלוטיקער מלחמה צווישן די גוזמאי גוזמאות פֿעלקער, וואָס דאָרטן זיצן. אַחוץ טערקן האָסטו דאָרטן גרעקן, באָלגאַרן, סערבן, אַלבאַנער, רומענער און וועמען ניט? געווײנט־לעך זענען דאָרט פֿאַראַנען יידן אויך. אויף וואָס האָט מען געדאַרפֿט נאָך יידן וועסטו פֿרעגן? — אויף פּאָגראָמען. וואָרעם למשל, וואָס וואָלט געטאָן די שטאָט סאַלאָניקע, ווען דאָרט זאָלן ניט זײַן קיין יידן? אויף וועמען וואָלט מען געמאַכט

שהחיינו תיכף נאָכן ניצחון, וואָס גאָט האָט געהאָלפֿן מ'האָט אָפּגעהאַלטן איבערן טערק ?... אַיאַ, מ'רעדט דאַכט זיך גאָר פֿון שלום — פֿרעגט זיך אַ קשיא: וואָס איז דער שׂכל וואָס דער קעניג פֿערדינאַנד, לאָז ער מיר מוחל זײַן, ציט צונויף זײַנע סאָלדאַטן צו מאַקעדאָניע צו ? און וואָס איז דער שׂכל, וואָס ער שרײַבט זיך איבער מיטן טערק בסוד־סודות וועגן שלום אַליין, גאָר אָן די איבעריקע באַלקאַנער קלאָפּערס ? ווי באַלד מ'גייט אַלע אין איינעם, הײַנט וואָס איז שייך סודות ?... צי אַ שטייגער, נעם דיר סערבן, דאַכט זיך גאָר חבר, פֿון דעסטוועגן האָט מען אָפּגעמאַכט מיט די גריעקן שטילערהייט יד־אחת קעגן זייער גוטן פֿרײַנד פֿערדינאַנד ! הכּלל, עס קומט אויס ווי איך האָב דיר געשריבן, עס וועט זיך ערשט אָנהייבן אַ קאָכעניש צווישן די דרײַ סלאַוויאַנער, אַז ס'וועט קומען צום אַרײַנטרעטן יעדער אין זײַן שטיקל לאַנד, וואָס אים דאַכט זיך אַז ער האָט דאָס אײַנגענומען מיט זײַן גבֿורה. און פֿאַר וואָס עפּעס נאָר די דרײַ ? נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיטן מלך מיקיטאַ פֿון מאָנטענעגערע ? דו קערסט אוודאי מיינען, אַז דער דאָזיקער כיטרע מלכּל, וואָס האָט זיך שטילערהייט, דורך גערעטענע שפּעגעלאַציעס געמאַכט די עטלעכע גראָשנס אויף דער בערזע וועט זיך דערמיט באַנוגענען ? זײַ זיכער, אַז מיט אַ גוט־שבת אַליין וועט מען פֿאַר אים ניט יוצא זײַן. אים וועט מען אויך מוזן אָפּשטעקן, אַז ניט קיין שווה־כּסף, איז אַ מזומן קערבל. פּטור בלא כלום, ווי זאָגט ער, איז ניטאָ ! נאָר וואַרט אויס, ביסט נאָך ניט פֿאַרטיק. דאָס זענען ערשט חתן־כּלה. הײַנט ווו זענען עפּעס די מחותּנים פֿון חתנס צד און פֿון כּלהס צד ? רב פֿראַנץ־יוסף ? רב וויקטאָר עמנואל ? רב ווילהעלם ? הײַנט דער ענגלענדער ? דער פֿראַנצויז ? נו און „מיר“ ווו זענען ? „אונדז“ האָסטו פֿאַרגעסן ? „מיר“, מיינסטו, וועלן זיך הייסט עס זיצן אָט אַזוי פֿון דער ווײַטנס אויף אַ פֿרעמדער חתונה און צוקוקן ווי די מחו־תּנים עסן און טרינקען און לעבן אַ גוטן טאָג און „מיר“ וועלן זיי הייסט עס נאָר צווינטשעווען זיי זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר — האָסטו אַ גרויסן טעות ! ובפֿרט אַז עס גייען קלאַנגען אַז סעזאָנאָוו זאָגט זיך אָפּ און אויף זײַן אָרט קומט אָן וויטי. אונדזער וויטי ! זעסטו, דעמאָלט איז גאָר אַן אַנדער פּאָליטיקע מיט אַנדערע פּאָסטרויקעס. וויטי, פֿאַרשטייסטו מיך, איז אַ מענטש „משלנו“. ער ווייס שוין יאָ וואָס איז אַ „האָס“ און אַ „בעס“ און אַ „סטאַלאַזש“. ער איז דאָך עפּעס געווען מיניסטער פֿינאַנס ! ער קאָן זיי אַלעמען געבן דרײַ אויגן פֿאַר און פֿאַרשטעקן אין גאַרטל ! דאָס האָסטו דיר די מחותּנים. הײַנט ווו זענען עפּעס כּלי־זמרים, בדחנים, שדכנים, סאַרווערס און סאַרווערינס, אונטערפֿירערס און

אונטערפירערינס, און גלאַט מקבלים, אַלערליי געפּאַלענע בעלי־בתּים נעבעך, וואָס מ׳מוז זיי אויך עפּעס מהנה זײַן? פּאַרט אַ שׂימחה. גאָט האָט געהאָלפֿן, מ׳האָט חתונה געמאַכט דעם טערק, מ׳טיילט זיך מיט זײַן פֿאַרמעגן, אַ קלייניקייט אַזאַ גדולה! אָט למשל נעם רומיניע. טאָמער ווייסטו פֿאַר וואָסערע מעשׂים טובים קומט איר אַ שטיקל? אַ סך פֿוטער האָט עפּעס רומיניע אַרײַנגעלייגט אין דער מלחמה? פֿון דעסטוועגן האָב קיין יסורים ניט — מ׳שנײַדט איר אָפּ אַ היפּשן חלק פֿון דער באַלגאַרער סיליסטריע און די דאָרטיקע טערקן מיט די באַלגאַרן מיט די ייִדן גייען אַריבער פֿון באַלגאַריע צו רומיניע. שרײַען נעבעך די דאָר־טיקע ייִדעלעך גוואַלד, וואָס האָט מען צו זיי? זיי ווילן ניט רומיניע, זיי ווילן, זאָגן זיי, בעסער בלײַבן אין באַלגאַריע! וואָרעם אין באַלגאַריע זענען זיי פֿאַרט געווען, זאָגן זיי, שטיקלעך מענטשן, און אין רומיניע, זאָגן זיי, זענען דאָך ייִדן און סקאָט אַלץ איינס!.. האָט מען זיי אַפֿילו מבטיח געווען פֿון די „הויכע פֿענצ־טער״ השתּדלות מיט סטאַראַניעס מיט אַרײַנלייגעכצן... נאָר ווער ווייס עס ניט וואָס פֿאַר אַ ווערט די דאָזיקע הבטחות האָבן, מישטיינס געזאָגט, אַז די רומיניער ייִדן אַליין האָבן אויף פּאַפּיר פֿונעם בערלינער טראַקטאַט כּתוב וחתום אַלע ראַוונאָפּראַוויעס און ליגן אין דער ערד ניַין איילן, און עס העלפֿט ניט קיין שמע־ישׂראל!...

נאָר דאָס אַלצדינג איז בײַ מיר דיקדוקי עניות. די אַלע באַלקאַנער קאָמ־בינאַציעס הייבן מיך ניט אָן צו אָרן, וואָרעם ווי איך האָב דיר שוין אויפֿגעקלערט אין מײַנע פֿריִערדיקע בריוולעך, פֿאַרלירט דורך זיי דער טערק זייער ווייניק. אדרבה, ער געווינט נאָך דורך דעם אַ גוזמא, דערמיט וואָס ער פֿאַרשפּאָרט אויסברענגען געלט אויף אויסהאַלטן אַזאַ מחנה מיט חיל און אַזעלכע מדינות, וואָס זענען פֿול מיט שׂונאים. עס קומט אויס הייסט עס, אַז מײַן עגמת־נפֿש פֿאַרן טערק איז געווען אומזיסט, אַז דו ווילסט האָט אים די מלחמה מיט די באַלקאַנער געטאָן די גרעסטע טובה — ער וועט זיך איצט קענען אַ ביסל אַרומקוקן בײַ זיך אין דער היים, אין אַזיע, זען ווו ער שטייט, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, מיט זײַנע ביזנעס און אַ ביסל פֿאַפּראַווען די געשעפֿטן. דאָס איז יאָ, ווי מען זאָגט, אַז נאָך אַ שׂרפֿה ווערט מען רײַך... וואָס מיר פֿאַרקעט — איז אַן אַנדערע זאַך. מיר געפֿעלט ניט דאָס וואָס די „גדולים״ פֿון די „הויכע פֿענצטער״ האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַרום אים טאַקע דאָרטן אין אַזיע גופֿא. אָט למשל נעם דעם ענגלענדער מיטן אַפּמאַך, וואָס ער האָט שטילערהייט אָפּגע־מאַכט מיטן טערק וועגן דער באַן וואָס קיין באַגדאַד. דאַכט זיך, וואָס איז אַ באַן

קיין באַגדאַד? ווינציק באַנען האָבן די ענגלענדער? איז אָבער דאָ אַזאַ פּאַר־פּלאָנטערניש, וואָס קאָן איבערדרייען די גאַנצע פּאָליטיקע מיטן קאָפּ אַראָפּ און פון מיין גאַנצער קאָמבינאַציע קאָן חלילה זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. ווערסטו דאָך פרעגן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט די באַן וואָס קיין באַגדאַד צו מיין קאָמבינאַציע? באַדאַרף מען עס דיר פּאַוואָלינקע צעקייען, זאָלסט עס פאַרשטיין.

די ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע הויזן — דאָס איז די קליגסטע אומה אויף דער גאַנצער וועלט. דורכגעטריבענע מענטשן, אויסגערייכערטע ליולקעס! קיין מאָל שלאָגן זיי זיך דיר ניט און תמיד קריגן זיי דיר דעם גרעסטן חלק. אַז צווי האַלטן מלחמה, שטייען זיי פון דער ווייטן מיט די שיפלעך אויפן ים, האַלטן די הענט אין די קעשענעס און רעכענען אויס פון וועלכן צד קאָן זיי מער בלייבן? רייצן זיי אָן איין צד אויפן צד שכנגדו און זאָגן אים צו, אַז בשעת הדחק זאָל ער קומען צו זיי, וועט שוין זיין רעכט. וואָרעם ווער איז צו זיי גלייך? ובפרט אויפן ים, וואָס דער גרעסטער פּלאַץ אין דער וועלט איז דאָך דער ענגלישער פּלאַץ... דערנאָך, אַז עס טוט זיך דאָס רעדל אַ דריי איבער, און דער צד שכנגדו האָט גובר געווען, און מ'קאָן ביי אים נאָך מער באַקומען, — שלאָגן זיי בלאַט מיטן צד שכנגדו, זענען אים מבטיח אויך דאָס אייגענע, אַז מ'וועט זיי דאַרפן זענען זיי גרייט קומען צו הילף מיט זייער פּלאַט, וואָס איז דער גרעסטער פּלאַט אין דער וועלט... דאָס אַלצדינג ווערט אָפּגעמאַכט כלומרשט בסוד־סודות, נאָר אַזוי אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, בכדי צו האַלטן די גאַנצע וועלט אין דער מורא... דו פאַרשטייסט? דאָס ווערט אַנגערופן — מיט פרעמדע הענט פּייער שאַרן... ביז אַהער האָבן זיי געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט בכדי דעם טערק אָפּצושוואַכן. איצט, אַז די סלאַוויאַנער האָבן זיך שוין צו שטאַרק אָפּגערעכנט מיטן טערק אויפן באַלקאַן און ער האָט שוין געכאַפּט צו אַ גרויסע מפּלה, האָבן זיך די ענגלענדער פּלוצעם אָנגעהויבן צום געשלאָגענעם צושמייכלען, געוואָרן מיט אים קוצעניו־מוצעניו, זאָגן אים צו הלוואות מיט גליקן — און דער פּועל־יוצא איז — מ'ציט אַ באַן קיין באַגדאַד, און חוץ וואָס מען עפנט זיך אַ וועג קיין אינדיע, מאַכט מען זיך פריי אין פּערסיע, און מ'דאַרף שוין מער ניט שלאָגן בלאַט מיט „אונדז" ווי מ'האָט געשלאָגן ביז אַהער בעת מ'האָט זיך איינגעטיילט מיט פּערסיע אויף דער האַלב — איין האַלב האָט געהערט צו זיי, די אַנדערע צו „אונדז"... און אַז זיי ווערן אָפּגעקילט צו „אונדז", ווערט אָפּגעקילט צו „אונדז" אויך דער פראַנצויז, ווערט שוין בטל במילא די גאַנצע מאַכערייַ מיט די צוויי „טראַיקעס" איינס אַקעגן דאָס אַנדערע:

„מיר“ מיטן פֿראַנצויז מיטן ענגלענדער פֿון איין זײַט, קעגן פֿראַנץ־יאָסעפֿן מיט ווילהעלמען מיט וויקטאָר עמנואלן פֿון דער אַנדערער זײַט, און ווי באַלד דאָס ווערט בטל, קאָן מען איצט גאָר אַזוי קלוג ניט זײַן און זאָגן נבֿיאות — ווער קעגן וועמען ?... אײַ, ווערסטו פֿרעגן : מיט מיר וואָס געהער זיך עס אָן ? מיט מיר געהער זיך עס טאַקע ניט אָן, מיטן טערק געהער זיך עס אָבער אָן. איך האָב מורא מ׳זאָל זיך ניט געבן אַ נעם צו אים דאָרטן, בײַ אים אין דער היים, — דעמאָלט ווערט חלילה בטל מײַן גאַנצער פּלאַן מיט אַלע גאָלדענע קאָמבי־נאַציעס, וואָס איך האָב פֿון זײַנעט וועגן אויסגעאַרבעט. ער ווערט דעמאָלט אויס שפּעגעלאַנט און פֿאַרלירט די מיליאַרדן, וואָס ער וואָלט געקענט פֿאַרדינען, און דער עיקר וואָס דעמאָלט קאָן מען שוין ניט רעכענען אויף שלום, אויפֿן אמתן שלום, ווי איך מיין, אויף דעם שלום, וואָס דער נבֿיא ישעיה האָט נבֿיאות געזאָגט — בלאָטע ! דאָס שמעקט שוין גאָר מיט דער אמתער מלחמה, וואָס די וועלט ציטערט פֿאַר איר אַזוי און וואָס מיר אַלע צאָלן פֿאַר איר גוט געלט... וואָס מיינסטו — אומזיסט האָט דער פֿראַנצויז געהעכערט די דינסט פֿון צוויי יאָר אויף דרײַ ? אמת, די פֿראַנצויזלעך בונטעווען זיך טאַקע, ווילן ניט לײַדן. נאָר ווער האָרכט זיי ?...

הקיצור, זוגתי היקרה, ס׳איז מיר קאַלעמוטנע. אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געגריבלט אין דער לאַנדקאַרטע, איך און כאַסקל קאָטיק. מיר האָבן נאָכ־געזוכט ווו ליגט עס ערגעץ אָט דאָס באַגדאַד ? ווו שפּאַרט אָן פּערסיע ? און ווי ווײַט עס איז פֿון דאָרטן קיין אינדיע ? מיר האָבן געוואָלט דערגיין אַקוראַט, וואָס פֿאַר אַ שמד־שטיק קאָן שטעקן אין דאָזיקן פֿאַרבאָרגענעם אַפּמאַך צווישן די ענגלענדער מיטן טערק ? דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך שיִער־שיִער ניט צעקריגט און גוט צעקריגט. ער וויל מיר אײַנרעדן, כאַסקל קאָטיק הייסט עס, אַז פֿאַרקערט, ס׳איז גאַנץ גוט, וואָס דער ענגלענדער איז געוואָרן מיטן טערק ווי אַנדערע צוויי. וואָס איז די גוטסקייט ? זאָגט ער : די גוטסקייט איז, וואָס פֿאַר די דײַטשן איז די דאָזיקע באַן אַ רעכטער קלאַפּ און מ׳קאָן זיך, זאָגט ער, איבער אַזאַ זאַך צעבוצקען. און ווי באַלד, זאָגט ער, די דײַטשן מיטן ענגלענדער צעבוצקען זיך, איז פֿאַרן טערק, זאָגט ער, די גרעסטע טובה. זאָג איך אים : מען איז אײַך מוחל די טובות. אַז בוצקען זיך — לאָזן זיי זיך בוצקען, זאָג איך, דאָ, אויף דער זײַט דאַרדאַנעלן, ניט דאָרטן, בײַ אים אין דער היים. טוט ער אַ שמייכל און מאַכט צו מיר : ייִד ! וואָס איז אײַך די נפֿקא־מינה ? זאָג איך צו אים אויך מיט זײַן לשון : ייִד ! וואָס בין איך שולדיק אַז איר פֿאַרשטייט אין

פּאָליטיקע אַזוי פּיל וויפֿל אַ גוי אין חושן־מישפּט ?... ווערט ער שוין אַ ביסל זוי ברוגזלעך און מאַכט צו מיר : נו, אדרבה, אויב איר פֿאַרשטייט מער, זאָגט מיר, אפשר וועל איך אויך פֿאַרשטיין ?... גיי איך און גיב אים צו פֿאַרשטיין, אַז צוויי מענטשן למשל כאַפּן זיך אָן ביי די גאָרגלען און רייסן זיך, איז גלייכער זיי זאָלן זיך רייסן אויף יענער זייט טיר, ניט ביי מיר, זאָג איך, אין שטוב. האָט איר עס צעקייט, צי ווער — וואָס ?.. שטעלט ער אַוועק אויף מיר צוויי אויגן און רופט זיך אָן : ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, רב מנחם־מענדל ? מיר דאַכט, אַז איר הייבט גאָר ניט אָן צו וויסן, וואָס דאָ טוט זיך ? זאָג איך : פֿאַר וואָס הייב איך ניט אָן צו וויסן וואָס דאָ טוט זיך ? זאָגט ער : דערפֿאַר וואָס איר פֿאַרשטייט ניט. זאָג איך : פֿאַר וואָס פֿאַרשטיי איך ניט ? זאָגט ער : דערפֿאַר וואָס איר זענט אַ בהמה... האָב איך אים אַפֿילו געוואָלט אָפּ־ענטפֿערן באַלד אויפֿן אָרט : איר זענט אַליין אַ גוטע בהמה. נאָר איך האָב מיך פֿאַרכאַפּט : לאָז היינטיק מאָל מיינס איבערגיין. צו וואָס טויג מיר פֿאַר־קריגן מיט אַ מענטשן, וואָס וויים ביי מיר אַלע סודות ? ווי זאָגט די מאַמע דיינע : „מיט אַ ייִדן איז גוט קוגל עסן...” איך האָב אים נאָר געזאָגט : ווייסט איר וואָס, רב כאַסקל ? איר זענט טאַקע אַ ווילער ייִד, לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר. נאָר לאָמיר, זאָג איך, ניט רעדן מער פֿון פּאָליטיקע. לאָמיר, זאָג איך, רעדן פֿון וואָס איר ווילט, נאָר ניט פֿון פּאָליטיקע ! — — — זאָגט ער : מהכא־תיתי, ביי מיר האָט איר געפּועלט. גאָט האָט מיך, זאָגט ער, אויסגעפּירט ביז אַהער אָן פּאָליטיקע, וועט ער מיך אויספֿירן מסתמא ווייטער אויך... און מיר זענען געוואָרן ווידער גוטע פֿריינד, ווי געווען, און האָבן זיך ווידער אַ מאָל צעשמועסט, און טאַקע ווידער אַ מאָל פֿונעם טערק, און ווידער אַ מאָל פֿון די באַלקאַנער, און פֿון די „הויכע פֿענצטער”, און פֿון די ענגלענדער מיט זייער אַפּמאַך, און פֿון אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ איצט אויף דער וועלט סיי ביי זיי, סיי טאַקע ביי אונדז אַליין, ביי אונדזערע אחינו בני־ישׂראל הייסט עס. נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט — מ׳דאַרף נאָך לויפֿן אויף דער פּאָסט און פֿון דאָרט אין דער רעדאַקציע זען די לעצטע שבלעצטע דעפּעשן פֿון טאַקיאָ, מ׳זאָגט, דער יאַפּאַנישער מיקאַדאָ איז מסוכן — מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג נאָך מער באַריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: דאנקען גאט, איך בין שוין פארטיק מיט מיין שליח אויך. כ׳האב שוין געפונען דעם ריכטיקן פארשוין, וואס כ׳וועל אים דארפן אנווענדן צום סולטאן. אנגעוויזן אויף אים האט מיר טאקע ווידער ער, כאסקל קאטיק הייסט עס. און ווערליק ער זאגט, איז אט דער פארשוין פאר מיר ווי אנגעמאסטן. ערשטנס איז ער, זאגט מען, א מענטש, וואס לפני מלכים ית־יצב, א מאן, זאגט מען, א געבילדעטער מיט א סך וויסנשאפטן און א גוטער פאליטיקער. צווייטנס איז ער, זאגט מען, א הויך ארנטלעכער מאן — און דאס איז דאך ביי מיר דער עיקר. היינט איז ער, זאגט מען, א ברענענדיקער ציוניסט. און א מענטש וואס האט אין זיך א ברען, מעג ער זיין וואס ער וויל זיך, טויג ער צום געשעפט. היינט קאן דאס, זאגט מען, שפראך, אפשר שבעים לשונות. און רעדן רעדט דאס, זאגט מען, פאר פייער און פאר וואסער, טאקע ממש אש־להבה! און ניט אויף איין שפראך רעדט ער, נאר אויף עטלעכע מיט א מאל. דאס הייסט הייבן הייבט ער אן, זאגט מען, דווקא ווי א מענטש, אויף אונדזער לשון, אויף יידיש הייסט עס. נאר באלד טוט ער א שפרונג איבער אויף רוסיש, פון רוסיש גיט ער זיך א ווארף איבער אויף פוילעש, פון פוילעש טוט ער זיך א קער איבער אויף דייטש, און פון דייטש טוט ער זיך א ווארף אריין אין ענגלעש, — און לאזן לאזט ער אויס, זאגט מען, אלע מאל אויף לשון־קודש אדער גאר אויף תרגום אונקלוס. אויף מיין גליק באדארף ער איצט ניט זיין אין ווארשע. ער איז אין אמעריקע איז ער. ער פארט ארום, זאגט מען, איבער קאלומבוסעס מדינה. ער וויל מאכן די דארטיקע יידן פאר ציוניסטן. אן עבירה די צייט. ער זאל מיך געוועזן פרעגן, וואלט איך אים געוועזן אפגע־רעדט פון דער דאזיקער נסיעה. אין די יידן פון אמעריקע בין איך מער קלאר ווי אלע. זיי פעלט אזוי ציון, ווי דיר פעלט ציינווייטיק. מ׳וועט אים דארטן פאטשן בראווא, מאכן קערמעשלעך (דארטן הייסט עס „רעסעפשעניס״), טרינקען לחיים (דארטן הייסט עס האלטן א „שפיץ״) און וואס דו ווילסט אין דער וועלט! און קוים וועט ער נאר אויפזעצן זיך אויפן שיף און וועט נאך ניט אפפארן אפילו פון די ברעגעס פון נעוויארק, אזוי וועט מען שוין פארגעסן אן אים מיט זיינע רעדענישן וועגן ציון און מ׳וועט לויפן מאכן נייע „רעסעפשעניס״ און האלטן נייע „שפיצן״ פאר די וואס רעדן קעגן ציון... דאס איז א לאנד! ניט אומזיסט קאנסטו הערן דארטן פון יעדן פעדלער: „אמעריטשקע גנב, א קלאג צו קאלומבוסן!״...

הנ״ל.

שיינע־שיינדל פֿון פּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

5

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס געמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווייַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרייַב איך דיר, בעלי היקר, אַ מענטשן אַז ס׳הייבט אָן צו גיין, איז ווי די מאַמע זאָגט: דורך טיר און דורך טויער, דורך אַ צוגעמאַכט פֿענצטער און דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן... דו שטויסט זיך שוין אַוודאי ווּעמען איך מיין. איך מיין דאָס טאַקע אונדזער שעיה־דודס מחותן יענקל שאַרעגראַדסקי און דעם אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפֿן! און ווער איז שולדיק, אַז ניט שעיה־דוד אַליין מיט זייַן קרומען קאָפּ און מיט זייַנע קלוגע עצות? ווי זאָגט די מאַמע: אַז ס׳איז באַשערט אַ זעץ אין פּלייצע, קומט דאָס פֿון אַן אייגענעם... ווּעסטו הערן וואָס אַ ייִד קאָן!

אַז די שאַרעגראַדסקיס זענען געקומען צוריק פֿון פּיטערבאָרג מיטן בייַטשל, ניט אויסגעפֿירט גאָרניט און נאָך געפּטרט דאָס ביסל מזומנס אויך, פֿאַלט ער בייַ זיך ניט אַראָפּ, שעיה־דוד הייסט עס, און גיט זיי אַ נייַע עצה: אַזוי ווי אַרויסשיקן פֿון דאָרף האָט זיי אַרויסגעשיקט אייגנטלעך דער אוראַדניק, ניט די גויִים — אדרבה, די גויִים זענען גאָר געווען פֿאַר זיי שטאָל און אייַזן, מ׳זאָל זיי ניט טשעפּען, „באַ יאַנקעל — האָבן זיי געזאָגט — דאָברי טשולעוויק, אַ יאַהאָ זשינקאַ שטשע דאָברישע״, דאָס הייסט, אַז יענקל שאַרעגראַדסקי איז אַ גוטער מענטש און זייַן ווייַב — חנה־מירל — איז נאָך אַ בעסערע... מאָל דיר, וואָס חנה־מירלען גייט אָפּ צו גוטסקייט, זאָל דאָס מיר צוקומען. סך־הכל האָט זי פֿאַר אַ יאָרן, אַז זי איז געקומען צו אונדז אויף יום־טוב, זיך געפּאַטשט מיט שעיה־דודס עלטערער שנור, עטל־ביילע, אַז די גאַנצע גאַס איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן. און איבער וואָס מיינסטו האָבן זיי זיך געפּאַטשט? איבער עפּעס רעכטס? ווייס איך וואָס, איבער אַ ביכל. עפּעס אַ ביכל האָבן חנה־מירלס ייִנגלעך געבראַכט צו פֿירן פֿון דאָרף, אויף ייִדיש, אַ מעשה־ביכל, צי אַ ראָמאַנס, צי ווייסט זיי דער גוטער יאָר, האָבן עס עטל־ביילעס ייִנגלעך דערטאַפּט און גע־

נומען לייענען אײַנציקווײַז, אַזוי לאַנג געלייענט דאָס ביכל, ביז מ׳האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צום ביכל, פֿאַרן אוועקפֿאָרן שוין, ווו איז דאָס ביכל? — ווער ביכל? וואָס ביכל? ניטאָ קיין ביכל! האָט זיך אָנגעהויבן אַ סלעדסטווע, אַ רײַסעניש איבערן ביכל, ווער האָט צום לעצטן געהאַלטן דאָס ביכל? ביכל־ביכל! אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, פּיטש־פּאַטש, מ׳האָט זיי קוים צענומען!... איך וועל דיר ניט זאָגן, עס קאָן זײַן, אַז חנה־מירל איז דאָ ניט אַזוי פֿיל שולדיק ווי עטל־ביילע מיט אירע בנימלעך, וואָס זענען געוואָרן, זאָלסט אַ קוק טאָן, גאַנצע יאַ־טאָבי־דאַמס, קלויבן זיך צונויף אַלע שבת צו נאַכטס אויף זאַסעדאַניעס, שפּילן שוין גאָר טרעיאַטער, מאַכן אַזעלכע אָנשטעלן, אַז מ׳קאָן שטאַרבן! דו מיינסט, מענדל, אַז אונדזער כּתרילעווקע איז דאָס כּתרילעווקע וואָס געווען? וואָלסט דאָס באַין־אופֿן ניט דערקענט ווען דו קומסט צו פֿאָרן! ווי זאָגט די מאַמע: „ס׳שטייט געשריבן, אַז ס׳וועט אויפֿשטיין אַ דור וואָס די טאַטעס וועלן ניט דערקענען זייערע קינדער און די קינדער זייערע טאַטעס...“

הכּלל, האָבן זיך די גויִים אָוועקגעשטעלט פֿאַר די שאַרעגראַדסקיס מ׳זאָל זיי ניט אַרויסשיקן, זיי האָבן, זאָגן זיי, גאָרניט־ניט צום דאַזיקן ייִדן און האָבן שוין אַפֿילו געמאַכט אַ פּריגאָוואָר, אָוועקגעשריבן צום גובערנאַטאָר. נאָר עס האָט געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס, אָן אוקאַז — פֿאַרפֿאַלן!.. האָט זיי שעיה־דוד געגעבן אַ קלוגע עצה, אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים! אַ מענטש האָט דיר אַ טבע — דער גאַנצער וועלט, צי מ׳פֿרעגט אים, צי מ׳פֿרעגט אים ניט, האָט ער ליב געבן עצות. די ערשטע צײַט, אַז דו ביסט געווען אין אַמעריקע און ס׳איז פֿון דיר, ניט הײַנט געדאַכט, אַ צײַט קיין בריוו ניט געווען, פֿאַלט ער אויף אַ גלײַכס, שעיה־דוד הייסט עס, און רוימט אײַן דעם טאַטן עליו־השלום אַ סוד אויפֿן אויער — דער טאַטע האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, — אַז ער זאָל אַרויסנעמען, דער טאַטע הייסט עס, אַ כּתב בײַם היגן רב, וואָס האָט אונדז מסדר־קידושין געווען, און אַוועקשיקן דעם דאַזיקן כּתב מיט מײַן כּתובה, וואָס איך האָב פֿון דיר, צו די רבנים וואָס אין אַמעריקע, אַז טאָמער וועט קומען צו זיי אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען מנחם־מענדל און וועט וועלן שטעלן אַ חופּה, זאָלן זיי וויסן אַז ער איז אַ באַווײַבטער און מ׳טאָר אים ניט געבן קיין חופּה־וקידושין... דערהערט מסתּמא די מאַמע ווי ער סודעט זיך, שעיה־דוד הייסט עס, מיטן טאַטן, און געכאַפּט גאָר אַ פּאָר ווערטער: „מנחם־מענדל“... „אַמע־ריקע“... „חופּה־וקידושין“... זאָגט זי צו אים, צו שעיה־דודן הייסט עס: „זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס דאַרף אײַך דאַרן דער קאָפּ פֿאַר מײַנע קינדער?

ווען מאַכן זיי ענג? און ווען זענען זיי גרויס אין די אויגן?..." וויל ער זיך פֿאַרענטפֿערן, שעיה־דוד הייסט עס, אַז ער איז דערמיט ניט אויסן געווען חלילה עמעצן אַ רעה, אַדער זיך אַ טובה, אַדרבה, ער האָט מער, זאָגט ער, ניט אין זינען געהאַט קיינעם, אויסער מיר און מײַנע קינדער. דאַנקט זי אים אָפּעט, די מאַמע הייסט עס, פֿאַר זײַן גוטסקייט און פֿרעגט אים נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, ער זאָל איר זאָגן נאָר איין זאַך: ווען מאַכן אירע קינדער קאַליע? אויף וועמענס ערד גייען זיי? וועמען איז דורך זיי ענג? און וועמען זענען זיי גרויס אין די אויגן?... בעט ער זיך בײַ איר רחמים, שעיה־דוד הייסט עס, אַז זי זאָל פֿאַרגעסן וואָס ער האָט געזאָגט, גלײַך ווי ער האָט גאָרניט געזאָגט און גאָרניט גערעדט און גאָרניט געטראַכט אַפֿילו! וואָס טויג דיר, ער האָט זיך פֿון איר ניט געגאַרט, פֿאַרזאָגט קינדסקינדער! אָט אַזאַ מין ייִד איז דאָס! אַפֿילו אַזוי, אויבן אויף, דאַכט זיך, ניט קיין שלעכט מענטשל, גאָרניט קיין שלעכטער, גרייט פֿון יענעמס וועגן אין פֿײַער און אין וואַסער, נאָר אַ גודניק, אַן אײַנגעגעסענע בריאה, האָט ליב געבן עצות.

הכלל, וואָס איז געווען די עצה, וואָס ער האָט געגעבן זײַנע מחותנים? די עצה איז געווען אָט וואָס פֿאַר אַן עצה: אַזוי ווי ס'הערט זיך אַ סלוך, און אויף די גאַזעטן שרײַבט מען וועגן דעם, אַז דאָס אַרויסטרײַבעניש וואָס מ'טרײַבט ייִדן וועט מען סוף־כל־סוף אָפּשטעלן, נאָר וואָס דען? דאָס וועט זײַן גוט פֿאַר די, וואָס מ'האָט זיי נאָך ניט אַרויסגעטריבן — איז פֿאַרפֿאַלן! על־כּן, זאָגט ער, שעיה־דוד הייסט עס, אַז ס'וואָלט געווען גוט, ווען די אַרויסגעטריבענע מחותנים, די שאַרעגראָדסקיס הייסט עס, זאָלן זיך מאַכן ניט־וויסנדיק און זאָלן נעמען און זאָלן וואָס פֿריִער אַרײַנכאַפּן זיך צוריק אין דאָרף אַרײַן, זיך אויסבאַהאַלטן די ערשטע צײַט פֿאַרן אוראַדניק, — וואָרעם פֿאַר די גויִים האָבן זיי ניט וואָס צו באַהאַלטן זיך, דער עיקר איז, אַז דער אוראַדניק זאָל ניט געוויר ווערן, — ביז ס'וועט אַרויס צוריק דער זאַקאָן, אַז מ'זאָל אויפֿהערן טרײַבן, דעמאָלט וועלן זיי, די שאַרעגראָדסקיס הייסט עס, שוין קאָנען באַווײַזן זיך פֿאַרן אוראַדניק אויך. אײַ, דער אוראַדניק וועט דערנאָכדעם האָבן אַ טענה, אַז ער אַליין האָט זיי אַרויסגעטריבן? וועט מען זיך שוין דעמאָלט אַן עצה געבן, אונטערשמירן... אַ טײַערע מציאה אַן אוראַדניק! — וואָס איז ער? אַ גובערנאַטאָר?

הכלל, זיי האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן — אַז דער מחותן אַליין זאָגט! — און זענען אַריבערגעפֿאָרן שטילערהייט צוריק אין דאָרף אַרײַן, ניט אַלע, נאָר

דער פֿאָטער אַליין, יענקל שאַרעגראָדסקי הייסט עס, מיט די צווי איידעמס, מאָטל און מאיר, וואָרעם אַלע מיט אַ מאָל, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אַז עס וועט אָנקומען, וועט מען אויפֿרײַסן די אויגן. געקומען אין דאָרף אַרײַן זענען זיי מסתמא בגנבה, בײַ נאַכט, און האָבן זיך, נישקעס־טישקעס, אַרײַנגעכאַפּט צו זיך אין שטוב אַרײַן, מורא געהאַט אַ פּנים אָנצינדן אַ ליכט מ׳זאָל חס־ושלום ניט דערזען אַז ס׳לײַכט זיך בײַ זיי, און האָבן זיך געוואָלט לייגן שלאָפֿן, איז אַ פּנים געווען קאַלט ווי אין פּסאַרני, האָבן זיי זיך מישב געווען אַזוי: אײַנהייצן אין אויוון, וועט גיין אַ רויך פֿונעם קוימען, — טאָמער פֿאָרט דורך אַקוראַט אין דער מינוט דער אוראַדניק און דערזעט אַ רויך פֿונעם קוימען, קאָן אים ווערן קשה... האָבן זיי גענומען אַ זשאַראָווני, — איך ווייס ניט וועמענס קאָפּ ס׳איז געווען דערבײַ? — אָנגעשיט קוילן, צעלייגט אַ פֿײַערל און גענומען זיך וואַרעמען. און אַז מ׳האָט זיך גוט דערוואַרעמט, איז מען אַנטשלאָפֿן געוואָרן, שוין איין מאָל אַנטשלאָפֿן געוואָרן, רעכט אײַנגעטשאַדעט זיך און — אַ גוטן טאָג...

דו קאָנסט זיך שוין פֿאָרשטעלן, מענדל, וואָס דאָ טוט זיך אַצינד בײַ אונדז. די גאַנצע שטאָט איז אויף! עס קאָכט ווי אין אַ קעסל! מיינסט, ווען האָבן מיר זיך דערוווּסט? ערשט הײַנט אין דער פֿרי. טאַקע פֿון דײַן געזעצט האָבן מיר זיך עס דערוווּסט. עס איז מיר נאָר אַ חידוש, פֿאַר וואָס דו האָסט מיר אין דײַן לעצטן בריוו ניט געשריבן פֿון דער דאָזיקער מעשה גאָרניט, קיין וואָרט אַפֿילו, גלײַך ווי די שאַרעגראָדסקיס געהערן זיך שוין מיט דיר ניט אָן גאָרניט. דער טערק גייט דיר אָן, אַ פּנים, אַ סך אַ נאָענטערער מחותן ווי מײַן טאַטנס משפּחה?

הכלל, זענען מיר דאָס פֿון דײַן געזעצט געוווּיר געוואָרן די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי מ׳האָט זיי געפֿונען אַלע דרײַ, יענקל שאַרעגראָדסקי הייסט עס, מיטביידע איידעמס בײַ דער זשאַראָווני שוין טויטע, און ווי אַזוי מ׳האָט זיי געבראַכט קיין דובנאָ, און וואָס פֿאַר אַ לוויה זיי האָבן געהאַט. גאַנץ דובנאָ איז געווען אויף! ס׳איז געווען אַ יללה, שרײַבט מען דאָרט, ווי ניט הײַנט געדאַכט בעת קעשעניוו... נאָר וואָס קומט אַרויס? דערווײַלע איז חנה־מירל נעבעך שיִער פֿונעם זינען. זי רײַסט זיך קיין דובנאָ, לאָזט מען זי ניט. און ער אַליין, שעיה־דוד הייסט עס, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד: וועלכער רוח, זאָגט ער, האָט אים געטראָגן ער זאָל געבן עצות? קוים אַרומגעקוקט זיך, איצט האָט ער אויף זיך אַ גוט פּעקל — אָן אַלמנה מיט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יתומים. אַ מיצווה, זייער רעכט, לאָז אַ ייִד ניט האָבן אַזאַ פּאַדלע טבע געבן עצות!...

כאַטש אַז מ׳וויל צוריק, איז ער אפֿשר אויך גאַרניט אַזוי פֿיל שולדיק, וואָרעם פֿון וואַנען ווייסן מיר, אַז ווען ניט ער, שעיה־דוד הייסט עס, וואָלט ניט געווען קיין אַנדער שליח? אַט דערציילט חנה־מירל אַליין, וואָס מיט איר מאַן האָט זיך פֿאַרלאָפֿן נאָך מיט אַ יאָר פֿריִער. ער איז געהאַט געפֿאָרן, טאַקע איר יענקל מיט די איידעמס, געפֿירט מיט זיך געלט, אַ פּאָר הונדערט קערבלעך, — זענען אים גויִים באַפֿאַלן אין וועג, פֿאַרנדיק פֿון דובנאָ צו זיך אין דאָרף אַריין, געבונדן הענט און פֿיס און געוואָלט הרגענען, איז אָנגעפֿאָרן אַ גלאָק, זענען זיי דורך אַ נס ניצול געוואָרן און געבענטשט גומל. הײַנט גיי ריכט זיך אַז זיי וועלן איצט אַליין זיך נעמען דעם טויט דורך אַ זשאַראָווני גאַר! ווי זאָגט די מאַמע: „ס׳שטייט געשריבן, אַז אַלע הושענה־רבה ווערט אָנגעצייכנט פֿון אויבן, מיט וואָסער אַ טויט, מישטיינס געזאָגט, דער מענטש באַדאַרף שטאַרבן״...

האָב קיין פֿאַראיבל ניט, מנחם־מענדל, איך בין אַזוי ראַסטראָיעט פֿון דעם דאָזיקן אומגליק, אַז איך קאָן דיר הײַנט ניט שרײַבן פֿון קיין זאַך מער, כאָטש איך וואָלט דיר באַדאַרפֿט שרײַבן און שרײַבן! עס נעמט זיך מיר ניט די האַנט צו דער פּען און עס גייט מיר ניט אײַן קיין זאַך. ניט נאָר איך אַליין, מיר אַלע גייען דאָ אַרום אָן קעפּ, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק פֿון מיר דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

בעלי היקר! טאָמער וואָלסטו דאָרטן אויפֿגעמונטערט דײַנע לײַט, וואָס זענען זיי עפּעס מיט אַ מאָל אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן?... אַ פּנים זיי האָבן זיך שוין אײַנגעמידט שיקן מיר הונדערטער פֿאַר דײַנע שרײַבעכצן וואָס דו שרײַבסט זיי? אַ חידוש וואָס זיי מידן זיך ניט אײַן אַרויסלאָזן אַלע טאָג אַ פֿרישן געזעצט? גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿן, ווי איך האָב געוווסט פֿריִער, אַז ס׳וועט אַזוי זײַן, ווי זאָגט די מאַמע: „געלט נעמען ווערט קיין מאָל ניט נימאס. געלט געבן ווערט גיך נימאס״... זי אַז זי זאָגט אַ וואָרט, מעגן זיך דאָרט אַלע דײַנע פֿײַנע בריות באַגראָבן לעבעדיק!...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין פּתרילעווקע

8

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז די גאַנצע וועלט איז אומעטום אײַן וועלט און אַז אין דער פּאָליטיקע קומט פּאָר פּונקט דאָס אייגענע וואָס אויף דער בערזע. דאָ און דאָרט איין גאַנג — ניט געמינערט אַ האָר. אַזוי ווי דאָרט אויף דער בערזע, למשל, קאָן דער קליגסטער בערזיאַנער ניט וויסן הײַנט וואָס פּאָר אַ ווינטעלע מאָרגן קאָן אַ בלאָז טאָן, און פּאַפּירן וואָס זענען נעכטן געשטיגן העכער הײַזער, קענען מאָרגן געבן אַ פֿאַל ארצה, דאָס הייסט פֿונעם גרעסטן „האָס״ קאָן זיך אויסלאָזן אַ גרויסער „בעס״, — אַזוי איז אויך דאָ אין דער פּאָליטיקע ניטאָ דער נאַר וואָס זאָל זאָגן נביאות פֿון הײַנט אויף מאָרגן וואָס מאָרגן וועט זײַן. אַזוי ווי דאָרט אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, ניט הײַנט געדאַכט, געדענקסטו נאָך וואָס האָט זיך געטאָן? אַלע האַלבע שעה פֿלעגן לויפֿן דעפּעשן פֿון פּיטערבאָרג אַז „פּוטילעווער״ פֿאַלן און פֿון וואַרשע פֿלעגט מען טעלעגראַפֿירן אַז „לילעפּוטן״ הייבן זיך, מ׳זאָל קויפֿן „לילעפּוטן״ און נאָר „לילעפּוטן״! אַוודאי פֿלעגט דער עולם — און איך אויך בתוכם — געבן אַ פֿאַר־קויף אויס די „פּוטילעווער״ און אָפּדעקן זיך די רגע, ווי ווײַט מעגלעך, מיט „לילעפּוטן״. וואָס זשע איז געווען דער סוף? לאָזט זיך אויס מסתּמא אַ בוידעם, וואָרעם אין אַ שעה אַרום קומט אָן אַ נײַע דעפּעש פֿון פּיטערבאָרג, אַז „פּוטי־לעווער״ האָבן זיך אַ הייב געגעבן הויך־הויך, מ׳זאָל קויפֿן „פּוטילעווער״, און פֿון וואַרשע אַ דעפּעש, אַז די „לילעפּוטן״ שטינקען במחילת־כּבודם, ווי איבער־געהאַלטענע פֿיש, און די שפּעגעלאַנטן נעבעך — און איך אויך בתוכם — האָבן געלייגט דעם קאָפּ, פֿאַרלוירן ווי ס׳איז געווען ערגעץ אַ מזומענער גראָשן און נאָך געבליבן דערונטער. וואָס זשע איז די מעשׂה? די מעשׂה איז, וואָס בערזע און פּאָליטיקע איז אַלץ איין מאַטעריע, אַן אײדעלע מאַטעריע, וואָס לאָזט זיך ניט

אַפּשאַצן. ס'איז אַ בלינדער אתרוג און מ'דאַרף גיין בלינד, בלא ראיה הייסט עס... נישט מער, מ'דאַרף האָבן דאָ אין דער פּאָליטיקע, אַזוי ווי דאָרטן אויף דער בערזע, אַ שטיקעלע הצלחה, מ'זאָל גיין אויף דער זײַט וואָס מען דאַרף. און איך האָף צו גאָט, אַז איך בין אין מײַן איצטיקער פּרנסה, אין דער פּאָלי־טיקע הייסט עס, אַוועקגעגאַנגען מיט גאָטס הילף אויף דעם ריכטיקן וועג, אויפֿן וועג פֿון שלום, פֿון יענעם שלום, וווּהין אַלע פֿעלקער פֿון דער גאַנצער וועלט קוקן און בענקען און ווילן און גייען אויס אין חלשן! דאָס איז ניט דער שלום, וואָס איז פּראַקטאָגן פּרײַטיק אונטערגעשריבן געוואָרן אין לאָנדאָן צווישן די באַלקאַנער ווילע יונגען מיטן טערק. בלאָטע! פֿאַר דעם שלום נאָ דיר אַ גראָשן. פֿון דעם שלום קאָן זיך אויסלאָזן אַ טײַך. עס קאָן ערשט אויס־ברעכן אַ מלחמה, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן פֿריִער. איבערחזרן נאָך אַ מאָל וויל איך ניט. אָט למשל הערט זיך שוין, אַז דער טערק האָט מוסר־מודעה געווען די גרעקן, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צוצורוקן זיך צו די אינדזלען וואָס אויפֿן ים, וואָרעם ער וועט ניט דערלאָזן... ווערסטו זיך פֿרעגן: די גרעקן האָבן דאָך די גאַנצע צײַט געהאַלטן די דאָזיקע אינדזלען אין מויל, וואָס זשע האָט ער געשוויגן ביז אַהער? איז דער תּירוץ: וואָרעם ביז אַהער איז דער טערק נאָך ניט פֿאַרטיק געווען מיט די באַלגאַרן, ניט געוווּסט ווו ער האַלט מיט זיי — מילכיק צי פֿליישיק. איצט, אַז ער האָט שוין מיט די באַלגאַרן אָפּגעמאַכט יד־אחת, נאָך איידער אין לאָנדאָן זענען אונטערגעשריבן געוואָרן די ראשי־פּרקים פֿונעם גרויסן שלום, איז שוין גאָר אַנדערע דיבורים... ביסטו שוין פֿאַר־טיק? האָב צײַט — ס'איז נאָך דאָ סערבן אויף דער וועלט, וואָס זיי האָבן אַ טוץ טענות צו די באַלגאַרן און די באַלגאַרן האָבן טענות צו זיי, און ביידע ווילן זיך שלאָגן, ווי מ'וויל לעבן, וואָרעם דאָ גייט, פֿאַרשטייסטו מיך, ניט אַזוי אין ניצחון און אין כבוד, ווי אין געלט, אין פֿאַרמעגן!

אויף די באַלקאַנען, אַזוי ווי אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, ווילט זיך איטלעכן זײַן פֿריץ, און צווישן די צוויי — די סערבן מיט די באַלגאַרן — זענען פֿאַראַן אַלטע חשבונות נאָך פֿון ווייס איך ווען אָן, ובפֿרט נאָך איצט, נאָך דער דאָזיקער מלחמה, וואָס עס איז זיי אָפּגעראָטן נאָך מער ווי זיי האָבן זיך גערעכט, און צו די סערבן אין די הענט איז אַרײַנגעפֿאַלן אַזאַ מאַיאָנטיק, וואָס די באַלגאַרן וועלן דאָס אין לעבן ניט דערלאָזן און וועלן זײַן גערעכט, כאָטש די סערבן האָבן זיי צוגעהאָלפֿן נעמען אַדריִנאָפּאָל. וואָרעם ווען עס דער־גייט צו אַ דין־תּורה, למשל, און איך בין אַ שליש — פּסקן איך אַזוי, אַז די

באַלגאָרן זענען גערעכט. זיי האָבן פּאָרט אַוועקגעלייגט מער מענטשן און מער געלט — וואָס איז דאָ צו רעדן ? און כאָטש ס'איז דאָ אַ דעפּעש פון פּיטערבאַרג, אַז מיר זענען גרייט זיך אַרײַנלייגן אין אַ שלום צווישן די דאָזיקע צוויי „גוטע פרײַנד", וואָס שאַרפן זיך די צייון איינס אויף דאָס אַנדערע, נאָר מיט אַ תּנאי, אַז זיי ביידע זאָלן אַוועקלייגן דאָס געווער — פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אַז ס'איז בלאָטע, וואָרעם ס'איז דאָ אַ פראַנץ־יוסף אויף דער וועלט, וואָס קוקט אַרויס אַז די סערבן זאָלן אַוועקלייגן שער־און־אײַזן, וועט ער קאָנען דעמאָלט מיט זײַן פרײַנד וויקטאָר עמנואל מאַכן אַ טאָלק אין אַלבאַניע, — און דאָס וועט ניט שמעקן עמעצן אַנדערש... לאָזן זיך נאַראָנים פרייען מיט דער שימחה, וואָס איז געווען די טעג אין בערלין, וואָס די דײַטשן האָבן זיך משדך געווען מיט די ענגלענדער, און לאָזן זיי לעקן די פינגער פון די שיינע דרשות, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן לכבוד דעם שלום פון דער גאַנצער וועלט, און לאָזן זיי נתפּעל ווערן פונעם דרשה־געשאַנק וואָס איז געפאַלן חתן־כּלה פון ביידע צדדים, אַזוי אַז די בערלינער דאַמעס, וואָס זענען געגאַנגען אָנקוקן די מתּנות, האָבן זיך געריסן בײַ די שלייערס פון גרויס התפּעלות און געטראָטן איינס דאָס אַנ־דערע איבער די קעפּ — איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג, ווי מען גייט אין אַמע־ריקע, אַז ס'איז הימל און ערד און שווינדל, אָדער „בלאָף", ווי מען רופט עס דאָרטן. ניט דאָס איז דער שלום וואָס איך מיין. דער שלום וואָס איך רעד פון אים איז גאָר אַן אַנדער מין שלום. דאָס איז דער שלום, וואָס אונדזער ישעיה האָט נביאות געזאָגט נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק — און צו דעם שלום גייען מיר, און צו דעם שלום זענען אָנגעווענדעט איצט אַלע מײַנע געדאַנקען, און פון דעם שלום הענגען אָפּ אַלע מײַנע קאָמבינאַציעס, וואָס איך דאַרף דורך זיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל געבויט ווערן, אויפקומען און ווערן אַ מאָל אַ שטיקל מענטש, ווי דו זאָגסט, נאָר אַ מענטש מיט אַ פאַרמעגן און מיט אַ נאָמען אם־ירצה־השם מיט גאָטס הילף! אײַ דו האָסט קיין צײַט ניט, דו ווילסט נעבעך ס'זאָל זײַן טאַקע שוין און טאַקע באַלד? ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אַ מזומנער גראָשן איז טײַערער"... בין איך ניט שולדיק, זוגתי היקרה, אַז דו פאַרשטייסט מיך ניט און נעמסט מיך צו קליין... די אייגענע ווערטער וואָס איך שרײַב דיר איצט האָב איך געהאַט געזאָגט מײַנעם אַ גוטן פרײַנד, אַן אַלטן גוטן פרײַנד און אַן אָרנטלעכן, אַן איש אמת, אַן פליגן. און בטבע אַ גוטער, אַ ווייכער מענטש, מ'קאָן זאָגן — אַ מענטש אָן אַ גאַל...

באַגעגנט ער מיך הייסט עס אַנומלט אין וואַרשע, אויף די באַלעווקעס איז

דאָס געוועזן, און שטעלט מיך אָפּ, צעקושט זיך מיט מיר פֿײַן־שיין: „שלום־עליכם, וואָס מאַכט אַ ייִד מנחם־מענדל?" — עליכם־שלום, וואָס זאָל מען מאַכן, זאָג איך, וואָס מאַכט אַ ייִד? — אַהין אַהער, פֿאַר וואָס זעט מען מיך ניט, און ווי גייט עס, און ווי געפֿעלט מיר עפּעס זייער וואַרשע — און טאַקע תּוך כּדי דיבור נעמט ער מיך אָן בײַם קנעפּל און הייבט מיר אָן זאָגן מוסר:

— סטײַטש, זאָגט ער, ווי קומט איר, מנחם־מענדל, צו פּאָליטיקע? וואָס זענט איר עפּעס, אַ בטלן? איר זענט דאָך עפּעס, זאָגט ער, אַ ייִד אַ סוחר, אײַער אָרט איז, זאָגט ער, גאָר אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, צווישן סוחרים, ניט דאָ, צווישן בטלנים... עס פֿלאַמט אונדז, זאָגט ער, אַלעמען דאָס פּנים פֿאַר אײַך און עס טוט אונדז וויי, זאָגט ער, דאָס האַרץ, צוקוקנדיק מיט וואָס איר באַשעפֿטיקט זיך און מיט וועמען איר גייט קאָנקורירן, מישטיינס געזאָגט, מיט מלמדים, בטלנים, בית־מדרשניקעס, באַנקקוועטשערס, חכמי־הלעזשאַנקע, וואָס פֿאַרמאָגן ניט אײַער שיחת־חולין...

און נאָך און נאָך אַזעלכע גוטע זיסע ווערטער האָט ער אין מיר אַרײַנגעזעצט האַלטנדיק מיך בײַם קנעפּל. איך האָב אים געלאָזט רעדן, אויסגעהערט ביזן סוף, דערנאָך, אַז ער האָט אויפֿגעהערט, מאַך איך צו אים אַזוי:

— שוין? איר האָט שוין געענדיקט? מעג איך אפֿשר, זאָג איך, רעדן אַ וואָרט? אויב אַזוי, זאָג איך, קומט אײַך ראשית אַ דאַנק פֿאַר אײַערע קאָמפּלימענטן, זאָג איך, וואָס איר הייבט מיך, זאָג איך, אויף דרוקעס... עס קאָן זײַן, זאָג איך, איר האָט רעכט, אַז זיי זענען בטלנים און מלמדים און בית־מדרשניקעס און באַנקקוועטשערס, וואָס פֿאַרמאָגן ניט מײַנע שיחת־חולין, און עס קאָן זײַן, זאָג איך, דאָס אייגענע ווידער צוריק, אַז די דאָזיקע „חכמי־הלעזשאַנקע", ווי איר רופֿט זיי אָן, זענען, זאָג איך, דווקא גרויסע חכמים און דווקא גרויסע פּאָליטיקער, וואָס זייער מינדסט פֿינגערל איז גרעבער פֿון מײַנע לענדן, זאָג איך. אַז בסך־הכּל, זאָג איך, קען איך זיי גאָר ניט און ווייס ניט ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען. והשנית, זאָג איך, וואָס אײַך פֿלאַמט, זאָג איך, דאָס פּנים פֿון מײַן איצטיקער פּרנסה, זאָג איך, פֿאַרשטיי איך ניט. מיט וואָס איז, זאָג איך, אַ שפּעגעלאַנט אָדער אַ מעקלער אויף דער בערזע שענער פֿון אַ שפּעגעלאַנט אָדער אַ מעקלער אין פּאָליטיקע?... אַדרבה, זאָג איך, אַ בערזיאַנער גייט, זאָג איך, גאָר מאַכן אַ שפּעגעלאַציע, פֿאַרדינען אָדער דערלייגן און ווײַטער גאָרניט! און אַ פּאָליטיקער ווי איך, זאָג איך, אַחוץ וואָס ער גייט פֿאַרדינען געלט, זאָג איך, און אַחוץ וואָס ער האָפֿט אַז ער וועט זיך קונה־שם זײַן, קאָן

ער נאָך, אַז גאָט וועט הייסן, גורם זײַן אַ גרויסע טובה פֿאַר אַלע מענטשן און ברענגען דעם געוווּנטשענעם שלום אויף דער וועלט. וואָס בין איך שולדיק, זאָג איך, אַז אײַערע חכמים זענען בהמות און מיינען אַז פּאָליטיקע איז אַ לימוד, אַ תורה, וואָס מ׳באַדאַרף זי לערנען לשמה, זאָג איך, און הייבן ניט אָן צו פֿאַרשטייק, זאָג איך, אַז פּאָליטיקע איז אַ בערזע און אַז מלחמות איז שפּעגעלאַציע און אַז מלוכות זענען שפּעגעלאַנטן און אַז דיפּלאָמאַטן זענען מעקלערס? גאָט, זאָג איך, ווייס וואָס ער טוט: איינעם שענקט ער מער ניט אַז אַ גראָבן פֿינגער, דעם אַנדערן אַ לאַנגע צונג, און מיר האָט ער, געלויבט איז דער נאָמען זײַנער, אַרײַנגעגעבן אַ שטיקעלע כּוח אין די זאַכן וואָס זענען שייך צו שפּעגעלאַציע, און אַ שטיקל פֿאַרשטאַנד, זאָג איך, אויפֿגעבן און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, מאַכן קאָמבינאַציעס, צונויפֿפֿירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט... אַוודאי מעגן זיי, זאָג איך, מיר מקנא זײַן, ווי איך בין מקנא למשל וויטיך, וואָס האָט אין זיך דעם סוחרישן ברען מיט גוטע אײַנפֿאַלן פֿון אַן אמתן בערזיאַנער, פֿון אַ געבוירענעם שפּעגעלאַנט. הלוואַי וואָלט דאָס געווען אַן אמת, וואָס מ׳זאָגט, אַז ער וועט אין גיכע צײַטן דערהויכט ווערן. איך וואָלט שוין דעמאָלט, זאָג איך, אויך דערהויכט געוואָרן. איך האָב, זאָג איך, צו אים אַ באַזונדערע קאָמבינאַציע, און צו אים באַדאַרף איך ניט האָבן קיין שום מליץ־יושר. מיט אים קאָן איך מיך שוין אויסטענהן אַליין, זאָג איך, אויך זייער גוט. ער איז געווען אַ מאָל אין אָדעס, פֿאַרשטייט ער, זאָגט מען, געזונט יידיש, פֿאַר גויט האָט ער אַ ווײַב משלנו, מאַטילדע רופֿט מען זי... ס׳איז ניט קיין סוד, האָמלער מעקלערס קענען זי... נאָר סײַ ווי סײַ, זאָג איך, וואַרט מיר נאָר אויס אַ ביסל, אָט לאָז נאָר קומען צו פֿאָרן, זאָג איך, איינער אַ מענטש, איך וויל נאָך ניט פּורש בשמו זײַן, וואָס איך קוק אויף אים אַרויס, ער דאַרף קומען פֿון אַמעריקע, איך זאָל האָבן, זאָג איך, מיט וועמען די הענט צו צעפֿירן, וועט שוין, זאָג איך, זײַן איין מאָל גוט! וואָרעם איך האָב, זאָג איך, קאָמבינאַציעס אַזעלכע, ניט נאָר דווקא פֿאַרן טערק, זאָג איך, און ניט נאָר פֿאַר אַלע איבעריקע פֿעלקער פֿון דער גאַנצער וועלט, נאָר, זאָג איך, פֿאַר אונדז אַליין טאַקע, פֿאַר יידן הייסט עס, האָב איך אַזאַ קאָמבינאַציע, וואָס אײַערע חכמים, זאָג איך, וועלן צעלאָפּעט ווערן און וועלן שוין ניט זאָגן מער, אַז מנחם־מענדל גייט מיט עמעצן קאָנקורירן... גוט — גוט אַוועקגעגעבן אים! אַזוי אַז ער האָט מיר אָפּגעלאָזט דאָס קנעפּל און געבליבן אָן לשון, און מיר זענען זיך צעגאַנגען גוטע ברידער, ווי געווען, דאָס הייסט ער איז זיך געבליבן בײַ זײַנעם, איך בײַ מײַנעם, וואָרעם אַז עס וועלן קומען פֿופֿצן גוטע פֿרײַנד

מיט גוטע ברידער, די שענסטע מענטשן פֿון וואַרשע און פֿון דער גאַנצער וועלט, און כּל מלכי מיזרח ומערב, וועלן זיי מיך דען קאָנען איבערשפּאַרן, אַז איך גיי ניט אויפֿן ריכטיקן וועג? זיי זענען דען אימשטאַנד מיר צו דערוויַיזן אַז ניט איצט איז דער מאָמענט וואָס איך קאָן נתגדל ווערן? ביז וואַנען איז דער שיעור מנחם־מענדל זאָל זיך אַרומבלאָנקען, ווי דו זאָגסט, אויף דער וועלט, דינען אַלע עבודה־זרות, אָנשפּאַרן ווו די וועלט האָט אַן עק? — געווען שוין אין אַמעריקע אויך, — געגנוג, וויַיטער פֿון אַמעריקע איז דאָך שוין ניטאָ — עק וועלט! — און מחמת איך האָב קיין ציַיט ניט, איך לויף אויף דער פּאָסט, טאָמער וועל איך האָבן פֿון דיר אַ בריוו, מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשריַיבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿריַינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: איך האָב געמיינט אַז נאָר אין יעהופּעץ צווישן שפּעגעלאַנטן און מעקלערס אויף דער בערזע איז אַ מאָדע זידלען זיך אָדער קאָמפּעסירן מיט פּעטש, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז די יעהופּעצער שפּעגעלאַנטן און מעקלערס דאַרפֿן זיך לערנען עדוקאַציע ביַי די וואַרשעווער שריַיבערס און ליטעראַטן. און די וואַרשעווער שריַיבערס און ליטעראַטן באַדאַרפֿן הייצן די הרובע ביַי די לאָדזשער שריַיבערס און ליטעראַטן. אַזוי לאַנג שמיַיסט מען דיַינע כּתרילעווקער מאַרקוויַיבער, וואָס פֿאַרקויפֿן פֿוילע עפּעלעך מיט קברות־באַרלעך, ווי לאַנג זיי פֿאַרמאָגן אַזוי פֿיל קללות און זידלערייַען, אַפֿילו אַ צענט חלק! אש־להבה! קולות וברקים! דער גאַנצער גיהנום! אַלע טאָג, אַלע טאָג, גאָר אַ מעשׂה אָן אַן עק!... קום איך צו גיין צו כּאַסקל קאָטיק און זאָג אים: „רב כּאַסקל, וואָס איז דאָס?..“ זאָגט ער צו מיר: „וואַרט אויס, רב מנחם־מענדל, דאָס איז נאָך גאָרניט, ס׳וועט נאָך זיַין פּעטש אויך“... נו, היַינט זאָג שוין דו אַליין, זוגתי היקרה, בין איך ניט גערעכט וואָס איך זאָג, אַז די וועלט איז אומעטום איין וועלט?..

הנ״ל

שיינע־שיינדל פֿון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

6

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר"ר מנחם מענדל נ"י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ גאָט צו דאַנקען אַלע אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. און צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז אויף אונדזער כתרילעווקע האָט זיך גאָט גענומען גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. מיר זענען נאָך ניט געקומען צו זיך פֿון שעיה־דודס מחותנס אומגליק מיט די שאַרעגראָדסקיס, האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַ נײַעם. משה־נחמן כאַרטאָוואַי געדענקסטו נאָך מסתמא? איז ער הײַנט אַ שיינער קבצן. די דירה האָט ער שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט. חיה־פּערל איז בײַ אים געשטאָרבן. ער האָט שוין חתונה געהאַט נאָך אַ מאָל, געבראַכט צו פֿירן אַ כאָלערע פֿון דער פּרעמד, עפּעס אַ שוחטקע אַן אלמנה. ווי זאָגט די מאַמע: „מ'קריגט ניט די מציאה אין דער היים, דאַרף מען פֿאָרן נאָך איר קיין בראָד"... דאָס איינציקע שטיקל אָנהאַלט זײַנס איז געווען דער ברודער, בערל־אײַזיק. ער איז געזעסן אין אַ דאָרף, בערל־אײַזיק הייסט עס, און האָט געהאַט פּרנסה, פֿלעגט ער אים אונטערהאַלטן, דעם ברודער, אַ מאָל מיט אַ זעקל מעל, אַ מאָל מיט אַ זאַק קאַרטאָפֿליעס, און אַ מאָל טאָקע מיט אַ מזומן קערבל אויך. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל, אַז בערל־אײַזיק האָט געהאַט אַ קלייטל און פֿלעגט פֿאַרדינען, פֿלעגט ער אָפּרײַסן פֿאַרן ברודער אויך. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז ער אַליין, בערל־אײַזיק הייסט עס, האָט הײַנט אויך מכות! אַז פֿונעם קלייטל האָבן אים גויים אויסגעדונגען, און צו פֿאַרדינען איז ניטאָ בײַ וואָס. און גלאַט, ביז וואַנען איז דער שיעור צו העלפֿן אַ ברודער? ווי זאָגט די מאַמע: „אַ לעכעריקן זאַק קאָן מען ניט אָנשטאָפּן". איז דאַכט זיך גענוג? וואָס טוט גאָט — קומט אַן דער אוקאַז און מען וואַרפֿט אים אַרויס פֿון דאָרף, בערל־אײַזיקן הייסט עס, אין פֿיר און צוואַנציק שעה. עפּעס אַ מין בהלה אויף זיי! און ווען וואַרפֿט מען זיי אַרויס? אַקוראַט אין מיטן בײַנאַכט, אין אַ פֿינצטערניש, אַ חשכות, אַ רעגן, אַ בלאָטע, אַ טוואַן, ווי זאָגט די מאַמע: „ס'שטייט געשריבן, אַז די ייִדן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים

איז געווען אַזאַ פֿינצטערניש, אַז מ'האָט זיך געקענט די אויגן אַרויסנעמען"...

הכלל, וווהין פֿאָרט אַזאַ ייִד ווי בערל-איַיזיק, אַז מ'טרײַבט אים אַרויס פֿון דאָרף? מסתמא אין שטאָט אַרײַן, קיין כתרילעווקע — וווהין דען? — און מסתמא צום ברודער, צו משה-נחמנען. איַי, משה-נחמן שטאַרבט אַליין פֿון הונגער? וואָס איז ער שולדיק, בערל-איַיזיק הייסט עס? פֿלעגט ער אים דען ניט העלפֿן אַלע מאָל, אַז ער, בערל-איַיזיק הייסט עס, האָט געהאַט? איז איין מאָל אַוועק. און צווייטנס, פֿון וואַנען זאָל ער וויסן, בערל-איַיזיק הייסט עס, אַז דער ברודער איז אַזאַ אָרעמאַן, אַז ממש ניטאָ מיט וואָס די נשמה צו דער-האַלטן און בסך-הכל זענען זיי אַלע, די כאַרטאַוואָיעס הייסט עס, אַ משפּחה פֿון גדלנים? עס וועט דיר פּגרן דרײַ מאָל אַ טאָג און ס'וועט דעם ניט אָנשטיין זאָגן יענעם — גיב מיר. וואָס דאַרפֿסטו מער? איין ברודער דעם אַנדערן וועט דיר ניט זאָגן לײַ מיר, אָדער באָרג מיר. וועסט אים געבן אַליין — איז רעכט. וועסט אים ניט געבן — איז אויך רעכט. אַ פֿאַדלע משפּחה! ניט אומזיסט זאָגט די מאַמע, אַז אַ גדלן איז ערגער פֿון אַ הולטײַ... מיינסט אפֿשר אַז בערל-איַיזיק איז פֿאַרפֿאָרן צו זײַן ברודער, צו משה-נחמנען הייסט עס? עס הייבט זיך גאָרניט אָן. פֿאַרפֿאָרן איז ער דווקא אויף אַן אַכסניה, גלײַך צו פּרצן אין איַינ-פֿאָר אַרײַן, און אָפּגעדונגען צוויי חדרים מיט זעקס בעטלעך מיט מאַטראַצן — אַנדערש לוינט אים ניט דעם פּריץ! אַ גליק נאָר וואָס ער האָט זיך ניט גע-הייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר און קאָכן וואַרעמעס. ער וואָלט דאָס אפֿשר געטאָן, בערל-איַיזיק הייסט עס, ווען עס וואָלט ניט געוואָרן דער ברודער, משה-נחמן הייסט עס, קומט ער צו לויפֿן ניט-טויט, ניט-לעבעדיק: „בערל-איַיזיק! אין גאָטעס ווילן! פֿאַר וואָס ביסטו ניט פֿאַרפֿאָרן גלײַך צו מיר?..." ווײַזט ער אים, בערל-איַיזיק הייסט עס, אויף די זעקס בעטלעך, ווי איינער רעדט: „ווו האָסטו אַזוי פֿיל אָרט פֿאַר קיין עין-הרע אַזאַ כאַליאַסטרע, אַז זיי ליגן דאָ אויך סך-הכל צו צוויי אין אַ בעטל?" איז עס דאָך אָבער פֿון דער גוטער משפּחה, צעלאַכט ער זיך, משה-נחמן טאַקע, און מאַכט אַזוי גאַנץ ברייטלעך: „ווייס איך וואָס, נאַרישקייטן! איז אַן מאַטראַצן, אַ דאגה אַ ביסל! נעם צונויף גאַנץ קעקעלע קהל און קום צו מיר!" טאָמער ווייסטו, ווו וועט ער נעמען פֿאַר אַזאַ כאַליאַסטרע טיי און צוקער, און נאָך קאָכן וואַרעמעס צו די צרות?... איז דאָך עס אָבער אַ כאַרטאָוואָי. פֿאַרזעצט ער די קאַפּאָטע און הייסט קאָכן וואַרעמעס. יענער, בערל-איַיזיק הייסט עס, זעט גאַנץ גוט, וואָס פֿאַר אַ גביר, מישטיינס געזאָגט, דער ברודער איז און ווײַפֿל בלוט אים קאָסט דער וואַרעמעס, אַז די שוועגערין

די כאַלערע בלאָזט זיך און וואַרטשעט שטילערהייט: „צונויפֿגעטריבן אַ טשע־רעדע...“ אויף מאָרגן וויל ער שוין טאַקע הייסן קאָכן וואַרעמעס אויף דער סטאַנציע, איז ווידער די אייגענע געשיכטע: געקומען משה־נחמן, געאַרבעט, געמאַכט מיט די הענט: „וועסט עס מיר ניט טאָן, אַ בזיון פֿאַר לײַטן, געקומען אַ ברודער און עסט בײַ אַ פֿרעמדן טיש. גענוג דאָס אַליין, וואָס דו שטייסט אויף אַן אַכסניה“... אַ טאָג און אַ טאָג, ער לויפֿט אַרום איבער דער שטאָט, בערל־אײַזיק הייסט עס, טאָמער וועט ער עפּעס געפֿינען בײַ וואָס צו פֿאַרדינען. ווו פֿאַרדינען? וואָס פֿאַרדינען? עס איז דאָ בײַ אונדז בעלנים אויף צו פֿאַרדינען אַן אים! צום ברודער עסן גייט מען שוין ניט. ערשטנס איז גענוג, ביז וואַנען קאָן מען זײַן אַ גאַסט און עסן בײַ יענעם וואַרעמעסן? און צווייטנס, איז טאַקע ניטאָ וואָס, אַז יענער שטאַרבט גאָר אַליין פֿאַר אַ שטיקל ברויט! און קאָכן וואַרעמעס אויף דער אַכסניה, הייסט מען זיך באַצאָלן. פּרץ איז גאָר קיין נאַר ניט. ער האָט באַלד אָנגעשמעקט מיט דער נאָז, אַז בײַ זײַנע אורחים פּײַפֿט דער דלות גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן — און ס'איז גאָרניט אַזאַ גרויסע עוולה. פּרץ איז אַליין אויך ניט דער גרויסער גביר. ווי זאָגט די מאַמע: „וואָס אים פֿעלט צו ראָטשילדן מעג עס אונדז ביידן צוקומען“... ער איז אַזוי אויך גענוג יוצא. וואָס ער האָלט זיי בײַ זיך אויף דער סטאַנציע. מאָל דיר, ער האָלט זיי? זיי האַלטן אים! וואָס זאָל ער מיט זיי טאָן? ער זאָל זיי זאָגן: פֿאָרט אײַך געזונט־טערהייט? האָט ער זיי שוין געזאָגט אויך, און ניט איין מאָל, עטלעכע מאָל. נאָר וווּהין זאָלן זיי פֿאָרן, מישטיינס געזאָגט — אין דער ערד אַרײַן? זיי וואָלטן געפֿאָרן קיין אַמעריקע, איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו רירן. אַז דײַנע חברות די „איקעס“ מיט די „שמיקעס“ פֿאַרמאָגן זאַגסטו מיליאָנען און האַלטן זיך מיט זיי... פֿאַר וואָס קומען זיי ניט אַהער? אויף ווען האַלטן זיי די מיליאָנען? אויף משיחס צײַטן? זיי ווייסן אַ פּנים ניט, וואָס מײַן מאַמע זאָגט, אַז משיח וועט קומען, וועט מען זיי באַדאַרפֿן אויף כּפּרות...

הכּלל, ס'איז גוט שלעכט! וואָס טוט מען? וועסטו הערן, וואָס אַ כאַר־טאָוואַי טוט אָפּ. ער איז זיך מישב, בערל־אײַזיק הייסט עס, און מאַכט אַ שמועס מיטן ווײַב, וואָס וועט זײַן דער תּכלית, אַז לעבן איז ניטאָ פֿון וואַנען, און רירן זיך קיין אַמעריקע איז ניטאָ מיט וואָס, און שטאַרבן דאַרף מען דאָך סײַ ווי סײַ שטאַרבן, איז אײדער שטאַרבן פֿון הונגער, איז שוין בעסער זיך אָוועקסמען לעבעדיקערהייט... איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל. צעווײנט זיך מסתּמא דאָס ווײַב און ווײַזט אים אָן אויף די קינדער, ווי אײנער רעדט: „וואָס וועט

זײַן מיט די קינדער?״... זאָגט ער, בערל־אײַזיק הייסט עס: „די קינדער וועלן מיר אָפּסמען פֿריִער, און דערנאָך וועלן מיר אַליין אויך אויסטרינקען...״ געפֿעלט דיר אַ השגה פֿון אַ ייִדן? דאָס קאָן נאָר אַ כאַרטאָוואַי!

וואָס טויג דיר — אַ ייִדענע, זי האָט זיך אונטערגעגעבן. ווי זאָגט די מאַמע: „ס׳שטייט געשריבן, אַז אַ אישה געפֿינט זיך אינעם רשות פֿון איר מאַן״... און ניט לאַנג געטראַכט, פֿאַרזעצט דעם ווײַבס בורנעס, גייט ער אַוועק אין מאַרק, בערל־אײַזיק הייסט עס, און קויפֿט אײַן פֿרישע בולקעס מיט טיי און צוקער, הייסט שטעלן דעם סאַמאָוואַר, פֿאַרקאָכט טיי, רופֿט צונויף אַלע קינדער, די גאַנצע כאַליאַסטרע, גיסט זיי אָן איטלעכן באַזונדער טיי און צעברעכט זיי די בולקעס: „עסט, קינדער, זאָגט ער, דאָס לעצטע מאָל!״... — און עס ווערט אַ גדולה! נעמט ער, בערל־אײַזיק הייסט עס, און שיט זיי אַרײַן עפּעס אַ פּראָשעק אין טיי אַרײַן. קלאָגן זיך די קלענערע קינדער, אַז דער טיי איז עפּעס ביטער... וואַרפֿט מען זיי אַרײַן צוקער און מ׳הייסט זיי טרינקען — טרינקען זיי. זיי קרימען זיך, נאָר זיי טרינקען. זעען די עלטערע קינדער, אַז טאַטע־מאַמע סודען זיך, וויינען און שיטן עפּעס אין טיי אַרײַן, ווילן זיי ניט טרינקען. בעטן זיך בײַ זיי טאַטע־מאַמע מיט טרערן, זיי זאָלן טרינקען, מ׳דאַרף טרינקען און ווײַזן, אַז זיי אַליין טרינקען אויך — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, אַלע האָבן געטרונקען, נאָר איינער, אַן עלטערער ייִנגל, אַ בר־מיצווה־בחורל, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, ניט געוואָלט טרינקען בשום־אופֿן! און אַז יענע האָבן אויסגעטרונקען און ס׳איז זיי געוואָרן שלעכט, איז דער בר־מיצווה־בחורל אַרויסגעלאָפֿן און געמאַכט אַ גוואַלד, אַז זײַן טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַרסמט אַלע קינדער און זיך אַליין אויך אָפּגעסמט מיט עפּעס אַ פּראָשעק אויפֿן טיי! איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן, די גאַנצע שטאָט, געבראַכט דאָקטוירים, געראַטעוועט, געגוואַלדעוועט — פֿאַרפֿאַלן!

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מענדל, ווער ס׳האָט ניט געזען די דאָזיקע לוויה, דער וועט לעבן מער מיט צוואַנציק יאָר. ס׳איז שוין געווען איין מאָל אַ לוויה! תשעה באָב, זאָג איך דיר, חורבן בית־המיקדש! נאָך ביז הײַנטיקן טאָג שטייט ער מיר פֿאַר די אויגן, בערל־אײַזיק הייסט עס, מיר צו לאַנגע יאָר, מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים נעבעך און מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט עפּעס פֿאַרלוירן... עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז אויף זײַן פּנים איז געווען פֿון לאַנג אָנגעצייכנט, אַז דער מענטש וועט שטאַרבן ניט מיט זײַן טויט... נאָר ערגער פֿון אַלץ איז, וואָס ער גייט אַרום אונדז אַלעמען צו חלום, אַלע נאַכט,

אַלע נאַכט! די מאַמע זאָגט, ס׳שטייט געשריבן, אַז דער וואָס נעמט זיך אַליין דאָס לעבן, קאָן ניט אָנקומען אַזוי גיך אויף יענער וועלט... שלאָפן מיר דערי־בער ניט קיין גאַנצע נאַכט, ניט איך, ניט די מאַמע, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק, פון מיר דײַן באמת געטרײַע פרוי

שיינע־שיינדל

איך האָב פאַרגעסן דיר שרײַבן, מענדל, אַז איך האָב הײַנטיקע וואָך קוים אַ מאָל באַקומען געלט פון דײַנע לײַט, איצטיקס מאָל, דאַנקען גאָט, שוין מיט אַ בריוועלע צוגעלייגט. שוין איין מאָל אַ בריוועלע! ניט מער זאָלן די שונאים פאַרמאָגן — אין גאַנצן אַרום און אַרום איין שורהלע. „מיר שיקן אײַך — שרײַבן זיי — עד־לחשבון אַ הונדערטער“... און מער ניט געקאַכט! ערשטנס וואָלט איך וועלן וויסן, ווער איז דער „מיר“, — אַז געחתמעט איז סך־הכּל איינער, עפּעס אַן אַכטונגספאָל מיט אַ דריידל. און צווייטנס, וואָס עפּעס עד־לחשבון? ווו איז דער חשבון? איך וואָלט וועלן זען, ווי אַזוי רעכענען זיי זיך מיט דיר — אויף דער וואָג, צי אויף דער מאָס? און נאָך אַ זאַך: וואָס דאַרפן זיי מיר שרײַבן, אַז זיי שיקן מיר אַ הונדערטער? איך זע דען ניט אַליין, אַז ס׳איז אַ הונדערטער, ניט קיין טויזנטער? ווי זאָגט די מאַמע: „עס האָט אַזאַ פּנים, ווי מ׳האָט איינעם אָפּגעשטעקט אין באַק אַרײַן און מ׳זאָגט אים: נאַ, שלמה־יאָסל, אָט האָסטו געכאַפּט אַ פּאַטש“...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

9

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

והשנית זאָלסטו וויסן, זוגתי היקרה, אַז דו קענסט שוין זײַן רויק — דעם טערק האָבן מיר דאַנקען גאָט באַוואָרנט. אים וועט שוין קיינער איצט אַזוי גיך ניט זאַטשעפּען און מער צו אים קיין טענות ניט האָבן, אַז זײַן „האַלבע לבנה" רירט אָן חלילה עמעצנס כּבוד... און מ׳וועט שוין ניט זאָגן מער אַז ער, דער ווילדער אַזיאַט, באַהאַנדלט, חלילה, ניט ווי עס געהערט צו זײַן די „ברידער" די סלאַוויאַנער... און קיינער וועט שוין ניט אַרויסטרעטן מער אָנ־נעמען זיך די קריוודע פֿון די באַליידיקטע — אָן עק! מ׳האָט אים אַרומגע־נומען דאָרטן אין לאָנדאָן מיט אַ רויטן פֿאָדעם זײַד, אָנגעצייכנט אים אַקוראַט די נײַע גרענעצן פֿון זײַן אַלטער מדינה, אַזוי אַז די לאַנדקאַרטע האָט שוין באַקומען איצט גאָר אַן אַנדער פּנים. און דאָס האָט ער צו פֿאַרדאַנקען מײנסטו וועמען? די באַלקאַנער שותּפֿים, וואָס האָבן אים גובר געווען? אָבער גאָר לא! דווקא די „גדולים", דווקא די „הויכע פֿענצטער", וואָס האָבן פֿריִער אָפּגעוואָרט ביז מען וועט אים גוט אָנבויקערן, דערנאָך זענען זיי געוואָרן רודף־שלומניקעס, אָוועקגעזעצט זיך און אויסגעאַרבעט אַ שלום צווישן אים און צווישן די באַל־קאַנער מלכים, אַזוי אַז דו לייענסט איבער דעם דאָזיקן טראַקטאַט פֿון שלום, קאָנסטו זיכער מיינען, אַז ניט די באַלקאַנער „ברידער" אַליין האָבן געפֿירט די דאָזיקע בלוטיקע מלחמה, נאָר זיי, די „הויכע פֿענצטער" הייסט עס, האָבן געקאָמאַנדעוועט, געווען די גאַנצע מאַכערס, דעריבער זענען זיי זיך דאָס איצט עוסק אין דעם אויסטיילן די חלקים. עס וועט זײַן אַ תּענוג, זאָג איך דיר, אָנצו־קוקן, ווי מען וועט זיך עס אָוועקזעצן, די שיינע מענטשן, אנשים מכובדים, מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און מ׳וועט זיך עס געבן אַ נעם צו דער אַרבעט, אײַנטיילן דער חברה, ווי מען טיילט אויס לעקעך להבדיל בײַ אונדז אין שול ערב יום־

כיפור פון אַ זאַק, און אַליין וועט מען אַוועקגיין. צווישן זיך וועט ווערן אַ ויצעקו, מען איז ניט צופרידן מיט די חלקים, עס ווערט פּאַוואָלינקע אַ גע־שלעג צווישן אייגענע, צווישן „ברידער", און עס ווערט פאַרגאָסן פריש בלוט, אייגן בלוט — און ער, דער טערק הייסט עס, זיצט און קוקט צו, רייכערט זײַן ליולקע־ציבעק און ווערט ברייטער ווי לענגער. נישט מער, איין זאַך: צו וואָס האָט ער באַדאַרפט דערצו אַוועקלייגן אַ ריש אלפים טערקן? אויסניצן אַזוי פיל פולווער און אויסברענגען אַזוי פיל געלט? געקאָנט געווען דאָס אייגענע מיט גוטן — מײַנע טענות מיט מײַנע ווערטער — נאָר אַ פאַרפאַלענע זאַך! דער עיקר איז, וואָס איצט זענען אים פרײַ די הענט, ער קאָן זיך אָפּרוען, אונדזער פעטער ישמעאל, אַרומקוקן ווו ער איז אין דער וועלט און מיט אַ ריינעם קאָפּ דורכפירן יענע גרויסע קאָמבינאַציע, וואָס איך האָב צוגעטראַכט פון זײַנעט וועגן... און איך אַליין בין צוליב דעם אויך אַ ביסל פרײַער געוואָרן און קאָן מיך אָפּגעבן מיט אונדזער אייגענער יִדישער פּאָליטיקע, מיט אונדזערע יִדישע געשעפטן. און דאַנקען השם־יתברך, ס'איז בײַ אונדז אויך דאָ גענוג וואָס צו טאָן...

אמת, מיר האָבן ניט די צרות, וואָס דער טערק האָט געהאַט, — האָבן מיר אָבער אייגענע צרות. און אויב דו ווילסט, איז אונדז נאָך ערגער פונעם טערק. טויזנט מאָל ערגער! דער טערק, ווי די מעשה איז, האָט כאָטש אַ היים, אַ ווינקל אַן אייגנס, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: „אַן אָרעמער בעל־הבית — און פאָרט אַ בעל־הבית"... אָבער מיר וואָס זענען? אַ שבתדיקע, נאָר אַ צעריסענע קאַפּאָטע זענען מיר... אָבער מיר וואָס האָבן? מיר האָבן קדחת מיט מכות־בכורות מיט בוזי־בזיונות מיט קאָפּדאַרעניש מיט האַרצווייטיק האָבן מיר! וואָס דאַרפסטו מער, נאַרעלע? איין שטיקעלע ארץ־ישראל מישטיינס געזאָגט, פאַרמאָגן מיר — איז אויך — קוק זיך צו — צרות, מיט חברות, מיט פּאַרטיעס, מיט צאַנ־קערײַען, מיט רײַסערײַען, מיט אינטריגעס, מיט צולהכעיסן, מיט מחלוקותן! זינט הערצל זכר־לברכה איז געשטאָרבן קאָן מען זיך ניט אײַנטיילן... איצט גרייט מען זיך צום עלפטן קאָנגרעס אין ווין מיט גרויסע סקאַנדאַלן! נאָרדע, זאָגט מען, וועט אויפן קאָנגרעס ניט זײַן, און אַ קאָנגרעס אָן נאָרדען איז ווי ימים־נוראים אָן אַ חזן. זיי זאָלן מיך פאָלגן, די ציוניסטן הייסט עס, האָב איך אַקוראַט איצט פון זייערט וועגן, מיטן אייבערשטנס הילף, אַ קאָמבינאַציע, — וואָס וועט זיי עפענען די אויגן! נאָר איך וויל ניט אויסזאָגן פריִער, איך האָב מורא ס'וועט ווערן אַ רײַסערײַ נאָך אידער עפעס וואָס... איך רעכן אם־ירצה־

השם אַליין זײַן אין ווין אויפֿן קאָנגרעס, וועל איך זיי עס דאָרטן פֿאָרלייגן. צו די ציוניסטן באַדאַרף איך דאָך ניט קיין דאָלמעטשערס און קאָן זיך באַגיין אָן טערקיש און אָן פֿראַנצייזיש. די ציוניסטן זענען זיך נוהג, זיי רעדן אויף דײַטש.

קיין אַנדער לשון ווייסן זיי ניט, נאָר דײַטש. אַ ציוניסט, זאָגט מען, אַז ער קומט אויפֿן קאָנגרעס, ער מעג זיך קומען פֿון שקלאָוו, פֿון אַלט־קאָסטענטין, פֿון קאָצק אָדער פֿון דראָזשנע, קוים קומט ער אויפֿן קאָנגרעס, רעדט ער ניט קיין אַנדער שפּראַך אַחוץ דײַטש, און דײַטש איז דאָך אונדזער לשון! ביסטו שוין פּאַרטיק? האָב צײַט. אַחוץ די ציוניסטן האָבן מיר נאָך טעריטאָריסטן. איך האָב דיר שוין געשריבן וועגן זיי זענען. איט״א רופֿט מען זיי. זאַנגוויל איז דאָרטן דער פֿירער. ער פֿאָרט אַרום זוכן אַ טעריטאָריע פֿון ייִדנס וועגן איבער דער גאָרער וועלט און קאָן ניט געפֿינען. ניטאָ קיין טעריטאָריע, קיין שטיקל ערד הייסט עס. — ניטאָ, כאַטש נעם לייג זיך און שטאַרב! דאָס הייסט, ס׳איז דאָ אויף דער וועלט ערד גענוג, די־והותר, נאָר ניט פֿון אונדזערט וועגן... דו מיינסט אַז איך בין שוין געזעסן גאָר ליידיק? מיר האָבןביידע, איך און כאַסקל קאַטיק, גענוג נאָכגעקוקט אויף דער לאַנדקאַרטע, אויסגעזוכט ווו ערגעץ אַ ווינקעלע — ניטאָ! וואָס מיר געפֿעלט — געפֿעלט אים ניט. וואָס אים געפֿעלט — געפֿעלט מיר ניט... נאָר אָט דאָ ערשט ניט לאַנג האָט זאַנגוויל קוים־קוים געפֿונען ערגעץ אַ שטיקל טעריטאָריע. דאָס הייסט, ניט קיין שטיקל, נאָר טאָקע אַ גרויס שטיק, גאָר אַ גרויס שטיק! מ׳זאָגט אָבער ניט אויס דעם נאָמען אירן. עס איז דערווײַלע הייסט עס נאָך אַ סוד... איך, מאָל דיר, ווייס אַפֿילו יאָ דעם נאָמען פֿון דער טעריטאָריע, נאָר אָנרופֿן דיר אים טאָר איך נאָך ניט. איך קען דיר נאָר זאָגן איין זאַך: — ס׳איז ניט נאָענט, אָבער גאָרניט נאָענט! אין אַפֿריקע אַזש ליגט דאָס דאָזיקע לאַנד, נאָר ס׳איז, זאָגט מען, אַ געבענטשט לאַנד מיט אַלעם גוטן, אַן ארץ זבת חלב ודבש! דאָס הייסט, אַז מיר וועלן אַהין קומען און באַזעצן זיך, וועלן מיר עס מאַכן פֿאַר אַן ארץ זבת חלב ודבש... סײַ ווי סײַ פֿאַר אונדזערע כּתרילעווקער ייִדן איז דאָס אַ גליק! וואָס זשע? ס׳איז בעסער זיי זאָלן זיצן דאָרטן ביז זיי וועלן אויסגיין ווי דער דור־המידבר? ובפֿרט אַז מ׳טרײַבט נאָך אַהין, ווי דו שרײַבסט, פֿון די דערפֿער, קענען זיי דאָס חס־ושלום גאָר דערשטיקט ווערן... הלוואי זיי זאָלן נאָר שׂכל האָבן, איך מיין טאָקע די כּתרילעווקער ייִדן, און ניט האָבן קיין טבע זוכן חסרונות אויפֿן נײַעם לאַנד. זוכן חסרונות — דערויף זענען דאָך דײַנע כּתרילעווקער — ספּעציאַליסטן!

זיי געפּעלט דאָך ניט ארץ־ישׂראל אויך... דאַרפסט וויסן, אַז בראש פונעם דאַזיקן געשעפט, פון דער טעריטאָריע וואָס אין אַפריקע, שטייען ניט קיין יינג־לעך — רב יעקב שיף פון אַמעריקע, רב לעאָפּאָלד ראָטשילד פון לאָנדאָן און רב לייביש בראָצקי פון קיעוו — יידן מיליאַרדערן! און רב שרירא פון באַקו איז אויך ניט קיין הינקענדיקער שניידער און די איבעריקע דאָרטן זענען אויך ניט קיין מלופּים־קינדער! די מענטשן, פאַרשטייסטו מיך, האָבן זיך אַרומגעזוצן, אַז ס׳איז שוין צייט עפּעס טאָן פאַר יידן. ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין בעטלערס, אַרומשלעפּן זיך איבער דער וועלט און אַרויסקוקן אויף לייטנס יושר?..

און בכלל דאַרפסטו וויסן, זוגתי היקרה, אַז היינט איז אַ צייט וואָס מ׳זוכט לייזיקע ערטער. די וועלט אַ פּנים הייבט אָן צו ווערן ענגלעך. מענטשן זוכן ערד, פעלקער זוכן לענדער. אָט אַ שטייגער נעם טאַקע די סלאַוויאַנער וואָס אויפן באַלקאַן. ס׳איז זיי געוואָרן ענג. חברה האָבן געוואָלט ערד. וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? האָבן זיי זיך צונויפגענומען אַלע זאַלבע פערט קעגן טערק, זיך אָנגעוואָפן מיט שטאָל און אייזן, איינגעשטעלט דאָס לעבן, אָפּגעצאָלט מיט דמים ממש, טאַקע מיט רויט בלוט... פרעגט זיך: אַז מענטשן ריזיקירן מיטן לעבן, שטעלן איין בלוט פאַר אַ שטיקל ערד, פאַר וואָס זאָלן מיר ניט ריזיקירן מיט קאַפּיטאַל? פאַר וואָס זאָלן מיר ניט איינשטעלן קיין געלט?... געלט איז טאַקע בלוט, ס׳איז אָבער פאָרט ניט קיין בלוט. געלט איז געלט און בלוט איז בלוט... נישט מער, איך האָב מורא נאָר פאַר איין זאַך האָב איך מורא — פאַר מחלוקת.

ביי אונדזערע יידן הייבט זיך ניט אָן קיין זאַך אָן מחלוקת... און ווער שמועסט ביי די יונגע־לייט, איז געוואָרן אַ מאָדע, פון וואָס מ׳זאָל ניט רעדן קומט מען אַרויף אויף דער „שפּראַך" און עס ווערט אַ רייסעריי. רעדט מען פון אַקאַדעמיע אין ארץ־ישׂראל, איז דאָס ערשטע — די שפּראַך, אויף וואָס פאַר אַ לשון הייסט עס מ׳זאָל דאָרטן לערנען? רעדט מען פון קאָלאָניעס אין אַרגענטינע — איז די שפּראַך, אויף וואָס פאַר אַ לשון מ׳זאָל דאָרטן רעדן? רעדט מען פון חדרים אין דער „טשערטאַ" — איז די שפּראַך. רעדט מען פון וואָס מ׳זאָל ניט רעדן — איז די שפּראַך. דאָס איז דער עיקר. זאָגט דער: לשון־קודש, זאָגט דער: רוסיש, זאָגט דער: רוסיש, זאָגט דער: פּוילעש. זאָגט דער: פּוילעש, זאָגט דער: שפּאַניאָליש. זאָגט דער: שפּאַניאָליש, זאָגט דער: טערקיש. קיין יידיש וויל קיינער ניט הערן. יידיש — זאָל גאָט היטן! דער־

הערן זיי דאָס וואָרט ייִדיש, „זשאַרגאָן“, — כאַפּט זיי אַוועק דער רוח! און עס קאָן זײַן אַז זיי זענען טאַקע גאָרניט אַזוי אומגערעכט אויך, וואָרעם וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס, אַז ייִדן זאָלן גאָר רעדן אויף ייִדיש?... עס וועט זײַן, הערסטו, שיין, אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ קריגערײַ דאָ אויך איבער דער שפּראַך, וואָס פֿאַר אַ לשון הייסט עס מ׳זאָל רעדן אינעם נײַעם לאַנד, וואָס אין אַפֿריקע? און נאָך שענער וועט זײַן, אַז די אַרויסגעטריבענע ייִדן פֿון די דערפֿער, וואָס געפֿינען זיך איצט בײַ אײַך אין כּתרילעווקע, וועלן אי״ה קומען אַהין, אינעם נײַעם ייִדישן לאַנד, וועט מען זיי הייסן רעדן אָדער אויף אַפֿריקאַניש אָדער אויף לשון־קודש, אָדער באַדײַ אויף רוסיש, אַבי ניט אויף ייִדיש! דאָס ווערט אָנגערופֿן ניט „לעשׂות נקמה בגויִם“, נאָר „לעשׂות נקמה ביהודים“... אַ פֿאַר־קערטע וועלט, פֿאַרקערטע מענטשן מיט פֿאַרקערטע קעפּ! איך רעכן אי״ה אין גיכן זיך אַ נעם טאָן צו די דאָזיקע לײַט, זיי דורכלופֿטערן אַ ביסל די מוחות... איצט איז ניט די צײַט דערצו. דער קאָפּ איז אין דער ערד. מ׳יאָגט, מ׳רודפֿט, און מ׳טרײַבט, און מ׳שטיקט, און מ׳דריקט, און מ׳קוועטשט, און מ׳בילט, און מ׳סמט, און מ׳ברענט, און מ׳שטייט נאָך און מ׳טײַט מיט די פֿינגער און מ׳לאַכט אויף אונדזער בייז וווּנדער... אָט שרײַבסטו מיר אַ שטייגער וועגן די אומגליקן בײַ אײַך מיט די שאַרעגראָדסקעס און מיט די כאָרטאָוואָיעס, וואָס זענען אומ־געקומען נעבעך אַזוי משונה אומגעלומפּערט. וואָס ווייסטו, נאַרעלע? דאָס איז דאָך אַ שמינית שבשמינית אַקעגן דעם וואָס ס׳טוט זיך הײַנט אָפּ אויף דער וועלט!

אָט נעם, למשל, די סדום־געשיכטע וואָס האָט זיך געטראָפֿן דאָ בײַ אונדז ניט ווײַט לעבן וואַרשע אין אַ דערפֿל פּאָנטעוו, מסתמא האָסטו עס גע־לייענט שוין אין בלאַט? פּוילישע גויִם, רשעים, האָבן גענומען און אונטערגע־צונדן אַ ייִדיש שטיבל, פֿריִער געוויינטלעך באַגאָסן די ווענט מיט נאַפֿט, ניט געלאָזט קיינעם ראַטעווען, און נאָך געשטאַנען און געלאַכט און צוגעקוקט ווי ייִדן בראָטן זיך — און אָט אַזוי זענען זיך אַוועק מיטן רויך און מיטן פֿײַער אַכט נפֿשות! ס׳איז הײַנט אַזאַ צײַט, נאַרעלע, אַ צײַט פֿון פֿײַניקן און חוזק מאַכן, אַ צײַט פֿון בלוט און פֿון וואַסער און פֿון סם און פֿון שמד און פֿון אײַזערנע ריטער... נאָר בײַ אונדז איז דאָס ניט קיין נײַעס, מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע צײַטן, גרעסערע צרות, וועלן מיר דאָס אויך איבערלעבן אם־ירצה־שם מיט גאָטס הילף. אָט וועסטו זען!...

הקיצור, זוגתי היקרה, דו זעסט שוין אַליין, אַז איך האָב דאָ ברוך־השם

געגוג וואָס צו טאָן, ניט ווי דו זאָגסט, אַז איך בין אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אינעם טערק. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

10

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז אין דער דומע מיש איך מיך ניט, פֿון דעפּוטאַטן האַלט איך ניט און פּוסטע גלעקער האָב איך פֿײַנט. איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז ס׳איז ניט נאָר אַרויסגעוואָרפֿן די טירחה פֿון די גוטע מענטשן, וואָס ווילן אונדז אַ טובה טאָן און פֿאַרענטפֿערן, אַז מיר זענען ניט אַזוי ווי מען זאָגט אויף אונדז — איך האַלט, אַז פֿאַר אונדז איז עס אַדרבה, נאָך די גרעסטע רעה. ווען איך, למשל, בין אַ דעפּוטאַט פֿון די דעפּוטאַטן אין דומע, וואָלט איך געזאָגט פּורישקעוויטשן מיט מאַרקאָוון מיט זאַמיסלאָווסקין, זיי זאָלן דווקא רעדן צעזעצטערהייט, און אַז זיי וואָלטן אויפֿגעהערט צו רעדן, וואָלט איך ערשט דעמאָלט מיר אויפֿגעשטאַנען און קאַלט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— שוין? איר האָט שוין אין גאַנצן אָפּגעזאָגט? מעג איך אפֿשר אויך רעדן אַ וואָרט? אויב אַזוי, דאַרף איך אײַך זאָגן, מורי ורבותי, אַז איר זענט פֿולקאָם געגרעכט אַרום און אַרום. לאָמיר זיך אָקאָרשט אויסרעכענען אַקוראַט, אַ פּונקט נאָך אַ פּונקט, וועט איר זען, אַז איך גיב אײַך נאָך אויף אַלצדינג: 1) איר טענהט, אַז מע באַדאַרף אַרויסיאָגן פֿון דאָרף, וואָרעם מיר זענען צו אַ ניכטער פֿאָלק. אמת ויציב, ונכון וקיים וישר! מיר זענען אַ ניכטער פֿאָלק. שוין צו ניכטער! אָט נעמט אַ דאָרף פֿון דרײַ טויזנט איוואַנעס, זיצט דאָרט אײן יענקל, איז ער אַ ניכטערער. שטענדיק ניכטער! מע זאָל עס אים זען, כאָטש איין מאָל אין אַ יובל, ער זאָל זיך וואַלגערן פֿון די פּיס, אַנרירן עמעצן מיט אַ קרום וואָרט. פֿון נעמען אַ האַק און פּלעטן יענעם דעם מוח איבער אַ גאָרניט מיט אַ ניט — רעדט מען שוין ניט. פֿאַרשטייט זיך אַז אַזעלכעס איז מסוכּן. ווי קאָן מען אים לאָזן זיצן? 2) איר טענהט, אַז מ׳באַדאַרף צונעמען בײַ אונדז וווּ ס׳איז נאָר פֿאַראַן ערגעץ אַ שטיקל פּרנסה, וואָרעם מיר זענען צו אַ קלוג

פֿאַלק, מיר קאָנען מאַכן פֿון שני גאַמלקעס און פֿון אַ קערבל צוויי, און איַיך איז שווער מיט אונדז צו קאָנקורירן. אמת ויציב, ונכון וקיים וישר! און פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַן אומגליק, נאָר ווער איז שולדיק אין דעם אומגליק, מורי ורבותי, אַז ניט איר אַליין מיט איַיער ניט צולאָזן אונדז צו קיין זאַך אַחוץ מיסחר? 3) איר טענהט, אַז דעריבער לאָזט איר אונדז ניט צו צו קיין זאַך, וואָרעם מיר זענען צו שאַרף געשפּיצט פֿאַר איַיך, מיר קאָנען, זאָגט איר, אין אַ קורצער ציַיט חלילה געבן איַיך די בעסטע אָפּיצירן, די גרעסטע גענעראַלן, די פֿיַינסטע טשינאָווניקעס, דירעקטאָרעס פֿון גימנאַזיעס, סליעדאָוואַטיעלעס מיט פּראָקוראָרן, גובערנאַטאָרעס מיט מיניסטאָרן, ווי אין אַנדערע לענדער. אמת ויציב, ונכון וקיים וישר! הלוואי וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען, ווי עס וועט נאָך אַזוי גיך ניט זיַין... 4) איר טענהט, אַז כאָטש איר לאָזט אונדז ניט צו צו קיין זאַך און כאָטש איר יאָגט אונדז און טריַיבט אונדז און רודפֿט אונדז און טראַכט אויס אַלע טאָג ניַיע בילבולים מיט ניַיע גזרות, פֿון דעסטוועגן קאָן מען אונדז ניט אַרויסרייכערן און אדרבה, מיר שפּילן נאָך די גרעסטע ראָלע, זאָגט איר, די ריַיכסטע פֿאַבריקאַנטן, זאָגט איר, זענען אונדזערע, די שענסטע באַנקירן זענען אונדזערע, די גרעסטע עקספּאָרטערן זענען אונדזערע — פֿון שפּעגעלאַנטן אויף דער בערזע איז אָפּגערעדט. אַחוץ אונדז איז דאָך דאָרט ניטאָ אַ משוגענער הונט, — אמת ויציב, ונכון, וקיים, — וישר! איך רעד אויף איַיער לשון: אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט דאָס זיַין. ס׳איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, מורי ורבותי, און איר אַליין זענט אין דעם חייב, ווי איך האָב איַיך נאָר וואָס געזאָגט. 5) איר טענהט, אַז אַפֿילו אין דעם ענין פֿון שריַיבעריַי, פֿון ביכער און פֿון גאַזעטן, און אויך אין דעם ענין פֿון זינגען און שפּילן, פֿאַרנעמען מיר אויך ביַי איַיך דעם סאַמע אויבנאָן — אַ בכבוד אָרט פֿאַרנעמען מיר. נאָר אין דעם זענט איר שוין ניט שולדיק. דאָס איז אַ גאָטסזאַך און קיין בן־אָדם קאָן דערצו גאָרניט העלפֿן. מע קאָן מיט גוואַלד אַרויסטריַיבן אַן אָרעמען ייִד פֿון דאָרף, אַרויסוואַרפֿן אַ קראַנקע ייִדענע מיט די בעבעכעס; מען קאָן מיט קלוגשאַפֿט אַרויסריַיסן ביַי יענעם דעם לעצטן ביסן פֿון מויל. מען קאָן מאַכן איינעם אַזאַ ביטער לעבן, אַז ער זאָל גאָר לויפֿן אין דער וועלט אַריַין. נאָר אַרויסריַיסן ביַי יענעם דעם מאַרך פֿונעם קאָפּ, די פּעדער פֿון דער האַנט, דאָס קול פֿונעם האַלדז, — דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך!... 6) איר טענהט, אַז אונדזערע קינדער זענען צו להוט נאָך איַיער תורה און זיי יאָגן אַזוי אַריבער איַיערע קינדער, אַז מ׳קאָן זיך מיט זיי גאָר קיין מאָל ניט אויסגליַיכן. אמת ויציב, ונכון

וקיים וישר! אונדזערע קינדער, אַחוץ וואָס זיי האָבן גוטע קעפּלעך, זענען זיי נאָך גרויסע וועלערס — דאָס האָט איר זיי געמאַכט פֿאַר וועלערס. איר אַליין! על־כּן זוכט איר איצט עצות: פּראָצענטן און פּראָצענטן דפּראָצענטן, און אַזוי לאַנג קוועטשן, ביז מע זאָל זיי אין גאַנצן אַרויסקוועטשן... אַוודאי איז דאָס אַ גוטע עצה, און ווער ווערט דאָס האָבן טענות צו אײַך, אַז איר זענט חלילה אומגערעכט? דאָס אייגענע וואָס מיט די קלענערע קינדער אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, איז מיט די גרעסערע קינדער אין דער דינסט. מען דאַרף אונדז גאָר אין גאַנצן, זאָגט איר, אַרויסוואַרפֿן פֿון דער דינסט, און איר זענט נעבעך זייער גערעכט, וואָרעם צו וואָס טויג אײַך, מיר זאָלן האָבן טענות צו אײַך: „סטײַטש, פּאָדאַטקעס צאָלן מיר, סאָלדאַטן גיבן מיר, פֿאַר וואָס זאָלן מיר זײַן פֿאַררעכנט בײַ אײַך פֿאַר שטיפֿקינדער?“... אײַ ווּ איז יושר? ווּ איז מענטשלעכקייט? ווּ איז גאָט? — נאָר ווער רעדט דאָס הײַנט פֿון אַזעלכע זאַכן?... זעט איר, איין טענה איז נאָך פֿאַראַן בײַ אײַך, אַ נומער 7) — דאָס איז די טענה פֿון בלוט, אַז מיר קוילען, זאָגט איר, אײַערע קליינע קינדערלעך און ניצן אויס זייער בלוט אויף פּסח — די דאָזיקע טענה וועלן מיר איבער־לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. וואָרעם למאי זאָלן מיר זיך נאַרן? ווי מײַן רבי עליו־השלום פֿלעגט זאָגן, אַז ס'איז געקומען דאָנערשטיק און מיר האָבן אים באַדאַרפֿט איבערזאָגן דאָס לייענען פֿון דער וואָך און מיר האָבן עס מסתמא ניט געוווּסט, נאָר פֿון דעסטוועגן האָבן מיר זיך געשאָקלט און געזונגען, ער זאָל מיינען אַז מיר ווייסן: „איר ווייסט דאָך ממזרים, אַז איך ווייס, אַז איר הייבט ניט אָן צו וויסן די גמרא, הײַנט אויף וועלכע שוואַרצע יאָר האָט איר זיך אַזוי געשאָקלט?“... מיט די ווערטער וויל איך אײַך אויך זאָגן, מורי ורבותי: איר ווייסט דאָך, אַז איך ווייס, אַז איר ווייסט, אַז ס'איז בלאָף, הײַנט וואָס דערציילט איר מעשׂיות?... ניט מער, איר דאַרפֿט דאָס האָבן צום רעמל, —אַ ביסל צו פֿאַר־ענטפֿערן זיך אַליין און אַ ביסל יוצא זײַן פֿאַר דער וועלט, אַז איר טרײַבט אונדז דערפֿאַר, ווײַל מיר זענען נאָך אַ ווילד פֿאָלק מיט ווילדע מינהגים פֿון פֿאַרצײַטן. „שטעלט אײַך פֿאָר — זיי באַניצן נאָך בלוט אויף פּסח!“... אײַ די וועלט קען אונדז פֿריִער און בעסער און נענטער? — וואָס מאַכט עס אויס? דערווײַלע איז אַ טומל. דערווײַלע וואַרף איך דיר אויס די שוועסטער די משומדת. אײַ דו האָסט ניט קיין שוועסטער? גיי פֿאַרענטפֿער זיך!.. הקיצור, מורי ורבותי, ווי איר זעט, האָב איך אײַך כּמעט אויף אַלע פּונקטן אָפּגעגעבן דעם גערעכט. איצט בלײַבט איבער איין זאַך: צו וואָס דאַרפֿט איר אונדז? איז דען ניט גלײַכער פֿאַר אײַך

איר זאָלט פּטור ווערן פֿון אַן אומגליק? איר באַרעכנט אײַך נאָר, מורי ורבותי, וואָסער אַ לעבן פֿאַר אײַך וואָלט געווען, ווען איר שטייט אויף אין דער פֿרי — ניטאָ אײן ייִד בײַ אײַך אַפֿילו אויף אַ רפֿואה!... ווי אַזוי? בעט מיך, וועל איך אײַך געבן אַ קאָמבינאַציע אַ פּראָסטע און אַ בכּבֿודע, און דווקא מיט גוטן. צו וואָס זאָלט איר זיך אָפּעסן דאָס האַרץ, מיט קלאַפּאַט, מיט הוצאות, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן? אַמער, זײַט מכריז־ומודיע אין אַלע בתּי־מדרשים, שולן און שולעכלעך, אַז יעדער ייִד וואָס וויל אַרויספֿאָרן, זאָל ער זיך פֿאָרן בשם אלקי ישׂראל געזונטערהייט, מען גיט אים אַ באַנבילעט דריטע קלאַס ביז דער גרע־נעץ און קליינגעלט אַ הונדערטער אין קעשענע אויף הוצאות... מאַכט אָקאָרשט אַ רעכענונג, מורי ורבותי, וואָס וועט עס אײַך קאָסטן אַרום און אַרום? מישטיינס געזאָגט, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט! מילא, די באַן רעכנט מען ניט — ס'איז דאָך אײַער באַן — בלײַבט איבער נאָר דאָס ביסל קליינגעלט אויף הוצאות. איז וואָס זשע איז דאָ דער גוואַלד? לאָמיר זאָגן זעקס מיליאָן ייִדלעך צו הונ־דערט אויף אַ ייִדן, האָבן מיר אַ קײַמא לן פֿון זעקס הונדערט מיליאָן. פֿעלט נאָך אַלץ 400 מיליאָן ביז אַ מיליאַרד. — ניט שוין זשע איז בײַ אײַך ניט ווערט אַפֿילו קיין מיליאַרד, וואָס איר ווערט פּטור פֿון אַזאַ פּעקל ייִדן קיין עין־הרע?... באַרעכנט אײַך, מורי ורבותי, איך גיב אײַך צײַט אַ יאָר אויף צו באַטראַכטן זיך...

אָט אַזוי, זוגתי היקרה, וואָלט איך מיט זיי אַ רעד געגעבן, ווען איך בין אַ דעפּוטאַט. איי, וועסטו דאָך מיך פֿרעגן, וואָס וועט זײַן, טאָמער געפֿעלט זיי טאַקע מײַן קאָמבינאַציע און זיי גייען אײַן אויף מײַן פּראָיעקט? וווהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן אַלע?.. די אייגענע קשיא האָט מיך געפֿרעגט כאַסקל קאַטיק אויך. אָט דער ייִד האָט דיר אַ טבע אַלע מאָל פֿרעגן קשיות און יעדער זאַך איבערשפּאַרן. וואָס דו זאָלסט אים ניט זאָגן, מוז ער דיר דרינגען קאַפּויער! איך קום צו גיין צו אים און דערצייל אים פֿון מײַן פּלאַן, אדרבה, פֿײַן און שיין ווי עס געהער צו זײַן, לאָזט ער מיר ניט אַרויסרעדן ביזן סוף און הייבט אָן באַלד איבערצופֿרעגן מיך: „וואָס וועט זײַן, ערשטנס, טאָמער וועלן זיי, זאָגט ער, אונדז גאָרניט וועלן אַרויסלאָזן? צווייטנס, טאָמער וועלן אונדזערע ייִדן, זאָגט ער, ניט וועלן גיין? דריטנס, אַפֿילו אַז ביידע צדדים וועלן שוין גאָר מסכּים זײַן — ווו וועט מען נעמען, זאָגט ער, אַזוי פֿיל געלט מיט וואַ־גאָנעס, מיט עסנוואַרג, מיט נאָך זאַכן ס'זאָל קלעקן, זאָגט ער, פֿאַר איבער־פֿעקלעך קיין עין־הרע זעקס מיליאָן מענטשן?" און נאָך און נאָך קשיות מיט

קשיות! האָב איך אים דווקא געלאָזט רעדן — אַ ייִד וויל אַ ביסל רעדן — פֿאַר וואָס זאָל איך אים ניט טאָן צו ליב? האָט ער גערעדט און גערעדט און גערעדט. און אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו רעדן, האָב איך גענומען רעדן און אָפּענטפֿערן אים על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, און האָב אים צעשלאָגן מסתמא אַלע זײַנע טענות, אַזוי ווי איך קען! האָט ער אַ קוק געטאָן אַז ס׳איז שלעכט, איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה: „וואָס וועט זײַן, זאָגט ער, רב מנחם־מענדל, טאָמער מאַכט זיך, זאָגט ער, אַ פּאָגראָם, ניט איצט, זאָגט ער, נאָר העט שפּעטער, אין הונדערט יאָר אַרום, ווו וועט מען, זאָגט ער, נעמען אַ ייִדן?״ זאָג איך צו אים: „אויב, זאָג איך, דאָס איז נאָר אַ המצאה, איז מהיכא־תיתי, זאָג איך, כאָטש אַפֿילו איר וואָלט געמעגט, זאָג איך, פֿאַלן אויף אַ שענערע המצאה. נאָר אויב, זאָג איך, איר מיינט דאָס ערנסט, איז דערצו אויך דאָ אַן עצה: אַזוי ווי, זאָג איך, אין דער לעצטער צײַט האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו אונדזערע משומדים און מע וויל זיי אַ ביסל, זאָג איך, אויסגלײַכן מיט ייִדן, אַ סברה, זאָג איך, אַז זיי הייבן שוין אויך אָן פֿילן דעם טעם, ווי מיר, פֿון פּראָצענטן און פּראָצענטן דפּראָצענטן... און אַזוי ווי, זאָג איך, זיי וועלן דאָך בלײַבן אויפֿן אָרט, וועט מען קאָנען, זאָג איך, בשעת הדחק גאַנץ שיין יוצא זײַן מיט משומדים. — זענט איר שוין, זאָג איך, צופֿרידן, צי נאָך ניט?״ לאָזט ער מיך אָפּ אַ ווײַלע און זאָגט: „ווערטלעך, ר׳ מנחם־מענדל, אָן אַ זײַט. לאָמיר זיך, זאָגט ער, אומקערן צוריק גאָר צום אָנהייב״. — און הייבט מיר אָן ווידער אַ מאָל מיט זײַנע קשיות. גיי איך שוין אַרויס פֿון די כּלים און זאָג אים: „איך האָב אײַך געבעטן, זאָג איך, וויפֿל מאָל, ר׳ כאַסקל, אַז פֿון די זאַכן זאָלט איר מיט מיר ניט רעדן!״ מאַכט ער צו מיר: „ווער איז געקומען צו וועמען — איך צו אײַך, אָדער איר צו מיר?״ און שמייכלט נאָך בעת־מעשׂה. — אַן אײַנ־געגעסענער ייִד דאָס איז! מאָל דיר, ער האָט זיך פֿון מיר ניט גענאַרט. איך האָב אים שוין רעכט אָוועקגעגעבן! איך וואָלט אַפֿילו דיר באַדאַרפֿט איבער־געבן אַלצדינג וואָס איך האָב אים אויסגעלומרט, וואָלסט געהאַט, גלייב מיר, הנאה. נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לע״ע לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחיה און דער גאַנצער משפּחה שליט״א לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פֿון פּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

7

לכבוד בעלי היקר החכם מופֿלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז מען שלאָגט אונדז אָפּ די טירן, מיר און דער מאַמע זאָל לעבן, ניט נאָר אייגענע פֿון דער משפּחה, ניט נאָר שכנים, פֿרײַנד און גוטע פֿרײַנד, ווילד פֿרעמדע, גאָר אַזעלכע, וואָס איך האָב זיי קיין מאָל אין מײַנע אויגן ניט געזען און אַזעלכע, וואָס איך קען אַפֿילו ניט זייער באָבעס באָבע, צום מיינסטן די צונויפֿגעלאָפֿענע פֿון די דערפֿער, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעטריבן. זיי לאָזן ניט לעבן, האָבן קיין צײַט ניט, מ׳זאָל זיי טאַקע שוין און טאַקע באַלד אָנרופֿן דאָס נײַע לאַנד, וואָס דו שרײַבסט, אַז מען האָט דאָס געפֿונען פֿאַר ייִדנס וועגן, און ווו ליגט עס ווילן זיי וויסן, — ווײַטער אָדער נענטער ווי קיין אַמעריקע? וויפֿל טעג, למשל, דאַרף מען פֿאָרן ביז מען קומט אויפֿן אָרט? און ווי אַזוי פֿאָרט מען אַהין, — צי איבער אַ ים צי אָן אַ ים? און וועמען נעמט מען אַהין, — נאָר באַווײַבטע, צי ניט קיין באַווײַבטע אויך? און מיטן פּריזיוו ווי אַזוי וועט זײַן? צי וועט זיך עס שענקען, אָדער מ׳וועט טאַקע אַלץ דאַרפֿן צאָלן די 300 רובל שטראָף? וואָרעם דאָס וואָס דײַן געזעט שרײַבט, אַז מ׳האָט דעם שטראָף אַראָפּגענומען, ווייסט ער ניט וועך עס האָט אים געשערן. אָט האָט מען ערשט יענע וואָך בײַ אונדזער שעיה־דודס שוועסטערס מאַן, דאָדיע לעמעשקע, איבערגעשריבן די בענקלעך מיט די קישעלעך מיטן סאַמאָוואַר און אַפֿילו מיט די אַלטע סידורים, פֿאַר זײַנעם אַ שטיפֿברודער, וואָס זײַן טאַטע האָט זיך מישב געווען אויף דער עלטער און האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און איז אַריבערגעפֿאָרן צום ווײַב קיין ראַכמעסטריווקע און האָט דאָרטן געהאַט דײַן טאַטנס פּסק. בײַ דײַן טאַטן איז פֿון אַ סאָסי געוואָרן אַ יאָסי, און בײַ אים איז פֿון בתיה אויסגעוואַקסן אַ משה. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, וועסטו הערן.

געקומען קיין ראַכמעסטריווקע, איז למזל בײַ אים געבוירן געוואָרן אַ מיידל

בתיה, איז ער געקומען צום דאָרטיקן ראַבינער, דאָדיעס טאַטע הייסט עס, פֿאַרשרײַבן דאָס מיידל און זאָגט אים נאָך בפּירוש: „פֿאַרשרײַבט מיר, זײַט מוחל, זאָגט ער, אַ מיידל בתיה". גייט דער ראַבינער, אַ פּנים אַ צעטראָגענער מלאך, אָדער גלאַט אַ טויבער האַצמאַך, און נעמט און פֿאַרשרײַבט זי אַקוראַט צווישן די ייִנגלעך און שטעלט אַוועק אויפֿן אָרט פֿון בתיה — מאַסיע, איז פֿון מאַסיע געוואָרן מאַסיע און פֿון מאַסיע משה, און אַליין האָט ער זיך מישב געווען, דאָדיע לעמעשקעס טאַטע הייסט עס, און שטאַרבט גאָר אַוועק און די אלמנה מיט די קינדער פֿאָרן אַריבער קיין אַמעריקע צו אירן אַ ברודער, און דאָ זוכט מען מסתמא משהן צום פּריזיוו און קיין משה איז דאָך קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען, האָט ער זיך ניט געיאַוועט, האָט מען אים גענומען און מען האָט אים אָפּגעשטראָפֿירט אין דרײַ הונדערט קערבלעך. בײַ וועמען זשע זאָל מען זיי מאָנען? פֿאַרשטייט זיך, בײַ דאָדיען, ער איז דאָך אַ ברודער, טאַקע ניט פֿון איין מאַמע, נאָר פֿאָרט אַ ברודער! טענהט ער דאָך אָבער, דאָדיע הייסט עס, אַז ער האָט זינט ער לעבט קיין ברודער ניט געהאַט, ער קאָן אויסווײַזן מיט הונדערט טויזנט עדות, אַז ער איז איינער! הערט מען אים ווי דעם חזן צו אויסנעמניס און מען הייסט אים צאָלן געלט. וואָלט ער געגאַנגען ווי אַ מענטש, טאַקע דאָדיע הייסט עס, וואָלט ער אויסגעכלאָפּאָטשעט פֿון ראַב־מעסטריוּוקע פּאַפּירן, אַז משה איז גאָרניט משה, נאָר בתיה. איז דאָך אָבער פֿאַראַן אַ שעיה־דוד אויף דער וועלט, אַ ייִד וואָס האָט ליב געבן עצות, קומט ער צו לויפֿן אַקוראַט ווען דער פּריסטאַוו איז געקומען אָפּשרײַבן די בעבעכעס און רופֿט אָפּ דאָדיען אויף אַ זײַט און סודעט זיך מיט אים. זאָגט אים דער פּריסטאַוו: וואָס איז פֿאַר סודות? ענטפֿערט אים שעיה־דוד ווי אַן עזות־פּנים, אַז ס'איז ניט „פּאַ זאַקאָנו" און טיטשעט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן דעם געזעץ, טאַקע דײַן געזעץ, וואָס דו שרײַבסט דאָרטן, און ווײַזט אים אָן מיטן פֿינגער, אַז ס'שטייט געשריבן „טשאַרני נאַ ביעלאַ", אַז מ'האָט די 300 רובל שטראָף שוין לאַנג מוחל געווען דורכן מאַניפֿעסט, און חזרט אים איבער נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט, אַז ס'איז ניט „פּאַ זאַקאָנו". פֿאַרדריסט עס אים, דעם פּריסטאַוו הייסט עס, זאָגט ער: „וואָרט אויס אַ ביסל, וועל איך אײַך באַלד ווײַזן, וואָס הייסט ניע פּאַ זאַקאָנו", און נעמט דעם געזעץ און פֿאַרחתמעט אים מיט זיבן חתימות, און זיי, דאָדיען הייסט עס מיט שעיה־דודן, זעצט ער אײַן און האַלט זיי אָפּ צוויי מעת־לעת, עס האָט נאָך געקאָסט געלט ביז מ'האָט זיי אַרויסגעלאָזט, און מיטן געזעץ, וואָס וועט זײַן דער סוף, ווייסט מען נאָך ניט. זאָגן זאָגט מען אַפֿילו,

אַז ס׳וועט ניט זײַן גאָרניט. נאָר צו וואָס, פֿרעג איך דיך, האָט מען עס באַדאַרפֿט? — אָט האָסטו דיר דײַנע ישועות ונחמות, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן: נע מיאַלע באַבאַ כלאָפּאָטי, קופּילאַ סאָבי פּאָראָסיאַ...

הכלל, בײַ אונדז אין שטוב איז הײַנט אַ גאַנצער ירידה. אויף און אָפּ. דער אַרויס, דער אַרײַן. ס׳איז גאָרניט אָפּצוטרײַבן זיך פֿון די ייִדן! אַלע זענען זיי גרייט הײַנטיקן טאָג אַריבערצופּעקלען זיך אַהין מיט די ווײַבער און מיט די קינדער און מיטן בעטגעוואַנט און אַפֿילו מיטן פּסחדיקן געפּעס, און זיי מוטשען מיך, איך זאָל זיי נאָר זאָגן, ווילן זיי, דעם נאָמען פֿונעם לאַנד! זאָג איך זיי: „טשעפּעט זיך אָפּעט, איך בעט אײַך, איך ווייס נאָך אַליין ניט!" — גלייבן זיי מיר ניט. „וואָס הייסט, זאָגן זיי, איר זענט דאָך עפּעס אַ ווײַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, וואָס איז שייך, אײַער מאַן ווייס און איר ווייסט ניט?..." איז מיר טאַקע אַ חרפּה און אַ בושה, אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים! נאָר וואָס קאָן איך טאָן? שווײַג איך, ווי זאָגט די מאַמע: שלינג אַראָפּ און גיב אַ שמייכל און אַ מכּה זאָל יענער ווינסן, אַז ס׳איז אַ ביינדל...

און וואָס דו שרײַבסט מיר, בעלי היקר, פֿון דײַנע מיליאָנערן, די רויט־שילדס מיט די בראָצקיס מיט די איבעריקע דאָרט, וואָס האָבן זיך קוים אַרומ־געקוקט אויף די אָרעמע־לײַט, איז טאַקע גאַנץ פֿײַן פֿון זייער זײַט, נאָר איך וואָלט וועלן וויסן איין זאַך — ווו זענען זיי געווען ביז אַהער, וואָס האָבן זיי געשוויגן? זיי האָבן זיך דערמאָנט אַ פּנים, — אַפֿילו שפּעטלעך, נאָר פֿאָרט דערמאָנט, — אַז ס׳איז דאָ אַ יענעוועלט מיט אַ גיהנום און מיט אַ גן־עדן און מיט אַ מלאך־דומה, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז ווייל איז דעם מענטשן וואָס פֿאַרגעסט ניט, אַז ער באַדאַרף שטאַרבן... מסתּמא האָט זיי עפּעס צוגעקוועטשט, וואָס זיי זענען געוואָרן מיט אַ מאָל אַזוי גוט, כאָטש לייג זיי צו צו אַ געשוויר... איך האָב נאָר מורא, מענדל, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, ס׳זאָל ניט זײַן מיט זיי דאָס, וואָס מיט אונדזער נגידס מיכל שטיינבאַרגס ווײַב דבורה־עטל איז געווען בעת איר מאַן איז געלעגן, ניט דאָ געדאַכט, אויפֿן טויט־בעט, מ׳האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַ פּראָפֿעסאָר פֿון יעהופּעץ צו מאַכן אים, ניט פֿאַר מיר געדאַכט, אַ רעפּעראַציע, די געדערעם אויסשנײַדן מיטן מאָגן מיט די קישקעס מיט וואָס דו ווילסט! האָט זי געשיקט זאָגן דעם רב, דבורה־עטל הייסט עס, אַז זי איז מנדר האַלב פֿאַרמעגן אויף אָרעמע־לײַט, אויב איר מיכל וועט אויסהאַלטן די דאָזיקע רעפּעראַציע און וועט לעבן בלײַבן און געזונט ווערן. איז זיך מישב דער רב און טרײַבט צונויף אַלע תּלמוד־תּורה־קינדער

אין שול אַרײַן און מ׳זאָגט תהילים און מ׳לערנט משניות, די גאַנצע שטאָט איז אויף, אַלע בעטן גאָט פֿאַרן נגיד, ס׳טוט זיך חושך — אַ קלייניקייט, אַ מענטש איז מנדר האַלב פֿאַרמעגן! און גאָט האָט געהאָלפֿן, מע האָט אים געמאַכט די שיינע רעפּעראַציע, מיכלען הייסט עס, מ׳האָט אים, זאָגט מען, צעשניטן אויף שטיק־שטיקלעך און, וואָס טויג דיר אַ סך, ער איז לעבן געבליבן און איז געזונט געוואָרן — אויף אַלע מײַנע ליבע — עסט און טרינקט און גייט אַרום, אַ מענטש גלײַך מיט אַלע מענטשן! איז דאָך אין שטאָט געוואָרן ששון־ושימחה. ערשטנס, אַ ייִד איז געזונט געוואָרן, איבערגעטראָגן אַזאַ רעפּעראַציע! און צווייטנס, טאַקע די נדבה, וואָס וועט אַרײַנפֿאַלן אין שטאָט. אַ קלייניקייט — האַלב פֿאַרמעגן! ס׳איז שוין אַפֿילו געווען אַן אסיפֿה בײַם רב, וואָס מ׳זאָל טאָן מיטן געלט. מ׳האָט זיך שוין אַ ביסל געקריגט אויך, שיִער ניט דערגאַנגען צו פּעטש — און ס׳איז געבליבן, מ׳זאָל פֿריִער אָפּנעמען דעם נדר, דערנאָך וועט מען זיך קריגן. און מ׳איז געקומען צו איר צו גיין, צו דבורה־עטלען הייסט עס, דער רב און דער דיין, און די פֿײַנסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט, איר אָפּגעבן מזל־טוב מיט איר גאַסט, זי האָט אַזאַ גאַסט — איר מיכל האָט זיך דאַנקען גאָט אויסגעקראַטשעט, אַרויסגעריסן זיך פֿונעם מלאך־המוותס הענט — ברוך מחיה־מתים! גייט זי, דבורה־עטל הייסט עס, און שטעלט זיי אַוועק לעקעך און בראָנפֿן און אַ ביסל אײַנגעמאַכטס און בעט זיי זאָלן זיצן און עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, פֿאַרזוכן פֿון איר אײַנגעמאַכטס. דאַנקען זיי איר זייער שיין פֿאַרן אײַנגעמאַכטס און מאַכן מיט איר אַ שמועס מכּוח רעפּעראַציעס, פּראָפֿעסאָרן, שנײַדענישן און טאַקע מכּוח נדר, מכּוח האַלבן פֿאַרמעגן, וואָס זי האָט מנדר געווען און וואָס צוליב דעם זענען זיי טאַקע געקומען... פֿוילט זי זיך ניט, דבורה־עטל הייסט עס, בינדט אויף אַ קניפּל און נעמט אַרויס און טראָגט זיי צו אַ גאַנצן כּפ״הער, אַ האַרטן פֿינפֿאונצוואַנציקער! בלײַבט דאָך מסתּמא דער גאַנצער עולם געפּלעפּט. ס׳איז זיי פּשוט געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן: „סטײַטש, דבורה־עטל, גאָט איז מיט אײַך! וואָס איז די מעשׂה? אײַער מאַן פֿאַרמאָגט מער ניט ווי אַ פֿופֿציקער? געשיקט זיך עס?״ פֿאַלט זי ניט אַראָפּ בײַ זיך, דבורה־עטל הייסט עס, און ענטפֿערט זיך אָפּ גאַנץ קאַלט: „וואָס געהערט זיך עס אָן, זאָגט זי, מיט מײַן מאַן און מיט זײַן פֿאַרמעגן? איך האָב מנדר געווען, זאָגט זי, האַלב פֿון מײַן פֿאַרמעגן, ניט פֿון מײַן מאַנס פֿאַרמעגן — און וואָס איך האָב געזאָגט, זאָגט זי, בין איך מקיים...״ אַזאַ וצדקתך! האָסטו עפּעס צו איר? זיי שטייט אָן אַלצדינג. אַפֿילו גאָט אַליין אָפּנאַרן, אַבי ער לאָזט

מנחם־מענדל

זיך, איז אויך נישקשה... ווי זאָגט די מאַמע: אַ נגיד זאָל גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ, וועט מען אויך זאָגן ס׳איז שיין... אַן אויסכאַפּעניש וואָלט געמעקט קומען אויף אַלע נגידים פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלטן אפֿשר די אָרעמע־לײַט אַ מאָל אויפֿגעריכט געוואָרן, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

יאָ, וואָס איז די מעשׂה, וואָס דו שרײַבסט גאָרניט וועגן מענדל ביילעס, — וואָס איז דער תּכלית, ביז וואַנען וועט מען אים האַלטן און וואָס וועט ער אויס־זיצן? ממה־נפֿשך, ווי זאָגט די מאַמע: אָדער גיט מיר לעקעך אָדער טרײַבט מיך אַרויס... זי איז זייער גערעכט: אָדער לאָז מען אים מישפּטן אָדער לאָז מען אים שוין אַרויסלאָזן! אַלע ווייסן דאָך אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק... און דאָס ווייסטו כאָטש, מנחם־מענדל, אַז ער קער זיך אָן מיט דיר אַ שטיקל אייגענער, טאַקע אָט דער ביילעס? אפֿשר ווילסטו וויסן ווי אַזוי? וועל איך דיר אויסרעכענען: מײַן טאַטנס מומע שיינדל, וואָס איך בין נאָך איר אַ נאָמען, האָט געהאַט אַ טאָכטער ליפּשע, האָט זי געזאָלט זײַן אַ כּלה, דאָס הייסט, זי איז שוין טאַקע געווען אַ כּלה פֿאַר מענדל ביילעסעס אַ געשוועסטערקינד, ער האָט אויך געהייסן מענדל און אויך ביילעס, איז דער שידוך געוואָרן אויס שידוך. איבער וואָס פֿאַר אַ פּריטשינע — ווייס איך ניט... מ׳קאָן ניט זאָגן, קיין גרויס קרובֿהשאַפֿט איז דאָס אַפֿילו ניט, נאָר דאָך אַ פֿרײַנטל. ווי זאָגט די מאַמע: דער מומע קרעניס מילכיק לאָקשן־טעפּל אַן אייגענע פּאָקרישקע...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

11

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז ס׳וועט מיט גאָטס הילף קיין מלחמה ניט זײַן. דאָס הייסט אַ מלחמה וועט זײַן, אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבן! און ניט איינע, — אַ סך מלחמות, און גרויסע מלחמות, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן, נאָר די מלחמה, וואָס מ׳האָט געמיינט, אַז אָט־אָט וועט זי אַרויסשפּרינגען צווישן די „גוטע פֿרײַנד״, וואָס זענען אָט־ערשט געגאַנגען האַנט בײַ האַנט אויפֿן טערק, — אָט די דאָזיקע מלחמה האָט מען שוין, ווי עס זעט אויס, דאַנקען גאָט, כּמעט ווי פֿאַרהיט, סײַדן ס׳וועט זיך טרעפֿן עפּעס אַזעלכעס, עפּעס גאָר אַן אומגערעכטע זאַך — אַ קשיא אויף די באַלקאַנער קלאָפּערס? אַז מען שמועסט ברידער, איז דאָך ניט שייך... דערווײַלע דאַרף מען האָפֿן אַז ס׳וועט זײַן שטיל. און דאָס האָט מען געקאָנט וויסן פֿריִער, אַז קוים וועלן „מיר״ זיך אַרײַנמישן און „מיר״ וועלן אַ זאָג טאָן ס׳זאָל זײַן שטיל, איז גענוג איין וואָרט, ס׳זאָל ווערן שטיל! טאָקע גיבורים, טאָקע מזיקים, טאָקע אײַנגענומען דעם טערק, פֿון דעסטוועגן, אַז זיי האָבן נאָר באַקומען די טעלעגראַם, אַז ס׳איז ניט שייך אַז ברידער שותּפֿים זאָלן זיך שלאָגן איבער אַ ירושה, און אַז ס׳וואָלט אַ סך שענער געווען מ׳זאָל זיך פֿאַרלאָזן אויף מענטשן, — אַזוי האָבן באַלד אָנגעהויבן צו פֿליִען דעפּעשן פֿון די דאָזיקע שותּפֿים, אַז זיי זענען זייער צופֿרידן, אַז זיי האָבן גאָר אַנדערש ניט געקלערט דורכצוקומען נאָר בדרך־שלום! אדרבה, זיי וועלן נאָך זאָגן דעם גרעסטן דאַנק... אמת, דאָס איז נאָר געווען אויף דער הייסער שעה. מיט אַ טאָג שפּעטער, אַז מ׳האָט זיי פֿאַרגעלייגט אַז די ברידער, וואָס האָבן פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און גרייט געווען שוין פּיטש־פּאַטש, זאָלן מחילה אַראָפּקאַטשן די אַרבל צוריק, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעדן אַנדערע ווערטער. און מען קאָן נאָך גאָר ניט

וויסן איצט אויך, אויב אלע פיר שותפים וועלן ארויסשיקן קיין פּיטערבאַרג זייערע שליחים־פּרעזידענטן, און אפילו אז זיי וועלן יא ארויסשיקן, צי וועלן זיי זיך פאַרגלייכן. און מען קאָן ניט זיין קיין נביא און פירזאָגן וואָס פון אַזאַ פאַרלאַזעניש קאָן אַרויס, אָדער זיין אַזוי קלוג און טרעפן, וואָס וועט פראַנץ־יוסף זאָגן, אויב מען וועט דעם סיכסוך צווישן די „גוטע פריינד" אויסגלייכן אָן זיין וויסן, וואָרעם דאָס וואָס איז גוט פאַר דיר, איז ניט גוט פאַר מיר, און וואָס פאַר איינעם איז ברויט, איז פאַרן אַנדערן אַ טויט... נאָר דערווײַלע איז כדאי צו לייענען די דעפּעשן פון די „גוטע פריינד", וואָס זענען נעכטן געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן דאַכט זיך שוין גרייט אויף צו געבן דעם ערשטן שאָס, היינט שרייען זיי שוין אַריבער איינס דאָס אַנדערע און שווערן, כאַפּן די ערד, אַז זיי מיינען חלילה־וחס קיין שום בייז ניט און זיי זענען פאַרקערט גאָר, אַדרבה ואדרבה!

איך, אַז איך האָב איבערגעלייענט די דאָזיקע באָלגאַרישע און סערבישע דעפּעשן — שפּעט ביי נאַכט איז דאָס געווען, אין דער רעדאַקציע איז שוין ניט געווען אַ משוגענער הונט חוץ מיר — האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט אונטן אין דער רעדאַקציע צו די „בחורים די זעצערס". איך כאַפּ מיך אָפּט אַראָפּ צו זיי. איך האָב ליב די זעצערס. דאָס איז אַ פּאָקאָרני פאָלק. אַ „בחור אַ זעצער" האָט אין זיך אַ טבע, וואָס דו זאָלסט אים ניט געבן דרוקן, וועט ער דיר דרוקן, און וואָס דו זאָלסט אים ניט זאָגן, וועט ער דיך אויסהערן, קיין מאָל ניט וועלן דיך איבערשפּאַרן און ניט איבערפרעגן אַפילו. ס'איז ניט כאַסקל קאָטיק, וואָס אויף יעדער זאַך איז ביי אים דאָ אַ שאלה מיט אַ ואם תמצא לומר און מיט אַ פון וואַנען ווייסט מען דאָס און מיט אַ טאָמער דאָס אייגענע פאַרקערט?.. האָב איך מיך אַוועקגעזעצט הייסט עס מיט די זעצערס אַ ביסל אַ שמועס טאָן מכּוח דאָס און יענץ און פון די ענטפערס, וואָס זענען אָנגעקומען פון די באָל־גאַרן און פון די סערבן, און איך זאָג זיי: „ווייסט איר, יידן, זאָג איך, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט אַצינד נאָך אָט די באַלקאַנישע דעפּעשן? איך האָב מיך דערמאָנט, זאָג איך, איך בין געווען אַ מאָל אויף אַ דין־תורה ביים רב ביי אונדז אין כּתרילעווקע. אויף בילעטן האָט מען געדאַרפט גיין האָרכן. צוויי יידן קצבים האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סיכסוך איבער אַ פעל פון אַ שטיקל סקאָט, וואָס זיי האָבן אַוועקגעלייגט. איינער האָט געבראַכט הונדערט סימנים מיט טויזנט ראיות מיט אותות ומופתים, אַז די פעל איז זיינע, און דער אַנדערער האָט געבראַכט נאָך מער סימנים און עדות, אַז ס'איז שקר־וכזב — ס'איז גאָר

זײַן פֿעל. נאָר די סימנים מיט די עדות מיט די ראיות מיט די אותות ומופֿתים זענען ניט געווען אַזוי שײן און חנעוודיק, ווי די טענות, וואָס די צווײ האָבן געטענהט. איך געדענק עס נאָך אַזוי ווי הײַנט. אײנער האָט געהײסן זימל, דער אַנדערער — לײבע. טענהט זימל בײַם רב אַזוי:

— הערט איר, רבי־לעבן, איר זענט דאָך אַ ייִד אַ חכם, די מעשׂה פֿון דער זאַך איז אַזוי. איך האָב צו לײבן גאָרניט ניט. וואָס האָב איך צו אים? אַ ייִד אַ קצב, אַזוי ווי איך, האָרעוועט נעבעך און זוכט אַ שטיקל ברויט צו פֿאַר־דינען, און איך שווער בײַ וואָס איר ווילט, אַז איך בין זײער צופֿרידן, וואָס ער איז געקומען מיט מיר צו אײַך אויף אַ דין־תּורה, זיך פֿאַרלאָזן אויף אײַער יושר. זײַט זיכער, אַז ווי אַזוי איר וועט צופּסקענען, אַזוי וועט זײַן גוט. איך וועל, מעגט איר מיר גלײבן, ניט איבערקערן די צונג, זאָגן חלילה אַ שלעכט וואָרט קעגן עמעצן. נאָר אײן זאַך דאַרף איך אײַך זאָגן, רבי, פֿריִער — איר זענט גאָר קײן מבֿין ניט, ווער אָט דער לײבע איז, אַ רוח אין זײַן טאַטן פֿערע־טאַטן! דאָס איז אַ גנבֿ און אַ ממזר און אַ טרײפֿניאַק און אַ חלבֿ־יונג און כּל מום רע, גאַלע סירכה פֿון אויבן ביז אַראָפּ, אַ נבֿלה, פֿאַר די הינט אים אַרויס־צוּוואַרפֿן! איר דאַרפֿט ניט נאָר צופּסקענען אַז די פֿעל איז מײַן פֿעל, איר דאַרפֿט אים נאָך קנסענען, דעם גנבֿ, ער זאָל מיר באַצאָלן וואָס די פֿעל איז ווערט מיט אַלע הוצאות, ער זאָל געדענקען דאָס אַנדערע מאָל און פֿאַרזאָגן קינדסקינדער!..

אַזוי האָט געטענהט זימל גאַנץ הויך אויף אַ קול. און לײבע האָט געטענהט כּמעט דאָס אײגענע, נאָר העכער:

— הערט זשע אויס, רביניו, ס'איז דאָך נאַריש, איך בין ניט אַזאַ אַנכאַפּער און עזות־פּנים, ווי זימל, און איך האָב ניט אַזאַ פֿאַסקודנע מויל ווי ער און וועל דעריבער ניט גײן רעדן אויף אים שלעכטס. איך בין מודה, אַז מיר זענען בײדע קצבֿים, אַ יאַטקע לעבן אַ יאַטקע, קײן מאָל, הערט איר, ניט געקריגט זיך, קײן שלעכט וואָרט ניט געזאָגט זיך, עס וואָלט איצטער אויך גאָרניט געווען בײַ אונדז, ווען ניט אָט די מעשׂה מיט דער פֿעל, וואָס האָט אונדז געבראַכט צו אײַך מיט דער דין־תּורה און וואָס איז אַדרבה, זײער גלײַך, לאָזן מענטשן הערן און לאָז דער רבי פּסקענען על־פּי דין, ווער פֿון אונדז איז גערעכט און ווער איז אומגערעכט. דערויף זענט איר דאָך עפּעס אַ רבֿ און אַ מענטש פֿון תּורה און א ייִד אַ חכם און מיר זענען פּראָסטע ייִדן, מיר זאָלן אײַך פֿאָלגן. איך וועל דאָך אײַך געוויס פֿאָלגן, און זימל וועט אײַך מסתּמא אויך פֿאָלגן. פֿאַר וואָס זאָל ער אײַך ניט פֿאָלגן, אַז ער אַלײן ווײס, אַז די פֿעל איז אַזוי

זײַן פֿעל, ווי זי איז אײַער פֿעל? ניט מער, ס׳איז נאָר אַן אָנשטעל, ער מיינט, טאָמער וועט אים געראָטן און איר וועט אים צופּסקענען די פֿעל. איצט, אַז איר וועט אויסהערן מײַנע עדות, וועט איר אַליין זען, ווען פֿעל דאָס איז און ווער ווען עס דאַרף באַצאָלן דרײַ מאָל אַזוי פֿיל, און ווער וועט געדענקען ווי אַזוי צו ראַבעווען פֿרעמדע פֿעל, אָט דער גנב בן־גנב, דער ממזר בן־ממזר, אָט דער טרייפֿענער ביין, ס׳זאָל זײַן טאָטן אַרויסוואַרפֿן און אים אַרײַנוואַרפֿן, אין אַזאַ בייזער שעה אויסגערעדט זאָל זײַן אָמן רבונו־של־עולם!

„איר ווילט וויסן, זאָג איך, יידן, וואָס איז געווען דער סוף פֿון דער דין־תּורה? דער סוף איז געווען אַ מיאוסער סוף. די צוויי קצבים האָבן אַזוי לאַנג געטענהט און געשאַרפֿט די צינגלעך, ביז מ׳איז פֿאַרפֿאַרן איינס דאָס אַנדערע אין די בערד אַרײַן און דער רב איז געגרן געווען, אַז זיי זענען געווען אויף יענער זײַט טיר...״ האָב איך מורא, זוגתי היקרה, אַז דאָ זאָל אויך ניט זײַן דאָס אייגענע. ובפֿרט אַז דאָ זענען ניט קיין צוויי קצבים, נאָר גאַנצע פֿיר, און אַחוץ זיי זענען פֿאַראַן גלאַט שטיגוטערעס, זײַטיקע מענטשן, אַזעלכע וואָס קוקן נאָר אַרויס ס׳זאָל ווערן אַ שטיקל געשלעג צווישן די „ברידער״, וועלן זיי שוין אָפּלעקן אַ ביינדל... איך מיין אָבער, אַז ס׳וועט דערצו ניט קומען. אונדזער סעזאָנאָוו וועט ניט דערלאָזן. איין שטיקל חסרון נאָר, וואָס ער איז ניט מיט אַלעמען, געכאַפּט אַ פֿאַרקילעכץ, איז איין מאָל אַוועק. והשנית, דאָס וואָס אונדזערע מיניסטאָרן זענען איצט שטאַרק פֿאַרנומען מיטן בויקאָט אויף דער דומע. ס׳איז הײַנט געוואָרן ברוך־השם אַזאַ מאָדע: באַלד עפּעס — בויקאָט! זאָגסטו מיר אַ קרום וואָרט, ענטפֿער איך דיר ניט קיין חצי דיבור, נאָר איך בויקאָטעווע דיך, דאָס הייסט איך הער דיך ניט און איך זע דיך ניט און איך קען דיך ניט און איך ווייס גאָר ניט צי דו ביסט אַפֿילו גאָר דאָ אויף דער וועלט!.. די פּאָליאַקן מיט זייער בויקאָט אויף די יידן זענען געווען גוט אויפֿן פּעטשאַטיק. אויף זיי קוקנדיק האָבן שוין אַלע גענומען נאָכטאָן. ציוניסטן בויקאָ־טעווען דעם קאָנגרעס. מיניסטאָרן בויקאָטעווען די דומע. באַלד וועלן שוין די ווײַבער אָנהייבן בויקאָטעווען זייערע מאַנען, קינדער — זייערע טאַטע־מאַמע, חדר־יינגלעך — זייערע רביס, דינסטמיידלעך — זייערע בעל־הביתטעס, פֿערד — זייערע בעל־עגלות — הקיצור, הימל און ערד און בויקאָט! נאָר שענער פֿון אַלע בויקאָטן איז דער בויקאָט פֿון אונדזערע מיניסטאָרן. פֿון וואַנען האָט זיך עס גענומען, ווילסטו וויסן? פֿון אַ קלייניקייט: דער רוח האָט געטראָפֿן איינעם אַ דעפּוטאַט פֿון די שוואַרצע דעפּוטאַטן — מאַרקאָוו נומער צוויי רופֿט

מען אים — ער זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ גראָבלעך וואָרט אין דער דומע. דערמאָנען, אַז ס׳שטייט געשריבן ערגעץ „לא תגנוב“ און אַז גנבענען טאָר מען ניט... גלײַך ווי אויף דעם האָבן זיי, די שוואַרצע הייסט עס, מאָנאָפּאָל און נאָר זיי מעגן טאָן מיטן „לא תגנוב“ וואָס זיי ווילן... און איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — איך האַלט מיט זיי, מיט די שוואַרצע, וואָרעם וואָס זיי זאָלן ניט זאָגן, זאָגן זיי דאָס, וואָס זיי מיינען, אָן קונצן. אָט למשל ווילן זיי, אַז ביילים זאָל זײַן שולדיק אין דעם וואָס ער איז גאָט די נשמה שולדיק. טענהנען זיי נעבעך: „מיר ווייסן טאַקע, און איר ווייסט, און די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איר דאַרפֿט האָבן אונדזערע קינדערס בלוט אויף סים סאָט תשעה נײַנציק כּפּרות, נאָר מיר ווילן, אַז איר זאָלט מודה זײַן, אַז איר דאַרפֿט עס יאָ האָבן, און אויב ניט איר אַלע, איז כאָטש אַ סעקטע פֿאַראַן בײַ אײַך אַזעלכע... וואָס וועט אײַך אַרן, אַז איר וועט דאָס זאָגן? מאָדנע יידן איר זענט! איר דאַרפֿט ניט זאָגן, אַז איר קוילעט אונדזערע קינדער אויף פּסח. ניין. איר דאַרפֿט נאָר זאָגן, אַז על־פּי דין וואָלט איר עס טאַקע באַדאַרפֿט, נאָר איר טוט דאָס ניט, ווײַל איר זענט צווישן אונדז אַזאַ צײַט, האָט איר זיך שוין אָנגעשמעקט מיט פֿײַנקייט און מיט איידלקייט און זענט געוואָרן לײַטן גלײַך...“ הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין, זוגתי היקרה, פֿאַר וואָס איך האַלט דווקא מיט מאַרקאָוון און דווקא מיט פּורישקעוויטשן? ווען איך זאָל זײַן, הערסטו, אין דער דומע, וואָלט איך קיינעם ניט געלאָזט רעדן, נאָר די צוויי. צוואַנציק מיליקאָווס מיט דרײַסיק טשעכידזעס וועלן דאָס ניט אויסרעדן, נאַרעלע, אין אַ יאָר, וואָס אַ מאַרקאָוו אָדער אַ פּורישקעוויטש קאָן אויסרעדן אין איין האַלבער מינוט! איך האָב פֿאַר זיי אַ שטיקל אַרבעט אין דער דומע, אַ גאַנצע קאָמבינאַציע. נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — מ׳דאַרף אַ טראַכט טאָן מכּוח גיין שלאָפֿן — מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג נאָך מער באריכות. לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס די שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

8

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז די צרות וואָס מיר טראָגן איבער דאָ אין כּתרילעווקע, ווייס איך ניט אויב ס'איז דאָ נאָך אַ שטאָט אויף דער וועלט וואָס האָט גאָר געהערט פֿון זיי. אַזאַ זאַך, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ אונדז דאָ ניט לאַנג, האָט זיך נאָך ניט געטראָפֿן אין ערגעץ זינט די וועלט שטייט. מיר לעבן נאָך איצט אויך אין איינע שרעק און אין איינע פּחדים. גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַ המן אַ פּריסטאַוו, וויל ער זיך אָן אונדז נוקם זײַן. און ווער איז שולדיק מיינסטו? טאַקע אונדזערע נגידים אַלייך. און ניט אַזוי נאָך די נגידים, ווי די לײדיק־גייערס די שרײַבערס, וואָס שרײַבן אויף די גאַזעטן. זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן, כאַפּן זיי זיך אָן אין יעדער נאַרישקייט, צעשמירן עס אויף די בלעטער און מאַכן דערפֿון, ווי זאָגט די מאַמע: אַ גאַנצן צימעס צע־לייגט אויף זיבן טעלערלעך... ווען ניט זיי, וואָלט גאָרניט געווען. דער פּריסטאַוו דער המן וואָלט זיך מסתמא געמאָרדעוועט און געמאָרדעוועט און וואָלט זיך איבערגעמאָרדעוועט. נאָר איך פֿאַרכאַפּ דיר די פֿיש פֿאַר דער נעץ, גאָר פֿאַר־געסן אַז מען דאַרף דיר פֿריִער דערציילן די מעשה. די מעשה איז אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע. איך קאָן זי דיר איבערגעבן אין דרײַ ווערטער, אויב דו האָסט צײַט מיך אויסהערן ביזן סוף און אויב דו קענסט אָוועקוואַרפֿן אויף אַ מינוט דײַנע גרויסע עסקים מיט דײַנע טערקן און מיט דײַנע מלכים און מיט דײַנע מיליאָנערן און דערמאָנען זיך אַז דו האָסט אַ ווײַב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס קען ניט אפֿשר אַזוי פֿויגלדיק שרײַבן, ווי איר מאַן דער שרײַבער, נאָר אַ מעשה דערציילן קאָן אַ גוי אין פּאָסטעלעס אויך.

הכּלל, דו דאַרפֿסט געדענקען לווי דעם טויבנס זונדל, שלמה־וועלוול שאַר־לאַטאַן? איז ער הײַנט געוואָרן אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם, אַ נגיד מיט אַ פֿאַי־טאָנדל. דער איינציקער נגיד און דער איינציקער פֿאַיטאָן! פֿון וואַנען האָט זיך

עס צו אים געגומען — ווייס קיינער ניט. אַנדערע זאָגן די באַן, אַנדערע זאָגן — יעהופּעץ, און אַנדערע זאָגן — קאָרטן. אַזוי צי אַזוי, נאָר ער האָט זיך אויס־געבויט אַ דירהלע אין מיטן מאַרק, מיט אַ גערטנדל און מיט קראַטעס און מיט אַ לאַמטערן פֿאַרן גאַניק און געבראַכט צו פֿירן פֿון יעהופּעץ אַן אײַזערנע שאַפֿע, האָבן זי צען גויִים קוים אַרײַנגעטראָגן — די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפֿגע־לאָפֿן אויף חידושים. הײַנט האָט ער גענומען אויספֿײַנען זיך פֿאַר דער שטאָט, געגעבן נדבות, דווקא מיט דער ברייטער האַנט, און דווקא אַזוי, אַז אַלע זאָלן וויסן און אַלע זאָלן פֿון אים רעדן — שלמה־וועלוול און שלמה־וועלוול! נאָר ווער וואָלט זיך דאָס געריכט אַ שטייגער אַזאַ זאַך אויף לווי דעם טויבנס זון, וואָס קיינעם איז גאָר ניט אַנגעשטאַנען אַפֿילו מיט אים אַ וואָרט אַרויסצורעדן? ווי זאָגט די מאַמע: ס'שטייט געשריבן, מע קאָן ניט וויסן הײַנט, ווער ס'וועט מאָרגן פֿאָרן רײַטנדיק אויפֿן פֿערד... וואָלט געווען גוט, איאָ? באַדאַרף זיך אים פֿאַרגלוסטן ווערן אַ חשוב בײַ נאַטשאַלסטווע, ווערט ער אַ גוטער ברודער מיטן נײַעם פּריסטאַוו, וואָס מען האָט אונדז אַראָפּגעשיקט, און פֿאַררופֿט אים צו זיך פֿרײַטיק צו נאַכטס אויף פֿיש, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל — די שטאָט זאָל זען הייסט עס און האָבן דרך־ארץ. אַ קלייניקייט, אַזאַ המן און עסט פֿיש בײַ שלמה־וועלוולען! איז זיך מישב דער המן — ער איז אויך ניט קיין נאַר — און נעמט און שיקט אַרײַן דורך אַ גאָראָדאָוואָי צו שלמה־וועלוולען עפּעס אַ שטײַגל מיט אַ מאָדנעם פֿויגל. קוקט ער אים אָן, שלמה־וועלוול הייסט עס: וואָס איז דאָס? זאָגט אים דער גאָראָדאָוואָי: ס'איז אַ פּאַפּאַגײַ. וואָס פֿאַר אַ פּאַפּאַגײַ? זאָגט ער: אַ פֿויגל וואָס רעדט. פֿרעגט אים שלמה־וועלוול: וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? זאָגט אים דער גאָראָדאָוואָי: דאָס האָט דיר דער פּריסטאַוו געשיקט אַ מתנה. טוט עס אים הנאה, שלמה־וועלוולען, און ער פֿרעגט בײַם גאָראָדאָוואָי: וואָס וועל איך מיט אים טאָן, מיטן פּאַפּאַגײַ הייסט עס? זאָגט אים דער גאָראָדאָוואָי: וועסט אים האָדעווען, און זײַ מוחל, זאָגט ער, און באַצאָל ק"ן קאַרבן און אַ פֿינפֿערל פֿאַרן שטײַגל. ווערט שוין שלמה־וועלוול אויפֿגעטראָגן: ק"ן קאַרבן? פֿאַר וואָס? זאָגט אים דער גאָראָדאָוואָי: פֿאַרן פּאַ־פּאַגײַ. ווערט שוין שלמה־וועלוול גאָר גוט אין כּעס און זאָגט צו אים, אַז ער וועט ניט געבן אַפֿילו קיין ק"ן קאָפּיקעס. זאָגט אים דער גאָראָדאָוואָי: ווי דו ווילסט זיך! און דרייט זיך אויס און גייט אַוועק און לאָזט איבער דעם פּאַפּאַגײַ בײַ שלמה־וועלוולען. נעמט ער, שלמה־וועלוול הייסט עס, שפּאַנט אײַן דאָס פֿאַיטאָנדל און לויפֿט אַוועק צום פּריסטאַוו און פֿאַר גרויס אימפּעט פֿאַרגעסט

ער דעם פֿויגל. געקומען צום פּריסטאַוו: אדוני קעניג, וואָס האָסטו מיר געשיקט? זאָגט ער אים: אַ פּאַפּאַגײַ. פֿרעגט אים שלמה־וועלוול: אויף וואָס באַדאַרף איך אַ פּאַפּאַגײַ? זאָגט אים דער פּריסטאַוו: אַז דו האָסט אַזאַ שטובל מיט אַ גאַניק און מיט אַ לאַמטערן און מיט אַן אײַזערנע שאַפֿע און פֿאַרסט אַרויס אויף אַ פֿאַיטאָנדל, מעג דיר אָנשטיין האָבן אַ פּאַפּאַגײַ אויך... זאָגט אים שלמה־וועלוול: יאָ. אָבער ק״ן קאַרבן? זאָגט אים דער המן: וואָס זשע האָסטו געוואָלט? אומזיסט זאָל מען דיר שענקען אַזאַ טײַערן פֿויגל? זאָגט אים שלמה־וועלוול: מוחל! איך וויל אים ניט האָבן אַפֿילו אומזיסט און אַפֿילו מ׳זאָל מיר צוצאָלן וויל איך אים אויך ניט!.. זאָגט אים דער פּריסטאַוו: הער נאַר, זאָגט ער, שלמה־וואָלקע, דו ווייסט ניט, זאָגט ער, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דאָס איז — ער רעדט, זאָגט ער, איטלעכס וואָרט ווי אַ מענטש... זאָגט אים שלמה־וועלוול: ער מעג רעדן צעזעצטערהייט, וויל איך אים ניט האָבן בײַ זיך אין שטוב! פֿאַרדריסט דאָס שוין דעם המן, מאַכט ער צו אים מיטן פֿינגער: זע נאַר, וואָלקע, זאָלסט קיין ח־טה ניט האָבן... זאָגט אים שלמה־וועלוול: איך האָב קיין מאָל ניט חרטה!... זאָגט אים דער פּריסטאַוו: אויב אַזוי וועסטו שוין באַצאָלן ניט קיין ק״ן קאַרבן נאָר רי״ש. זאָגט אים שלמה־וועלוול: וועלן מיר זען! זאָגט אים דער פּריסטאַוו: וועלן מיר זען... און שלמה־וועלוול נעמט און טוט אַ קלאַפּ מיט דער טיר, זעצט זיך אויף אויפֿן פֿאַיטאָנדל און פֿאָרט אַהיים. מײַנסטו דאָך אַוודאי, אַז דערמיט האָט זיך עס געענדיקט? האָב צײַט, די געשיכטע הייבט זיך ערשט אָן.

געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער, טרעפֿט שלמה־וועלוול בײַ זיך אַ פֿולע שטוב און אַ פֿולן גאַניק און אַ פֿולן הויף מיט מענטשן. ייִדן, ווײַבער און קינדער. וואָס איז דאָס? וואָס טוט דאָ דער עולם? גאָרניט. דאָס איז מען געקומען אָנקוקן חידושים, ווי אַזוי אַ פֿויגל רעדט איטלעכס וואָרט ווי אַ מענטש. מיר זענען דאָרט אויך געווען, איך און די מאַמע הייסט עס, און האָבן געהערט ווי דער פֿויגל רעדט, רעדט איטלעכס וואָרט ווי אַ מענטש: „פּאַפּקאַ דוראַק!״ מער האָבן מיר ניט געהערט גאָרניט. אָבער ער רעדט אַרויס די דאָזיקע ווערטער טאַקע ווי אַ לעבעדיקער מענטש. די מאַמע זאָגט, ס׳שטייט געשריבן, אַז אַלע חיות און אַלע עופֿות האָבן זיך יעדער זײַן לשון, נאָר אַ מענטש קאָן עס ניט פֿאַרשטיין... פֿון דעסטוועגן, זאָגט זי, וואָלט איך אַזאַ פֿויגל ניט געוואָלט האָבן בײַ זיך אין שטוב פֿאַר מײַנע זיבד. אַ מענטש, זאָגט זי, וואָס שווײַגט און אַ פֿויגל וואָס רעדט, טויגן ביידע אויף אַ כפּרה...

הכּלל, דערזען בײַ זיך אַזוי פֿיל מענטשן, איז ער געוואָרן נאָך מער משוגע, טאַקע שלמה־וועלוול מײַן איך, און האָט זיך צעשריגן: וואָס האָט איר זיך אָנגעלאָפֿן ווי אויף אַ בײז וווּנדער? איר האָט קיין מאָל קיין פּאַפּאַגײַ ניט געזען?... וואָס זאָגסטו אויף אים? גלײַך ווי ער האָט בײַ זײַן טאַטן לווי דעם טויבן קיין אַנדער פֿויגל ניט געזען נאָר פּאַפּאַגײַען. האָט אים די מאַמע אָוועק־געגעבן אַ פּאַרציע! זי האָט אים דערמאָנט, אַז זי געדענקט נאָך זײַן טאַטן, פֿלעגט זי אים אויך זאָגן דו, כאָטש ער האָט ווינציק וואָס געהערט... און ווידער האָט זי אים געזאָגט: ס'שטייט געשריבן: אַז אַן אָקס טאָר זיך ניט איבערנעמען מיט זײַן שיינעם האָרן, אַ חזיר מיט זײַנע שטעכעדיקע האָר און אַ מענטש מיט זײַנע גרינגע קערבלעך, ווארעם דאָס איז אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס מען קאָן זיי פֿאַרלירן... האָט דאָס אים אַ פּנים שטאַרק ניט געשמעקט, שלמה־וועלוולען הייסט עס, מאַכט ער צו אונדז מיט כּעס: ס'שטייט געשריבן, אַז איר זאָלט אײַך גיין אַהיים געזונטערהייט... זענען מיר טאַקע געגאַנגען אַהיים. ער אָבער האָט אויף זיך איצט אַ פּעקל, וואָס ער וואָלט אפֿשר באַצאָלט פֿאַר דעם צוויי מאָל ק״ן, איז שוין שפּעט. דער פּריסטאַוו אַליין קאָן אים שוין איצט אויך גאָרניט העלפֿן. ס'איז אַראָפּגעקומען צו אונדז פֿון דער גובערניע אַ טשינאָווניק אויספֿאָרשן די זאַך אַקוראַט, צי ס'איז אמת, אַז דער פּריסטאַוו האָט מיט גוואַלד אָנגע־האַנגען אַ ייִדן אַ פּאַפּאַגײַ און געמאָנט פֿאַר אים ק״ן קאַרבן?.. האָבן זיך אָנגעגעבן אפֿשר דרײַ הונדערט עדות, אַז ס'איז אמת, אַזוי ווי גאָט איז אמת. און ס'איז אַ סברא, זאָגט מען, אַז מען וועט דעם בחור, דעם פּריסטאַוו הייסט עס, אַראָפּזעצן. זאָגט אָבער דער פּריסטאַוו: צי מ'וועט אים אַראָפּזעצן צי ניין, נאָר פֿאַר אַ פּאַגראָם אין שטאָט איז ער ניט ערב... אַ המן קען! איז מען דאָך אָנגעפֿאַלן — די גאַנצע שטאָט — אויף שלמה־וועלוולען: איבער אײַך מיט אײַער פּאַפּאַגײַ זאָל זײַן אַ פּאַגראָם? טענהט ער, שלמה־וועלוול הייסט עס, וואָס בין איך שולדיק? שולדיק זענען די געזעצן. די געזעצן זאָלן ניט געווען אויספּויקן, זאָגט ער, איבער דער גאַנצער וועלט, וואָלט איך מיטן פּריסטאַוו, זאָגט ער, ווי עס איז דורכגעקומען און די שטאָט, זאָגט ער, וואָלט פֿאַרשפּאָרט איצט מורא צו האָבן... קאָן זײַן אַז ער איז אויך גערעכט, שלמה־וועלוול הייסט עס. דערווײַלע איז ניט גוט, וואָס זאָלסטו דאָ קלערן? הלוואַי מ'זאָל שוין אָדער פּטור ווערן פֿון דעם המן אָדער זאָל ער בלײַבן און מ'זאָל אים אַזוי באַשמירן ער זאָל פֿאַרגעסן פֿונעם פּאַפּאַגײַ, אַ מיתה־משונה וואָלט געמעגט קומען אויף זיי ביידן, דאָס הייסט אויפֿן פּריסטאַוו מיטן פּאַפּאַגײַ, מיט שלמה־וועלוול שאַר־

לאַטאַן און מיט די געזעצן און מיט די שרײַבערס די ליידיק־גייערס, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי
שיינע־שיינדל

און וואָס דו שרײַבסט וועגן מיגראַציע, מ׳זאָל געבן צו הונדערטער אויף אַ קאָפּ אַחוץ באַנבילעטן, וואָלט דאָס געווען נאָפּשיקלאַד דווקא נישקשהדיק פֿון אַ פּלאַן און דער חשבון וואָס דו מאַכסט איז דווקא נישקשהדיק פֿון אַ חשבון, ווי זאָגט די מאַמע: דער חשבון שטימט, נאָר דאָס געלט פֿעלט. דער חסרון איז נאָר, וואָס דו וואַרפֿסט זיך צו פֿיל אויף אַלע זײַטן. איידער מען קוקט זיך אַרום מיט דײַן פּלאַן וואָס דו גיסט אויף, ביסטו שוין דאָ מיט אַ נײַעם פּלאַן. דאָס איז אַלץ גוט, בעלי היקר, און ס׳איז זייער שיין פֿון דײַן זײַט וואָס דו זאָרגסט זיך פֿאַר כּל־ישׂראל. זאָלסט אָבער וועלן אַ טראַכט טאָן אַ מאָל וועגן דײַן ווײַב און דײַנע אייגענע קינדער. וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון אַזאַ לעבן און פֿון אַזאַ גלות און פֿון אַזאַ נע ונד זײַן אויף דער וועלט? נאָר עס קריכט דיר אוודאי אין דער לינקער פּאה! וואָס גייט דיר אָן אַ ווײַב? וואָס גייען דיר אָן קינדער, אַז דו ביסט גאָר געווען אַ גאַנצער מחותּן מיט די רויט־שילדס און מיט די בראָצקיס און עס ליגט דיר אין קאָפּ נאָר מלחמות און נאָר טערק און נאָר מיניסטאָרן? ווי זאָגט די מאַמע: שפּיל דעם חתן אַ ווינען־דיקס...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

12

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השי״ז זאָל העלפֿן מען זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז ס׳איז געהאַנגען אויף אַ האָר. אין דער צײַט ווען איך האָב דיר געשריבן מײַן פֿריִערדיקן בריוו איז געווען אַ גרויסע אַסיפֿה בײַ די סערבן. אויף דער דאָזיקער אַסיפֿה איז געווען אויף אַ וואָגשאָל — אָדער אַהער, אָדער אַהין. בײַ די סערבן, ווי אין אַלע מלוכות, דאַרפֿסטו וויסן, כאָטש ס׳איז אַ מלוכהלע אַ קליינס, זענען פֿאַראַן פֿון דעסטוועגן כּיתּות. וואָס איינע זאָגט, זאָגט די אַנדערע קאַפּויער. זאָגט דער שלום, זאָגט דער אַנדערער מלחמה. און צום מיינסטן, ווי איך האָב מיך צוגעקוקט זינט איך רײַב מיך אַרום פּאָליטיקע, זענען אומעטום די מלכים רודף־שלומניקעס און די בני־מלכים — פֿאַר מלחמה. יונגע־לײַט, פֿאַרשטייסטו מיך, רײַסן זיך, ווילן זיך אויספּײַנען. וואָס מיינסטו איז בײַ פֿראַנץ־יוסעפֿן? פֿראַנץ־יוסף חלילה זאָל ניט זײַן, וואָלט דער בן־מלך, פֿראַנץ־פֿערדינאַנד, שוין לאַנג פֿאַרקאָכט אַ קאַשע. און אַזוי איז אויך בײַ ווילהעלם דעם צווייטן. איך האָב צו אים גאָרניט, לאָז ער זיך עלטערן בשלום. נאָר איך זאָג עס נאָפּשיקלאַד, לאָז ער נאָר פּרוּוון צומאַכן מיט אַן אויג, וועסטו זען אַז זײַן בן־מלך וועט דיר באַלד אַרויס־שפּרינגען מיט אַ מלחמה. וועסטו דאָך פֿרעגן, ווי באַלד אַזוי זענען מיר דאָך ניט זיכער מיטן לעבן? איז דער תּירוץ: ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַ שומר־ישׂראל, פֿאַרלענגערט ער די יאָרן פֿון די מלכים אַזוי לאַנג, ביז די בני־מלכים, אַז זיי גייען אַרויף אויף דער שטול געוועלטיקן, ווערן זיי שוין אַליין טאַטעס און האָבן שוין אַליין בני־מלכים. דו פֿאַרשטייסט, צי ניין? דער טאַטע דער מלך איז אַ רודף־שלומניק און זײַן זון אַ יונקער. און אַט אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל פֿון קדמונים און עס וועט זיך מסתּמא נאָך לאַנג־לאַנג אַזוי דרייען...

הקיצור, דעם בן־מלך פֿון סערבן האָט זיך זייער געוואָלט און עס ווילט זיך אים נאָך איצט אויך מלחמה האַלטן מיט די באָלגאַרן. און עס וואָלט שוין לאַנג אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ מלחמה, אַלץ איבער דער ירושה פֿונעם טערק, ווי איך האָב דיר שוין ניט איין מאָל געשריבן, און פֿון דער מלחמה וואָלט אַרויס־געשפּרונגען מסתמא נאָך אַ קליין מלחמהלע, און פֿון יענעם מלחמהלע נאָך אַ מלחמהלע און דווקא אַ גרויסע מלחמה — עס וואָלט געווען, וואָס זאָלסטו דאָ קלערן, פֿריילעך!... אַ גליק וואָס „מיר" האָבן זיך באַצײַטנס אַרײַנגעמישט און אײַנגעלאַדן אַלע פֿיר באַלקאַנער פּרעזידענטן קיין פּיטערבאַרג זיך אויס־גלײַכן צווישן זיך און פֿאַרלאָזן זיך אויף מענטשן. האָט דאָס אָבער ניט גע־שמעקט דעם בן־מלך פֿון סערבן. אַלעקסאַנדער הייסט ער. אים ווילט זיך, ער גייט אויס, ער חלשט מלחמה צו האַלטן. צום סוף, נאָט אײַך גאָר אַ פֿאַרלאָ־זעניש! אַרבעט ער מעשים מיט זײַן כּיתה: — „מען דאַרף ניט קיין שום פֿאַר־לאָזעכצן! מען דאַרף אָנלערנען די באָלגאַרן זיי זאָלן ניט קריכן קיין מאַקעדאָניע! אײַנגענומען אַדריאַנאָפּאָל — געגוג פֿון זייערט וועגן!..", איז אָבער דאָ בײַ די סערבן נאָך אַ כּיתה, וואָס האַלט דווקא פֿון שלום. און בראש פֿון דער דאָזיקער כּיתה שטייט דער מיניסטער פּאַשיץ. ער איז דער מיניסטער־פּרעזידענט, ווי בײַ אונדז למשל קאָקאָווצעוו. נאָר אַז דער בן־מלך וויל מלחמה, איז עפּעס אַ תּירוץ? האָט זיך מישב געווען דער מיניסטער פּאַשיץ און זאָגט אַ גוטן טאָג. האָט זיך מישב געווען דער מלך פּעטער — ער איז דאָך אַ רודף־שלומניק, ווי אַלע טאַטעס — און וויל אים ניט אָוועקלאָזן. איז זיך מישב פּאַשיץ און זאָגט: ווייסטו וואָס? לאָמיר האָרכן וואָס די דומע וועט זאָגן? (דאָרט הייסט עס ניט דומע נאָר „סקופּטשינע").

אָט דאָס איז געווען די גרויסע אַסיפֿה אין דער סקופּטשינע, וואָס איך זאָג דיר, און אויף דער אַסיפֿה האָבן אַלע געהאַלטן מיט פּאַשיצן, אַז פּאַשיץ זאָל בלײַבן מיניסטער. און ווי באַלד פּאַשיץ בלײַבט מיניסטער, פֿאָרט מען קיין פּיטערבאַרג, און אַז מען פֿאָרט קיין פּיטערבאַרג, איז צו גאָט אַ האָפֿענונג, אַז ס'וועט זײַן שלום. הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין?

אָט אַזוי איז דאָס, זוגתי היקרה, אַז מען קוקט זיך צו ווי די וועלט פֿירט זיך. ס'איז אַ גלגל החוזר. קלוגע מענטשן פֿירן דאָס רעדל. פּונקט ווי להבדיל בײַ אונדז אין די גוטע יאָרן בשעת מחלוקת צווישן די טאַלנער חסידים מיט די רוזשישטשעווער. איבער אַ קלייניקייט, דאַכט זיך, איבער אַ „כּדבר" אָדער איבער „ויצמח פּרקנה" האָט געקאָנט אַרויס דער גרעסטער סקאַנדאַל. די וואָס

זענען געשטאַנען פֿון דער ווײַטן, דער המון הייסט עס, זענען געגאַנגען ביז אין בלוט אַרײַן: סטײַטש, „כּדבר״! סטײַטש „ויצמח פּרקנה!״... און די היימישע, די מקורבים הייסט עס, די האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז גאָרניט מיט גאָרניט. ס׳וועט זיך קאָכן און קאָכן און ס׳וועט זיך איבערקאָכן. אַזוי איז איצט אויך... דאָרטן בײַ אײַך אין כּתרילעווקע, אַז ס׳קומט אָן דער גאַזעט און איר לייענט איבער די טעלעגראַמעס פֿון סאָפֿיע און פֿון בעלגראַד, מיינט איר דאָך געוויס, אַז אָט־אָט שלאָגט מען זיך שוין און עס פֿאַלט אײַך אַרויס די נשמה. און מיר, וואָס זיצן דאָ בײַם סאַמע צאַפּן, מיר לייענען דאָך די דעפּעשן נאָך איידער מ׳גיט זיי איבער אין דער דרוקאַרניע, ווייסן מיר, אַז ס׳איז ניט אַזוי מסוכּן. אײַ וואָס? דער בן־מלך רײַסט זיך? עס ווילט זיך אים מלחמה? נישקשה, ער וועט אַזוי לאַנג וועלן, ביז ס׳וועט זיך אים איבערגלוסטן... אָט איז שוין געווען עטלעכע מוראַדיקע דעפּעשן אַז מען שיסט. כּאַסקל קאַטיק האָט זיך שוין דערפֿרייט, אַז ער האָט איבערגעלייענט די דאָזיקע דעפּעשן: „נו, זאָגט ער צו מיר, ווו איז ערגעץ, רב מנחם־מענדל, אײַער שלום?״ זאָג איך צו אים: „פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר, רב כּאַסקל, דער שלום איז אַ שלום״. זאָגט ער צו מיר ווידער: „וואָס הייסט? איר הערט דען ניט ווי מען שיסט?״. „איך הער ניט, זאָג איך, אפֿשר הערט איר. איר האָט, זאָג איך, אַ גוטן חוש־השמיעה״... ווערט ער מלא־כּעס — ער איז אַ ספּילשליוועער, סכּנות! — און שטופּט מיר דעם גאַזעט גלײַך אין פּנים אַרײַן: „נאָט, לייענט. נאָט זעט, אָט שרײַבט מען פֿון לאָנדאָן, אַז די סערבן פֿאַרנעמען די אײַנגענומענע שטעט... נאָט לייענט, אָט שרײַבט מען ווײַטער, אַז יענע אַסיפֿה, וואָס איז געווען בײַ די סערבן, איז אַ בלאָטע. אַ סברה אַז ס׳וועט זײַן נאָך אַן אַסיפֿה... און אָט שרײַבט מען, אַז מ׳האָט געהערט אַ שאָס אויף דער גרענעץ...״ „טע־טע־טע! — זאָג איך אים, — דאָס אַלצדינג האָב איך געלייענט, זאָג איך, פֿריִער פֿון אײַך, איך בין דאָך עפּעס אַ מענטש פֿון דער רעדאַקציע, זאָג איך. גלייבט זשע מיר, רב כּאַסקל, אַז דער שאָס, זאָג איך, וואָס מען שיסט אויפֿן גאַזעט, איז ניט ווערט קיין שאָס פּולווער. דאָס שיסן, זאָג איך, דערווײַלע די קאָרעספּאָנדענטן, וואָס זוכן פּרנסה. האָט קיין מורא ניט, זאָג איך, אַז ס׳וועט האַלטן, זאָג איך, בײַם אמתן שאָס, וועט איר אַראָפּפֿאַלן פּונעם בענקל״. זאָגט ער: „בײַסט אײַך אָפּ די צונג. איר זענט אַ מענטש, זאָגט ער, קאַטאָרי, וואָס איר האָט ליב אויסלייגן״. זאָג איך: „אַדרבה, איך בין בטבע, זאָג איך, אַ מענטש פֿון שלום. אויסלייגן, זאָג איך, דאָס איז אײַער ספּעציאַלנאָסט״... אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט — מיר צעקריגן זיך גאַנץ פֿײַן און איך נעם מיר דאָס שטעקל און

וויל מיר גיין צוריק אין דער רעדאַקציע, זאָגט ער צו מיר: „וואָס אײַלט איר זיך, רב מנחם־מענדל? לאָמיר, זאָגט ער, אַוועקלייגן פּאָליטיקע אויף אַ זײַט, כאַפּט זיי דער וואַטן־מאַכער, און לאָמיר בעסער שמועסן פֿון אונדזערע זאַכן...״

דאָס מיינט ער אונדזערע אייגענע יידישע ענינים: דומע, דעפּוטאַטן, עמיג־ראַציע, ציוניזם, טעריטאָריזם — ס׳איז דאָ ברוך־השם גענוג פֿון וואָס צו רעדן. נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — אַ סברה, אַז דער מענטש וואָס איך קוק אויף אים אַרויס, איז שוין לאַנג אַרויסגעפֿאָרן פֿון אַמעריקע, הײַנט־מאָרגן קומט ער צו פֿאָרן קיין וואַרשע — לכן, מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו, אַז איך וועל מיך האָבן מיט אים געזען, וועל איך דיר אַרויס־שרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס די שוויגער שתחי׳ און די גאַנצע משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿריינדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ל

ע י ק ר - ש כ ח ת י: וואָס זאָגסטו דערויף, זוגתי היקרה? כאַסקל קאַטיק האָט דאָך הײַנטיקס מאָל געטראָפֿן — מען שיסט דאָך שוין טאַקע אי אין סאַלאָניק, אי אין אישטיב, אי אין אַנדערע ערטער. איך שטעל מיר פֿאָר ווי דער ייִד וועט דאָס איצטער אָנקוועלן! מ׳וועט שוין ניט טאָרן אַרײַנטרעטן צו אים אין דער מלעטשאַרניע, וואָס אויף נאַלעווקעס.

הנ״ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

9

לכבוד בעלי היקר החכם מופֿלג הנגיד מפֿורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י.

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך מוז דיר זאָגן נאָך אַ מאָל, מעגסט זיך זײַן ברוגז, אַרט מיך אויך ניט, נאָר דו שרײַבסט ניט דאָס וואָס מ׳דאַרף. וואָס וועט שוין זײַן אַזוי גוט, זאָג מיר, איך בעט דיך, לאָז זײַן אַפֿילו ווי דו זאָגסט, מ׳וועט שוין געבן אַלע יידן אומזיסטע באַנבילעטן און צו הונ־דערטער אויף אַ מענטשן אויך, איז וואָס? אַז מ׳איז ניט זיכער מיט דער גרע־נעץ? איך מיין ניט אַזוי די גרענעץ, ווי איך מיין די אַגענטן מיט די בעלי־צדקה, מיט די איבעריקע בעלי־טובות, די דײַטשן, וואָס אויף יענער זײַט גרענעץ, קומען זאָל אויף זיי אַ פּאָגראָם, רבונו־של־עולם, זיי זאָלן אויך פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון גלות, וועלן זיי אפֿשר בעסער ווערן!.. זאָלסט לייענען, מענדל, די בריוולעך, וואָס מיר באַקומען דאָ אין כּתרילעווקע פֿון די אומגליקלעכע מיגראַנטן, זאָג איך דיר, אַז אַ שטיין קאָן אויך צעגאַנגען ווערן. עפּעס טאַקע נאָר עק וועלט, משיחס צײַטן און גענוג! ניטאָ קיין יושר, ניטאָ קיין רחמנות, ניטאָ קיין גאָט, ניטאָ גאָרניט. ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַזוינט דאָס בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן זענען די מענטשנס הערצער געוואָרן שטיין און זייערע שטערנס — קופּער... ווער וואָלט זיך ריכטן אַ שטייגער אויף דײַנע דײַטשן אין קיניסבערג, אין האַמבור און אין ברעמעל, פֿאַרכאַפּט זאָלן זיי דיר ווערן, אַז זיי וועלן זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר זשאַנדאַרן און וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אונד־זערע כּתרילעווקער מיגראַנטן ערגער ווי אונדזערע היימישע כוליגאַנעס פֿון קעשענעוו? אָט הער אויף אַ טשיקאַוועסט, וואָס מאיר פּאָפּעלאָווס קינדער שרײַבן. שוין באַלד אַ יאָר אַז זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און זענען אײַנגעזונקען געוואָרן, פֿאַרפֿאַלן ווי אין וואַסער אַרײַן. מ׳האָט זיי שוין דאָ געהאַט באַווײנט, געמיינט אַז זיי זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. צום סוף יאָוועט זיך דער בריוטרעגער מיט אַ בריוול, ניט פֿון אַמעריקע, נאָר פֿון

קיניסבערג, אַ שיין בריוול — אַז אַך און אַז ווי איז צו זייערע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן עס גאָר דערלעבט! ווי זאָגט די מאַמע: אַז ווײַל איז דעם וואָס ליגט אין דער ערד און זעט ניט וואָס אונטערן הימל טוט זיך... איך האָב קוים אויסגעוויינט בײַ קרעני מאיר קאַפּעלאָווס ווײַב דאָס בריוול אויף איין האַלבער שעה און האָב מיך אָוועקגעזעצט אויף אַ טשיקאַווועסט און שרײַב עס דיר איבער איטלעכעס וואָרט, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן, כּדי זאָלסט זען און זאָלסט זיך איבערנעמען מיט דײַנע דײַטשן, אַ כאָלערע זאָל אויף זיי דאָרט קומען אומגעריכט, זיי זאָלן גאָר ניט וויסן, פֿון וואַסער אַ זײַט זי האָט זיך צו זיי אַרײַנגעכאַפּט, פֿאַרכאַפּט זאָלן זיי דיר ווערן, רבונו־של־עולם, ס'זאָל זיי עפּעס אַ כאַפּ טאָן מיט אַ מאָל און אויסקויקלען זיי דאָרטן אײנציקווײַז פֿונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, אָמן! אָמן! איצט האָרך, וואָס מען שרײַבט:

„צו אונדזער טײַערן ליבן טאַטן מאיר לעבן זאָל ער און געזונט זײַן און צו אונדזער טײַערער ליבער מאַמע קרעני לעבן זאָל זי און געזונט זײַן און צו אונדזערע טײַערע ליבעברידער און שוועסטער לעבן זאָלן זיי און געזונט זײַן און צו אַלע אונדזערע טײַערע ליבע פֿרײַנד און גוטע פֿרײַנד לעבן זאָלן זיי און געזונט זײַן און איר זאָלט גאָרניט איבערטראַכטן וואָס מיר האָבן אײַך אַזאַ צײַט ניט געשריבן וואָרעם מיר האָבן אַלץ אָפּגעלייגט פֿון איין טאָג אויפֿן אַנדערן און מיר האָבן אַלץ געמיינט אָט־אָט זענען מיר שוין אויפֿגעריכט און אָט־אָט זענען מיר שוין אויסגעלייזט וואָרעם די אַגענטן האָבן נאָר צוגענומען בײַ אונדז דאָס געלט מיט די זאַכן און אונדז האָבן זיי אָפּגעלאָזט און די קאָמיטעטן זענען טויזנט מאָל ערגער פֿון די אַגענטן וואָרעם זיי ווילן אונדז ניט אָפּלאָזן קיין מאָל און זיי האַלטן אונדז ביז מיר וועלן אַלע אויסהיילן זיך און אָפֿילו אַז מיר וועלן אויסהיילן זיך וועט מען אונדז אויך מוזן האַלטן וואָרעם מיר האָבן ניט מיט וואָס צו רירן זיך מע האָט צוגענומען בײַ אונדז וווּ מיר האָבן געהאַט אַ גראָשן מחמת פֿון דער ערשטער שעה וואָס מיר זענען אַריבער די גרענעץ בשלום ביז הײַנטיקן טאָג הערן מיר ניט אויף צו צאָלן אַזוי אַז פֿריִער האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאַקעט אַלע אין האַמבאָר און מע האָט געזוכט בײַ אונדז געלט אויף אויסצובײַטן האָבן מיר געזאָגט מיר האָבן ניט האָט מען אונדז ניט געגלייבט האָט מען אונדז אויסגעטאָן נאַקעט און מע האָט צוגענומען בײַ אונדז אונדזער געלט עס הייסט דאָס רישישע געלט און מע האָט אונדז אַרײַנגערוקט

זייער געלט דאָס דײַטשעשע געלט וויפּל זי אַליין האָבן געוואָלט און מע האָט אונדז געהאַלטן און געהאַלטן און געהאַלטן און געהאַלטן און געהייסן זיך פֿאַר אַלצדינג צאָלן פֿאַר קוואַרטיר צאָל פֿאַר עסן צאָל פֿאַר וואַסער צאָל האָבן מיר אַנגעהויבן וויינען און בעטן זיך מע זאָל אונדז שוין אָפּשיקן האָט מען אונדז אויסגעלאַכט האָבן מיר שוין אַנגעהויבן מיט בייזן האָט מען אונדז געזאָגט אַז טאָמער וועלן מיר ניט אַנטשוויגן ווערן וועט מען אונדז שלאָגן האָבן מיר געזען סע שלעכט האָבן מיר געשוויגן און געוואַרט און געוואַרט און געוואַרט ביז קוים מיט צרות מע האָט אונדז אָפּגעשיקט קיין ברעמעל וואַרעם אין ברעמעל האָט מען אונדז געזאָגט וואַרט אויף אונדז אַ פּאַרטיע מיגראַנטן אַזעלכע ווי מיר וועט מען אונדז אין איינעם אָפּשיקן ווײַטער זענען מיר געקומען קיין ברעמעל האָט מען אונדז געפֿרעגט צי האָבן מיר רישיש געלט אויף אויס־צובײַטן האָבן מיר געזאָגט אַז מיר האָבן ניט מע האָט אונדז שוין אויס־געביטן האָט מען אונדז ניט געגלייבט מע האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט נאָך אַ מאָל און באַזוכט איינציקווײַז און מע האָט ניט געפֿונען גאָרניט און דערווײַלע איז יענע פּאַרטיע מיגראַנטן וואָס האָבן געוואַרט אויף אונדז און ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך שוין לאַנג אָוועקגעפֿאָרן און אונדז האָט מען פֿאַרטריבן אין אַ שטאָל און געהאַלטן דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט און ערשט דערנאָך געפֿירט צום דאָקטאָר האָט מען אונדז אויסגע־טאָן ווידער אַ מאָל נאַקעט און געפֿונען אַז אַלע זענען מיר דאַנקען גאָט געזונט און שטאַרק און נאָר בײַ חיענען און בײַ לייבלען זענען קאַליע די אויגן און מיט קאַליע אויגן לאָזט מען ניט אויפֿן שיף אַרויף האָבן מיר אַנגעהויבן וויינען און בעטן זיך וואָס וועט זײַן דערפֿון האָט מען אונדז אויסגעלאַכט האָבן מיר אַנגעהויבן מיט בייזן שוין ממה־נפֿשך אָדער אַהין אָדער אַהער האָט מען אונדז געזאָגט אַז טאָמער וועלן מיר ווײַעווען וועט מען אונדז ברעכן די ביינער האָבן מיר געמוזט שווײַגן און האָבן ווידער גענומען וואַרטן און מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט ביז קוים מיט צרות מע האָט אונדז אָפּגעשיקט קיין קיניסבערג וואַרעם אין קיניסבערג האָט מען אונדז געזאָגט היילט מען קראַנקע אויגן און אַז מיר זענען געקומען קיין קיניסבערג האָט מען אונדז גע־פֿרעגט צי מיר האָבן רישיש געלט האָבן מיר געזאָגט טשעפּעט זיך אָפּ מיט זייער רישיש געלט מע האָט אונדז שוין לאַנג אויסגעביטן האָט

מען אונדז ניט געגלייבט און מע האָט אונדז איבער אַ נײַס אויסגעטאָן נאַקעט און באַזוכט אַלעמען איינציקווײַז און גאָרניט געפֿונען און מע האָט אונדז אַרײַנגעזעצט אַלעמען צוליב חיענען און צוליב לייבלען ביז זיי וועלן זיך אויסהיילן זייערע קראַנקע אויגן און מע האָט זיך געהייסן באַצאָלן פֿאַר אַלצדינג צאָלן פֿאַר קוואַרטיר באַזונדער און פֿאַר עסן באַזונדער און פֿאַר וואַסער באַזונדער און מע האָט אונדז גענומען האָ־דעווען מיט אַזעלכע פֿיש וואָס מע דאַרף צוהאַלטן די נאָז וואָרעם קיין פֿלייש גיט מען דאָ ניט אַחוץ פֿיש אי דאָס ניט אַלע טאָג נאָר שבת און מע האָלט די פֿיש פֿון שבת אויף שבת זענען מיר קראַנק געוואָרן האָבן מיר געמאַכט אַ שקאַנדאַל האָט מען אונדז געזאָגט אַז טאָמער וועלן מיר מאַכן שקאַנדאַלן וועט מען אונדז אָרויסוואַרפֿן די געזונטע מיט די קראַנקע אין איינעם האָבן מיר מורא געהאַט טאָמער טאָקע אַן אמת וואָס וועלן מיר טאָן מיט די קראַנקע וואָרעם מחמת מיר ליגן דאָ אַלע אין איינעם האָבן זיך אָנגענומען שוין בערטשיק אויך און גאָדל אויך און מאַריאַשאַ איז אויך קראַנק געוואָרן אויף די אויגן זענען מיר שוין פֿינף פֿאַרשוין מיט קראַנקע אויגן, קאָנען מיר זיך שוין גאָרניט רירן פֿונעם אָרט און זיצן דאָ ווי אין טורמע און ווייסן ניט וואָס וועט זײַן אַז מיט גוטן העלפֿט ניט און מיט בייזן האָבן מיר מורא איז געבליבן בײַ אונדז איידער אַזוי לאַנג שווײַגן זאָלן מיר אײַך שוין שרײַבן בעסער דעם גאַנצן אמת וואָרעם מיר קאָנען שוין מער ניט אויסהאַלטן אַזוי שטאַרק בענקען מיר נאָך אײַך אונדזערע טײַערע און ליבע טאַטע־מאַמע אונדזער טײַערע און ליבע שוועסטער און ברידער אונדזערע טײַערע און ליבע פֿרײַנד און גוטע פֿרײַנד און שרײַבט אונדז כאָטש אַרײַן אַ בריוול וואָס איר מאַכט און פֿון אײַער געזונט און פֿון אַלעמענס געזונט און טאָמער ביז עס וועט אָנקומען אײַער בריוול וועט דער אייבערשטער פֿאַרט רחמנות האָבן די קראַנקע וועלן געזונט ווערן אויף די אויגן און מיר וועלן זיך פֿאַרט קאָנען אַ מאָל אַרויסרײַסן פֿון דאַנען קיין אַמעריקע וואָרעם מיר האָבן שוין אויפֿגעגעסן דאָס לעצטע העמד פֿון אונדזער לײַב און מיר קוקן אַרויס נאָר אויף גאָט ער זאָל זיך דערבאַרעמען און טאָן אַ נס אַניט זענען מיר חלילה פֿאַרפֿאַלן אַלע פֿון קליין ביז גרויס...״

וואָס זאָגסטו, מענדל, אויף אַזאַ מגילה? קאָן ניט צעזעצט ווערן די גאַל, צעזעצט און צעשפּרונגען זאָלן זיי דיר ווערן, ליבער גאָט! ווי זאָגט די מאַמע זאָל

לעבן: צווישן די וועלף אין וואַלד איז אויך ניט ערגער... מיינסטו דאָך אַז דו ביסט שוין פאַרטיק? האָב צייַט. דאָס איז ערשט אַן אָנהייב. פּאַפּעלאָווס בריוול איז נאָך אַ גאָלד אַקעגן די בריוולעך, וואָס פייַטל־משה באָס האָט פון זייַן ברודער נח, און וואָס ברוך־לייב שרייַבט צו זייַן מאַמע פערקעלע דער אלמנה, דאָרט איז טאַקע יאָ ווי די מאַמע זאָגט: הימל עפן זיך און גיהנום בלייַב שטיין! נאָר אַזוי ווי איך האָב צוגעזאָגט קרענקען אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום שטעל איך איר צו אירע קינדערס מגילה צוריק, האָב איך מורא זי זאָל ניט קומען צו לויפן מיט אַ גוואַלד — זי אַז זי וויל, קאָן זי! — דעריבער שליס איך מייַן בריוו מיט אַ ברכה אויף די דייַטשן: אָדער זיי זאָלן געהרגעט ווערן פון אַ דונער אין אַ ליכטיקן טאָג, אָדער זיי זאָלן זיך אַלע לאָזן איבער די הייַזער און מע זאָל זיי געבן אַ מכּה ניט קיין שטיקל ברויט, אָדער ס׳זאָל זיך דאָרט עפענען די ערד און זיי אַלע זאָלן אַרייַן, ווי קורח, מיט די קינדער און מיטן בעטגעוואַנט און אַפילו מיטן פסחדיקן געפעס, ס׳זאָל ניט איבערבלייַבן פון זיי ביז מאָרגן קיין שריד־ופליט, קיין זכר און קיין סימן פון קיין דייַטש, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק, דייַן באמת געטרייַע פרוי

שייבע־שיינדל

בעלי היקר! די קינדער שרייַבן דיר, ווי אַלע מאָל, באַזונדער. משה־הערשעלע זאָל לעבן שרייַבט אויף לשון־קודש, מיר זאָל זייַן פאַר זייַן קאָפּ, און די איבעריקע זאָלן געזונט זייַן שרייַבן דיר אויף יידיש. זיי בעטן בייַ דיר דו זאָלסט זיי אַרויס־שיקן ביכלעך פון וואַרשע, טו זיי צו ליב, מענדל, שיק זיי אַרויס, דו זיצסט דאָך דאָרט בייַם צאַפּן, ווו מען דרוקט ביכלעך, וועט דאָס דיך מסתּמא קיין סך געלט ניט קאָסטן... ווי זאָגט די מאַמע: אַז מען מאַכט פאָווידלע קלעפּן זיך די פינגער, און אַז מען פרעגלט שמאַלץ זענען פעט די ליפּן...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

13

לזוגתי היקרה החכמה והצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל הערן נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז דײַן מנחם־מענדל איז טאַקע אַ שטיק נביא. אַזוי ווי איך האָב דיר נביאות געזאָגט, אַזוי איז דאָס מקוים געוואָרן כּמעט איטלעכעס וואָרט. נישט מער, דער „פּיטש־פּאַטש" איז געקומען אַ ביסל צו פֿרי, גאָר אומגעריכט און די אָרעמע קרובים האָבן זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די גאָרגלען איבער דער רײַכער ירושה נאָך איידער מ׳האָט זיי געגומען אויסטיילן די חלקים. מ׳האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך אַפֿילו אויף דרך־ארץ, כאָטש פֿון יוצא וועגן, ביז מ׳וועט קומען צו פֿאָרן אויף דער אײַנלאַדונג קיין פּייטערבאַרג, כאָטש אָפּשטעקן זיך איינס דאָס אַנדערע דעם ערשטן שלום־עליכם און — אַהאַ, מ׳האָט זיך שוין צעדמט און סע יאָשעט בלוט פֿון אַלע זײַטן — פֿון די באָלגאָרן און פֿון די סערבן און פֿון די גריעקן — ברידער, גוואַלד געשריִען, אייגענע ברידער!.. עס איז אַ חרפּה, אַ בושה, זאָג איך דיר, זוגתי היקרה, עס פֿלאַמט דאָס פּנים, אַז מען לייענט די דעפּעשן, וואָס פֿליִען פֿון סאָפֿיע און פֿון בעלגראַד, ווי אַזוי איינער לייגט אַרויף אויף דעם אַנדערן די באַד און ווי אַזוי יעדער טענהט: אַז ער איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק, גאָרניט אין זינען געהאַט זיך שלאָגן, נאָר אַז מען צווינגט אים, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? און ווי אַזוי יעדער באַרימט זיך פֿון דעסטוועגן און קוועלט אָן און שווערט זיך, אַז דער צווייטער צד האָט געפּטרט פֿופֿצן טויזנט מענטשן, און דער צווייטער צד לייקנט שטיין און ביין און כאַפּט די ערד, אַז דער ערשטער צד לייגט ווי אַ הונט, דאָס האָט ער גאָר, דער ערשטער צד טאַקע, פֿאַר־לוירן פֿינף און צוואַנציק טויזנט מאַן אַחוץ געפֿאַנגענע — און דאָס איז צווישן אייגענע, צווישן ברידער און צווישן שותּפֿים, וואָס זענען ערשט נעכטן געגאַנגען האַנט בײַ האַנט, מלחמה געהאַלטן פֿון גאָטס וועגן, געשלאָגן זיך מיט אַ פֿרעמדער באמנה! מען האָט דען אין זינען געהאַט אַן אַנדער זאַך אַחוץ באַפֿרײַען די אָרעמע

סלאַוויאַנער פֿונעם טערקישן יאָך? ס׳איז דען געווען אַן אַנדער מחשבה־זרה, אַחוץ אַפּריינקן די באַלקאַנעס פֿונעם אומריינעם טערק?.. און דאָס אַלצדינג וואָס דו לייענסט וועגן די פֿופֿצן טויזנט און וועגן די פֿינף טויזנט איז עס נאָך אַלץ אַן אַ מלחמה! נאָך אַלץ דערוויַיל, לפֿי שעה, גלאַט אַזוי געשפּילט זיך, געמאַכט אַ מין רעפּעטיציע. אַ בזיון, כ׳לעבן, אַ בזיון! היַינט די נעמען פֿון די ערטער וואָס מען שלאָגט זיך דאָרט, זאָלסט לייענען, זאָג איך דיר, איז חוכא וטלולא! מאַל דיר, ס׳איז ביַי אונדז אויך פֿאַראַן געגנוג טשודנע נעמען. למשל, נעם אַזעלכע ערטער ווי „פּערעשטשעפּני״, „טרעסקיזיליע״, „זשערעביאַטניק״, זדאַנסקיוואָליע״, „כאַ־צעפּעטעווקע״, „פּעטעכאַטקע״, „צעכאַציִנעק״ וכדומה — זענען זיי גאָלד אַקעגן די ווילדע נעמען פֿון יענע ערטער, ווו די באָלגאַרן מיט די סערבן מיט די גרעקן בויקעווען זיך אַציַנד! שטייסט אויף איין דער פֿרי און הייבסט אָן לייענען דעפּעשן, און אין „קאַטשאַנע״ און אין „קילקיטש״ האָט מען אויסגעלייגט אַזוי פֿיל מענטשן, אין „אישטיב״ און אין „טראַכאַליע״ האָט מען אויסגעשניטן אַזוי פֿיל מענטשן, אין „קריוואָלאַקאַווריקאַ״, אין „רעדקיבאַוקי״, אין קאַרוועקיטקע״ גיסט זיך בלוט אַזוי ווי וואַסער — נו, פֿרעג איך דיך, קאָן ניט אַנהייבן נודיען נאָר פֿון די נעמען אַליין? דאָס איז אָבער נאָך אַלץ בלאָטע! כאַסקל קאַטיק מעג זיך פֿרייען, ער מעג אַפֿילו גיין טאַנצן — איך גיי מיר מיט מיַין גאַנג און זאָג, אַז דאָס איז נאָך אַלץ ניט די אמתע מלחמה. די אמתע מלחמה וועט זיַין ניט צווישן די דאָזיקע קליינע מלוכהלעך, וואָס זעען אויס ווי פֿליגן קעגן יענע גרויסע עלעפֿאַנטן, וואָס שטייען נאָך דערוויַיל פֿון דער וויַיטן, און קוקן צו ווי די קונדסים שפּילן זיך. די אמתע מלחמה וועט זיַין ניט מיט רומיניע, וואָס גרייט זיך זייער שטאַרק, ציט צונויף איר ביסל חייל אויף דער גרענעץ. די אמתע מלחמה וועט זיַין אַפֿילו ניט מיטן טערק, וואָס זיצט קוים איַין אויפֿן אָרט, קוקט מיט איין אויג אויף אַדריַנאָפּאָל און מיטן אַנדערן אויג אויף סאַלאָניק און האָט שוין חשק זיך אַ ריר צו טאָן. ער זאָל מיך פֿרעגן, דער טערק הייסט עס, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז ער זאָל דערוויַיל נאָך אַ ביסל אָפּוואַרטן — ס׳איז נאָך צו פֿרי... די אמתע מלחמה וועט זיַין גאָר צווישן די „גדולים״, בשעת זיי וועלן אַרויסטרעטן מאַכן אַ טאָלק צווישן די קליינע ברידערלעך, וואָס האָבן זיך צעדראַפּעט. יעדער פֿון זיי, פֿון די „גדולים״, וועט זיך נעמען מסתמא עמעצן פֿון די ברידערלעך אונטער זיַין שוץ — און דערפֿון וועט דאָס אַרויס די רעכטע חתונה! דערוויַיל זאָלסטו גאָר קיין יסורים ניט האָבן — עס האַלט נאָך ניט דערביַי. דערוויַיל טוט זיך יעדער זיַין זאַך. די דיפּלאָמאַטן שאַרפֿן זיך די ציינגלעך און פּראָווען וויזיטן איינס צו דאָס אַנ־

דערע און די „גדולים“ שאַרפֿן די שווערדן, בויען שיפֿן אויפֿן ים און עראָפּלאַנען אין דער לופֿטן, וואָרעם די מלחמה וואָס וועט זײַן — איך מיין די גרויסע מלחמה — וועט זײַן ניט אויפֿן ים און ניט אויף דער יבשה נאָר אין דער לופֿטן. ס׳וועט שוין זײַן איין מאָל אַ מלחמה! נישט מער, דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס זי וועט לאַנג ניט געדויערן. עס וועט בײַם ערשטן קראַך ווערן אַזאַ גוואַלד, אַז די וועלט וועט אַ ציטער טאָן — און דעמאָלט וועט מוזן ווערן שלום און פֿרידן און ליכטיק בײַ אַלע פֿעלקער — און דעמאָלט וועט קומען די צײַט אויך פֿאַר אונדזערע אחינו בני־ישראל. פֿרעמדע, נאַרעלע, וועלן זיך אַנגעמען אונדזער קריוודע. שׂונאים וועלן ווערן גוטע פֿרײַנד. מ׳וועט ניט הערן מער דאָס וואָרט „זשיד“, אָדער „זשידזי“. די פּאָליאַקן וועלן זיך באַגראָבן מיט זייער בויקאָט בײַן איילן. זיי וועלן זיך גאָר שעמען אויסזאָגן, אַז זיי האָבן אונדז אַ מאָל געבויקאָטעוועט. און אַ סך, אַ סך וועלן זיך שעמען און חרטה האָבן אויף דעם וואָס מען האָט אונדז אומזיסט און אומגישט פֿאַרגאָסן בלוט... דאָס וועט אָבער אַלץ זײַן אַ מאָל, אַ מאָל... און דערווײַל איז ניט גוט מיט אונדז, זוגתי היקרה, זייער ניט גוט! דו שרײַבסט מיר, אַז איך שרײַב ניט דאָס וואָס מ׳דאַרף שרײַבן. גלייב מיר, אַז איך ווייס עס אַליין גאַנץ גוט און נאָך איידער דו האָסט מיר געשריבן האָב איך אַליין שוין אין זינען געהאַט זיך אַ נעם טאָן קודם־כּל צו דער עמיגראַציע. איך האָב שוין אויס־געאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן אַפֿילו מיט אַלערליי תקנות, ווי אַזוי אונדזער עמיגראַנט זאָל זײַן באַוואָרנט פֿון די אַגענטן מיט גנבים, גזלנים, רויבערס און בעלי־טובות אויף דער זײַט גרענעץ און אויף יענער זײַט גרענעץ און ביז ער קומט אויפֿן אָרט. דער פּלאַן מיט די תקנות איז שוין בײַ מיר פֿאַרטיק אַרום און אַרום און איך רעכן אַרויסצוגעבן דאָס אין אַ באַזונדער ביכל, אם־ירצה־השם, אָפּדרוקן זעקס מיליאָן ביכלעך און צעשיקן זיי אומזיסט בכל תּפֿוצות ישׂראל! ס׳איז דערווײַל נאָך אַ שטיקל מניעה אין געלט. אָפּדרוקן דאָס ביכל, פֿאַרשטייסטו מיך, באַדאַרף קאָסטן אַ שיינע קאָפּיקע! דאָס הייסט, דאָס דרוקן אַליין איז בלאָטע. עס וועט מיר ניט קאָסטן גאָרניט ניט. איך האָב אַ רעד געגעבן מיט מײַנע פֿרײַנד, מיט די זעצערס, זיי אַ ווײַז געגעבן דעם פּלאַן אויפֿן פּאַפּיר, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז עס דאַרף נעמען בײַ זיי אין גאַנצן אַזאַ שעה צײַט אָדער צוויי, וועלן זיי דאָס צו ליב מיר און צו ליב דעם וואָס ס׳איז אַ טובת־הכּלל־זאַך, אויסזעצן מיר אָן אַ גראָשן געלט. נישט מער, איין זאַך — דאָס דרוקן און דאָס פּאַפּיר. איך ווייס נאָך ניט וויפֿל מען דאַרף פּאַפּיר. בין איך אַריבערגעלאָפֿן צו כאַסקל קאָטיק. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ סך אַזעלכע ביכלעך, איז ער אין די זאַכן געניט.

און מיר האָבן בײדע געגעבן אַ כאַפּ אַרויף דעם חשבון אויף דער פּען, לאָזט זיך אויס, אַז פּאַפּיר אַליין אויף זעקס מיליאָן ביכלעך באַדאַרף אָפּקאָסטן אַן עשירות! ער האָט מורא, זאָגט ער, אַז עס זאָל ניט אַרײַנפּליִען אין די למד אלפים... איז דאָך שלעכט! — ווו נעמט מען אַזוי פּיל געלט? בין איך געפאַלן אויף אַ קאָמבינאַציע. אַזאַ קאָמבינאַציע, וואָס דו וועסט אַליין זאָגן, אַז ס'איז אַן אַנטיק. ווּעסטו דאָך פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ קאָמבינאַציע? וועל איך איר דערויף ענטפֿערן מיט איין וואָרט: „אַנאָנסן". ווּעסטו דאָך פֿרעגן: וואָס איז דער פּשט „אַנאָנסן"? באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן, זאָלסט וויסן, אַז אַלצדינג שטייט הײַנט אויף „אַנאָנסן". למשל, דו קויפֿסט אַ גאַזעט, מײנסט אַוודאי, אַז דער רעדאַקטאָר איז אויסן דײַנע פֿיר גראָשן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! דער עיקר איז בײַ אים די לעצטע זײַט, די אַנאָנסן. די אַנאָנסן, נאַרעלע, טראָגן אים אַרײַן גאַנצע הונדערטער און גאַנצע טויזנטער! ווען ניט די אַנאָנסן, וואָלט ער געמעגט לייגן די ציין אויף די באַנטענעס. אַזוי איז אין אַמעריקע און אַזוי איז בײַ אונדז. אין אַמעריקע איז דער רעדאַקטאָר אַזוי פֿאַרליבט אין די אַנאָנסן (דאָרט הייסט עס אַדווירטייזעמונג), אַז ער גיט איין זײַט גאַזעט און דרײַ זײַטן אַנאָנסן... פֿאַראַן אין אַמעריקע אַזעלכע גאַזעטן, וואָס אַלע פֿיר זײַטן זענען אַנאָנסן און גאַזעט אַליין איז ניטאָ גאָרניט. אַזעלכע גאַזעטן ווערן צעטיילט אומזיסט. אַנדערע צאָלן נאָך צו מען זאָל זיי נעמען. וואָרעם וואָס מער די גאַזעט דרוקט זיך, קאָסטן אירע אַנאָנסן אַלץ טײַערער. הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין, זוגתי היקרה, מײַן קאָמבינאַ־ציע? אַזוי ווי מײַן ביכל וועט ניט קאָסטן גאָרניט און עס וועט זיך דרוקן זעקס מיליאָן ביכלעך אין איין קלאַפּ, וועל איך קאָנען אַהין צו אַרײַנהאַקן אַנאָנסן וואָס מער און וואָס טײַערער, וואָרעם ווער וועט דאָס ניט וועלן געבן קיין אַנאָנס אין אַזאַ ביכל, וואָס קאָסט גאָרניט און עס דרוקט זיך אַזוי פּיל? איך בין זיכער, אַז מ'וועט זיך שלאָגן פֿאַר אַנאָנסן! אַלע וועלן זיך שטופּן און עס וועט ניט זײַן גאָר אַזוי פּיל פּלאַץ. דאָס געלט פֿון די אַנאָנסן וועט דעקן ניט נאָר אַלע הוצאות פֿונעם דרוקן, מיטן פּאַפּיר, עס קאָן נאָך בלײַבן אַ כּף אַלפֿים אויב ניט מער. מען באַדאַרף זײַן אַ בהמה מ'זאָל עס ניט פֿאַרשטיין... נישט מער, מ'באַדאַרף האָבן מענטשן, וואָס זאָלן אין דעם אַרבעטן, דאָס הייסט זאַמלען די אַנאָנסן. איין מענטש אַליין קאָן זיך דאָך ניט צערײַסן. ובפֿרט אַז דאָס איז ניט די איינציקע קאָמבינאַציע מײַנע. איך האָב נאָך! אָט טראָג איך מיך אַרום איצט מיט אַ פּלאַן וועגן אונדז אַליין טאָקע, איך מיין עס אונדזערע ייִדישע שרײַבערס טאַקע, וואָס זענען צע־וואָרפֿן, איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי, האָבן ניט קיין באַשטענדיק

ארט, וווּ זיי זאָלן זיך קאָנען צונויפקומען אַלע אין איינעם, טרינקען אַ גלעזל קאַווע אַפילו, אָדער גלאַט אַ ביסל זיצן און שמועסן. אויף אַקציעס וויל איך דאָס מאַכן. דאָס וועט זיין אַ גאָלדן געשעפט! נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט — איך דאַרף לויפן הערן וואָס שרייבט מען עפּעס פון סאָפיע און בעלגראַד און פון „טראַכאַליע" און פון „קריוואָלאָקאָודיקאָ" און פון „רעדקיבוק" און פון „קאָ־ווערקיטקע", — מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

ע י ק ר ־ ש ח כ ח ת י : די ביכלעך וואָס די קינדער בעטן מיך, שיק איך זיי. רק איך ווייס ניט, צי דאָס איז די סחורה וואָס זיי דאַרפן האָבן? עס זענען פאַראַן, פאַרשטייסטו מיך, היינט אַזוי פיל „מעטאָדעס", וויפל שטערן אין הימל! ס'איז פאַראַן אַזוי: עברית בעברית, עברית ביידיש, עברית ברוסית, יידיש בעברית, יידיש ברוסיש, יידיש ביידיש. רוסיש בעברית, רוסיש ביידיש און רוסיש ברוסיש. היינט די חומשים, וואָס די קינדער בעטן מיך, ווייס איך ניט וואָסערע חומשים איך זאָל זיי שיקן: צי סתם חומשים, צי די היינטיקע, די נייע? און די היינ־טיקע חומשים אַליין זענען אויך פאַראַן אַלערליי... למשל, ס'איז פאַראַן חומשים וואָס זענען אַ ביסל פאַרקירצט, און פאַראַן חומשים וואָס זענען שטאַרק פאַר־קירצט. היינט זענען פאַראַן חומשים צונויפגעשטעלטע, חומשים געשניטענע, חומשים געהאַקטע, חומשים געבראָקטע — דו שפּילסט זיך מיט וואַרשע!

הנ"ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

10

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם מענדל נ״י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, ס׳זאָל זיך זיי אַזוי גלוסטן צו לעבן אויף דער וועלט, איך מיין טאַקע דײַנע שיינע לײַט, די דײַטשן, ווי מיר גלוסט זיך דיר שרײַבן נאָך אַ מאָל פֿון דעם, ווי אַזוי זיי באַגייען זיך מיט אונדזערע מיגראַנטן, ערגער ווי מיט סקאָט. ניט נאָר שרײַבן, אפשר מײַבן זאָל מען זיי פֿון קדחת, נאָר עס ווילט זיך אַפֿילו ניט רעדן פֿון זיי, רעדן זאָלן זיי דיר פֿון היץ, און שעלטן זיי ווילט זיך אַוודאי ניט. פֿאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן פֿון גאָט, די גאַנצע תוכחה זאָל אויף זיי אויסגעגאָסן ווערן פֿאַר אונדזער בלוט, וואָס גיסט זיך אומברחמנותדיק אין אַלע גאַסן פֿון אַלע שטעט אויף דער גאַנצער וועלט, אָמן רבונו־של־עולם! נאָר אַזוי ווי איך האָב דיר צוגעזאָגט אַז איך וועל דיר שרײַבן אַלצדינג, איז פֿאַרפֿאַלן, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: עס שטייט געשריבן, אַז אַ ווײַב גיט דעם מאַן אַ וואָרט, באַדאַרף זי האַלטן, וואָרעם אַ מויל איז ניט קיין כּאַליווע... און אַגב ביסטו דאָך עפּעס איצטער מיט גאָטס הילף אַ שרײַבער פֿון די שרײַבערס, וואָס שרײַבן אויף די געזעטן, באַדאַרפֿסטו דאָך האָבן פֿון וואָס צו שרײַבן, און איידער שרײַבן דער רוח ווייסט וואָס, מלחמות מיט פּלאָנעס מיט נעכטיקע טעג, איז שוין גלײַכער זאָלסט בעסער אַרײַנשרײַבן אין דײַן געזעצט אָט דאָס וואָס נח שרײַבט צו זײַן ברודער פֿײַטל־משה באָס און דאָס בריוול, וואָס ברוך־לייב שרײַבט צו זײַן מאַמע פּערקעלע די אַלמנה. דאָס איז נייטיקער פֿון אַלע דײַנע שרײַבעכצן. איך גיב דיר זיי איבער אין קורצן, וואָרעם אַרויסשרײַבן דיר אַלצדינג וואָס זיי שרײַבן האָב איך קיין צײַט ניט, די קינדער וועלן באַלד אויפֿשטיין, באַדאַרף מען זיי אָפּגעבן זייער אָנבײַסן און אָפּשיקן זיי אין חדר אַרײַן.

מילא די צרות וואָס די בידע, איך מיין טאַקע נח און ברוך־לייב, זענען אויסגעשטאַנען ביז דער גרענעץ, בין איך דיר מוחל. פֿײַטל־משה באָס איז ניט

קיין ליגנער, און אַפֿילו פּערקעלע די אַלמנה, וואָס די מאַמע רופֿט זי „קלאָג־מוטער" פֿאַר איר ווײנען וואָס זי וויינט און פֿאַר אירע פּיסקעס וואָס זי מאַכט, וועט אויך ניט דערציילן וואָס ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן. אַז זײַן נח איז געקומען צו פֿאָרן צו דער גרענעץ — אַזוי דערציילט פֿײַטל־משה באָס — האָט ער זיך שוין אַרומגעקוקט, אַז די שפּיל איז פֿאַרן טײַוול, די אַגענטן האָבן אים באַנומען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, צוגעזאָגט הרים־וגבעות, און אויסגעמאַטעט די קישקעס, ניט קיין בילעטן, ניט קיין געלט, ניט קיין גנבענען די גרענעץ — גאָרניט! איז אָבער נח ניט קיין מלופּים־קינד, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי פֿײַטל, האָט ער זיך צעשריגן אויף אַ קול, אַז ער וועט זיי אַזוי און אַזוי, האָט מען אים געהרגעט, געשלאָגן. אַ גליק, וואָס זײַן בליומע האָט זיך אַרײַנגעמישט און וואָס די קינדער האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן און מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט. האָט אים גאָט צוגעשיקט נײַע אַגענטן, וואָס האָבן אים איבערגעפּעקלט איבער דער גרענעץ און אויסגעמאַנטאַטשעט דאָס איבעריקע ביסל געלט און געלאָזט שטעקן אין דער בלאָטע. אַ גליק, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן צום קאָמיטעט, וואָס האָט אים אָפּגעשיקט ווײַטער, נאָר מיט אַזאַ מין איילעניש און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פֿאַרנדיק אין וואָגאָן האָט בײַ בליומען פֿון די הענט אַרויסגעגליטשט זיך אַ קינד פֿון אַנדערטהאַלבן יאָר, אַ מיידעלע אַ גאָלד, פֿייגעלע האָט דאָס געהייסן, איז בליומע שיִער ניט אַראָפּ פֿונעם זינען, און נח האָט געאַרבעט מעשׂים, געשריגן, געליאַרעמט, האָט מען אים געהרגעט, געשלאָגן. איז מען דאָך אָבער צווישן ייִדן, האָט מען אים געגעבן אַן עצה ער זאָל אײַנגעבן, מאָנען תּרפּ״ט אַלפֿים פֿאַרן היזוק — אַ קלייניקייט אַ קינד, כאָטש עס זענען דאָ בײַ אים גענוג, ניט פֿאַרזינדיקן. נאָר, ווי זאָגט די מאַמע: בײַם גביר די מיליאָנען און בײַם אָרעמאַן די קינדער — ווייסט מען ניט וואָס איז טײַערער... האָט ער געפֿאָלגט און האָט אײַנגעגעבן, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך דערפֿון אַ בוידעם, וואָרעם אַז מ'האָט ניט דאָס לשון, מישטיינס געזאָגט, צו וואָס טויג אַ מענטש? ווי זאָגט די מאַמע: עס שטייט געשריבן, אַז גאָט האָט געוואָלט באַשטראָפֿן די וועלט, האָט ער אָפּגענומען בײַ די מענטשן דאָס לשון, אַזוי אַז איינער האָט געזאָגט, למשל, גיב מיר ברויט, האָט מען אים דערלאַנגט אַ שטיין אין קאָפּ, און אַז ער האָט געבעטן אַ טרונק, האָט מען אים אונטערגעטראָגן אַ מעסער... דער שפּיץ איז — בליומע איז קראַנק געוואָרן פֿאַר צרות און נח קאָן אַן איר מיט די קינדער ווײַטער ניט פֿאָרן, זיצט ער אין געהאַקטע ווונדן און שרײַבט בריוולעך צו זײַן ברודער פֿײַטל, ער זאָל אים העלפֿן מיט וואָס ער קאָן. שרײַבט ער אים, פֿײַטל הייסט עס, ער זאָל

זיך דאָרט אויסטאָרען אויף הוצאות און קומען צוריק, שרײַבט ער אים, נח הייסט עס, ער זאָל וויסן דער טויט זאָל אים זײַן, וועט ער שוין צוריק ניט קומען. די מאַמע איז געדעכט. זי זאָגט: אַזאַ כּוח האָט אין זיך דאָס אַמעריטשקע, אַז טאָמער פֿאָרט מען אַהין אַוועק, וועט מען גיכער ניט דערלעבן קומען אויפֿן אָרט איידער אומקערן זיך צוריק...

האָב איך דיר געפּטרט נחן. איצט וועסטו הערן אַ שײנס, וואָס ברוך-לייב שרײַבט צו זײַן מאַמע פּערקעלע די אַלמנה. נאָר בײַ פּערקעלען וועסטו אַזוי גיך דערגיין אַ טאָלק, אַז אַליין איז זי הייזעריק און רעדן רעדט עס — אַ מיל מאָלט, און באַלד עפּעס, איז אָדער געוויינט אָדער געמאַכט אַזעלכע פּיסקעס, אַז עס מעג זײַן ווי טראַווערדיק, גלוסט זיך לאַכן. פֿון אַלע אירע מעשׂיות, וואָס זי דער־ציילט זיך אַן פֿון איר זון און פֿון איר שנור און פֿון אירע אייניקלעך, איז אַרויס־צובאַקומען נאָר איין זאַך, אַז אַ צײַט זענען זיי אַפּגעלעגן אין איינעם מיט נחן אין קיניסבערג ערגעץ אין אַ הקדש, געוואַלגערט זיך אויף פֿאַרפֿוילטע שטרוי, געגעסן איין מאָל אין טאָג אַ שטיקל ברויט מיט ווערעם, און אַלע מאָל איז בײַ זיי קראַנק געוואָרן אַן אַנדער קינד אויף געזונטע אויגן, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז זיי האָבן זיך קוים מיט צרות פֿאַרשלעפּט קיין לאָנדאָן, און אַז זיי זענען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פֿאַר זיי דער אמתער גיהנום, ווארעם כּל-זמן, שרײַבט ברוך-לייב, זיי זענען געווען צווישן די דײַטשן, האָבן זיי די דײַטשן נאָך ווי עס איז פֿאַרשטאַנען, ווארעם אונדזער ייִדיש, שרײַבט ער, און זייער דײַטש, איז אַזוי ווי אַ פּוילישער מיט אַ ליטוואַק. ס׳איז טאַקע פּריקרע, שרײַבט ער, אַז מ׳הערט ווי אַ ליטוואַק זאָגט אויף ברויט — בריט און אויף פֿלייש — פֿלייס און אויף מילך — מולאָך, נאָר פֿון דעסטוועגן שטויסט מען זיך וואָס ער מיינט, אַזוי איז, זאָגט ער, מיט די דײַטשן אויך. זיי לאַכן טאַקע פֿון אונדז ווי מיר רעדן און האָבן אונדז טאַקע פֿײַנט, זאָגט ער, ווי חזיר, נאָר אַז מ׳צאָלט זיי געלט, פֿאַרשטייען זיי... נאָר דאָרטן אין לאָנדאָן, זאָגט ער, איז אַן אומגליק. מיר זענען דאָרטן, זאָגט ער, ערגער ווי די שטומע. און ערגער פֿון אַלץ, זאָגט ער, איז דאָס, וואָס די דאָרטיקע ייִדן מאַכן זיך אַז זיי פֿאַרשטייען אונדז ניט, אָדער זיי פֿאַרשטייען אונדז טאַקע ניט. נאָר דאָס אַלצדינג, שרײַבט ער, איז נאָך אַלץ גאָרניט. אָט דאָס לאָנדאָן, שרײַבט ער, וואָלט געמעגט אײַנגע־זונקען ווערן אַזוי ווי סדום, איידער ער איז אַהין צו צו געקומען, וואָלט ער געהאַט, זאָגט ער, איצטער אַ זון מנשה. מנשה איז בײַ אים געווען, שרײַבט ער,

דער שפּיגל, און אויף אים האָט ער געלייגט אַלע האָפענונגען. האָט דאָס אים באַדאַרפט, שרײַבט ער, ברענגען צו טראָגן קיין לאָנדאָן, און אין לאָנדאָן דרייען זיך אַרום, שרײַבט ער, מיינסטנס צווישן די אָרעמע מיגראַנטן, אַזעלכע מענטשלעך, וואָס רעדן אַז מ׳זאָל זיך שמדן. זיי זעען יידן נעבעך ווערן אויסגעריסן, הונגערן, פאַסטן תעניתים, פאַרנאַרן זיי צו זיך, זאָגן צו גאָלדענע בערג, האָדעווען און טרינקען אָן, גיבן אַ דאָקטאָר אומזיסט און אַלע רפואות אַז מען דאַרף, — און אַ גוטן טאָג... די ערשטע צײַט, שרײַבט ער, האָבן זיי גאָרניט געוווּסט, וואָס מיט מנשהן טוט זיך. עפּעס איז ער געווען זייער פאַרטראַכט און מאָדנע פאַרזאָרגט, פלעגט אַוועק און פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז ער איז איין מאָל אַוועק און שוין צוריק ניט געקומען. נאָר אַ בריוול האָט ער צוגעשיקט, אַז מ׳זאָל ניט איבערטראַכטן און מ׳זאָל אים ניט זוכן און מ׳זאָל אויף אים ניט וואַרטן, ער וועט שוין צוריק ניט קומען קיין מאָל, וואָרעם ער איז שוין ניט ער... וואָס פאַר אַ בשורה דאָס איז געווען פאַר טאַטע־מאַמע קאָן מען זיך שוין פאַרשטעלן! זיי בעטן אויף זיך, שרײַבט ער, דעם טויט אַלע טאָג, נאָר דער טויט וויל ניט קומען, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז דער איבערשטער האָט געגומען בײַם מלאך־המוות די האַנט תקיעת־כּף, ער זאָל ניט גיין ווו מען רופט אים, נאָר ווו מען באַהאַלט זיך פון אים... דאָס אייגענע וואָס מיטן טאַטן עליו־השלום. וואָס וואָלט גאָט געערט, זאָגט זי, אַז דער טאַטע זאָל לעבן נאָך אַ יאָר צוואַנציק? ווען האָט ער ענג געמאַכט און וועמענס זאַלץ און ברויט האָט ער געגעסן? נאָר אַז עס איז באַשערט, איז די באָבע ריקל בלינד און טויב און שלעפט זיך און דער טאַטע ליגט אין דער ערד! אַזוי ווי פרומע־גיטל, אונדזער מומע לאהס טאָכטער, איז זיך מישב יענע וואָך און שטאַרבט אַוועק, טרעף פון וואָס? פון אַ דערשרעק. זי איז געגאַנגען פון מאַרק אַהיים מיטן קאַשיק, האָט זי דערזען מ׳לויפט און מ׳קוקט אַרויף. האָט זי געמיינט, מי יודע וואָס, — אַ פּאָגראָם, אַ שׂרפה, אַ מגפה... צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז גאָר אַ לופטבאַלאָן, זאָגט מען, דורכגעפלויגן איבער כּתרילעווקע — מײַנע צרות און דײַנע צרות און אונדזערע אַלעמענס צרות אויף זייער קאָפּ! איבער אַ לופטבאַלאָן איז נעבעך ראובן געבליבן אַן אַלמן און זײַנע קינדער יתומים — דאָס איז נאָך ערגער, וואָרעם אַזאַ מכּה ראובנען און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי ער וועט חתונה האָבן נאָך אַ מאָל, ווי עס ווינטשט דיר פיל גוטס און אימער גליק, דײַן באמת געטרײַע פרוי

שיינע־שיינדל

די ביכלעך, וואָס דו שרייַבסט אַז דו האָסט אַרויסגעשיקט פֿאַר די קינדער, זענען דערווייַל נאָך ניטאָ. איך פֿאַרשטיי ניט פֿאַר וואָס? אָדער דו ווערסט זיי ערשט אַ מאָל אַרויסשיקן מירטשעם מיט אַן אײַבערגעכאַפּטער פֿור, אָדער זיי גייען בייַ דיר צו פוס...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

14

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן אַז דײַנע בריוו, וואָס שרײַבסט מיר וועגן אונדזערע עמיגראַנטן, וואָס ווערן אויסגעריסן איבער די אַגענטן אויף דער זײַט גרענעץ און אויף יענער זײַט גרענעץ, האָבן געטאָן אַ גרויסע טובֿה פֿאַרן כּלל, וואָרעם איך וועל זיי אַרײַנשטעלן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען אין יענעם ספֿר, וואָס איך קלויב מיך אַרויסצוגעבן אין זעקס מיליאָן ביכלעך און צעטיילן זיי אומזיסט אין בכּל־תּפֿוצות־ישׂראל. געלט אויף אַרויסצוגעבן דאָס ביכל, האָב איך דיר שוין געשריבן אַז איך וועל האָבן די־והותר דורך די אַנאָנסן, וואָס איך וועל צונויפֿנעמען. עטלעכע צענדליק אַנאָנסן האָבן איך שוין, נאָר דאָס זענען נאָך לעת־עתּה אַנאָנסן געביטענע. דאָס הייסט אַנאָנסן פֿאַר אַנאָנסן. דהײַנו? דו גיסט אַרויס אַ ביכל און איך גיב אַרויס אַ ביכל, ווילסטו אַז איך זאָל אַנאָנסירן דײַן ביכל, און איך וויל אַז דו זאָלסט אַנאָנסירן מײַן ביכל. וואָס זשע טוען מיר? בײַטן מיר זיך. מײַן ביכל אַנאָנסירט דײַן ביכל און דײַן ביכל אַנאָנסירט מײַן ביכל. דאָס איז אַזוי פּראָסט, ווי אַ בייגל אַ גראָשן. נישט מער, פֿון די ביכלדיקע אַנאָנסן פֿאַלט קיין מזומנים ניט אַרײַן. דערפֿאַר אָבער ציִען זיי צו אַ סך זײַטיקע אַנאָנסן, וואָס קאָנען שוין אַרײַנברענגען געלט אויך, און אַ סך. למשל, פֿון די שיפֿס־קאָמפּאַניעס אַליין קאָן אַרײַנפֿאַלן אַ שיינע קאָפּיקע, — לאָזן זיי נאָר דערשמעקן אַז דאָס ביכל, וואָס איך וויל אַרויסגעבן, שמועסט וועגן יידישע עמיגראַציע און זיי דרוקן זיך זעקס מיליאָן ביכלעך. און ווי באַלד ס׳וועלן אַרײַנפֿאַלן די ערשטע עטלעכע גילדן, אַזוי באַשטעל איך עטלעכע שליחים־קאָמיוואָיאַשערן, זיי זאָלן זיך לאָזן איבער דער וועלט זאַמלען אַנאָנסן.

הקיצור, ווי דו זעסט, זוגתי היקרה, בין איך מיט מײַן ביכל כּמעט אַזוי ווי פֿאַרטיק און איך עוסק מיך איצט אין מײַן צווייטער קאָמבינאַציע, וואָס איך

האָב דיר געהאַט געשריבן וועגן איר אין מײַן פֿריִערדיקן בריוו. דאָס איז די קאָמבינאַציע וועגן אונדז אַליין טאַקע, וועגן ייִדישע שרײַבערס, הן דאָ אין וואַרשע, הן אויף דער גאַנצער וועלט, זיי זאָלן ווערן איין זעל, איין נשמה, זיי זאָלן ניט זײַן צעזייט און צעשפּרייט און זאָלן אַלע זײַן ביכולת צו אַרבעטן לטובת הכּלל — און דערפֿון קאָן אַרויסקומען די גרעסטע טובֿה הן פֿאַר אונדז, שרײַבערס, הן פֿאַר אַלע אונדזערע אחינו בני־ישׂראל דאָ בײַ אונדז און אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט. ווייסטו דאָך פֿרעגן, ווי קום איך צו דעם געדאַנק? דאַרף איך דיר מודה זײַן, אַז דאָס האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דווקא די פּאָליאַקן מיט זייער בויקאָט, וואָס זיי בויקאָטעווען די ייִדן. ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן? ווייסטו האָרכן.

אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָך האָבן אַלע ייִדישע שרײַבערס, און דײַן מאַן מנחם־מענדל אויך בתוכם, גענומען גוואַלדעווען און שרײַבן פֿלאַם־פֿײַערדיקע אַרטיקלען אין די גאַזעטן, אַזוי און אַזוי, הבה נתחכּמה, מיר וועלן דאָך זײַן ערגער פֿון ערגער, אַז מיר וועלן ניט מאַכן יד־אחת און ניט אַרויס קעגן דעם שונאס „סוואַי דאָ סוועגאָ" מיט אַן אייגענעם „סוואַי דאָ סוועגאָ". האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען חכמים, וואָס זענען אַרויס מיט זייערע אַרטיקלען און מיט דרשות אויף אַסיפֿות: — סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, טענהן זיי, אַז ייִדן זאָלן זיך וואָרענען מיט די אייגענע כּלי־זיין וואָס בײַ זייערע שונאים? למשל, זאָגן זיי, עמעצער זאָל אונדז הייסן צאָלן מיט אַ פּאָגראָם פֿאַר אַ פּאָגראָם, וואָלטן מיר דען ניט געמאַכט יענעם פֿאַר אַ משוגענעם? איז איין מאָל אָוועק. והשנית, זאָגן זיי, וואָס איז דאָ דער גוואַלד, טאָמער זענען עטלעכע פּוילישע קרעמערס, בורזשוקעס הייסט עס אויף זייער לשון, אַרויסגעטראָטן קעגן עטלעכע ייִדישע קרעמערס בורזשוקעס — מה רעש? לאָזן זיך די קרעמערלעך, זאָגן זיי, רײַסן, לאָזן זיי זיך בײַסן, וואָס געהערט זיך עס אָן מיטן כּלל־מענטש?... נאָר מער פֿון אַלץ האָט זיי פֿאַרדראָסן אויף מיר. סטײַטש, זאָגן זיי, מנחם־מענדל, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען קיין בורזשוק, נאָר אַ שפּעגעלאַנט, זאָל ער זיך אָננעמען די קריוודע פֿון די בורזשוקעס און האַלטן פֿון אַ ייִדישן „סוואַי דאָ סוועגאָ"? האָב איך אַפֿילו געהאַט יענעם בעל־דרשן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ לאַנגן בריוו און האָב אים אָוועקגעגעבן אַ רעכטע פּאַרציע! האָט דאָס אָבער מײַן רעדאַקטאָר פֿאַרבראַקעוועט. די רידאַקטאָרס האָבן אַ טבֿע — זיי בראַקעווען. ער האָט געפֿונען אַז ס׳איז צו פֿיל זידלערײַ... האָב איך אים אַפֿילו געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז ער אַליין זידלט זיך אויך גאַנץ גוט אויס... האָט ער מיר געענטפֿ־

פּערט, אַז דערויף איז ער אַ רידאַקטאָר, אַז איך וועל זײַן אַ רידאַקטאָר, זאָגט ער, וועל איך זיך אויך זידלען...

הקיצור, ס'איז געווען אַ שרײַבעניש אויף טיש און אויף בענק און נאָך עד־היום־הזה הערט מען ניט אויף צו פֿײַערן און צו גוואַלדעווען: „סטײַטש, יידן, וואָס שווײַגט מען? פֿאַר וואָס זעט מען ניט? פֿאַר וואָס טוט מען ניט?"... און בסך־הכל באַדאַרף איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, ס'זאָל זיי צו קיין חרפּה ניט זײַן, איך מיין טאַקע אונדזערע שרײַבערס מיין איך, מען שרײַבט און מען שרײַבט און קומט צו עפּעס — גייט מען אַליין אין די פּוילישע קאַוויאַרניעס טרינקען טיי, כאַטש מען קוקט אויף זיי דאָרטן ווי דער הונט אויפֿן שליח־מנות, נאָר ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: דער ייד איז טרייף, זײַן גראָשן איז כשר... טענה איך מיט זיי: „ברידערלעך, היתּכן, ווי טוט איר דאָס אַזאַ זאַך? אַ חרפּה, אַ בושה פֿאַר לײַטן! איך זאָג שוין ניט אונדזערע יידן, אַ ייד פֿאַר אַ יידן שעמט זיך ווינציק, וואָס אָבער זיי, די פּאַליאַקן אַליין, טײַטן דאָך אויף אײַך מיט די פֿינגער!"... זאָגן זיי: „וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס'איז בדליבא? דאָס הייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין רעכטע יידישע קאַוויאַרניע אין וואַרשע..." זאָג איך: „אַז ס'איז ניטאָ, זעט מען ס'זאָל זײַן". זאָגן זיי: „אַדרבה, איר זענט דאָך עפּעס אַ ייד מיט קאָמבינאַציעס, אַ ייד וואָס קאָטאָרע מ'רופֿט אים מנחם־מענדל, טאָמער וואָלט איר צוגעטראַכט דערצו עפּעס אַ קאָמבינאַציע?" זאָג איך: „גיט מיר איין וואָך צײַט". זאָגן זיי: „אַפֿילו צוויי". בין איך אַוועק און האָב אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט אויף צען בויגנס פּאַפּיר וועגן אַ יידישע קאַוויאַרניע אויף אַקציעס. די קאַוויאַרניע זאָל זײַן סײַ פֿאַר שרײַבערס, סײַ ניט פֿאַר שרײַבערס, און דאָרטן זאָל מען קריגן בזול ניט נאָר קאַווע, טיי, שאָקאָלאַד, ברויט מיט פּוטער וכדומה, דאָרט זאָל מען קאָנען קריגן צו יעדער צײַט במקח השווה עסן און טרינקען און אַ גלעזל ביר, און אַ פּאַפּיראָס, און אַ היטל אַז מ'דאַרף, און אַ העמד, און אַ מלבוש, און אַ שוך, און אַ באָד אַז מען וויל זיך אָפּבאָדן, און אַ מנין זאָל זײַן אַן אייגענער, און להבדיל אַ טעאַטער אויך אַן אייגענער מיט אַן אייגענעם „הזמיר" און מיט יידישע קאָנצערטן, און פֿונעם ריווח, וואָס וועט בלײַבן נאָכן דעוועדענד פֿאַר די אַקציאָנערן, זאָל מען אויסהאַלטן אַלע נויטבאַדערפֿטיקע שרײַבערס אין וואַרשע, הן פֿון דער גאַנצער וועלט. און דאָרטן זאָלן זײַן דירות בזול אויף צו פֿאַרדינגען נאָר פֿאַר יידישע שרײַבערס, און אַלע רידאַקציעס זאָלן דאָרטן זײַן, די יידישע געוויינטלעך, און דאָרטן זאָל מען שרײַבן, און דאָרטן זאָל מען זײַן אַלע מאָל, און מ'זאָל כסדר אַרומרעדן די יידישע לאַגע און זוכן עצות וואָס צו טאָן, מיט איין וואָרט — עוסק

זייַן זיך לטובֿת הכּלל. דעמאָלט וועלן אויף אונדז קוקנדיק די איבעריקע וואַרשעווער ייִדן אפֿשר אויך מאַכן זיך זייערע חבֿרות — קרעמערס באַזונדער, בעל־מלאָכות באַזונדער, באַנקירן באַזונדער, לערערס באַזונדער — יעדע חבֿרה וועט זיך האָבן איר קאָאָפּעראַטיוו מיט אירע געשעפֿטן, מיט אירע אינטערעסן, און אַלע אין איינעם וועלן מיר זייַן אַזאַ כּוח, וואָס די פּאָליאַקן וועלן זיך שעמען, באַגראָבן זיך גייַן איילן, וועלן זיי קומען צו אונדז און וועלן זיך שלאָגן אָשמנו — דעמאָלט וועלן מיר שוין וויסן וואָס צו טאָן... דערווייַל האַלט איך נאָך דעם פּראָיעקט בסוד. איך האָב נאָר דערציילט פֿון אים ראָשי־פּרקים פֿאַר כּאַסקל קאָטיק, איז ווי באַלד ער האָט נאָר דערהערט דאָס וואָרט „חבֿרה“, אַזוי איז ער אויפֿגעשפּרונגען און האָט מיך אָפּגעשאָטן מיט עצות ווי אַזוי איך זאָל דעם פּראָיעקט פּוצה מן המוח אל הכּולל זייַן, מיינט ער מוציא מן הכּוח אל הפּועל זייַן. ער האָט שוין, זאָגט ער, געמאַכט אַזעלכע חבֿרות אָן אַ שיעור. איך האָב ניט, זאָגט ער, אַזוי פֿיל האָר אין קאָפּ. ער איז אויף חבֿרות מאַכן גאָר אַ מזיק, זאָגט ער. איין חבֿרה, זאָגט ער, האָט ער געמאַכט, הייסט זי, זאָגט ער, „עוזר דלים“. אויב איך וויל, זאָגט ער, גיט ער מיר אַ ביכל, צוויי ביכלעך, דרייַ ביכלעך פֿון זייַן חבֿרה „עוזר דלים“, בכדי איך זאָל זיך אָפּלערנען פֿון אים און ניט מאַכן, זאָגט ער, קיין נאַרישקייטן. דאַנק איך אים זייער און זייער און זאָג אים, אַז ער זאָל זיך מיט זייַן „עוזר דלים“ עלטערן אין עושר און אין כּבֿוד, איך וועל מיך באַגיין אָן זייַן „עוזר דלים“. דערווייַל איז איצט נאָך זייער הייס און דער גאַנצער עולם זיצט אויף דאַטשעס. טאַקע אויף פּוילישע דאַטשעס, כאָטש מען טרייַבט זיי פֿון דאָרט מיט שטעקנס. נאָר ייִדן פֿאַלן ניט אַראָפּ בייַ זיך. קומט דער זומער לויפֿט מען אויף דאַטשעס... לאָז נאָר ווערן אַ ביסל קילער, און לאָז דער עולם זיך אַ ביסל צונויפֿפֿאָרן פֿון די דאַטשעס, אַזוי רוף איך די צונויף אין „הזמיר“ און לייען זיי אָם־ירצה־השם אַ ריפֿעראַט וועגן מייַן פּראָיעקט פֿון דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיווע, און איך האָף אַז אויף מייַן ריפֿעראַט וועלן קומען אַלע און אַלע וועלן זיי זיך אָן מייַן פּראָיעקט אָנכאַפּן מיטביידע הענט. דערווייַל באַדאַרף מען לויפֿן אין דער רעדאַקציע געבן אַ שמעק, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער מלחמה וואָס צווישן די באַלגאַרן מיט די סערבן און מיט די גרעקן. ווער וועמען עס באַגראָבט און ווער האָט די מפּלה? וואָרעם אַז מען לייענט זייערע שרייַבעכצן, וואָס זיי שרייַבן, קומט אויס, אַז זיי האָבן אַלע די מפּלה... עס גלייבט זיך גאָר ניט, אַז מען לייענט ווי אַזוי „ברידער“ באַגראָבן זיך איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, עס גייט אַזש איבער אַ קעלט איבערן לייַב. שטעל דיר פֿאָר, אַז פֿאַר גרויסע היצן האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך

די מלבושים און מען שלאָגט זיך אָדם נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט... און אַז מ׳כאַפּט זיך אַרײַן אײנס דאָס אַנדערע אין אַ שטאָט אָדער אין אַ דאָרף, קוילעט מען אויס אַלעמען מיט די ווײַבער און מיט די קינדער און מ׳טוט אָפּ מעשׂים, אשר לא יעשׂו!.. קאָנסט פֿאַרשטיין עד־היכן הדברים מגיעים, אַז דער מלך פֿון די גרעקן איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט צום יושר פֿון דער וועלט און טענהט: היתּכן הישמע כזאת, אַז די באָלגאַרן זענען אַרײַן אין אַ דאָרף פֿון גרעקן און האָבן מאַנס געוועזן אַלע מיידלעך און געריסן קינדער אויף דער האַלב! — פּונקט דאָס אייגענע וואָס אויף אַ ייִדישן פּאָגראָם, נאָר פֿאַר ייִדן איז ניטאָ ווער ס׳זאָל שרײַען און רופֿן צום יושר פֿון דער וועלט... מיינסטו וואָס טוען די באָל־גאַרן? זיי זענען אויך — אַרויס מיט אַ פּראָטעסט און רופֿן צום יושר פֿון דער וועלט, וואָס די רומענער ווילן זיי באַפֿאַלן און צונעמען זייער האָב־און־גוטס. און די רומענער, מיינסטו, וואָס טוען? זיי שרײַען אויך יושר און יושר! אַלע גייען מיט יושר און בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. מען שרײַבט אין די בלעטער, אַז דאָרט וווּ מען שלאָגט זיך איצט איז ניטאָ קיין טראָפּן וואַסער, נאָר בלוט... אין אַ שיינער צײַט לעבן מיר, זוגתי היקרה, ניטאָ וואָס צו רעדן! הלוואַי לעבן מיר דאָס איבער! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה איבעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן מער באריכות. לעת־עתּה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס די שוויגער שתּחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל

ע י ק ר ־ ש כ ח ת י. וואָס זאָגסטו אויפֿן טערק? מען שרײַבט פֿון סאָפֿיע, אַז ער גייט טאַקע פֿאָרט אויף אַדריאַנאָפּאָל. אַן עוולה פֿון אים. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: איך זאָג, אַז ס׳איז נאָך ניט די צײַט... הלוואַי ס׳זאָל אים אָפּ־לויפֿן גלאַט.

הנ״ל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

11

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ר א ש י ת קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווייַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרייַב איך דיר, בעלי היקר, אַז דייַן נייַער פּלאַן מיט דער קאָוויאַרניע, וואָס דו ווילסט עפֿענען אין וואַרשע, הייבט מיר ניט אָן צו געפֿעלן. ווייסטו פֿאַר וואָס? ווייַל ס׳עט דערפֿון גאָרניט זייַן. מ׳עט נאָר רעדן און רעדן און דערבייַ וועט דאָס בלייַבן. אַלע ייִדישע אַסיפֿות זענען אַזוי. מיינסט בייַ אונדז איז בעסער? אונדזערע כּתרילעווקער האָבן אויך אַזאַ טבע. פֿריִער היצט מען זיך, דערנאָך אַז ס׳קומט צו עפּעס איז ניטאָ קיינער אין דער היים. ס׳וועט נאָך זייַן גוט, אַז ס׳וועט זיך ניט קאָנטשען מיט פּעטש. ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז בייַ ייִדן זאָל זייַן כאַטש אַ ברעקעלע אַחדות, וואָלט שוין לאַנג געקומען משיח... ובפֿרט דאָרט, ווו מען קאָן זיך ניט באַגיין אָן געלט. תּמיד אַזוי, ווי באַלד עס קומט צו דער מטבע, אַזוי פּגרן אויס אַלע נגידים אין שטאָט, ווי די פֿיש אין טייַך, אַז עס פֿאַלט אָפּ דאָס וואַסער. אַזאַ טבע האָבן זיי, די נגידים, פֿון דער גאַנצער וועלט. מ׳וועט יענעם ניט געבן און מ׳וועט זיך אַליין ניט פֿאַרגינען, נאָר פֿון דעסטוועגן לאָז קומען צו פֿאָרן אַ רבי, אַ בעל־מופֿת, אַ חזן, אַ דאָקטאָר, אַ מגיד, אַ נשׂרף אַ ירושלים־ייִד, אַ שלאָק, אַ שוואַרץ־יאָר — וועט מען אים טראָגן קערבלעך פֿון אַלע זייַטן. וועסט גאָרניט וויסן, פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אין שטאָט אַזוי פֿיל געלט? אָט איז אַראָפּגעקומען צו אונדז ערשט יענע וואָך אַ רב, איז ער אַזוי אַ רב, ווי איך בין אַ רביצין, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ רב, פֿון אויס רייַסן האָט עס אים געבראַכט צו טראָגן! אַראָפּגעקומען, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ געהויבענער סטאַנציע — דווקא בייַ חנה־מלכה די יאַדערקע אויף דער אַכסניה און אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ האַלבער גוטער ייִד און אַ האַלבער דאָקטאָר, וואָס היילט אויס קראַנקע, מאַכט קינדער געזונט און פֿאַרלענגערט אַלעמען די יאָרן — ממש מחיה־מתים פֿון טויט לעבעדיק! אין אַלע שולן און בתּי־מדרשים האָט ער אויס־

געהאַנגען צעטלעך, אויסגערעכנט אַלע קרענק, וואָס ער היילט, וואָס פֿאַר אַ קרענק דו ווילסט. ווילסטו קדחת, ווילסטו קאַפּווייטיק, ווילסטו האַרצווייטיק, בויך־ווייטיק, אויגן־ווייטיק. און ווער ס'איז שלאָף אויף די פֿיס, אָדער אויף דער לעבער, אָדער גאַלשטיינער, אָדער איינער האָט אַן אַלטן ערמאַטיז, אָדער אַ גוטע טשעכאַטקע און הוסט, אָדער ער איז גלאַט געליימט — זאָל ער קומען צו אים, וועט ער אים געבן אַ רפֿואה־שלמה, געבן זאָל אים גאָט קרענק פֿאַר אַלע ייִדן, ווי ער האָט דאָס אַ ביסל אַרײַנגעלייגט די יִראה אין דער טומאה, זאָלסטו אַנקוקן אַ ייִד אין באָרד און פּאות, טראָגט אַ יאַנפּערעק מיט אַ לאַנגן טלית־קטן ביז די קניִען, רעדט מיט גאָט און איז זיס ווי צוקער, מיט ווײַבער איז ער פֿון דער ווײַטן, אַ מכּה אים אַ גרויסע, קוקט ניט אין פּנים, אַרויס זאָלן אים די אויגן, גיט אַלעמען אין אַ פּאַפּירל אַ ביסל קרײַטעכצער — געבן זאָל אים גאָט אַ נײַע נשמה, זאָגט אַן אָפּשר צען מאָל, אַז מ'זאָל ניט עסן אויפֿן ניכטערן האַרצן און ניט טראַכטן פֿון קיין זאַך און דער עיקר ניט רעדן די גאַנצע צײַט וואָס מען נעמט אײַן זײַן רפֿואה, און בעת־מעשׂה ווינטשעוועט ער צו אַל דעם גוטס מיט אַ שמייכל און מיט אַ קרעכץ, און נעמט וויפֿל מען גיט אים — נעמען זאָל אים בײַם בויך, דינגט זיך כּמעט גאָרניט, סײַדן ער וויסט, אַז יענער האָט און וויל ניט געבן... פֿון וואַנען וויס ער, ווער עס האָט און ווער עס האָט ניט, פֿרעגסטו? חכם איינער! חנה־מלכּה איז דאָך דאָ אויף דער וועלט, אַ מכּה זאָל זיך איר זעצן אויפֿן פּנים! אַ סברה, אַז די יאַדערקע, אויסקרענקען זאָל זי דאָס, האָט זיך געטיילט מיט אים אויף דער האַלב, נאָר געוווּר געוואָרן איז מען דאָס ערשט הײַנט. פֿריִער איז גאָר קיינעם ניט געקומען אויפֿן זינען, מ'זאָל אַ פֿרעג טאָן, וואָס איז די מעשׂה, וואָס די יאַדערקע לויפֿט אַרום ווי אַ פֿאַרסמטע מויז און פּויקט איבער דער שטאָט און דערציילט זיך אַן נסים־ונפֿלאות מיט וווּנדיירים פֿון דער וועלט, און שווערט זיך, זי זאָל אַזוי האָבן אַל דעם גוטס, — אָמן! ווי אַזוי דער רב דער בעל־מופֿת, וואָס שטייט בײַ איר סטאַנציע, האָט אויסגעהיילט פֿאַר אירע אויגן מיט איין ביסל קרײַטעכצער אַ בחור פֿון נײַנצן יאָר, וואָס האָט געהוסט אַזוי, אַז מ'האָט באַדאַרפֿט הערן אין דער דריטער גאַס, און אַ קינד וואָס האָט געהאַט די דאַר, שוין גאָרניט גערעכנט אַז ס'וועט לעבן, און אַ ייִדענע, וואָס האָט זיך געקלאָגט אויף אַלצדינג, און נאָך אַ ייִדענע, וואָס איז געווען הייזעריק ווי די וואַנט, און נאָך אַ ייִדענע, וואָס ס'האָט איר אויסגעדרייט, ניט אין מײַן מאָס, דעם האַלדז אויף אַ זײַט, און אויגן, וויפֿל קראַנקע אויגן, טאַטעניו, דער האָט שוין אויסגעהיילט! אַזוי האָט אויסגעקלאַפּט חנה־מלכּה די יאַדערקע, ס'זאָל

אויף איר קומען פּרעהס שלעק און המנס מפּלה. וואָס ווייסט איר, זאָגט זי, וואָס בײַ אים טוט זיך! אויף און אָפּ, אויף און אָפּ! און צום מיינסטן מיט אויגן, און צום מיינסטן די אָנגעלאָפֿענע פֿון די דערפֿער, די וואָס ווילן נעבעך קיין אָמע־ריקע און האָבן מורא פֿאַר די אויגן, שטופּן זיי זיך צו אים מיט זייערע אויגן, סײַ קראַנקע, סײַ געזונטע, און ער טוט אַ שמיר איבער די אויגן מיט עפּעס אַ וואַסערל — און שוין!

אַזוי האָט זי געקלאַפּט די יאַדערקע מיטן צונג ווען זי האָט באַגעגנט, יונג און אַלט, אָרעם און רײַך, זיך געווישט די ליפּעלעך און פֿאַרגלאָצט די אײַ־געלעך אַרויף, זי זאָל גאָר קיין גוטס ניט פֿאַרמאָגן, ווײַל זי וועט לעבן, וואָרעם ווען ניט זי, וואָלט איך דען געווען בײַ דעם דאָזיקן שלימזל, זײַן זאָל ער דיר אין גאָטס ערד! נאָר אַז יענע האָט אָנגעהויבן מיט איר פּיסקעלע, חנה־מלכּה הייסט עס, האָב איך געמיינט, ס׳איז תּורת־לאָקשן, — און איך קום אַהיים און דערצייל דער מאַמען, זאָגט מיר די מאַמע: מ׳קאָן ניט וויסן, אפֿשר האָט אָט דער ייִד אין זיך אַ כּוח, וואָרעם ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז וואָס איינער האָט ניט אין די הענט, האָט דאָס דער אַנדערער אין די אויגן... און האָט גענומען מיך צורעדן, איך זאָל מיך דורכגיין צו אים, וואָס וועט מיך אַרן, זאָגט זי, טאָמער וועט ער מיר געבן עפּעס צו דער ספּאַזמע, זי זאָל זיך מיר חלילה ניט אָנרופֿן, זאָגט זי, נאָך אַ מאָל... האָב איך איר געזאָגט, אַז די ספּאַזמע בין איך אים מוחל, איך וועל מיך בעסער דורכגיין צו אים מיט משה־הערשעלען, מיר פֿאַר זײַנע ביינער, ער איז אַזוי אויסגעמאָגערט און אַזוי אויסגעבלייכט, אַז איך ווייס גאָר ניט וואָס דאָס איז? צי עס קומט פֿונעם לערנען, אַז טאָג ווי נאַכט נאָר געלערנט און נאָר געלערנט! צי עס נעמט זיך פֿונעם וואַקסן — ער וואַקסט אין דער הייך וואַקסט ער, ווי אַ סאָנישניק. אַזוי האָב איך געזאָגט דער מאַמען, האָט מיך די מאַמע אָפּגעשלאָגן און אַלץ געטענהט, אַז איך אַליין זאָל בעסער זיך דורכגיין צו אים, איך בין אַ מאַמע, זאָגט זי, בין איך בילכער. אַזוי לאַנג האָט זי מיט מיר אײַנגעטענהט, ביז מיר האָבן גענומען און זענען ביידע אַרײַנגעגאַנגען צו אים, איך און די מאַמע הייסט עס, האָט ער אונדז ביידן באַטראַכט מיט איין אויג — אַרויס זאָל עס אים אויף יענער זײַט, און האָט אונדז מכבּד געווען מיט אַ ביסל קרײַטעכצער, האָבן זיי אַ טעם, אַזאַ טעם זאָל ער פֿילן אין אַלצדינג, רבונו־של־עולם, און אָנגעזאָגט האָט ער אונדז, מיר זאָלן ניט עסן אויפֿן ניכטערן האַרצן, ניט טראַכטן פֿון קיין זאַך און — דער עיקר — ניט רעדן די גאַנצע צײַט וואָס מיר וועלן נעמען זײַן רפֿואה... מאָל דיר, ניט מער זאָל ער לעבן, וויפֿל מיר

האָבן גענומען זײַן רפֿואה. מיר האָבן זײַנע קרײַטעכצער באַלד אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער, ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען דער געזעץ, אַז מ'זאָל זיך היטן פֿונעם רב, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ דאָקטאָר, וואָרעם ער נאַרט נאָר אויס דאָס געלט בײַם עולם און העלפֿן העלפֿט ער ווי אַ טויטן באַנקעס — אַזוי טאַקע שטייט געשריבן אין געזעץ. חכמים! וואָס האָבן זיי זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט? קראַנק געווען מיט אַ וואָך פֿריִער שרײַבן וועגן דעם, וואָלט איך איצט געווען רײַכער מיט אַ פּאָר קערבלעך, אויסקרענקען זאָל ער זיי אויף אַן אמתן דאָקטאָר, ער זאָל ברעכן ערגעץ רוק־און־לענד אויפֿן גלײַכן וועג און ניט דערלעבן קומען ווהין ער פֿאָרט! איצט זאָגט שוין די מאַמע, אַז זי האָט באַלד געוווּסט אַז ער איז אַ גנבֿ. אַ סימן האָט זי — צו וואָס האָט ער געהייסן אַלעמען ניט רעדן די גאַנצע צײַט וואָס מען נעמט זײַנע קרײַטעכצער? פֿרעגט זיך אַ קשיא, ווי באַלד אַז זי האָט יאָ געוווּסט, למאַי זשע האָט זי געשוויגן? זאָגט זי: ווי האָט זי געקאָנט רעדן, אַז ער האָט געהייסן שווײַגן? אַנטשוויגן זאָל ער דיר שוין ווערן אויף אייביק, זיסער גאָט! ניט געווען אויף וואָס אַרויסצווואַרפֿן צוויי זילבערנע רובל! אַ סך בעסער וואָלט געווען פֿאַר דעם דאָזיקן געלט עפּעס קויפֿן די קינדער, אַז דו אַליין דערמאָנסט זיך ניט זיי צו שיקן עפּעס פֿון וואַרשע — מ'זאָגט, ס'איז דאָרט האַלב אומזיסט, ווי זאָגט די מאַמע: ס'שטייט געשריבן דאַלי אַטשע דאַלי סערדצע... כאָטש גוט וואָס דו האָסט צוגעשיקט זיי די עטלעכע ביכלעך און וואָס דו פֿאַרגעסט ניט דערמאָנען דײַנע לײַט פֿונעם געזעץ, אַז דו האָסט נאָך אַ ווײַב, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס קוקט אַרויס אַלע חודש אויפֿן פּאָטשטאַליאָן, ווען וועט ער שוין ברענגען דאָס ביסל מזומנים אין שטוב אַרײַן, עס פֿאַלט מיר אַרויס אַלע מאָל דאָס האַרץ, טאָמער חלילה האָבן זיי דיר שוין אָפּגעזאָגט, אָדער טאָמער איז דער געזעץ בטל געוואָרן, אַ קשיא הײַנטיקע צײַטן, וואָס מען הערט זיך אָן בײַ ייִדן אַזוי פֿיל צרות, אַז מען שטייט אויף אין דער פֿרי און מען טוט אַ קוק אין שפּיגל און מען דערזעט, אַז מען איז נאָך דאָ — דאַנקט מען און מען לויבט גאָט, ווי זאָגט די מאַמע: בעסער האָט קיין שיעור ניט, הלוואי ס'זאָל כאָטש ניט זײַן ערגער... ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק, דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין פּתרילעווקע

15

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי'!

ר א ש י ת קום איך דיר צו מעלדן, אַז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום. השית"ב זאָל העלפֿן מ'זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז עס האָט נאָך ניט קיין סוף. איך מיין דאָס די געשלעגערײַען וואָס אויף די באַלקאַנען. מ'הערט מער ניט, נאָר: „עי בראַטצי, דאַוואַי דראַטסאַ"!... מען הערט ווי עס טרעשטשען ביינער, מען זעט ווי עס יאָשעט בלוט, און די וועלט? — גאָרניט! — די וועלט קוקט צו, ווי אויף אַ קאָמעדיע, און פּאַטשט בראַוואָ! פּונקט ווי בײַ אונדז אין וואַרשע אויפֿן געשלעג פֿון די גיבורים, וואָס מען רופֿט זיי „אַטלעטן". פֿאַראַן צווישן זיי איינער אַן אַטלעט אַ גוואַרדיאַן, ווילדמאַן הייסט ער, כּשמו כּן־הוא — ער איז אַ ווילדער גבר, כאָטש ער איז טאַקע משלנו, אַ ייִד איז ער. פֿון די גיבורי־ישׂראל קומט ער אַרויס, פֿונעם שבט יהודה, זאָגט מען. נאַכט און נאַכט שפּילט ער אין טעאַטער, באַווײַזט זײַן גבורה, לייגט אַוועק די גוייִשע גיבורים איינציקווײַז, אַזוי ווי די לעמעלעך, און וואַרשעווער ייִדן, זאַלסטו זען אַ ביסל ווי זיי קוועלן אָן, קלײַבן תּענוג, פּאַטשן בראַוואָ און ווערן ברייטער ווי לענגער! איך שטעל מיר פֿאָר וואָס וואָלט געווען, מען זאָל נעמען, למשל, אָט דעם ווילדן גבר בעת ער איז גוט צעהיצט און אָנשטאָט דעם וואָס ער באַווײַזט זײַנע קונצן אויף דער בימה, זאָל מען אים אַרויסלאָזן אַ נאַקעטן אויפֿן וואַרשעווער פּובליקום, סאַמע בעת ער האָלט אין רעכטן שלאָגן, און אַ זאָג טאָן: „קלאַפּ, ברודער ווילדמאַן, ווי גאָט איז דיר ליב!" — וויי־וויי, וואָס פֿאַר אַ חורבן דער וואָלט אָנגעמאַכט אין וואַרשע!... אַזוי זענען די באַלקאַנער „ברידער" אויך. נישט מער, דער חילוק איז וואָס אונדזער וואַרשעווער העלד איז אַ ייִד און שלאָגט זיך נעבעך צוליב פּרנסה, דעריבער איז דאָס ניט אַזוי מסוכן. בײַ מיר איז צו גלייבן, אַז דער דאָזיקער גיבור פֿון די גיבורי־ישׂראל, אַז ער דערזעט בלוט פֿון אַ צעשניטענעם פֿינגער, קאָן ער פֿאַלן חלשות. אַזאַ פֿאַרשווין, אַז מען זאָגט אים „סטאָפּ", בלײַבט ער שטיין. און

ביי די צעווילדעוועטע באַלקאַנער, האָב איך מורא, וועט מען מיט קיין „סטאָפּ" אַליין ניט יוצא זיין. זיי וועט מען מוזן געבן אָנצוהערן מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ, דאָס הייסט מ׳וועט זיי דאַרפֿן געבן צו וויסן דורך עטלעכע גוטע שאָסן פֿון רעכטע האַרמאַטן, אָדער אַרויסשיקן אַקעגן זיי עטלעכע פּאַנצערדיקע שיפֿלעך... דעמאָלט ערשט, אַז זיי וועלן דערהערן פּיף־פּאַף, וועלן זיי שוין שטויסן זיך, וואָס מען מיינט און וועלן זיך באַלד אויסניכטערן... דערווייל זענען זיי נאָך שיכּור פֿונעם טערקישן בלוט, וואָס רייכערט נאָך, און זיי האַלטן אין איין באַרימען זיך מיט די גבורות וואָס זיי באַווייזן. איינער דערציילט גאַנץ קאַלטבלוטיק: „היינט בין איך אָנגעפֿאַלן אויף מיין עלטערן ברודער און האָב אים אויסגעשלאָגן אַן אויג..." דער אַנדערער גיט צו וויסן מיט אַ יִראת־שמים־פּנים: „איך האָב היינט, דאַנקען השם־יתברך, אָפּגעריסן מיין יִנגערן ברודער אַ האַנט". דער דריטער צעקאָכט זיך מיט אַ התפּעלות אין די גאַזעטן: „היינט איז מיר געראָטן מיין מיטלסטן ברודער אַרויסצולאָזן די געדערעם..." צו וואָס אַזאַ באַרימעריי קאָן ברענגען — דאָס זעען מיר פֿון פֿערדינאַנדן, דעם מלך פֿון די באָלגאַרן, וואָס פֿאַר אַ וויסטן סוף ער האָט, אַזאַ סוף אויף אַלע שׂונאי־ישׂראל! מען האָט אים צעקלאַפּט די ביינער אויף וואָס די וועלט שטייט. די סערבן פֿון איין זייט, די גריעקן פֿון דער אַנדערער זייט. און איצט רירט זיך שוין רומיניע אויך און ועל־כּולם רוקט זיך אָן אויף זיי אַ כמאַרע — דער טערק. ער גייט אָן אָנגעוואָפּנטער אויף קירקעלעס און אויף אַדרינאָפּאָל און, אויב ס׳איז אמת וואָס די גאַזעטן שרייבן, זאָל ער שוין האָבן זיך אַריינגעכאַפּט טאַקע אין אַדרינאָפּאָל. הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר איך האָב מורא פֿאַרן פֿעטער ישמעאל, איך ציטער! צו פֿרי האָט ער אַרויסבאַוויזן, אַז ער לעבט נאָך. ווערליך מיין פּלאַן, אויב דו געדענקסט, האָט ער באַדאַרפֿט ליגן אַ פֿאַרטייעטער נאָך אַ היבשע צייט, ביז די גדולים אַליין וועלן זיך צעבוצקען — דעמאָלט וועט זיין גאָר אַנדערע ווערטער מיט אַנדערע דיבורים, מיט אַן אַנדער לשון... ער זאָל שׂכל האָבן און ניט פֿאָלגן די „יונגע טערקן", וואָס רייסן זיך אויף מלחמה, און בעסער צוּוואַרטן ביז מיין פֿאַרשוין וועט קומען צו פֿאָרן קיין וואַרשע. ער איז פֿון אַמעריקע שוין לאַנג אַרויסגעפֿאָרן, נאָר ער דרייט זיך נאָך אַרום ערגעץ אין בערלין, אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. ער איז נאָך זייער פֿאַרטאַרעראַמט מיטן קאָנגרעס פֿון די ציוניסטן, וואָס באַדאַרף זיין אין ווין אם־ירצה־השם גאָר אין גיכן. דאָרט וועלן מיר זיך שוין מיט אים זען פּנים־אל־פּנים און פֿון אַלצדינג איבערשמועסן. דערווייל קאָן איך מיך אָפּגעבן צו מיינע איבעריקע געשעפֿטן און קאָמ־

בינאַציעס, און צום אַלעם ערשט ווילט זיך מיר דורכפירן מײַן ספר, וואָס איך גיב אַרויס אומזיסט אין זעקס מיליאָן ביכלעך לטובת עמיגראַנטן. איך האָב שוין צוגעגרייט אַפילו אַן אַנאָנס אין די גאַזעטן, און דווקא אין גראַמען! ס'איז הײַנט געוואָרן אַ מאָדע אַנאָנסירן אין גראַמען. פּאַפּיראָסן, דאַרע קישקעס, היילמיטלען, באַנדאַזשן — אַלע אַנאָנסירן זיך אין גראַמען. עס לייענט זיך בעסער און ס'איז טאָקע שענער אויך. דער עולם האָט דאָס ליב. צוליב דעם האָבן זיך געעפּנט אין וואַרשע עטלעכע קאַנטאָרן פאַר אַנאָנסן, וואָס זייער עובֿדה איז — פאַר אַ קלייניקייט שטעלן זיי דיר אויס אַן אַנאָנס אין גראַמען, אַז ס'עקט זיך די וועלט! בין איך אַוועק צו איינעם פון די דאָזיקע אַנאָנסן־מאַכערס, זיין קאַנטאָר הייסט „כאַפּ און קלאַפּ", האָט ער מיר געמאַכט אויף מײַן ביכל אַ גראַם פון גראַמענלאַנד, מיטן נאָמען „לכה דודי" — עס מעג אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן, ווי עס שיטן זיך בײַ אים גראַמען פונעם אַרבל! אָט איז דער גראַם — איך גיב דיר אים איבער אות־באות:

לכה דודי לקראת כלה
קומט אַהער צו, ייִדן אַלע!
הערט אַ נײַס וואָס האָט געטראָפן,
אין מיטן וואַרשע זיך פאַרלאָפן:
ס'איז דאָ אַ ייִד — מנחם־מענדל —
ער פלעגט פאַרנעמען זיך מיט הענדל,
(איר דאַרפט געדענקען אים מסתמא —
האָט אַ ווײַב און זי — אַ מאַמע...)
אַ מאָל געהאַנדלט אין אַ דעס,
געשפּעגעלירט אויף „האָס" און „בעס",
און מיט יעהופּעצער שפּעגעלאַנטן
וויפל מאָל דעם קאָפּ געשפּאָלטן.
שטיקער גאָלד פלעגט ער פאַרדינען,
טאָג ווי נאַכט בײַ סימה־דינהן,
מעקלערײַען, קאָמבינאַציעס,
פּאַפּירן, אַקציעס, אָבליגאַציעס,
געלט פאַרלײַען אויף פּראָצענטן,
קופּאָנעס שנײַדן, דעווידענדן,
געמאַכט זאַוואָדלעך און אימעניעס,

געזשעברעט גאָלד מיט פּולע זשמעניעס,
געדרייט געשעפּטלעך אַן אַ שיעור
ביים גרויסן בראָצקי ביי דער טיר.
און צו ראָטשילדן אַליין
מיינט איר איז ער קליין
געווען צו טרעפן מיט מעקלעריי?
און ס׳איז געווען אַ קלאַפּעריי
פון דעפּעשן: אויף קאַווקאַז —
אַ מעקלער חלומט זיך קאַרטאַזש —
געקלאַפּט קיין לאָנדאָן, קיין פּאַריז —
שדים וויסן ווו ער איז!..

נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ מאָל, מיט יאָרן,
היינט איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן,
טע־טע־טע! שוין גאָר ניט דער מנחם־מענדל,
גייט ניט אויף דער בערזע פּאַר קיין רענדל,
ער שרייבט שוין בעסער אויף גאַזעטן,
מיט אַלע שרייבערס און פּאָעטן,
פון פּאָליטיקע, מלחמות
און פון יידישע נחמות,
און פון וואָס דען שרייבט ער ניט?
ער האָט געכאַפּט דעם רעכטן שניט,
ער פאַרדינט היינט גאַנצע שטיקער —
נאָר ניט דאָס איז דער עיקר.
דער עיקר איז, פאַרשטייט איר מיך,
מנחם־מענדל האָט געמאַכט אַ „בוך" —
אַ ביכל, אשר לא ביכלו אבותינו
טאַקע ממצרים ועד הנה...
מען שמועסט אַ בוך — פון די אַנטיקן!
ווער ס׳וועט לייענען וועט זיך קוויקן.
ובפרט עס קאָסט קיין געלט, גאַנץ בחינם,
און רעדן רעדט עס פון כל־המינים

פֿיַינע מענטשלעך, פֿון אַגענטן,
ווער עס קען זיי פֿאַרזאָגט אַ צענטן,
און פֿון אונדזערע עמיגראַנטן,
וואָס שלעפּן זיך פֿון אַלע קאַנטן
קיין וויִן, קיין קיניגסבערג, קיין ברעמען
און ווייסן גאָרניט, — ווער וואָס ווּעמען! —
פֿאַלן אַרײַן נעבעך זייער מיאוס —
מען באַנעמט זיי פֿון קאָפּ ביז פֿיס,
ווערן דאָרט ווי שאָף באַהאַנדלט,
מענטשן ווערן אין סקאָט פֿאַרוואַנדלט...
און פֿון נאָך אַזעלכע זאַכן
אויף צו וויינען און צו לאַכן
געפֿינט איר דאָרט אין יענעם חיבור —
מנחם־מענדל קלויבט ניט איבער...

הקיצור, ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן,
ווער עס וויל קיין וויסטן סוף קיין שוואַרצן,
ווער עס וויל קיין לײַד, קיין זאָרגן,
זאָל ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן.
די הוצאות איז ניט קיין שטאַרקע —
עס קאָסט אין גאַנצן נאָר אַ מאַרקע —
און די טירחה איז ניט קיין גרויסע,
אַן אָטקריטקע, אַ בריוו — מהיכא־תיתי:
„לכבוד ידידי”, צוויי־דרײַ ווערטער, —
ווערט צעשיקט אין אַלע ערטער.
שרײַבט זשע אויס דאָס ביכל אַלע —
לכה דודי לקראת כלה!...

נו? ווי מיינסטו, זוגתי היקרה?
איז נאָך דאָ אַ סברה,
אַז ייִדן וועלן ניט לויפֿן
מײַנע ביכלעך קויפֿן?

ס'איז נאָך ניטאָ קיין רעדע,
אַז נאָך אַזאַ שיינעם „לכה דודי"
וועלן דאָס ביכל כאַפּן אַלע —
לכה דודי לקראת כלה!...

טפו זאָל דאָס ווערן! האָסטו געזען אַן אומגליק? דער ייִד פונעם „לכה דודי" האָט מיך מיט זײַנע גראַמען אַזוי פֿאַרגראַמט, אַז ס'גראַמט זיך מיר אויף יעדן וואָרט, און בסך־הכל קריכט דאָס מיר אין דער לינקער פּאה, און אגב האָב איך טאַקע קיין צײַט ניט, לכן מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות, לע"ע לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה, זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פון פתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

12

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף וויַיטער נית ער־גער. צווייטנס שריַיב איך דיר, בעלי היקר, אַז דיַין גראַמזאָגער, וואָס דו לעקסט אַזוי פון אים די פינגער, וואָלט געמעגט איַינגעמען אַ מיתה־משונה איידער דו האָסט זיך מיט אים באַקענט, אָדער אַ האַלבע שעה נאָך דעם, וואָלט ער ניט געמאַכט — מאַכן זאָלן זיך אים צען מכות — צו שאַנד און צו שפּאָט ניט מיך, ניט די מאַמע מיַינע, זיַין זאָל ער דיר די כפרה פאַר די בענדלעך פון אונדזערע אַלטע שיך, וואָס וואַלגערן זיך אויפן בוידעם. אַ סימן שריַיבט ער אויף מנחם־מענדלען, אַפּדאַרן זאָל אים דאָרט דאָס רעכטע האַנטל, אַז ער, מנחם־מענדל הייסט עס, האָט אַ וויַיב און זי אַ מאַמע. האָסט דו געהערט אַ ביסל אַ השגה פון אַ משומד? איך ווייס ניט, וואָס פאַרגינט ער דיר ניט אָט דער גנב — דאָס וואָס דו האָסט אַ וויַיב? צי דאָס וואָס דיַין וויַיב האָט אַ מאַמע? האָבן זאָל ער דיר קדחת מיט רביעית אַ גאַנץ קיַילעכיק יאָר, רבונו־של־עולם! און וואָס וואָלט אים שוין געווען אַזוי גוט, וואָלט איך וועלן וויסן, אַז דו זאָלסט חלילה ניט האָבן קיין וויַיב און איך קיין מאַמע, ניט האָבן זאָל ער דיר די נשמה? און גלאָט וואָס האָט ער צו מיר און צו מיַין מאַמע, ער זאָל אונדז נעמען און אַריַינשטעלן אונדז אין זיַינע גראַמען, שטעלן זאָל זיך אים דער קאָפּ אויף אַ זיַיט? ס׳זאָל אים אַזעלכעס פאַר־גייך, אַז ס׳זאָל זיך אים ניט גלוסטן מער צו גראַמען, וויַיל ער וועט לעבן! און דיר וואָלט אויך געמעגט גאָט געבן אַנדערע געדאַנקען מיט אַנדערע השגות, ניט אין זינען האָבן דער רוח ווייסט וואָס, ניט שליסן חברשאַפט דער רוח ווייסט מיט וועמען — מיט בדחנים, גראַמזאָגערס, לידער־מאַכערס, קאָמעדיאַנטשיקעס און כדומה אַזעלכע פאַרשלעפּטע קרענק, ווי זאָגט די מאַמע: ביַי גאָט איז פאַראַן גענוג שלימזלען און צו דיַין מאַן באַדאַרף עס טרעפן... זי איז זייער גערעכט. ניט גענוג, אַז אַך און ווי איז מיר, אַז איך, שיינע־שיינדל, באַדאַרף האָבן אַ מאַן, וואָס זיצט אין וואַרשע און פאַרנעמט זיך מיט שריַיבעכץ, האַנדלט מיטן טערק און

מיטן טאַטער, וואָס איז? צוליבן שטיקל ברויט, מישטיינס געזאָגט? ווי זאָגט די מאַמע: ניטאָ קיין מיאוסע פרנסה, באַדאַרף איך נאָך האָבן, אַז דו זאָלסט זיך דאַרט סקאַמפּאַניִען מיט גראַמזאָגערס, מיט לידער־מאַכערס און מיט אַקטיאָר־שטשיקעס, וואָס פאָרן אַרום איבער דער וועלט און גאַרן אויס געלט. טאַקע אַ שיינדעלע כ׳לעבן! געווען ביי אונדז דעם זומער די דאַזיקע פיינע מענטשלעך אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, אָפּגעדונגען ביי פייוול מעזשעבינסקי די קאַמער און דאַרט געמאַכט קאָמעדיעס, און געשטאַנען זענען זיי ביי דער יאַדערקע גע־ווינטלעך, אָנגעפּרעסן זיך מיט בולקעס און אָנגעזשליאָקעט זיך מיט טיי און מיט ביר און זענען אַוועקגעפאָרן און ניט באַצאָלט — אַ מיצווה אויף איר! האָט זי ניט געזאָלט אַרומלויפן איבער דער שטאָט און פּויקן מיטן צינגל און דערציילן איטלעכן באַזונדער פון זיי וואונדיירים, ווי זיי זינגען און ווי זיי טאַנצן און ווי זיי שפּילן און ווי זיי מאַכן אָנשטעלן. — איז קאַרג? האָט זי נאָך גענו־מען איינרעדן יעדן איינציקן, און מיר אויך, מיט איר הייזעריקן קולכל און מיט אירע דינע ליפּעלעך, אַז ס׳איז אַ רחמנות אויף זיי, זיי האָבן נעבעך ניט וואָס צו עסן, די אַקטיאָרשטשיקעס הייסט עס, איבער דעם וואָס אין די גרויסע שטעט לאָזט מען זיי ניט שפּילן, די פּאָליציע הייסט עס, מוזן זיי נעבעך אַרומשלעפּן זיך איבער די קליינע שטעטלעך און ווייזן זייערע קונצן. איי, ווו שטייט עס, אַז זיי דאַרפן לעבן פון קונצן? קאַרג יידן פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן און שטאַרבן פון הונגער? זאָגט אָבער די מאַמע מיינע — זי באַ־דאַרף דיר פאַר אַלעמען זיין אַ מליץ־יושרטע: ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז גאָט טיילט אויס איטלעכן באַזונדער זיין פרנסה — סיי דעם מענטשן אויף דער ערד, סיי דער חיה אין וואַלד, סיי דעם פויגל אונטערן הימל...

פון דעסטוועגן זאָג איך דיר, בעלי היקר, אַז איך וואָלט בעסער געשטאָרבן פון הונגער דריי מאָל אין טאָג, אָדער איך וואָלט שוין גיכער געבליבן אַן אַלמנה, איידער איך זאָל דיך זען חלילה אין אַזאַ פרנסה! עס האָט מיר פשוט געפּלאַמט דאָס פּנים, אַז איך האָב געזען ווי יידן, מאַנען פון ווייבער און טאַטעס פון קינדער, טוען זיך איבער, קלעפּן אָן אויף זיך קלאָטשעס און פאַרשטעלן זיך דער רוח ווייסט פאַר וועמען און שפּילן דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס, טאַנצן און פליעסקען הונגעריקערהייט, קרימען זיך און מאַכן נאָך אַ יידן, מאַכן זאָל זיך זיי אַ מכה! איין שטיקל זכות האָבן זיי — די לידלעך. די לידלעך וואָס זיי זינגען זענען מחיה־נפשות, זיי צעגייען זיך טאַקע אין אַלע אברים! איין לידל האָבן זיי געזונגען מיטן ניגון, וואָס דער חזן זינגט אין שול סוכות צו דער

אַנדערער שמונה־עשׂרה. דאָס לידל הייסט: „אוי — מיר איז גוט! אוי — מיר איז פּשעיעמנע!"... אַלע זינגען דאָס איצט אין כּתרילעווקע פֿון קליין ביז גרויס. ווער דאָס לידל האָט געמאַכט ווייס איך ניט. נאָר עס באַדאַרף זײַן אַ רעכטער משומד — אַ שלאַק זאָל אין זײַנע ביינער אַרײַן! איך האָב מיך דערנאָכדעם גע־שעמט פֿאַר זיך אַליין למאַי איך האָב מיך געלאָזט איבעררעדן פֿון דער יאַדערקע און פֿון דער מאַמען און בין געגאַנגען צו זיי אויף דער קאָמעדיע. אַז זי האָט זיך נאַסיאַדעט אויף מיר, טאַקע די מאַמע הייסט עס: „גיי זיך דורך, וואָס ווערט דיך אָרן, אַז דו וועסט גיין? אַלע גייען, גיי אויך. ובפֿרט, זאָגט זי, אַז דײַן מאַן איז שוין ניט ווײַט, זאָגט זי, פֿון דער דאָזיקער פּרנסה. „איינער, זאָגט זי, כאַפּט די פֿיש, איינער מאַכט די פֿיש און איינער קומט און עסט זיי אויף..." וואָס זי האָט דערמיט געמיינט, פֿאַרשטיי איך ניט; נאָר אַז איך האָב איר אָנגעהויבן צו זאָגן תּירוצים, אַז ס'קריכט מיר ניט אין קאָפּ און אַז ס'איז מיר גוט אַזוי אויך אָן קאָמעדיעס און נאָך אַזעלכע זאַכן, האָט זי זיך צעלאַכט און זאָגט צו מיר, אַז איך בין אַ נאַר, פֿון וואַנען ווייס איך, זאָגט זי, וווּ מײַן מאַן איז איצט אין דער מינוט? „אפֿשר, זאָגט זי, זיצט ער אַצינד אַקוראַט אויף דער אייגענער קאָמעדיע? צי דו מיינסט, זאָגט זי, אַז ער זיצט דאָרט טאָג און נאַכט און קלאָגט אויף חורבן בית־המיקדש? הע, נאַרעלע, זאָגט זי, איך אויף דײַן אָרט וואָלט שוין לאַנג, זאָגט זי, געווען אין וואַרשע. און געקומען וואָלט איך, זאָגט זי, דווקא אומגעריכט און דווקא סוף חודש אין אַ פֿינצטערער נאַכט. ניט, זאָגט זי, ווײַל איך בין אים חלילה אין עפּעס חושד, נאָר גלאַט אַזוי, זאָגט זי, איך וואָלט אַ קוק געגעבן אויף אַ טשיקאַוועסט פֿון דער ווײַטן, זאָגט זי, מיט אײן אויג כאָטש, ווי גייט עס אים דאָרטן דעם תּכשיט. און וואָס ער מאַכט און וואָס ער טוט און ווי ער בענקט דאָס נעבעך אַזוי אַהיים..."

ווי אַזוי מיר ווערט אויפֿן האַרצן פֿון אַזעלכע ווערטער, באַדאַרף איך דיר ניט שרײַבן. עמעצער, דאַכט זיך, זאָל קומען און זאָל מיך אויסשעלטן אויף אַלע זײַטן, וואָלט מיר געווען אַ סך ניחאָר. נאָר אַז אַ מאַמע זאָגט, מוז מען שווײַגן. קיין שונאטע איז זי דאָך מיר ניט. און דיר אויך ניט, כאָטש זי באַ־גראָבט דיך הינטער די אויגן דרײַ מאָל אַ טאָג און דווקא מיט גוטע רייד, ווי דו האָסט עס כּשר פֿאַרדינט און ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק

דײַן באמת געטרײַע פֿרוי   שיינע־שיינדל

דאָס ביכל וואָס דו שרײַבסט מיר וועגן דעם און וואָס דו ווילסט גליקלעך

מאַכן דערמיט די גאַנצע וועלט און זיך אַליין, ווייסט שוין פֿון דעם זשוק דאָ זשאַבאַ און אַלע קוקן שוין אויף דעם אַרויסעט. אַ סך האָבן זיך שוין דערויף נאָכגעפֿרעגט בײַ מיר... ווייס איך ניט וואָס איך זאָל זיי זאָגן, איך זאָל אַזוי וויסן צרות. זיי ווילן, אַז דו זאָלסט עס מיר צושיקן גלײַך אַהער צו צו, בכדי זיי זאָלן פֿאַרשפּאָרן דיר שרײַבן בריוולעך און שיקן מאַרקעס. חכמים! געענוג מען גיט זיי אומזיסט, ווילן זיי נאָך מ׳זאָל זיי אַרײַנטראָגן אין שטוב. ווי זאָגט די מאַמע: אַן אָפּגעשיילט אייעלע און גלײַך אין מויל אַרײַן...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

16

לזוגתי היקרה החכמה והצנועה שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז דער טערק, אַחוץ וואָס ער האָט זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט, האָט ער מיר נאָך צעשלאָגן אַלע מײַנע גאָל־דענע פּלאַנען. ער האָט ניט באַדאַרפֿט לאָזן זיך איבעררעדן פֿון די יונגע־לײַט און ניט קריכן אַזוי גיך קיין אַדריאַנאָפּאָל און קיין קירקילעס און אין די איבעריקע ערטער, פֿון וואַנען מען האָט אים ניט לאַנג אַרויסגערייכערט, ניט געלאָזט אַפֿילו, ווי מען זאָגט, דעם אָרט זיך אָפּקילן. ער האָט דאָס ניט באַדאַרפֿט, וואָרעם הלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן — עס וועט אים גלאַט ניט אָפּלויפֿן. אין די הויכע פֿענצטער זיצט מען שוין און מען טראַכט און מען עצהט זיך און מען זוכט אַ מבוא, ווי אַרום מען זאָל אים אויף אַ לײַטישן אופֿן אָפּציִען און פֿאַר־טרײַבן צוריק אין זײַן אַלטער היים?..

אמת, שטאַרק פֿאַראיבל האָבן אויף אים קאָן מען אויך ניט. דער יצר־הרע פֿון נקמה איז גרויס. אַז מ׳זעט דײַן האָב־און־גוטס וואַלגערט זיך, ווי נאָך אַ פּאָגראָם, אין אַלע גאַסן, הפֿקר, און פֿרעמדע טיילן זיך דערמיט... און דאָ האָט גאָט געהאָלפֿן, די פּאָגראָמשטשיקעס אַליין האָבן זיך צעאַמפּערט, ניט געקאָנט איינטיילן זיך, האָבן זיי זיך צעהרגעט און צעיאָשעט איינס דאָס אַנדערע — ווען נאָך קאָן זײַן אַזאַ שעת־הכּושר. ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: אַ כּשרער טאָפּ מיט אַ כּשרן לעפֿל... טאָר מען אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז כאָטש דער שׂונא איז אַ צעקלאַפּטער, שטייען הינטער זײַנע פּלייצעס שטיגוטערעס, אַזעלכע גרויסע בערן, ווי די ענגלענדער למשל מיט די קעסטלדיקע הויזן, אָדער דער דײַטש מיט די געזונטע פּיסקעס, וואָס זיי לוינט זיך ניט בשום־אופֿן, אַז דער צעפּאַג־ראַמעוועטער טערק זאָל אויפֿשטיין תּחית־המתים, אַפֿנעמען צוריק אַלצדינג און זיך שטעלן אויף די פֿיס אַזוי אַז ער זאָל טאַקע קאָנען זאָגן נאָכדעם חדש ימינו

כקדם. פֿאַר וואָס זיי לוינט זיך ניט? איז אַ פּשוטער שׂכל, נאַרעלע. איך וועל עס דיר מסביר זײַן מיט אַ משל:

אַ שטייגער מ׳האָט אַן אַלטן פֿעטער אַן עושר, וואָס מ׳קוקט אַרויס אויף זײַן ירושה און גאָט העלפֿט ער איז קראַנק, איז דאָ אַ האָפֿענונג, ער וועט צומאַכן אַן אויג, וועט מען אים באַווייננ, ניט זשאַלעווען קיין טרער, אָפּהייבן, טאָן זײַן רעכט, אָפּפֿירן אויפֿן הייליקן אָרט, דינגען תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך זיי זאָלן זינגען נאָך דער מיטה „צדק לפֿניו יהלך״, צעטיילן אָרעמע־לײַט אַ ביסל קליינגעלט, פֿאַרנעמען פֿאַר זײַנעט וועגן אַ פֿײַנע קרקע, באַלייגן אים צווישן די שענסטע בעלי־בתּים, הייסן דעם רב ער זאָל זאָגן עפּעס אַ רעכטן הספּד, אָנהייבן מיט אַ פּעפּעריקן פּסוק און אויסלאָזן מיט אַ גוואַלדעריש: „גיי זשע, פֿעטערל, גיי און שלאָג דיר דורך אַ וועג גלײַך אין גן־עדן אַרײַן — דאָרט איז דײַן אָרט — יתגדל ויתקדש״... און אַז מ׳וועט קומען אַהיים, וועט מען אַראָפּוואַרפֿן די שטיוול, זיך אָוועקזעצן שיבֿעה, די ווײַבער וועלן קאָכן גליטשיקע לאָקשן צו דער סעודה־הבראה, און בעלי־בתּים שכנים וועלן קומען מנחם־אָבל זײַן אַן אַ גוט־מאָרגן, ווי דער שטייגער איז, וועלן זיצן אַ קורצע ווײַלע, זיך אויפֿהייבן און אָוועקגיין אַן אַ זיי־געזונט, עפּעס אַ מורקע טאָן אונטער דער נאָז: „ציון וירושלים״... דעמאָלט וועט מען צושליסן די טיר, אַראָפּלאָזן די פֿאָר־הענגלעך, אַרויסנעמען די צוואה און זיך אַ נעם טאָן צו דער חלוקה... שטעל דיר אָבער פֿאָר, זוגתי היקרה, דאָס אייגענע צוריק, דאָס הייסט, אַז דער קראַנ־קער פֿעטער הייבט גאָר אָן ווערן געזונט, בעט גאָר ברויט מיט פּוטער, פֿלוימען־צימעס און נאָך אַזעלכע זאַכן און הייסט זיך געבן אַ שפּיגעלע — ער וויל אַ קוק טאָן אויף דער צונג, ווערט באַרעדעוודיק און הייבט שוין גאָר אָן זאָגן ווערטלעך אויך — קאָנסטו זיך מעלדן ווי עס ווערט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן די מקורבים נעבעך? זיי שמייכלען טאַקע אַפֿילו, כלומרשט זייער צופֿרידן, וואָס דעם פֿעטער איז דאַנקען גאָט בעסער, נאָר וואָס זיי ווינטשן אים אין האַרצן, מעג עס פֿאַלן אין ים אַרײַן!...

דאָס איז דיר דער משל. און דעם נימשל, רעכן איך, פֿאַרשטייסטו אַליין... צעקײַען דאָס און אַרײַנלייגן דיר אין מויל אַרײַן באַדאַרף מען ניט... נישט מער, איין זאַך, דו וועסט פֿרעגן: ווו איז יושר? ווו איז גאָט? פֿאַר וואָס זאָל דער אָרעמער טערק טאַקע ניט אָפּנעמען צוריק זײַן צעראַבעוועט פֿאַרמעגן? וועמען אַרט עס?... דאָס אייגענע האָב איך אויך געפֿרעגט, נאַרעלע, אָבער נאָר די ערשטע צײַט. דו זאָלסט זײַן דאָ אויף מײַן אָרט און לייענען אַלצדינג וואָס

איך לייען זיך אָן אין דער רעדאַקציע, די דעפּעשן מיט די בריוולעך פֿון דער גאַרער וועלט, די ליגנס וואָס פֿליִען, די שקרים וכזבים וואָס מען טראַכט אויס און מען לייקנט זיי באַלד אָפּ, די הינטערפּיסלעך וואָס מ'שטעלט איינס דאָס אַנדערע און טאַקע דאָס בלוט וואָס גיסט זיך פֿראַנק און פֿריַי אויף אַלע גאַסן, וואָלסטו אויך אויפֿגעהערט פֿרעגן קשיות, אַזוי ווי איך האָב אויפֿגעהערט צו פֿרעגן. ניט נאָר קשיות פֿרעגן — איך קאָן שוין ניט ליַידן אַפֿילו, אַז יענער פֿרעגט מיך, און מהאי טעמא האָב איך טאַקע אויפֿגעהערט אַריַינצוגיין צו כאַסקל קאַטיק אין דער קאַוויאַרניע אַריַין, ער זאָל מיך לאָזן צו רו און אויפֿ־הערן האָבן טענות צו מיר, למאַי שוויַיגט מען און למאַי דערלאָזט מען, אַז די באַלקאַנער זאָלן זיך איינס דאָס אַנדערע אויסקוילען ווי די אָקסן? מילא, אַז די „האַלבע לבנה" — דאָס מיינט ער דעם טערק — גייט אויף די סלאַוויאַנער, דאָס, זאָגט ער, פֿאַרשטייט ער נאָך. אָבער ווי דערלאָזן דאָס איַיערע סלאַוויאַנער גדולים, טענהט ער צו מיר, אַז זייערע אייגענע ברידערלעך, טאַקע די סלאַוויאַ־נער גופֿא זאָלן זיך פֿאַרטיליקן, זאָגט ער, איינס דאָס אַנדערע? מילא פֿון יושר, זאָגט ער, רעדט ער שוין ניט. ער וויל נאָר איין זאַך — איך זאָל אים זאָגן, ווו איז דער שׂכל? און דער דאָזיקער ייִד, דאַרפֿסטו וויסן, אַז ער באַסיאַדעט זיך, קאָן מען פֿון אים אַזוי גיך ניט פּטור ווערן. אַט האָט ער זיך באַסיאַדעט אויף מיר מיט דער ייִדישער קאַוויאַרניע, וואָס איך וויל עפּעס אויף אַקציעס, איך זאָל נעמען זיַין „אוסטאַוו", וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט פֿון מיַינעט וועגן. אַלצדינג באַדאַרף, זאָגט ער, האָבן אַן אוסטאַוו אַן אוטווערדעוועטן פֿון קאַזנאַ, וואָס דאַרפֿסטו מער? אַפֿילו פֿאַר מיַין בוך לטובת העמיגראַנטן האָט ער אויך, זאָגט ער, אויסגעאַרבעט אַן „אוסטאַוו" — אַ ייִד האָט זיך פֿאַרליבט אין „אוס־טאַוון"... דערוויַיל קאָן איך דיר שריַיבן, זוגתי היקרה, פֿון מיַין בוך, אַז ער איז מרעיש־עולם! דאָס הייסט, ניט דער בוך גופֿא, קיין בוך איז נאָך ניטאָ, נאָר דער „לכה דודי", וואָס איך האָב געלאָזט דרוקן, האָט אויפֿגעוועקט די גאַנצע וועלט און איך באַקום הונדערטער בריוולעך פֿון אַלע ארבע פּינות עולם. דער פֿרעגט זיך נאָך ווען וועט שוין אַרויס דאָס בוך? דער אַנדערער פֿרעגט, צי דער גאַנצער בוך וועט זיַין געדרוקט אין גראַמען אויפֿן שניט פֿונעם „לכה דודי"? נאָך איינער פֿרעגט, ווי לוינט זיך מיר געבן אומזיסט אַ בוך גאָר אָן אַ פּרוטה? און נאָך איינער פֿרעגט גאָר אַזאַ מין קשיא, ווי באַלד אַז איך גיב דאָס בוך אומזיסט, צו וואָס זשע טרעבעווע איך אַ מאַרקע? ממה־נפֿשך, אַז אומזיסט איז אומזיסט... אַ גיַיציקע אומה אונדזערע ייִדן, זאָג איך דיר! צו אָפּענטפֿערן יעדן

אײנציקן באַדאַרף מען האָבן בראָצקיס פֿאַרמעגן אויף מאַרקעס אַלײן! און מחמת איך האָב קײן צײַט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אײנעם אַנדערן בריװ װעל איך דיר אָרויסשרײַבן נאָך מער באריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שװיגער שתּחי' און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: דאָס װאָס דו עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ, זוגתי היקרה, װאָס דער מחבר פֿונעם „לכה דודי" האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַנע גראַמען דײַן מאַמע, איז אַזױ געװען די מעשׂה: ער האָט געהאַט תּחילת אַװעקגעשטעלט אַזױ:

„איר דאַרפֿט געדענקען אים מסתּמא — ער האָט אַ װײַב, איז זי אַ דאַמע"... האָב איך ניט דערלאָזט, װײַל איך האָב געװוּסט, אַז דו האָסט פֿײַנט „דאַמעס"... האָט ער שױן געמוזט אַװעקשטעלן די „מאַמע", װאָרעם ער האָט ניט געהאַט קײן אַנדער גראַם צום װאָרט „מסתּמא". על־כּן באַדאַרפֿסטו אויף אים קײן פּאַראיבל ניט האָבן. ער איז דאָך ניט מער װי אַ גראַמען־מאַכער, און די גראַמען־מאַכערס האָבן אין זיך אַ טבֿע, אַז צוליב אַ גראַם װעלן זײ דיר אַװעקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. קײן ספֿק ראיות דאַרף מען ניט. אָט האָסטו, למשל, פֿאַראַן בײַ אונדז אײנער אַ גרױסער גראַמזאָגער, גאָר גאָר אַ גרױסער, ער מאַכט לידער אויף רוסיש און אויף ייִדיש שױן פֿון כּמה וכמה יאָרן... פּלוצעם איז אים אַנגעקומען אַ משוגעת זיך אױסלאַכן פֿון אונדזער ייִדיש לשון, מאַכן דאָס אויסצודרײען, אָנגערופֿן עס מיט כּלערלײ צונעמענישן, אױסגעשאָלטן זיך גאַנץ פֿײַן אויף יװניש און אויסגעלאָזט האָט ער מיט אַזאַ מין גראַם:

„זשאַרגאָן — אױך מיר אַ לשון!
אױך מיר אַ משׂא־מתּן!
אַ פּאָר אַלטע קאַלאָשן —
אַ רוח אין זײַן טאַטן"!...

װײ־װײ װאָס האָט זיך אָפּגעטאָן נאָך דעם בײַ אונדז אויף די גאַזעטן! װיפֿל טינט עס איז פֿאַרגאָסן געװאָרן! יונגע לײַט זענען אַרױס מיט פֿײַערדיקע פּראָטעסטן: „סטײַטש, אַזאַ רציחה! אַ ייִד שרײַבט אַלײן אויף זשאַרגאָן אַזױ פֿיל יאָרן — און נאָך אַזױ שײן געשריבן! — נעמט ער פּלוצעם און באַשפּײַט אים און פֿאַרגלײַכט אים צו אַ פּאָר אַלטע קאַלאָשן און שעלט אים אין טאַטן!"... ייִנגלעך — נאַראָנים! זײ װײסן ניט דעם טעם, װאָס הײסט בײַ אַ גראַמזאָגער אויסברענגען אַ גראַם!...

שיינע־שיינדל פֿון פּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

13

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאַ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז אויב דו ווילסט מיר שרײַבן זאָלסטו מיר ניט שרײַבן פֿון דײַנע שלימזלען די קליינע מיט די גרויסע מיט די גאָר גאָר גרויסע לידל־מאַכערס, לאָזן זיי דיר גיין כּף־הקלע מיט זייערע גראַמען, זיי זאָלן האָבן מײַן מיגרען מיט מײַן קאַפּוויטיק, וואָלט זיך זיי מער ניט געגראַמט. זיי זאָלן אַזוי קענען עסן ווי איך קען איצט שרײַבן דיר אַ בריוו, אַז סך־הכּל, אויב דו ווילסט וויסן, דרייט זיך מיר די גאַנצע שטוב און עס פֿינטלט מיר אין די אויגן. נאָר וואָס דען? מ׳האָט מיך געבעטן הײַנט אין דער פֿרי עטלעכע מענטשן, אַז איך זאָל דיר למען־השם שרײַבן מכּוח אַ מעשׂה וואָס בײַ אונדז האָט זיך געטראָפֿן, די גאַנצע שטאָט איז אַרײַנגעקראָכן אין אַ בלאָטע, ניט אַהער ניט אַהין, ווילן זיי טאָמער קענסטו זיי עפּעס העלפֿן מיט אַן עצה, כאָטש איך ווייס ניט, וואָס ביסט דו עפּעס געוואָרן בײַ זיי מיט אַ מאָל דער גרויסער חכם, מיטן גרויסן קאָמפּענטש, מיטן בעל־יועץ. נאָר ווי זאָגט די מאַמע: גיב מיר גאָטעניו ניט קיין שׂכל, ניט קיין פֿאַרשטאַנד, נאָר איין קליין שטיקעלע הצלחה... די מעשׂה איז אַזאַ מעשׂה:

ס׳איז פֿאַראַן בײַ אונדז אַ חברה, אַ שפּאָגל נײַע חברה, הייסט זי מיט איר הייליקן נאָמען „הכנסת־כּלה״ און פֿאַרנעמט זיך דערמיט, וואָס זי פֿאַרזאָרגט מיט נדן אַלע מיידלעך. ווי באַלד נאָר אַז גאָט העלפֿט, אַ מיידל ווערט אַ כּלה, אַזוי באַקומט זי דרײַ הונדערט קערבלעך נדן פֿון דער חברה! דער טאַטע מעג זיך זײַן ווער עס וויל, — אַ סוחר אָדער אַ בעל־מלאָכה, אַ קרעמער אָדער אַ מלמד, אַ נגיד אָדער אַ קבצן, אַבי ער איז אַ טשלען פֿון דער חברה, איז שוין גוט. און אַ טשלען קאָן זײַן יעדערער, מ׳דאַרף דערצו ניט קיין חכמה, ניט קיין בריהשאַפֿט, נאָר איין פֿינפֿערל, דאָס הייסט ווער עס האָט און קאָן און וויל איינשטעלן אַ פֿינפֿערל, אַזוי ווערט ער אַ טשלען פֿון דער חברה, און זײַן טאָכטער,

לאָז זי נאָר ווערן אַ כּלה, אַזוי איז זי שוין באַוואָרנט מיט דריי הונדערט קערבּ־לעך נדן, וואָס קלייבּן זיך אָן טאַקע פון די פינפערלעך, וואָס איטלעכער טשלען טראָגט אַריין. און פינפערלעך האָבּן זיך אָנגעקליבּן אַזוי פיל דאָס ערשטע יאָר, אַז ס׳איז געוואָרן אָן אַ שיעור געלט! טויזנטער בעלי־בּתּים, טויזנטער פינ־פערלעך. אַ קלייניקייט, אַז פאַר איין פינפערל וואַרפט אַראָפּ אַ טאַטע פון זיך דעם גאַנצן עול פון נדן און ער קאָן טאָן דעם גרעסטן שידוך! מיין פעטער אַבּרהם־משה, אויבּ דו געדענקסט אים נאָך, פאַרמאָגט זיין אייגנס דריי טעכטער קיין עין־הרע, וואָס אַלע דריי האָט מען געמעגט שוין לאַנג אין איין טאָג צו דער חופּה פירן. איז ווי באַלד ער האָט דערהערט פון דער נייער חבֿרה, אַזוי איז ער אַוועקגעלאָפן און אַריינגעבּראַכט אַ פינפערל און האָט זיך פאַרשריבּן פאַר אַ טשלען און האָט באַלד איבּערגערעדט מיט אַ שדכן ער זאָל זוכן פון זיינעט וועגן דריי חתנים אין איין גאַנג.

וואָרעם אַז איינער האָט דריי טעכטער און אַלע דריי ווערן כּלות, גיט מען אים אַרויס פון דער חבֿרה דריי מאָל צו דריי הונדערט קערבּלעך נדן, אַזוי איז דער דין. און טאָמער האָט איינער פיר טעכטער און אַלע פיר ווערן כּלות, דאַרף מען אים אַרויסגעבּן פיר מאָל צו דריי הונדערט קערבּלעך נדן. און אַז איינעם האָט גאָט געבּענטשט מיט פינף טעכטער, מוז מען אים געבּן פינף מאָל צו דריי הונדערט קערבּלעך נדן. הכּלל, וואָס מער טעכטער איז אַלץ בּעסער, ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבּן, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט וואָס אַ טאַטע וועט זיך ניט זאָרגן ער האָט צו פיל קינדער און אַ מאַמע וועט ניט וויינען זי האָט אַ סך טעכטער...

האָבּן זיי זיך אָבּער אַרומגעקוקט, אַ מכּה זיי, וואָס טוט מען טאָמער האָט איינער זיבּן טעכטער, צען טעכטער, דרייצן טעכטער, — אַ קשיא וואָס סע מאַכט זיך? אָט איז ביי אונדז אין כּתרילעווקע געווען אַ שוסטער, ייִדל בּעז־דעטניק האָט מען אים אַ נאָמען געגעבּן, דערפאַר וואָס גאָט האָט אים געגליקט מיט גאַנצע אַנדערטהאַלבּן טוץ קינדער פון צוויי ווייבּער, און אַלע זענען זיי מיידלעך! אַ גליק וואָס ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע, צי איז ער דערפאָרן מיט זיין כאַליאַסטרע אויפן אָרט, צי ער האָט זיי געפּטרט איינציקווייז אין וועג ערגעץ אויף דער זייט גרענעץ אָדער אויף יענער זייט גרענעץ — דאָס ווייס מען ניט. ווער האָט אין זינען אַ שוסטער? קאַרג שוסטערס און קאַרג שניידערס און גלאַט ייִדן זענען אויסגעשטאָרבּן בּיז זיי האָבּן זיך דערלעבּט צו קומען אויפן אָרט בּכדי זיי זאָלן דאָרטן קאָנען האָרעווען ווי די

פערד מ׳זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער? נאָר אַז מ׳האָט אַ טראַכט געגעבן, וואָס וואָלט געווען ווען אַזאַ מין בעזדעטניק למשל נעמט און ווערט אויך אַ טשלען און פאַרט ניט אַוועק קיין אַמעריקע און זיינע אַלע אַכצן מיידלעך וואַקסן אויס און ווערן כּלות? ווו וועט מען נעמען אַזוי פיל געלט? איז מען געפאַלן אויף אַן עצה, פאַלן זאָלן זיי אויף די אויגן, און מ׳האָט אָפּגעפּסקנט אַזוי: אַז ווער עס צאָלט איין נאָר איין פינפערל אַ יאָר, דער קאָן חתונה מאַכן נאָר איין טאָכ־טער, און ווער עס האָט צוויי טעכטער דאַרף ער צאָלן צוויי פינפערלעך אַ יאָר און ווער עס האָט דריי טעכטער — דריי פינפערלעך, פיר טעכטער — פיר פינפערלעך, צען טעכטער — צען פינפערלעך, — צען פינצטערע יאָר אויף זייער קאָפּ! וואָס טויג דיר חכמות — דער פעטער אַברהם־משה האָט נעבעך געמוזט מפקיד זיין נאָך צוויי פינפערלעך. אַ ברירה האָט ער געהאַט? ווי זאָגט די מאַמע: ווער עס האָט ליב אַ פעטן קוגל, דער באַדאַרף ליב האָבן אַריינטאָן שמאַלץ... ביסטו שוין פאַרטיק? האָב צייט אַ ביסל. די רעכטע געדיכטע הייבט זיך ערשט אָן.

הכּלל, האָט מיין פעטער אַברהם־משה ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט אַ שידוך געטאָן מיט אַלע דריי טעכטער און געקראָגן פאַר זיי חתנים דווקא אויסגעצייכנטע, איינער בעסער פונעם אַנדערן. וואָס איז דער חידוש? פאַר געלט קריגט מען היינטיקע יאָרן די מציאה, און דער נדן איז דאָך זיכער, ווי אין באַנק, די „חברה" איז באַגלייבט, וואָרעם די גבאים און די רעכטע מאַכערס איז דער סאַמע צימעס. קאָנסטו פאַרשטיין, אַז רב יהושע־העשל אַליין איז אויך אַ מאַכער צווישן די מאַכערס. איז דאָך גוט? האָב זשע צייט, וועסטו הערן ווייטער.

אַ שידוך געטאָן, האָט ער אָפּגעלייגט די חתונה טאַקע אויף באַלד, אין צוויי וואָכן אַרום, און אַלע דריי חתונות אויף איין טאָג. וואָס איז דער שׂכל? דער שׂכל איז פּראָסטער שׂכל, ער האָט, פאַרשטייסטו מיך, גערעכנט אַזוי: ער וועט חתונה מאַכן אַלע דריי טעכטער אין איין קלאַפּ, וועט ער פאַרשפּאָרן דריי חופּה־וועטשערעס מיט דריי מאָל כּלי־זמר מיט דריי נעכט ניט שלאָפן. אַ מערכה וואָס מ׳קאָן ניט פאַרשפּאָרן צאָלן דריי מאָל שדכנות־געלט. לאָזט זיך אויס, אַז דער פעטער אַברהם־משה איז גאָר קיין נאָר ניט. דער פעטער אַברהם־משה האָט קיין שדכנות אויך ניט געצאָלט — ער האָט זיך מישב געווען און האָט דאָס אָפּגעלייגט אויף נאָך דער חופּה, בכדי ער זאָל צאָלן, פאַרשטייסטו מיך, טאַקע פון יענעם געלט, פונעם נדן הייסט עס, וואָס די „חברה" וועט

געבן, ווי זאָגט די מאַמע: מיט פֿרעמדע פּוטער איז גוט צו שמירן זיך... וואָלט ער דאַכט זיך געמעגט זייַן צופֿרידן, איאָ? איז אָבער דער פֿעטער אַברהם־משה ניט אַזאַ מענטש. ער איז דיר קיין מאָל ניט צופֿרידן: „וואָס איז אייַך, פֿעטערל? וואָס האָט איר אָראָפּגעלאָזט די נאָז?" קרעכצט ער: סטייַטש, ער באַדאַרף זיך שיידן מיט דריַי קינדער אין איין וואָך, וואָרעם אַלע דרייַ חתנים האָבן אָפּגעשמועסט צווישן זיך, אַז אין אַ וואָך אַרום נאָך דער חופּה פֿאָרן זיי אַלע אַוועק קיין אַמעריקע, געלט האָבן זיי צו דרייַ הונדערטער יעדער — וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

הכּלל, איז ער אַרומגעגאַנגען אין איינע יסורים, דער פֿעטער אַברהם־משה הייסט עס. אַן אומגליק, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, דרייַ טעכטער מיט דרייַ איידעמס, קוים אַ מאָל דערלעבט אַ שטיקל נחת — הייבן זיי זיך אויף און פֿליִען אַוועק אַלע אין איין וואָך! מ׳זאָל אים לאָזן, זאָגט ער, כאָטש אָנטיִעשען זיך אַ ביסל! אַזוי קלאָגט ער זיך נעבעך, דער פֿעטער אַברהם־משה הייסט עס, און אין אמתן זעט מען אַז דעם ייִדן קומט צו אַ שטיק געזונט, אַ קלייניקייט אַ מענטש פּטרט אַראָפּ אַזאַ האַרב פֿון די פּלייצעס — דרייַ דערוואַקסענע טעכטער אין איין טאָג! קאָן דאָך די מאַמע קיין עוולות ניט לייַדן און האָט פֿייַנט אַז אַ מענטש האָט פֿאַרשטאָכענע אויגן און זאָגט ניט דאָס וואָס ער מיינט, הייבט זי אָן אויסרעדן מסתּמא דאָס האַרץ, ווי זי קען, אַז ער וויינט אומזיסט, מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט. גאָט קאָן טאָן אַ נס, זאָגט זי, אַז זיי זאָלן גאָר בלייַבן היגע און זאָלן ניט פֿאָרן אין ערגעץ, וואָרעם ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז אַ מענטש האָט איין וועג און גאָט האָט אַן אַ שיעור... ווערט ער ברוגז, דער פֿעטער אַברהם־משה הייסט עס, און מאַכט צו איר: „עפּעס האָט איר מיר צו פֿיל אָנגעהויבן רעדן מיט גאָט!..." הכּלל, ווער איז געווען גערעכט? פֿאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע! זייַנע דרייַ טעכטער האָבן אַזוי חתונה געהאַט אין איין טאָג, אַזוי ווי איך בין אַ רב, וואָרעם אַז ס׳איז געקומען צו דער חתונה און די חתנים האָבן אַ טרעבעווע געגעבן דעם נדן, איז דער פֿעטער אַברהם־משה אַוועקגעלאָפֿן נאָכן נדן, לאָזט זיך אויס — ווער נדן, וואָס נדן? — עס באַדאַרף ערשט זייַן אַ זאַסעדאַניע. איז אים באַלד געוואָרן קאַלעמוטנע, נאָר אַז מען זאָגט אַ זאַסעדאַניע איז אַ זאַסעדאַניע. ווען זשע וועט זייַן די זאַסעדאַניע? אם־ירצה־השם שבת צו נאַכטס. „סטייַטש, שבת צו נאַכטס איז שוין בייַ אים דאָס פֿאַרשפּיל און דינסטיק די חופּה, דאָס הייסט אַלע דרייַ חופּות!"

מילא, שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן — מיט אַ שטאָט קאָן מען זיך ניט קריגן. קוים דערלעבט דעם שבת צו נאַכטס, די „חברה" איז זיך צונויפֿגעקומען אויף דער זאַסעדאַניע, טאַקע בײַ רב יהושע־העשלען אין שטוב, און מ'האָט געפּסקנט, ווײסטו הערן אַ שיינס: אַזוי ווי פֿון די פֿינפֿערלעך האָט זיך טאַקע אָנגעקליבן אַ שיין ביסל געלט, נאָר אַזוי ווי ייִדן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן חתונה מאַכן זייערע טעכטער, און אַלע אין איין צײַט, אַ סברה אַז אויף ראש־חודש אלול זענען אָפּגעלייגט געוואָרן הונדערטער חתונות, האָבן זיי זיך באַרעכנט, אַז טאָמער וועלן זיי אַרויסגעבן אַלעמען זייערע נדנס, וועט זיי ניט קלעקן ראָטשילדס פֿאַרמעגן און וועלן נאָך מוזן זײַן אָנזעצערס, על־כּן, איז בײַ זיי געבליבן זיי זאָלן אָפּוואַרטן און ניט אַרויסגעבן דערווײַל קיינעם ניט אַ גראָשן, ביז מ'וועט געפֿינען עפּעס אַן עצה — אָדער מ'זאָל צעטיילן דאָס צונויפֿגעזאַמלטע געלט צווישן די כּלות וואָס האָבן חתונה ביז ראש־חודש אלול, וויפֿל ס'וועט זיך אָננעמען, אָדער מ'זאָל אומקערן די טשלעָנעס צוריק זייערע פֿינפֿערלעך, וועט דאָס האָבן אַן עק! ווי געפֿעלט דיר אַזאַ מעשׂה? מעג ניט קומען אויף זיי אַ כאָלערע נאָך איידער דער ראש־חודש אלול איז אַרײַנגעטראָטן? אַבי מען האָט גענומען און מ'האָט אויפֿגערודערט אַ שטאָט, טאָמער ווייסטו וואָס? ווי זאָגט די מאַמע:

אַז מען בויט אויף זאַמד, מוז עס פֿאַלן, און פֿון שניי לאָזט זיך תּמיד אויס אַ טײַך...

דו קאָנסט זיך דען פֿאָרשטעלן דעם חורבן וואָס אין שטאָט? מיטן טרויער פֿון די כּלות? מיטן רחמנות וואָס אויף די טאַטעס נעבעך? אַנדערע שרײַען גוואַלד, מאַכן סקאַנדאַלן! אַנדערע שעמען זיך אין גאַס אַרויסצוגיין. און זיי, די מאַכערס פֿון דער „חברה", אַ קלאָג צו זייערע קעפּ! זיי ווייסן נאָר איין זאַך — מאַכן זאַסעדאַניעס! נאָך אַ זאַסעדאַניע און נאָך אַ זאַסעדאַניע און נאָך אַ זאַסעדאַניע, — אַ זאַסעדאַניע זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו זיי אין האַלדז, רבונו־של־עולם! דערווײַל איז בײַ זיי געבליבן, אַז מ'זאָל צעשיקן בריוו אין אַלע גרויסע שטעט, ווו עס געפֿינען זיך אויך אַזעלכע „חברות", און מ'זאָל בײַ זיי אָנפֿרעגן אַן עצה, וואָס טוט מען? און אַזוי ווי דו ביסט דאָך איצט אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי וואַרשע, און דו קענסט זיך דאָרט מיט עפּעס איינעם אַ ייִדן, וואָס מען רופֿט אים כאַסקל און וואָס ער פֿאַרנעמט זיך זאָגסטו דערמיט וואָס ער מאַכט „חברות", לכן, האָט מיך געבעטן, טאַקע דער פֿעטער אַברהם־משה און זײַנע קינדער, זיי לייענען דײַן געזעט, אַז איך זאָל למען־השם צו דיר שרײַבן אַז דו זאָלסט זיך דאָרטן זען למען־השם מיט אַ יענעם ייִדן און זאָלסט מיר למען־השם באַלד אָפּשרײַבן צוריק, וואָס זאָגט ער, אָט דער כאַסקל הייסט עס? צי ס'איז פֿאַראַן

מנחם־מענדל

עפּעס אַן עצה דערצו, צי ס'איז אַ נעכטיקער טאָג? איך האָב מורא, אַז ס'איז דרײַ נעכטיקע טעג און אַז אַלע מעגן זיך באַגראָבן מיט דער „חברה" אין איינעם, ווי זאָגט די מאַמע: ס'שטייט געשריבן, אַז אַך און וויי איז שוין דעם קראַנקן, אַז מ'דאַרף אים ראַטעווען מיט פּיזעם... ווי עס ווינטשט דיר פּיל גליק און אימער גוטס דײַן באמת געטרײַע פרוי

שיינע־שיינדל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

17

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי ווייסן, זוגתי היקרה, אַז ווי באַלד איך האָב מקבל געווען דײַן מכתּב מכּוח דער חברה „הכנסת־כּלה״, וואָס בײַ אײַך אין כּתרילעווקע, אַזוי בין איך גלײַך אַוועקגעגאַנגען צו מײַן פֿרײַנד כּאַסקל קאַטיק און האָב אים געטראָפֿן בײַ דער אַרבעט — ער מאַכט אַ נײַעם אוסטאַוו פֿון אַ נײַער חברה. וואָס פֿאַר אַ חברה דאָס איז — וויל ער ניט זאָגן. ס׳איז נאָך דערווײַל, זאָגט ער, אַ סוד. נאָר אַז מ׳וועט געוווּיר ווערן, זאָגט ער, וועט זיך טאָן חושך, וואָרעם ס׳איז לא בא כּבושם הזה — ס׳איז נאָך אַזעלכעס ניט געווען, זאָגט ער, אין ערגעץ ניט. בקיצור, האָב איך אים דערציילט די מעשׂה וועגן אײַער „הכנסת־כּלה״ און איבערגעלייענט דײַן בריוול, האָט ער זיך צעלאַכט, אָבער ווי אַזוי מיינסטו געלאַכט? זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן, ממש געקאַטשעט זיך. איך האָב געמיינט דער ייִד וועט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער! אַז ער האָט זיך גוט אויסגע־לאַכט רוף איך מיך אָן צו אים: אפֿשר קאָנט איר מיר זאָגן, מײַן ליבער רב כּאַסקל, וואָס האָט איר דערזען אין מײַן ווײַבס בריוול אַזעלכעס אַ לעכעריקס, וואָס איז אָנגעפֿאַלן אויף אײַך פּלוצעם אַזאַ ווילדער געלעכטער? מאַכט ער צו מיר: „ניט פֿון אײַער ווײַב, זאָגט ער, לאַך איך, און ניט פֿון איר שרײַבן וואָס זי שרײַבט, נאָר פֿון אײַערע כּתרילעווקער ייִדן, וואָס זענען אַזעלכע בהמות, ווייסן ניט, זאָגט ער, מאי דקאמרי רבצין און נעמען זיך פֿאַר אַזאַ זאַך, זאָגט ער, ווי מאַכן אַ חברה! אויף מאַכן חברות, זאָגט ער, און אויסאַרבעטן אוסטאַוון פֿרעגט מיך, וועל איך אײַך, זאָגט ער, געבן מאַטעריאַל!״ — הערסטו, זאָג איך, אָט צוליב דעם בין איך דאָך טאַקע געקומען. מײַנע כּתרילעווקער מאַכערס, זאָג איך, זענען אַרײַן אין אַ בלאָטע, וויל איך, זאָג איך, איר זאָלט מיר געבן עפּעס אַ רעכטע עצה, ווי אַזוי מ׳שלעפּט זיי אַרויס. „אַך! — זאָגט ער — אַן עצה? פֿאַר

וואָס ניט? אַדרבה, זאָגט ער, מיטן גרעסטן כבוד! אַבי זיי זאָלן נאָר ניט זײַן, זאָגט ער, קיין פּרא־אָדמס און זאָלן פֿאָלגן וואָס מען זאָגט זיי. וואָרעם אײַערע כּתרילעוקער לײַט, זאָגט ער, האָבן אַ טבע, וואָס מען זאָל זיי ניט זאָגן געפֿעלט זיי ניט און אויף יעדן מענטשן געפֿינען זיי אײַך אַ חסרון". פֿון וואַנען, זאָג איך, קענט איר עס אַזוי גוט אונדזערע כּתרילעוקער? „ס'איז געננוג, זאָגט ער, אַז איך קען אײַך, איינעם אַ כּתרילעוקער... נאָר בקיצור, זאָגט ער, פֿון די רייד וועט ניט זײַן גאָרניט. מען דאַרף זען עפּעס צוטראַכטן, זאָגט ער, פֿאַר אײַערע לײַט עפּעס אַ רעכטן פּלאַן. אַ רחמנות אויף זייער געלט. עס רײַסט מיר דאָס האַרץ!.."

און מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט ער זיך אויף פֿונעם אָרט און, ניט לאַנג געטראַכט, טוט ער זיך אַ רײַב דעם שטערן, גייט אַרום עטלעכע מאָל הין און צוריק איבער דער שטוב, שטעלט זיך אָפּ און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך בין, זאָגט ער, באַלד פֿאַרטיק אַרום און אַרום. נאָר זאָגט מיר, זאָגט ער, רב מנחם־מענדל, וואָס איך וועל אײַך פֿרעגן — איר האָט עפּעס צײַט?" זאָג איך: וואָס איז שייך? איך זאָל זאָגן, זאָג איך, אַז איך האָב אַ סך צײַט האָב איך ניט. נאָר אויב, זאָג איך, ס'איז נייטיק, קאָן זיך געפֿינען, זאָג איך, בײַ מיר אַזאַ האַלבע שעה. „אויב אַזוי, זאָגט ער, איז גוט. נאָט אײַך אַ בויגן פּאַפּיר. אָט שטייט אַ טינט און פּען, זעצט זיך אַוועק, זאָגט ער, איך וועל אײַך דיקטירן און איר, זאָגט ער, וועט זײַן אַזוי גוט און פֿרום און וועט שרײַבן..." זאָג איך: וואָס איז שייך איר וועט דיקטירן? און טאַקע שוין אַזוי גיך? גאָר ניט געטראַכט אַפֿילו? צעלאַכט ער זיך: „איר מיינט אַ פּנים, זאָגט ער, אַז ס'איז בײַ מיר דער ערשטער אוסטאַוו פֿון הכנסת־כּלה? איר זעצט אײַך נאָר אַוועק, זאָגט ער, נעמט, זײַט מוחל, די פּען און שרײַבט און פֿרעגט ניט קיין קשיות..." פֿאָלג איך אים, זעץ מיך אַוועק בײַם טיש, טונק אײַן די פּען און וואַרט וואָס וועט זײַן. מיינסטו אפֿשר אַז עס האָט לאַנג געדויערט, אָדער אַז ער האָט אַרויסגענומען עפּעס אַ בוך, אָדער אַ פּאַפּיר, צי וואָס? ניין, דווקא אויף אויסנווייניק און דווקא גאָרניט לאַנג געטראַכט, נאָר געקנייטשט זיך דעם שטערן, און אַזוי ווי איך שרײַב דיר, אַזוי איז דאָס געגאַנגען בײַ אים, ווי אַ מיזמור, און פֿײַנטשיק, און גלאַט, און קײַלעכיק, פּערל, ניט קיין ווערטער!

הקיצור, ער האָט גענומען דיקטירן און איך שרײַב. „ראשית־חכמה, זאָגט ער, פֿאַרקאַטשעט נאָר אַקאָרשט דעם אַרבל, טונקט אײַן די פּען אין טינטערל און שטעלט אַוועק, זאָגט ער, מיט אײַער כּשר הענטל: דער פּראָיעקט פֿון דעם אוסטאַוו פֿון דער כּתרילעוקער חברה, „הכנסת־כּלה", וואָס דאַרף אויטווערדיעט

ווערן פֿון קאַזנאַ ירום הודו. פּאַראַגראַף נומער איינס: אין דער שטאָט כּתרילעווקע ווערט געגרינדעט אַ חברה „הכנסת־כּלה״, וואָס איר צוועק איז: זי פֿאַרזאָרגט ייִדישע מיידלעך מיט נדן צו דער חופּה, בכדי אַז איטלעכער ייִד וואָס האָט טעכ־טער, — און טעכטער האָבן אַ טבע זיי וואַקסן, — זאָל אים ניט דאַרן דער קאָפּ ווו נעמט מען נדן און חתונה־הוצאות אויף צו חתונה מאַכן זיי בשעת זיי ווערן אַלט אַכצן יאָר אָדער חלילה נאָך מער. פּאַראַגראַף נומער צוויי: די חברה „הכ־נסת־כּלה״ באַשטייט פֿון אַ קאָמיטעט און פֿון אַ קאָמיסיע. דער קאָמיטעט נעמט צו טשלענעס, געלט און פּראָשעניעס, און די קאָמיסיע קוקט איבער אַלע פּראָ־שעניעס, מאַכט אויספֿאָרשונגען אין שטאָט, הערט אויס זשאַלאָבעס און קאָנטראָ־לירט דעם קאָמיטעט. פּאַראַגראַף נומער דרײַ: דער קאָמיטעט באַשטייט פֿון דרײַ אויסדערוויילטע עלטערע פֿאַרשוינען פֿון די פֿײַנסטע און ערלעכסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט. זיי קלויבן אויס צווישן זיך איינעם אַ פּרעזידענט, וועלכער האָט צוויי גאָלאָסן. און די קאָמיסיע באַשטייט פֿון זיבן אויסדערוויילטע יונגע־לײַט, משׂכּילים בכבודע, קלוגע און ערלעכע, און די אַלע אויסדערוויילטע, סײַ די וואָס פֿון דעם קאָמיטעט, סײַ די וואָס פֿון דער קאָמיסיע אַרבעטן אומזיסט, נאָר באמונה, מיט אמת און מיט יושר, לטובת הכּלל. פּאַראַגראַף נומער פֿיר: יעדער ייִד, וואָס איז אַ באַווײַבטער און האָט טעכטער, קאָן ווערן אַ טשלען פֿון דער חברה, און צוליב דעם צאָלט ער אײַן, ווי באַלד נאָר עס ווערט בײַ אים געבוירן אַ מיידל, איין פֿינפֿערל, נאָר מיט אַ תּנאַי, אַז ווי באַלד דאָס מיידל ווערט אַלט אַ יאָר באַדאַרף ער שוין צאָלן מיט איין רובל מער, דאָס הייסט זעקס רובל. אויפֿן אַנדערן יאָר צאָלט ער שוין זיבן רובל. אויפֿן דריטן יאָר אַכט רובל. אויפֿן פֿערטן יאָר — נײַן רובל. אויפֿן פֿינפֿטן — צען רובל. אויפֿן זעקסטן — עלף רובל. אויפֿן זיבעטן — צוועלף רובל. אויפֿן אַכטן — דרײַצן רובל. אויפֿן נײַנטן — פֿערצן רובל. אויפֿן צענטן — פֿופֿצן רובל. אויפֿן עלפֿטן — זעכצן רובל. אויפֿן צוועלפֿטן — זיבעצן רובל. אויפֿן דרײַצנטן — אַכצן רובל. אויפֿן פֿערצנטן — נײַנצן רובל. אויפֿן פֿופֿצנטן — צוואַנציק רובל. אויפֿן זעכצנטן — איין און צוואַנציק רובל. אויפֿן זיבעצנטן — צוויי און צוואַנציק רובל. אויפֿן אַכצנטן — דרײַ און צוואַנציק רובל. און אויפֿן נײַנצנטן יאָר באַקומט זי איר נדן דרײַ הונדערט רובל און דעמאָלט מוז זי חתונה האָבן. פּאַראַגראַף נומער פֿינף: דאָס מיידל וואָס וויל ניט חתונה האָבן, קאָן מען זי ניט נייטן מיט גוואַלד זי זאָל דווקא יאָ חתונה האָבן. נאָר וואָס דען? זי פֿאַרלירט דאָס רעכט אויף די דרײַ הונדערט קערבלעך נדן. דערמיט ווערט דערגרייכט דרײַ צוועקן מיט אַ מאָל: 1) ייִדן וועלן זיך אויסלערנען אָפּ־

שפּאָרן. 2) עס וועט פאַרשווינדן די מאָדע ביי אונדז זיך צינויפלייגן אויף אַן אָרעמע כּלה און 3) עס וועלן ניט זיין מער ביי אונדז קיין אַלטע מוידן. פּאַראַ־גראַף נומער זעקס: אַלע יאָר, חול־המועד סוכּות, וועט אויסגעקליבן אַ נייער קאָמיטעט מיט אַ נייע קאָמיסיע, וואָס זאָלן פירן די חברה אינעם וועג פון שלום און אמת און יושר, צום ווילזיין און צו שיינקייט פאַר כּל־ישראל אָמן..."

אָמן ואָמן — זאָג איך, דאָס איז אַלצדינג זייער שיין און פיין, וואָס זשע טוט מען אָבער, זאָג איך, מיט יענע, וואָס האָבן שוין איינגעצאָלט די ערשטע פינפערלעך אין דער ערשטער חברה און זענען געבליבן, זאָג איך, שטעקן ניט אַהין און ניט אַהער? זאָגט ער צו מיר: „אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט אַ ייִדן! אַ ייִד האָט דיר קיין צייט ניט! מיר האַלטן ערשט ביים אָנהייב, זאָגט ער, און איר פרעגט שוין קשיות. גלייבט מיר, איך האָב ניט פאַרגעסן קיינעם, זאָגט ער, און איך האָב שוין פון זיי אויך געטראַכט. איצט שרייבט, זייט מוחל, זאָגט ער, פּאַראַגראַף נומער זיבן: ווער עס טראָגט אַריין די ערשטע פינף רובל און וויל ניט צאָלן ווייטער, אָדער ער קאָן ניט צאָלן, אָדער ער האָט פאַרגעסן צאָלן, באַקומט ער צוריק זיין געלט, נאָר וואָס דען? ניט באַלד, ערשט אין אַכצן יאָר אַרום, אַזוי אַז איער פעטער, ווי אַזוי הייסט ער דאָרטן, קאָן שוין, זאָגט ער, זיין גאַנץ רויק. אַצינד, זאָגט ער, גורט אָן אייערע לענדן, מיין טייערער מנחם־מענדל, מיר האַלטן נאָך גאָר פון פאָרנט. מיר האָבן נאָך צו רעדן און צו רעדן, זאָגט ער, מכּוח דער הנהגה, מכּוח דעם קאָנטראָל, מכּות דער בוכהאַלטעריע. מיר האָבן נאָך, זאָגט ער, אַזוי גרויס ווי עטלעכע און זעכציק פּאַראַגראַפן..."

דערהערט „נאָך עטלעכע און זעכציק פּאַראַגראַפן", איז מיר פּרחה נשמתי געוואָרן, כאַפּ איך אַ קוק אויפן זייגער און בעט ביי אים ער זאָל מיר הונדערט מאָל מוחל זיין: איך האָב קיין צייט ניט, זאָג איך, איך וועל אַריינקומען אַ צווייטן מאָל, עס ברענען אויף מיר די האָר, איך בין אַ פאַרקויפטער מענטש, זאָג איך, איך דאַרף לויפן אין דער רעדאַקציע. מי יודע, זאָג איך, וואָס דאָרטן טוט זיך אַצינד? אָט זיצן מיר, זאָג איך, מיט אייַך אָט אַ דאָ און מאַכן חברות, און דאָרטן, זאָג איך, קאָן די וועלט זיך איבערקערן...

בקיצור, איך האָב מיך אַרויסגעריסן און אַוועק אין דער רעדאַקציע און — כּך־הווה — גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ נביא — איך האָב געטראָפן דעפּעשן מיט דעפּעשן, און אַלץ פון איין שטאָט, פון בוקאַרעשט. דאָרט איז איצט דער מקום, פון וואַנען עס באַדאַרף אַרויס דער שלום אויף דער וועלט. אַהין צו האָבן זיך דאָס צונויפגעפאָרן די גרעסטע דיפּלאָמאַטן פון אַלע באַל־

קאָנער מדינות, וואָס באַדאַרפֿן אויסאַרבעטן אַ טראַקטאַט, אויסגלײַכן אַלע סיכ־סוכים צווישן די ברידער, וואָס קאָנען זיך ניט אײַנטיילן מיטן פֿעטער ישמעאלס ירושה. ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן, כ׳לעבן! בוקאַרעשט — אויך מיר אַ שטאָט! רומיניע — אויך מיר אַ לאַנד! מאָלדאָוואַנער און וואַלאַכן — אויך מיר אַ פֿאָלק! זיי זענען דאָס איצט די בוררים, די בעלי־יושר! זיי וועלן דאָס איצט אויסאַר־בעטן אַ טראַקטאַט און זיי וועלן דאָס אַכטונג געבן מ׳זאָל האַלטן וואָרט, פֿאָלגן וואָס אין טראַקטאַט שטייט געשריבן! פֿרעגט זיך, ווי באַלד אַז יאָ פֿאָלגן וואָס אין טראַקטאַט שטייט געשריבן! פֿאַר וואָס פֿאָלגן זיי ניט, איך מיין טאַקע די רומענער, יענעם טראַקטאַט, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין בערלין נאָך פֿאַר ביסמאַרקס צײַטן, ווו עס שטייט געשריבן בפּירוש שוואַרץ אויף ווײַס, אַז ייִדן האָבן אין רומיניע אַלע פּראַוועס?... מענטשן, וואָס צאָלן אַליין קיין וועקסל ניט, טאָרן ניט וועלן אַז יענער זאָל חתמענען וועקסלען... הײַנט זעט גלאָט אויס די גאַנצע מעשׂה בײַ מיר פֿון חוזק. עס גלייבט זיך מיר ניט, אַז ס׳זאָל עפּעס זײַן פֿון דער דאָזיקער בוקאַרעשטער קאָנפֿערענציע און פֿון זייערע טראַקטאַטן. וואָרעם פֿון איין זײַט די גרעקן מיט די באָלגאַרן, דינגען זיך ווי אויף אַ יריד, שטעלן זייערע תּנאָים וועגן מאַקעדאָניע — עפּעס אַ קאַוואַלאַ האָט זיך געשטעלט אין האַלדז ווי אַ ביין — און פֿון דער אַנדערער זײַט בעט זיך מאַקע־דאָניע מ׳זאָל זי לאָזן צו רו, זי וויל בעסער אַליין זײַן אַ בעל־הביתטע פֿאַר זיך און זי ווינטשט זיי, די גרעקן מיט די באָלגאַרן, זיי זאָלן ביידע אַנלייגן מיטן קאָפּ. און דער טערק מיט זײַן אַדרינאָפּאָל! ער רירט זיך ניט פֿון אָרט אויף קיין האָר אַפֿילו, כאָטש פֿון די „הויכע פֿענצטער" האָט מען אים שוין לאַנג געגעבן צו וויסן ער זאָל מיט גוטן מאַכן אַן אָפּטריט און וואָס פֿריִער, וואָרעם אַניט וועט מען אים מיט בייזן הייסן אַרויס, אַזוי ווי מען האָט אַנומלטן געהייסן דעם מלך מיקיטאָ פֿון מאָנטענעגערע ער זאָל אָפּרייניקן סקעטאַריע... איך קאָן דיר גאָר אַזוי פֿיל ניט אַרויסשרײַבן, זוגתי היקרה, די יסורים און דעם עגמת־נפֿש וואָס איך האָב דערפֿון. דאַכט זיך, אין פֿלוג, וואָס גייט מיך אָן אַדרינאָפּאָל, וואָס על־פּי דין און על־פּי יושר און על־פּי מענטשלעכקייט און על־פּי איך ווייס אַליין ניט וואָס — באַדאַרף עס געהערן צום טערק, ניט צו קיינעם ניט? נאָר ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: אַז מען קען ניט אַריבער מוח מען אַרונטער... און באמת טאַקע: איידער יענער זאָל בײַ מיר אַרויסרײַסן מיט גוואַלד, איז דאַכט זיך שענער טויזנט מאָל ווען איך גיב עס אים אַוועק מיט גוטן: „נאַ, וואָרג זיך!"... דו פֿאַרשטייסט, צי ניין? בײַ מיר איז דאָ אַ גאַנצע קאָמבינאַציע אויף דעם

אַדרינאָפּאָל. דהײַנו, וואָס פֿאַר אַ קאָמבינאַציע ? באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן. די מעשׂה איז פּשוט, ווי צוויי מאָל צוויי : אַזוי ווי דער מלך פֿערדינאַנד פֿון באַלגאַריע איז איצט אַ געשלאָגענער — און מיט אַ געשלאָגענעם איז זייער גוט צו מאַכן אַ געשעפֿט — זאָל ער, דער טערק הייסט עס, ווערן מיט אים איצט גאָר שלום־ושלווה, גוטע פֿרײַנד ביז גאָר, און אונטערטראָגן אים אַ מתנה אַדרי־נאָפּאָל און אויסרעדן זיך דערפֿאַר, אַז ניט נאָר ער, דער טערק הייסט עס, זאָל עמעצן דאַרפֿן צאָלן קאָנטריבוציע פֿאַר די שיינע מלחמות וואָס מ׳האָט מיט אים געפֿירט און פֿאַר דערפֿאַר וואָס מען האָט אים געבראָכן די ביינער, נאָר אדרבה, זיי, די סלאַוויאַנער הייסט עס, זאָלן אים, דעם טערק, באַפֿרידיקן מיט אַ היפּשע פּויטיקע פֿאַר אַדרינאָפּאָל מיט מאַקעדאָניע מיט אַלבאַניע. פֿאַרשטייסטו שוין ? דעמאָלט וועט ער בלײַבן אי אַ פֿײַנער מענטש, אי ער וועט אַראָפּלאָזן אַ שיינעם קאַפּיטאַל אין קעשענע אַרײַן. איך רעכן טאַקע אם־ירצה־שם גאָר אין גיכן זיך אַ נעם טאָן צו דער דאָזיקער אַרבעט און דורכפֿירן דעם פּלאַן מיט אַלע אַנדערע פּראָיעקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ מיר. נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן נאָך מער באריכות. לע״ע לאָז גאָט געבן מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פֿון כתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

14

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפֿורסם מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער. צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז די וואָס האָבן געלייענט דײַן בריוו האָבן אויסגעבעטלט אַלע בייזע וויסטע פֿינצטערע חלומות, וואָס פֿאַר אַ שנײַדערשן חשבון אָט דער כאַסקל קאַטיק דײַנער האָט אונדז געמאַכט! מען האָט אויסגערעכנט, אַז מ'זאָל צאָלן ווי ער וויל און מ'זאָל צורעכענען פּראָצענטן, וועט אויסקומען אַז מ'וועט באַדאַרפֿן אײַנצאָלן צוויי מאָל אַזוי פֿיל און אפֿשר דרײַ מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל מ'וועט אַ מאָל אַרויסנעמען, און וועט מען עס דערלעבן אַרויסנעמען? אַ פֿאָלג מיך אַ גאַנג אין אַכצן יאָר אַרום! ס'איז אים גרינג אויס־צורעדן אַכצן יאָר, אַכצן מכּות מײַנע שונאים. ווי זאָגט די מאַמע: וואַרט אויף פּרײַטיק, וועסטו עסן אַ ראָסלפּליישל... ניין, מענדל, אַז דו וועסט אים זען, דײַן קאַטיק הייסט עס, זאָלסטו אים זאָגן אַז מיר זענען ניט אַזעלכע בהמות ווי ער מיינט און מיר וועלן זיך ניט לאָזן פֿירן אין באָד אַרײַן און צאָלן און צאָלן וויפֿל ער וועט הייסן. וואָרעם סך־הכּל וואָלט ער געמעגט וויסן, אַז זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָט, איז גאָר אַזוי פֿיל געלט ניט געווען, וויפֿל ער האָט אָנגערעכנט, און אַפֿילו אַז ס'זאָל שוין זײַן, וואָלט מען געקענט געפֿינען דאָ בעסערע גע־שעפֿטן ווי ער לייגט פֿאָר. און פֿאָר דער עצה וואָס ער גיט דעם פֿעטער אַברהם־משה, ער זאָל צוּוואַרטן עפּעס אַ יאָר הונדערט ביז די בעלי־טובֿות וועלן זיך דערמאָנען אים אַ מאָל אומקערן זײַנע פֿינפֿערלעך, זאָלסטו אים אָפּגעבן אַ שיינעם דאַנק, טאַקע דײַן קאַטיקן הייסט עס, און זאָלסט אים פֿרעגן אויף אַ טשיקאַוועסט, אַז ער איז יאָ אַזאַ בעל־יועץ, לאָז ער דיר געבן אַן עצה וואָס זאָל דער פֿעטער אַברהם־משה איצטער טאָן מיט זײַנע דרײַ טעכטער, וואָס אַחוץ זיי זענען, צווישן אונדז רעדנדיק, אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, האָבן זיי נאָך קיין עין־הרע אַזאַ וווּקס, אַז זיי גייען אין גאַס וועט דיר קיינער ניט זאָגן אַז דאָס גייען מיידלעך? ער זאָל זיי אײַנזאַלצן, צי ער זאָל זיי פֿאַרקויפֿן אין חמץ? אַז קיין

חתנים דאַנקען גאָט האָבן זיי שוין ניט, וואָרעם אַלע דרײַ בחורים האָבן אָפּגעשיקט די תּנאָים, געשיקט זאָל זיי ווערן פֿון גאָט, ווו ס'איז דאָ ערגעץ אַ צרה, אַ שלאַק, אָדער אַ ווייטיק! עס ווילט זיך מיר ניט שעלטן אויפֿן ניכטערן האַרצן, נאָר ווינטשעווען ווינטש איך זיי פֿונעם גאַנצן האַרצן, אַז זיי זאָלן גאָרניט דערלעבן חתונה צו האָבן ווײַל זיי וועלן לעבן, און אַז זיי וועלן יאָ אַ מאָל חתונה האָבן, זאָלן זייערע ווײַבער גיך און באַלד בלײַבן אַלמנות און זייערע קינדער יתומים! אַ ווערטעלע אויסצורעדן דעם בזיון מיטן האַרצווייטיק, אַז סך־הכּל האָבן זיי שוין גאָר געהאַט זיך אָפּפֿאָטאָגראַפֿירט אַלע דרײַ פּאָרלעך אויף איין בילד און צעטיילט צווישן אַלע קרובים פֿון ביידע צדדים, פֿון חתנס צד און פֿון כּלהס צד, און טאַמער איז געווען קאַרג, האָט מען נאָך צעשיקט די בילדער קיין אָדעס און קיין ווילנע און קיין אַמעריקע און קיין אַלדע שוואַרצע יאָר. מאַנסבילן — פֿאַרברענט זאָלן זיי ווערן — זיי שטייט אָן אַלצדינג! פּרוּווט לאָז אַ כּלה זאָגן, זי וויל ניט דעם חתן, וועט מען אויף איר אויסקלערן וואָס אין דער קאָרט! אָט אַ שטייגער איז דער מומע קרענים בת־יחידקעלע שוין גוט געבילדעט? טאַנצט און שפּרינגט און גייט אָנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, איז זי די טעג שיִער ניט אַ כּלה געוואָרן פֿאַר שלום־זײַדלס אַ זונדל, דו קענסט אים ניט, ער האָט געשטודירט אין יעהופּעץ כּלומרשט אויף פּראָוויזער און איז געקומען צו פֿאָרן פֿון דאָרטן אַ גאָרניט מיט אַ ניט, אַ סוויסטשון, אַ פּוסטע כּלי, אַ פֿליוכטער! קאָנסט פֿאַרשטיין, אַז ס'איז נאָך גאָרניט געווען בײַ זיי, מען האָט נאָך קיין טעלער ניט געבראָכן, האָט ער שוין אויספּעיעט דערציילן דער כּלה עטלעכע מעשׂיות אַזעלכע שיינע, אַז זי האָט באַלד געזאָגט דער מאַמען, אַז ער זאָל זײַן מיט גאָלד, וויל זי אים ניט קענען! וואָס האָט ער איר אַזעלכעס דערציילט — קאָן מען בײַ איר ניט דערגיין באין־אופֿן־ואופֿן. נאָר זי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — ניין און ניין! אַ בת־יחידה — העלפֿט זיך עפּעס? הכּלל, איז געוואָרן אויס שידוך, ווי זאָגט די מאַמע: אויס כּלה, ווידער אַ מויד... וואָס זשע טוט אַזאַ ייִד ווי שלום־זײַדל? ווערסט גאָרניט טרעפֿן! ער איז זיך מישב, שלום־זײַדל הייסט עס, און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָס האָט ער ניט געוואָלט דעם שידוך. פֿאַר וואָס? וואָרעם זײַן זונעניו וויל ניט די כּלה דערפֿאַר, ווײַל זי רעדט ניט פּראַווילנע אויף רישעס. וואָס וועט ער טאָן, זאָגט ער, טאָמער וועט זײַן זון קאָנטשען אויף פּראָוויזער און וועט זײַן, זאָגט ער, אַן אַפּטייקער, ווי אַזוי וועט ער האָבן, זאָגט ער, אַ ווײַב וואָס קאָן ניט רעדן פּראַווילנע אויף רישעס? וואָס זאָגסטו אויף אים? מעג ניט אַזאַ טאַטע

באַגראַבן פֿריִער דעם זון און נאָכדעם שוין אַליין איינגעמען אַ מיתה־משונה? און ווער מיינסטו איז שולדיק אַז ניט זי אַליין, איך מיין טאַקע די מומע קרעניס געבאַלעוועטע בת־יחידה? אויף רישעס וואָלט איך גערעדט מיט אַזאַ שאַר־לאַטאַן? פֿון היץ וואָלט איך מיט אים גערעדט! מיינסט נאָר זי? אַלע מיידלעך זענען ביַי אונדז היַינט אַזוי געוואָרן. אַז דו גייסט אַרויס שבת ביַי טאָג אויפֿן שפּאַציר, הערסטו ניט קיין אַנדער לשון אַחוץ רישעס: „איזדראַסטעטי, ראַזעטש־קע!“, „איזדראַסטעטי סאַניטשקע!“, „קאַק פּאַזשיוואַיעטי, ראַזעטשקע?“, „בלאַ־גאָדאַרו וואָם, סאַניטשקע!“ — ס׳שלאָגט אַזש צו דער גאַל! וואָס איז? באשר אין יעהופּעץ זענען אַלע מיידלעך באַרישניעס און רעדן אויף רישעס, דאַרפֿן זיי אויך זיַין באַרישניעס און בעלעבעטשן אויף רישעס... אַלצדינג וואָס אין יעהופּעץ, גלוסט זיך זיי אויך. למשל אין יעהופּעץ איז אַ מאָדע — קומט דער זומער, פֿאָרן אַלע יידן אַרויס קיין בויבעריק אויף דאַטשעס. וואָס טוט כּתרילעווקע אַז זי האָט ניט קיין בויבעריק? האָט איר גאָט געגעבן אַ זלאָדיעווקע, פֿאָרט מען קיין זלאָ־דיעווקע אויף דאַטשעס. אַז דאָרטן זענען אַזוי פֿאַראַן דאַטשעס אַזוי ווי ביַי מיר איז פֿאַראַן וויַיס איך וואָס? נאָר ס׳איז עפּעס אַ תּירוץ — וווּהין דען וועט מען פֿאָרן? קומט מען קיין זלאָדיעווקע און מען פּראַוועט דאָרטן דאַטשעס. וואָס זשע הייסט מ׳פּראַוועט דאַטשעס? מ׳באַזעצט זיך ביַי איוואַנען אין אַ כאַטקע און מ׳קויפֿט אַוועק ביַי אים די גאַנצע מילך און מען גיט אים צו לייזן פֿאַר שטשעוועל און פֿאַר יאַגעדעס, און מ׳וואַרפֿט אַראָפּ די קאַפּאָטעס, און מען זעצט זיך אַוועק אויפֿן גרינעם גראָז אונטער גאָטס הימל — דאַכט זיך, וועמען קאָן דאָס שאַטן? איז ניין! דאַרף אַרויס אַ זאַקאָן מ׳זאָל ניט לאָזן יידן קיין בויבעריק אויף דאַ־טשעס. דערהערט אַזאַ גדולה, איז שוין זלאָדיעווקע אויך געוואָרן אַ יום־טוב און מ׳לאָזט אַהין צו אויך ניט קיין יידן. איז דאַכט זיך גאַנץ גוט: איר ווילט מיך ניט? דאַרף מען ניט. קרענקט אַליין. איז מען דאָך אָבער יידן. אָט דווקא וויַיל איר ווילט ניט — וויל איך! אַלצדינג וואָס מ׳טאָר ניט איז זיס. ווי זאָגט די מאַמע: קיין מאָל ווילט זיך אַזוי ניט אַ שטיקל פֿלייש, ווי אין די ניַין טעג... הכּלל, איז געוואָרן אַ גערעט אויף דאַטשניקעס. קיין מאָל איז ביַי אונדז ניט געווען אַזוי פֿיל בעלנים אויף דאַטשעס, ווי היַינטיקער זומער. באַלד נאָך שבֿועות האָט מען זיך אַ לאָז געגעבן קיין זלאָדיעווקע ווי נאָך עפּעס רעכטס און מען האָט געטראָפֿן דעם אור־ראָדניק מיט צוויי סטראַזשניקעס — השיבנו־נאָזאַד... סיַידן עמעצער איז טאַקע גוט קראַנק און דאַרף האָבן לופֿט אַזוי ווי מ׳דאַרף לעבן, איז אויב ער וועט ברענגען אַ סווידעטעלסטווע פֿון אַ דאָקטאָר, אַז ער האַלט ביַים שטאַרבן, וועט

ער דאַרט קאָנען זײַן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן באַקומען סווידעטעלסווע פֿון דאָקטוירים, ווי זאָגט די מאַמע: פֿאַר אַ קערבל קאָנט איר בײַ אונדז קריגן אַפֿילו תּכריכים... איז דאַכט זיך גענוג? איז זיך מישב דער אוראַדניק ימח־שמו־וזכרו און זאָגט, אַז דאָס וואָס דער דאָקטאָר שרײַבט איז אים ווינציק. ער וויל אַליין זען ווער ס'איז גלאַט קראַנק און ווער ס'איז טאַקע קראַנק אויף אַן אמת. הייסט ער איטלעכן זיך אויסטאָן, סײַ אַ זכר, סײַ אַ נקבה... טפֿו זאָלן זיי ווערן. דאַכט מיר, איך זאָל וויסן אַז איך האַלט חלילה בײַם שטאַרבן, וואָלט איך ניט געוואָלט דעם בזיון. בײַ זיי איז אָבער אַלצדינג כּדאי, אַבי נאָכשטופּן די קאַרעטע. מילא, אַז די יעהופּעצער ריסטיקראַטן זענען זיך מפֿקיד צוליב דער דאַטשע, איז כּאָטש ניט אַזוי פֿאַרדראָסיק — זיי האָבן געלט, גלוסט זיך זיי... אָבער איר, כּתרילעווקער כּתרילעווקעס, וואָס איז מיט אײַך די שׂימחה? ווי זאָגט די מאַמע עס שטייט געשריבן, אַז דעריבער קומט ניט משיח, וואָס דער קבצן טוט נאָך דעם נגיד... אַ גליק וואָס אין יעהופּעץ שנײַדט מען זיך ניט אָפּ די בעזער. עס וואָלט שוין ניט געווען בײַ אונדז איינער מיט אַ נאָז, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

יאָ, מענדל, איך האָב דיר פֿאַרגעסן שרײַבן, אַז מ'שלאָגט מיר שוין ווידער אָפּ די טיר — מ'פֿרעגט זיך נאָך אויף דײַן בוך פֿונעם „לכה דודי“. ס'האָט זיי פֿאַליובעט, אַ מכּה זיי! ניט אַזוי דאָס בוך, ווי דער „לכה דודי“. און ניט אַזוי נאָך דער „לכה דודי“, ווי דאָס וואָס סע קאָסט קיין געלט ניט. אויף אַזאַ זאַך זענען דאָ אַ סך בעלנים. צו וואָס האָט דיר געטויגט דער יאַריד — פֿאַרשטיי איך ניט. ממה־נפֿשך, ס'איז דיר געראָטן, האָסט שוין געמאַכט כּאָטש איין מאָל אַ גוטע זאַך, וואָס דער עולם לעקט די פֿינגער, פֿאַר וואָס זאָלסטו ניט זען עפּעס אויך פֿאַרדינען דערבײַ, און טאַקע אָפּלעקן אַ ביינדל? ווערט ער פּלוצעם אין מיטן דערינען אַ בעל־טובֿהניק און אַ בעל־צדקה און אַ ברייטע האַנט. טאָמער ווייסטו וואָס איז די גדולה? וואָס פֿאַר אַ השׂגה אומזיסט? אומזיסט, זאָגט די מאַמע, באַקומט מען ניט קיין זאַך אַחוץ מאַיעווע קדחת אָדער אַ גוט אויג אויף אַ פֿולער וואָך...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

18

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

והשנית זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך האָב גאָרניט קעגן דעם, וואָס צווישן די באַלקאַנער ברידער איז געשלאָסן געוואָרן שלום. שלום איז איינע פֿון די דרײַ זאַכן וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, און ווען מ׳זאָל מיך פֿרעגן, און ווען עס זאָל אין מיר זײַן געווענדט, וואָלטן אַלע פֿעלקער אויף דער גאַנצער וועלט באַדאַרפֿט לעבן בשלום־ובשלווה. און אַז משיח וועט קומען וועט דאָך עס טאַקע אַזוי זײַן אם־ירצה־שם... האָבן האָב איך נאָר קעגן דעם, וואָס דער שלום איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין בוקאַרעשט, אין דער הויפּטשטאָט פֿון יענער מדינה, וואָס מען רופֿט זי רומיניע. איך ווייס ניט ווי אַזוי דו, נאָר מיר אַז מען דערמאָנט מיר דעם נאָמען רומיניע ווער איך אַ צעקאָכטער! ס׳איז דאָך נאַריש כּ׳לעבן — פֿאַראַן גענוג לענדער, ווו אונדזערע אחינו בני־ישׂראל לעקן ניט קיין האָניק. איז כאָטש דער פֿאַרדראָס ניט אַזוי גרויס. מילא, מען זאָגט זיי כאָטש אָפּן: „איר זענט ייִדן — און מיר האָבן אײַך אין דער ערד!" רומיניע אָבער — דאָס איז עפּעס אַ מין אַנדריגנוס: דאַכט זיך, גוט און פֿײַן און שיין און לײַטן גלײַך, נאָר אַזאַ יאָר אויף איר, אויף רומיניע מיין איך, ווי זי האַנדלט קעגן אונדז! אויף פּאַפּיר האָבן דאָרט ייִדן אַלע פּראַוועס גלײַך מיט אַלע פֿעלקער, ביט געמינערט אַ האָר. נאָר קומט צו עפּעס, זאָגט מען זיי אַז זיי זענען „פֿרעמדע", און „פֿרעמדע" האָבן שוין אויף זיך גאָר אַנדערע דינים. נאָר אַז מען זאָל וועלן שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, איז דאָס גאָר קיין גרויסע עוולה ניט. וואָס איז זי שולדיק, טאַקע רומיניע מיין איך, אַז מיר זענען בײַ איר פֿאַרט פֿרעמדע. אַ ביסל זענען מיר, אויב דו ווילסט, אַליין שולדיק אין דעם. וואָרעם אונדזערע אָבות אָבותינו זאָלן געווען אַרויסגייענדיק פֿון מצרים בעסער זיך באַוועצט אינעם לאַנד רומיניע איידער אינעם לאַנד כּנען, וואָלטן מיר אין רומיניע ניט געווען קיין

„פּרעמדע"... איַ די קשיא — ווי באַלד אַזוי, קאָנען דאָך אַלע פעלקער אין אַלע מדינות זאָגן, אַז מיר זענען בײַ זיי „פּרעמדע"? — הערסטו, זאָגן זיי טאַקע! נישט מער, פאַראַן אַלערליי זאַגענישן. איינער, דער וואָס איז אַ גראָבער יונג, זאָגט דאָס גראָבלעך, מיט אַ שײַט האָלץ איבערן קאָפּ. דער אַנדערער, דער וואָס איז אַן איידלמאַן, זאָגט דאָס איידל, פאַרשטעלט, קוים וואָס מען שטויסט זיך, וואָס ער מיינט...

בקיצור, ווי אַזוי עס איז שוין דאָרטן, אַבי דער שלום איז אַ שלום, הלוואי ער זאָל זײַן לאורך־ימים און ס'זאָל ניט אַרויס חלילה קיין נײַער סיכסוך מיט קיין נײַעם פּלאָנטער און די ברידער זאָלן זיך ווידער אַ מאָל ניט אָנכאַפּן בײַ די גאָרגלען — אָמן... איצט בלײַבט איבער נאָר איינס: וואָס וועט זײַן מיטן טערק? צי וועט ער פאָלגן דעם ענווערביי, דעם מאַכער פון די יונגע טערקן, וואָס האַלט זיך שטאָל־און־אײַזן און זאָגט, אַז ביז ער וועט ניט פּטרן דעם לעצטן סאָלדאַט גיט ער ניט אַוועק אַדריאַנאָפּאָל? אָדער ער וועט בעסער גיין נאָך מײַן פּלאַן און וועט בעסער נעמען אויף דער יד און אָוועקגעבן עס מיט גוטן? עס טראָגט מיך אין דער לופטן, אַז איך זע פון דער ווײַטן ווי יענער בלאָנדזשעט, יענער טריַבקט זיך און איך קאָן אים גאָרניט העלפן! איך רעכן אָבער, אַז סוף־כל־סוף וועט ער זיך אַליין אַרומקוקן. דער טערק, פאַרשטייסטו מיך, איז אַ סוחר און אַ סוחר דערשמעקט מיט דער נאָז דאָס וואָס אַן אַנדערער זעט מיט די אויגן. מ'באַדאַרף דאָך זײַן אַ פערד שבפערד מ'זאָל ניט פאַרשטיין, אַז איצט, בשעת די סלאַוויאַנער זענען שוין ווידער חבר און ווידער קוצעניו־מוצעניו, איז דאָס פאַרן טערק אַ שחיטה. ניין, מ'וועט מיך ניט אײַנרעדן אַז ער איז אַזאַ גזלן אויף זיך אַליין און וויל ניט זען אַז ער קוילעט זיך אָן אַ מעסער דערמיט, וואָס ער גיט ניט אָפּ אַדריאַנאָפּאָל. אַ ראיה האָסטו — עס גייען טאַקע קלאַנגען, אַז ער פרעגט זיך נאָך, ווי וואָלט געווען, למשל, ווען ער טרעט אָפּ אַדריאַנאָפּאָל? ער זאָגט ניט הייסט עס, אַז ער טרעט אָפּ. חס־וחלילה! ער וואָלט נאָר הייסט עס אַ בעלן געווען, זאָגט ער, וויסן, וויפל וואָלט מען אים פאַר אַזאַ זאַך למשל משלשל געווען? בלשון־הסוחרים ווערט עס אָנגערופן — געגאַנגען האָרט בײַ די ווענט, אָדער אַ טאַפּ אין וואָגן...

הקיצור, עס וועט זיך שוין אויספּלאָנטען דאָרטן, אויסגלײַכן, מ'וועט מאַכן אַ שטיקל טאָלק און ס'איז דאָ אַ האָפענונג צום השם־יתברך, אַז עס וועט ווערן טאַקע באמת שלום אויף דער וועלט — כאָטש אויף אַ צײַט — און דעמאָלט וועט מען אויפהערן זיך טומלען מיט פוסטע געשעפטן און מ'וועט זיך קאָנען

אַ נעם טאָן צו אונדזערע אייגענע אינטערעסן, וואָס זענען אי בילכער, אי נענטער. למשל, אָט נעם אַ שטייגער אַנגאָלע. אַנגאָלע הייסט דאָס לאַנד, וואָס איך האָב דיר געהאַט אַ מאָל געשריבן, אַז מ׳לייגט עס אונדז פֿאַר אויף צו באַזעצן זיך. ס׳איז שוין איצטער אויס סוד. געפּלאַצט דער בלאָטער. ווער עס האָט זיך אַרויס־געכאַפּט און אויסגעזאָגט דעם סוד — קאָן איך דיר ניט זאָגן, נאָר דאָס געשעפֿט איז אַ גוט געשעפֿט. עס געפֿעלט מיר. ביַי די פּאָרטוגאַלער ליגט עס. דאָס הייסט, ליגן ליגט עס אין אַפֿריקע, נאָר געהערן געהערט עס צו פּאָרטוגאַליע. דאָס לאַנד איז מוראדיק גרויס, שוין צו גרויס, האָב איך מורא, און רײַך, מיט אַלעם גוטן, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן, טאַקע אַן ארץ זבת חלב ודבש. נאָר וואָס דען? ס׳איז נאָך זייער ווילד און פּוסט און סקוטשנע. מ׳דאַרף עס באַזעצן און ס׳איז ניטאָ קיין מענטשן. אַז מ׳וועט דאָס באַזעצן, וועט דאָס ערשט דעמאָלט זײַן אַ גן־עדן, און פֿאַר ייִדן טאַקע אַ מין ארץ־ישׂראל. וועסטו דאָך פֿרעגן, ווי קומט צו אונדז אָט דאָס לאַנד? באַדאַרף איך דיר קלאָר מאַכן אַקוראַט, ווי אַזוי ס׳איז געווען די מעשׂה.

דאָס לאַנד איז זיך געווען אַ לאַנד, ווי אַלע וויסטע לענדער אינעם ווילדן אַפֿריקע, זענען געקומען די פּאָרטוגאַלער פֿון פּאָרטוגאַליע און האָבן דאָס פֿאַר־נומען. נאָר אַזוי ווי פּאָרטוגאַליע איז אַ קליין מלוכהלע, קלענער פֿון אונדזער אַ גובערניע, האָט נישט ניט קיין מענטשן, ניט קיין געלט, מחילה בקבצנו, איז זיך געלעגן דאָס לאַנד און געוואַרט. באַדאַרף זיך טרעפֿן אַ מעשׂה, — אַז ס׳איז באַשערט אַ זאַך! — זענען די בעלי־בתּים פֿונעם לאַנד, די פּאָרטוגאַלער פֿון פּאָרטוגאַליע הייסט עס, געוווּיר געוואָרן אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ פֿאָלק־ישׂראל, וואָס באַמבלט זיך און בלאָנקעט זיך און בלאָנדזשעט און שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט שוין באַלד אַ פּאָר טויזנט יאָר און קאָן ניט געפֿינען אין ערגעץ קיין מקום־מנוחה... הײַנט האָבן זיי אָנגעשמעקט, אַז אין לאָנדאָן איז דאָ איינער אַ ייִד, וואָס מען רופֿט אים זאַנגעוויל. ער, אָט דער זאַנגעוויל, דאַרף איך דיר פֿאָרשטעלן, איז אויך האַלב אַ שרײַבער, האַלב אַ סוחר, אַזוי ווי איך, נאָר וואָס דען? ס׳אַ ביסל אַ חילוק — איך שרײַב אויף ייִדיש און ער שרײַבט אויף ענגעלש שרײַבט ער. פֿאַרדינט ער מסתּמא אַ ביסל מער פֿון מיר, וואָרעם ענגעלש איז ניט ייִדיש. וואָס גלײַכסטו? נאַרעלע! אים צאָלט מען פֿון דער שורה. נאָר ווי אַזוי צאָלט מען אים? אַ סברה, זאָגט מען, אַ רענדל אַ שורה צאָלט מען אים! וויפֿל שורות, אַזוי פֿיל רענדלעך. נישקשה פֿון אַ געשעפֿטל, ווי מיינסטו? מילא, בין איך דיר ניט אויסן... הקיצור, זענען זיי געוווּיר געוואָרן, אַז אָט דער

דאָזיקער זאַנגעוויל, וואָס איך זאָג דיר, איז דער פֿירער פֿון די טעריטאָריסטן און אַז ער פֿאָרט אַרום איבער דער גאָרער וועלט און זוכט אַ טעריטאָריע, אַ לאַנד הייסט עס אַזעלכעס, ווו אַ ייִד זאָל זיך קאָנען באַזעצן, ווערן אַ בעל־הבית איבער זײַן אייגן שטיקל ערד און קיין מורא ניט האָבן טאָמער וועט מען אים מאַרגן אַרויסדאָסן... דערוווסט זיך אַזאַ זאַך, האָבן זיך די פּאָרטוגאַלער פֿון פּאָר־טוגאַליע הייסט עס, אונטערגעשיקט צו אַט דעם זאַנגעווילן מעקלערס — זיי זאָלן זיך מיט אים זען. בעת זיי זאַנגעוויל זיי זאָלן אַרײַנקומען. אַרײַנגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט, פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, מאַכן זיי צו אים אַזוי און אַזוי: „מיר זענען, זאָגן זיי, פּאָרטוגאַלער פֿונעם לאַנד פּאָרטוגאַליע. אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן, זאָגן זיי, קעגן אײַך ניט אַזוי שיין געהאַנדלט. ס'איז שוין אַפֿילו, זאָגן זיי, אַ ליטווישער אַנומלט, אַ שײַנע פֿאַר הונדערט יאָר, נאָר באַגאַנגען איז מען זיך מיט אײַך זייער, זייער ניט שיין!... נישט מער, זאָגן זיי, שולדיק דע־רינען זענען ניט מיר, נאָר אונדזערע נאָענטע שכנים, די שפּאַניער, זאָגן זיי, פֿון שפּאַניע. דאָס האָבן זיי אַרויפֿגעפֿירט אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס, אַז מ'זאָל אײַך אַרויסטרײַבן בשם אלקי ישראל...“ און אַזוי ווײַטער — אַ שמועס אפֿשר אויף אַ האַלבער שעה. איז אָבער זאַנגעוויל אויך ניט פֿון די עשׂרה בטלנים, האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסן מיט וואָס דאָ שמעקט, רופֿט ער זיך אָן צו זיי בזה־הלשון: „עט, נאַרישקייטן! ווער רעדט פֿון אַזעלכע זאַכן, זאָגט ער, וואָס אַ מאָל איז געווען? מיר האָבן דאָס שוין, זאָגט ער, לאַנג פֿאַרגעסן! אַ ייִד איז, זאָגט ער, בטבע ניט קיין נוקם־ונוטר. ס'שטייט בײַ אונדז, זאָגט ער, געשריבן אין דער תּורה: לא תקם ולא תטר — מ'דאַרף ניט וועלן נוקם זײַן זיך אין יענעם, און אַז מיר זאָלן זיך וועלן נוקם זײַן אין אַלע וואָס האָבן אונדז שלעכטס געטאָן, טע־טע־טע — וואָלטן מיר זיך באַדאַרפֿט האַלטן אין איין נוקם זײַן זיך. וואָרעם ווער האָט ניט אין אונדז קיין חלק? אַ שטייגער כדומה־למשל, נעמט, זאָגט ער, די דײַטשלעך, אָדער די פֿראַנצויזלעך — שוין גאָר, דאַכט זיך, פֿײַנע מענטשן? — ווי אַזוי האָבן זיי געהאַנדלט קעגן אונדז ניט הײַנט געדאַכט?... אָדער שאַט, זאָגט ער, נעמט טאַקע, זאָלט מיר מוחל זײַן, אונדזער אייגענע ענגלישע מדינה, האָט מען אונדז קאַרג, זאָגט ער, דאָ געיאָגט און געררודפֿט און געטאָן וואָס מען טוט קיין ייִדן ניט? בלאָטע, זאָגט ער, מען פֿאַרגעסט. אַ ייִד האָט אַ קאַצענעם מוח... נאָר וואָס דען, זאָגט ער, איר זענט דאָך עפּעס געקומען מסתּמא וועגן אַן עסק, און מיר רעדן פֿון ווייס איך וואָס! זאָגט, רבותים, אין קורצע ווערטער, וואָס ווילט איר?..“

הקיצור, בע, מע, זיי קוועטשן זיך און קוועטשן זיך, — אַהין, אַהער, זיי האָבן זיך אויסגעקוועטשט: „די מעשה, זאָגן זיי, איז אַזאַ, פּאַניע זאַנגעוויל. איר זוכט זאָגט מען אַ לאַנד, זאָגן זיי, פֿאַר אײַערע עטלעכע מיליאָנען ייִדן געבעך, וואָס שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען און קיין ווינקעלע ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, און מיר, זאָגן זיי, האָבן אַ לאַנד, הייסט עס אַנגאָלע. עס ליגט אין אַפֿריקע ליגט עס. גרויס, זאָגן זיי, אָט אַזוי אַ! — אַ סך גרעסער פֿון אײַער ארץ־ישׂראל! אײַער ארץ־ישׂראל וועט זיך אין דעם באַהאַלטן. אפֿשר, זאָגן זיי, וואָלטן מיר געמאַכט מיט אײַך אַ געשעפֿט?...“ איז אָבער זאַנגעוויל קיין נאַר ניט, משלנו, פֿאַרשטייסטו מיך, מאַכט ער זיך תּמעוואַטע, קאַלט ווי אײַז, גלעט זיך בײַ דער באָרד און טוט זיי אַ פֿרעג: „דהײַנו, כּדומה למשל נאָפּרימער, וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט?“ זאָגן זיי: „ייִד! וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ ניט? נאָשי הראָשי, וואָש טאָוואַר — מיר זענען אַ לאַנד אָן מענטשן, איר זענט מענטשן אָן אַ לאַנד, אַ כּשרער טאָפּ מיט כּשרן לעפֿל. מיר לייגן אײַך פֿאָר, זאָגן זיי, אַ טעריטאָריע אַ מציאה, וואָס טרעפֿט איין מאָל אין הונדערט יאָר. ס'איז אַ סלוטשאַי, זאָגן זיי, און איר דאַרפֿט זיך וואָספּאָלזעווען. מיר גיבן עס אײַך אַוועק, זאָגן זיי, אין גלײַכן געלט, טאַקע גאַנץ וואָלוול, בזיל־הזול, כּמעט אומ־זיסט!“... איז עס אַוודאי זאַנגעווילן געווען ווי בוימל אויפֿן האַרצן. וואָס איז דאָ צו רעדן? קוועלט ער, נאָר נתפּעל ווערן, אַרויסבאַווײַזן הייסט עס, אַז ער איז צופֿרידן, פּאַסט ניט. אַ סוחר! ברעקלט ער זיך: „ער דאַנקט זיי זייער פֿאַר דער פֿרעדלאָזשעניע, פֿאַר דער טעריטאָריע. נאָר ער האָט, זאָגט ער, טעריטאָריעס גענוג; טעריטאָריעס — אויך מיר אַ דאגה! ער זאָל שוין האָבן, זאָגט ער, אַזאַ דאגה מיט ווייס איך וואָס!.. קאַרג טעריטאָריעס איז פֿאַראַן אויף דער וועלט? נעמט, זאָגט ער, אַמעריקע...“ שלאָגן זיי אים איבער: „ע! וואָס גלײַכט איר, זאָגן זיי, אַפֿריקע צו אַמעריקע! סוויניאַ דאָ קאָניאַ! דאָס איז אַמעריקע, זאָגן זיי, דאָס איז אַפֿריקע — ארץ זבֿת חלבֿ ודבֿש! איר ווייסט גאָר ניט, זאָגן זיי, וואָס פֿאַר אַן אַנטיק דאָס איז, אָט דאָס אַנגאָלע! מיר וואָלטן עס, זאָגן זיי, אײַך ניט אַוועקגעגעבן פֿאַר כּל הון דעולמא. נאָר אַזוי ווי, זאָגן זיי, אונדזערע על־טער־עלטער־זיידעס...“ שלאָגט ער זיי איבער, זאַנגעוויל הייסט עס, און מאַכט צו זיי: „אײַערע עלטער־עלטער־זיידעס לאָזט געמאַך. לאָזן זיי זיך, זאָגט ער, רוען דאָרטן אין גן־עדן! אין דעם גן־עדן, זאָגט ער, וואָס זיי האָבן פֿאַרדינט בײַ גאָט, וואָרעם זיי האָבן דאָך עס געטאָן, זאָגט ער, לשם־שמים, פֿון גאָטס וועגן געבראָטן אונדז אויף הייסע סקאָוואָראָדעס. און פֿון גאָטס וועגן, זאָגט ער,

געשניטן פֿון אונדז פּאַסן לעבעדיקערהייט... נאָר בלאָטע! ווער רעדט דערפֿון? איך האָב דאָך אײַך, זאָגט ער, געזאָגט, אַז אַ ייִד איז בטבע ניט קיין נוקם־ונוטר. אַ ייִד האָט אַ קאַצענעם מוח. וואָס געווען איז געווען. איצט רעדן מיר ביזנעס. און ביזנעס, זאָגט ער, איז ביזנעס. ס'איז אַן אָפֿענער זעקסאונזעכציק. גאָט האָט אײַך געהאָלפֿן, איר האָט אײַך דערוואָרבן, זאָגט ער, אַ לאַנד וואָס הייסט אַנגאָלע. איך פֿרעג אײַך ניט ווי אַזוי, צי בירושה, צי מיט גזילה — דאָס איז ניט מײַנע ביזנעס. איך ווייס נאָר, זאָגט ער, אַז אײַער לאַנד שטעקט ערגעץ ווײַט, אַזש אין אַפֿריקע, און איר זענט במחילה־כּבֿודכם אַ ביסל בקבצנט, איר האָט נישט ניט קיין געלט, ניט קיין מענטשן אויף צו באַזעצן דאָס לאַנד. בכן, ווילט איר, אַז מיר, ייִדן הייסט עס, זאָלן קומען און באַזעצן אײַער לאַנד. אַזוי, דאַכט זיך, האָב איך אײַך פֿאַרשטאַנען?" זענען זיי אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קיין ייִנגעלע. מאַכן זיי צו אים: „אַזאַ יאָר אויף אונדז, וואָס פֿאַר אַ חכם איר זענט. נאָר וואָס וועט איר עפּעס זאָגן אונדז אויף אונדזער פֿרעדלאָזשעניע?" נעמט ער זיך אָן ווידער אַ מאָל ביַי דער באָרד, זאַנגעוויל הייסט עס, און רופֿט זיך אָן צו זיי: „וואָס איז שייך? וואָס קאָן איך אײַך, זאָגט ער, דערויף זאָגן? דאָס געשעפֿט מהיכא־תּיתי, קאָן זיך אויספּיקן ס'זאָל זײַן אַ געשעפֿט. נאָר מיר דאַרפֿן אויס־נעמען מיט אײַך, זאָגט ער, תּנאים און תּנאים און תּנאים! ערשטנס, זאָגט ער, דאַרף אַ ייִד זען, וואָס ער האַנדלט. מ'דאַרף אַ קוק טאָן קודם, וואָס פֿאַר אַ פּנים אײַער אַנגאָלע האָט, ווו ליגט עס און וואָס איז דאָס ווערט? אַ קאַץ אין אַ זאַק טויג ניט. דאָס איז, זאָגט ער, ניט מעשׂה־סוחר. והשנית, זאָגט ער, וועט איר אונדז מוחל זײַן אַרויסגעבן, זאָגט ער, אויף פּאַפּיר כּתובֿ־וחתום, אַז מיר זענען דאָרטן פֿאָלנע בעלי־בתּים און דאַרפֿן אײַך ניט קוקן אין די ציין אַרײַן..." כאַפּן זיי זיך אויף: „שייך בעלי־בתּים? בעלי־בתּים צו בעלי־בתּים איז ניט גלײַך. פּריצים!.." זאָגט ער, זאַנגעוויל הייסט עס: „פּריצים יאָק פּריצים, נאָר מיר וועלן זיך דאָרט אײַנסטאַלעווען אַזוי ווי ביַי זיך אין דער היים. מיר וועלן אײַך ניט צאָלן קיין גרויסע שטײַערס, זאָגט ער, מיר וועלן אײַך ניט געבן קיין סאָלדאַטן, מיר וועלן זיך, זאָגט ער, האָבן אונדזערע אייגענע סאָלדאַטן, מיר וועלן זיך רעדן אויף אונדזער לשון, אײַנפֿירן אונדזערע אייגענע שקאָלעס, חדרים, בתּי־מדרשים, — הכּלל — זאָגט ער, מיר וועלן דאָס מאַכן פֿאַר אַ מין ארץ־ישׂראל. האָט איר עס צעקײַט? נישט מער, זאָגט ער, דאָס לאַנד וועט זיך רעכענען אויף אײַער נאָמען, און פֿאַר דער ערד וועלן מיר אײַך באַצאָלן, געוויינטלעך, ניט מיט אַ מאָל — ווער האָט דאָס אַזוי פֿיל געלט הײַנטיקע צײַטן? — נאָר ביסלעכווײַז,

לכשירחיב הייסט עס, און לאָם איך האָבן, זאָגט ער, אַזאַ יאָר מיט אײַך אין אײנעם, וואָס פֿאַר אַ גוט געשעפֿט איר וועט דאַן מאַכן! וואָרעם דאָס לאַנד, וואָס וועט זיך עס אויסליגן? עס וועט אַזוי לאַנג ליגן, ביז מ'עט עס בײַ אײַך צונעמען אונטער דער נאָז, למשל טאָקע אײַערע שכנים, די פֿראַנצויזלעך, אָדער טאָקע אונדזערע ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע הויזן..."

הקיצור, ער האָט זיי אוועקגעלייגט אַ מענה־לשון — זאַנגעוויל אַז ער וויל קאָן ער! דערנאָך האָט ער צונויפֿגערופֿן אַן אסיפֿה, טאָקע בײַ זיך אין לאָנדאָן, פֿון סאַמע די גרעסטע טעריטאָריסטן, מיט רויטשילדן פֿון לאָנדאָן, מיט שיפֿן פֿון אַמעריקע, מיט בראַצקין פֿון קיִעוו, מיט טייטלען פֿון סאַראַטאָוו, מיט יאַצקאַנען פֿון וואַרשע און מיט שריראַן פֿון באַקו — און ס'איז געבליבן מ'זאָל שיקן קודם אויסזוכן דאָס לאַנד. איז מען געפֿאָרן און מ'האָט אויסגעזוכט דאָס לאַנד און מען האָט געבראַכט צו פֿירן די בעסטע ידיעות, דאָס הייסט אַז דאָס לאַנד איז טאָקע צען מאָל אַזוי גרויס ווי ארץ־ישראל, און אַז מען קאָן אַהין צו אַרײַנפּאַקן אַלע יידן פֿון דער גאַנצער וועלט און זיי זאָלן זיך אַפֿילו ניט אָנזען. נאָר ווי יעדעס גרויס לאַנד האָט דאָס אין זיך אַלערליי מינים ערד. פֿאַראַן ערד שמאַטע, וואָס טויג אויף תשעה נײַנציק כּפּרות, און פֿאַראַן ערד גינגאָלד, וואָס וואַקסט מיט רוחות. הײַנט איז פֿאַראַן אַלערליי ערטער: פֿאַראַן ערטער גן־עדן און פֿאַראַן ערטער אַזעלכע, וואָס ס'איז גלײַכער מ'זאָל אַהין צו צו ניט גיין. נאָר ווער נייט מיך איך זאָל קריכן אַהין ווו ס'איז ניט גוט, אַז איך קאָן גיין אַהין ווו ס'איז גוט? איצט איז געבליבן נאָר אויסאַרבעטן אַ קאָנטראַקט מיט דער פּאָרטוגאַלער מלוכה. אויב זי וועט אײַנגיין אויף אַלע אונדזערע תּנאָים, איז גוט, אלא ניט, איז ווי זי וויל זיך. נאָר פֿון „ניט" איז גאָר קיין רייד ניט, וואָרעם וואָס וועט זי טאָן מיט אַזאַ גרויסער מדינה און ווו וועט זי קריגן נאָך אַזאַ אומה, ווי אונדזערע יידן, אויף דער גאַנצער וועלט?.. האָט מען געמאַכט צוליב דעם ניט לאַנג אין בערלין ווידער אַן אַסיפֿה פֿון די גרעסטע טעריטאָריסטן און מ'האָט אויסדערווילט דרײַ דעלעגאַטן, וואָס פֿאָרן קיין פּאָרטוגאַליע מכּוח קאָנטראַקט אויסאַרבעטן, און דאָ וועט מען דערווײַל צונויפֿרופֿן נאָך אַ גרעסערע אַסיפֿה פֿון אַלע טעריטאָריסטן פֿון דער גאַנצער וועלט. מ'ווייסט נאָך ניט ווו און ווען, נאָר איך וועל מסתּמא וויסן דער ערשטער, וואָרעם איך דאַרף עס וויסן — איך האָב אויסגעאַרבעט, פֿאַרשטייסטו מיך, אַ גאַנצן פּראָיעקט, ווי אַזוי מ'זאָל באַזעצן דאָס נײַע לאַנד אַנגאָלע. דער דאָזיקער פּראָיעקט וועט פֿאַרנעמען העכער 20 בויגנס פּאַפּיר, איך האַלט אים בײַם איבערשרײַבן אויף ריין. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט מאַך איך

דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לע״ע לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו, און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

15

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך האָב דורך דיר חרפּות בושה, איך קען די גאַס ניט דורכגיין. חכמים יונגע־לײַט שטעלן מיך אָפּ: „וואָס איז די מעשׂה, פֿרעגן זיי מיך, מיט אײַער מאַן, וואָס ער האָט זיך איבערגעקערט, פּלוצעם געוואָרן אַ מאַנגאַלעניק?״... דאָס מיינען זיי דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט אויסגעשקראָבעט פֿון זייערט וועגן ערגעץ אין אַל די שוואַרצע יאָר אין מאַנגאָלע און מאַכסט אויף דעם פּראָיעקטן. זיי זענען צעניסטן, פֿאַרדריסט זיי, פֿאַר וואָס דו האַלטסט ניט פֿון ארץ־ישׂראל, ארץ־ישׂראל איז בעסער. ארץ־ישׂראל, זאָגן זיי, איז אונדזערס, און מאַנגאָלע ליגט ערגעץ וויסט עס דער רוח! זיי האָבן, זאָגן זיי, דורך דיר אַ שאָדן. זיי האָבן גערעכנט דיר מיטגעבן אַ בריוו קיין ווין, אַזוי ווי אין ווין איז אַ גאַנגרעס פֿון צעניסטן און אַזוי ווי דו פֿאָרסט במילא קיין ווין אויפֿן גאַנגרעס, דאַרפֿן זיי שיקן אַ מענטשן ס׳זאָל זיי קאָסטן געלט און קיין געלט האָבן זיי ניט, אַמער וועלן זיי שיקן דיך, וועלן זיי יוצא זײַן און פֿאַרשפּאָרן הוצאות, ווי זאָגט די מאַמע, אַ כּשרער טאָפּ מיט אַ כּשרן לעפֿל... נאָר אַז דו האָסט זיך אָפּגעשמדט זאָגן זיי, אָפּשמדן זאָלן זיי זיך דיר אַלע ביז איינעם, און דו ביסט גאָר געוואָרן אַ מאַנגאָלעניק, זענען זיי געבליבן אָן אַ חזן. און באמת, צו וואָס האָט דאָס דיר געטויגט, מענדל? איך בין טאַקע אַ ייִדענע און בין אין די זאַכן ניט אַזוי געניט ווי דו. נאָר מיר דאַכט, און די מאַמע זאָגט אויך דאָס וואָס איך זאָג, אַז אָן אייגנס איז ניט פֿרעמדס און פֿרעמדס איז ניט קיין אייגנס... נאָר וואָס וועט מיר העלפֿן מײַן שרײַבן, מישטיינס געזאָגט? דיר אַז ס׳קומט אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן אַ משוגעת! וואָס מען זאָל דיר ניט זאָגן, איז באָם! מען פועלט בײַ דיר גיך! ביסט געוועזן אין מאַנגאָלע? האָסט דאָס אָנגעקוקט? וואָס לויבסטו דאָס אין טאָג אַרײַן? דו הערסט וואָס מעקלערס וועלן דיר דערציילן?

וואָס ווייס אַ מעקלער? אַ מעקלער וויל פֿאַרדינען — אַבי אַ געשעפֿט, ווײַטער וואָס גייט אים אָן? צי אפֿשר האָסטו אַ מחשבה מיך מיט די קינדער מיט דער מאַמע זאָל לעבן אַרויסנאַרן אַהין צו צו? זאָג איך דיר פֿריִער, בעלי היקר, זאָלסט זיך עס אַרויסשלאָגן פֿונעם קאָפּ. אין דער ערד אַרײַן וועל איך דיר פֿאָרן ניט קיין מאַנגאָלע! לאָזן פֿריִער פֿאָרן אַהין צו די נגידים דײַנע וואָס דו האָסט אויסגערעכנט אין דײַן בריוו. אַז זיי וועלן קומען אויפֿן אָרט אם־ירצה־שם און וועלן זיך באַזעצן און וועלן אַ ביסל אויסגעריסן ווערן פֿריִער, און דערנאָך, אַז זיי וועלן אונדז אַרײַנשרײַבן אַ בריוול אַז ס׳איז גוט און ווויל און פֿאַרטיק אַלצדינג אַרום און אַרום, וועלן מיר ערשט דעמאָלט האָבן אַ שטיקל יִשוב, צי מיר זאָלן גיין, צי מיר זאָלן ניט גיין? נאָר בלאָטע! דײַנע נגידים וועלן בעסער זיצן דאָ אין עושר און אין כּבֿוד, אין גוטס און אין ווילטאָג, דער אין יעהופּעץ, דער אין וואַרשע, און דער אין באַקו, און אונדז וועלן זיי הייסן פֿאָרן קיין אויס רײַסן צו אַל די שוואַרצע יאָר, ווי זאָגט די מאַמע: מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿײַער שאַרן און אויף יענעמס באָרד איז גוט זיך צו לערנען שערן... נאָר איך האָב מורא אַז פֿון דײַן מאַנגאָלע און פֿון זייער ארץ־ישׂראל זאָל זיך ניט אויסלאָזן דאָס וואָס פֿון אַלע דײַנע חלומות, און די וועלט וועט בלײַבן אַ וועלט, דאָס הייסט די נגידים אין יעהופּעץ וועלן טאַקע לעבן אַ גוטן טאָג, פֿאַרשטערט זאָל זיי ווערן, און מיר דאָ אין כּתרילעווקע וועלן אויסגעריסן ווערן, ווי מיר זענען אויסגעריסן געוואָרן ביז אַהער ליגן אין ענגשאַפֿט, שטיקן זיך אויף דערוואָרגן צו ווערן און נאָכקרימען אַלצדינג וואָס אין יעהופּעץ, ווי די מאַלפּעס. ניט נאָר מיט דער מאָדע און מיטן רישעס רעדן — מיט אַלצדינג מאַכן זיי נאָך יעהופּעץ. מ׳קען זאָגן כּמעט פֿאַר זיכער, אַז ס׳איז שוין גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך אין יעהופּעץ, וואָס עס זאָל ניט זײַן פּונקט דאָס אייגענע בײַ אונדז אין כּתרילעווקע. ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז וואָס ס׳איז פֿאַראַן אין פּלעשל איז פֿאַראַן אין גלעזל... אַ סך האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אונדזער נײַעם נגיד שלמה־וועלוול שאַרלאַטאַן, אָט דעם וואָס איך האָב דיר אַנומלטן געשריבן וועגן דעם פּסק, וואָס ער האָט געהאַט מיטן פּריסטאַוס פּאַפּאַגײַ — ער פֿאָרט אַלע וואָך קיין יעהופּעץ, זעט ער זיך אָן דאָרטן מיט וווּנדיירעם, נסים־ונפֿלאָות. און אַזוי ווי געלט האָט ער און אַ שאַרלאַטאַן איז ער, ברענגט ער אַלע מאָל צו פֿירן פֿון דאָרט אַ נײַ אַרטיקל, וואָס ווען איך זאָל עס ניט זען נאָך צוואַנציק יאָר, וואָלט איך דאַכט מיר אויך ניט געבענקט נאָך דעם, ווי איך האָב ניט געבענקט ביז אַהער. למשל, איין מאָל איז ער זיך מיישב, שלמה־וועלוול הייסט עס, און ער ברענגט צו פֿירן אַ זאַך,

וואָס עס זינגט פֿון זיך אַליין אַלערליי ניגונים פֿון די גרעסטע חזנים פֿון דער וועלט. אַז דו שטייסט פֿון דער ווײַטן, מאַלט זיך דיר אויס אַז דו ביסט אין אַ שול און דער חזן זינגט און די זינגערלעך האַלטן אים אונטער. נאָר אַז דו גייסט צו פֿון דער נאָענט, זעסטו אַז ס׳איז דער שוואַרצער־יאַר ווייסט וואָס, אַ יאַשטשיק, טפֿו זאָל ער ווערן! פֿון אַ פֿערדעפּיאַן איז קיין רייד ניט. אַ פֿערדעפּיאַן האָט ער שוין לאַנג געבראַכט צו פּירן, נאָך פֿאַר דער אײַזערנער שאָסע, וואָס צען גויִים קאָנען זי ניט רירן פֿונעם אָרט. דאָס האָט ער געבראַכט צוליב די טעכטערלעך די באַרישנעס, וואָס טאַנצן פֿראַנק און פֿרײַ מיט בחורים אויף אַלע חתונות. איינע האָט זיך שוין ברוך־השם גוט אויסגעטאַנצט, אַ מכּה איר! זי איז אַנטלאָפֿן מיט אַ בחור, מיט דאָדי מעזשיריטשקעס אַ זונדל, נאָך אַ שענערער יִחוס פֿון שלמה־וועלוול שאַרלאַטאַן. האָט מען זי גאַנץ פֿײַן געשטעלט אַ חופּה — מזל־טובֿ, אַ ווייסטער מזל אויף איר קאָפּ. טאָמער ווייסטו, וואָס האָט זי באַדאַרפֿט אַנטלויפֿן? ווי באַלד חתונה האָבן האָט זי דאָך געקענט מיט גוטן? חתונה האָבן, זאָגט די מאַמע, איז ניט קיין אַנזעץ און ניט קיין פּאָגראָם, וואָס מען דאַרף אַנטלויפֿן... נישט מער, דער תּירוץ איז: אַזוי קומט עס אויס שענער. אין די ביכלעך שטייט אויך אַזוי — פֿריִער אַנטלויפֿט מען, דערנאָך קומט מען און מען האָט חתונה... בייזע צינגער זאָגן, אַז ס׳איז גאָר אין גאַנצן געווען אַן אָנשטעל, דאָס אַנטלויפֿן הייסט עס. עס וואָלט סײַ ווי סײַ געווען, זאָגט מען, אַ שידוך. נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפֿן, זאָגט מען, בײַ זיי אַן אומגליק און מ׳האָט באַדאַרפֿט חתונה מאַכן דאָס פּאַרפֿאָלק וואָס גיכער, האָט מען מורא געהאַט די שטאָט זאָל ניט געוויר ווערן, האָט מען צוגעטראַכט אַ בהלה... נאָר כּתרילעווקע איז ניט די שטאָט, וואָס מען נאַרט זיך אָפּ. מען געדענקט גאַנץ גוט ווען די חופּה איז געווען און נישקשה, מען וועט שוין זען אם־ירצה־שם, זאָגט די מאַמע, ווען עס וועט זײַן דער ברית... איצט איז זיך מישב אָט דער שלמה־וועלוול און טוט אויף אַ נײַס, וועסטו הערן וואָס אַ שאַרלאַטאַן קען!

פֿאַראַן, זאָגט מען, אין יעהופּעץ לוזיאַנען, אַזעלכע טרעיאַטערס, וואָס פֿאַר געסט באַווײַזט מען דיר לעבעדיקע מענטשן אויף דער וואַנט, מיט חיות, מיט עופֿות, מיט פֿערד, מיט הינט, מיט קעץ, מיט וואָס דו ווילסט, און די מענטשן דרייען זיך דאָרט אַרום ווי לעבעדיקע און די פֿערד לויפֿן, און ס׳טוט זיך, — אַ שׂימחה, אַ גדולה! — און אַלץ אַבי אויסנאַרן די פּיטאַקלעך. פֿאַלט אים אײַן אַ מחשבה, טאָקע אָט דעם שלמה־וועלוול שאַרלאַטאַן: אין יעהופּעץ מעג מען שלעפּן בײַם עולם פּיטאַקלעך און אין כּתרילעווקע ניט? דאַכט זיך, ס׳איז דאָ

ביי אונדז אויך געווען גענוג לײַדיקגייערס, וואָס שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן. אַמער, לאָזן זיי בעסער גיין אין טעאַטער און זען די קונצן וואָס ער, שלמה־וועלוול הייסט עס, וועט זיי באַווײַזן. און מ'קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז אין גאַנצן אומגע־רעכט. איידער שפּילן אין קאָרטן איז שוין טאַקע גלײַכער טרעיאַטער. וואָס זשע טוט אַזאַ ייִד ווי שלמה־וועלוול? אַ הויף האָט ער אַן אייגענעם, און אַ קאַמער אַ גרויסע, כאָטש הינט צו פּאַרטרײַבן, גייט ער און שטעלט אויס בענק אין דער קאַמער, קלעפּט אויס רויטע אַפישעס, שטעלט אַוועק אַ שפּילקעסטל בײַ דער טיר און צוויי בחורים בײַם טויער זיי זאָלן שלעפּן בײַ די פּאָלעס: „אַהער, ייִדן, לוזיאָן!"... נאָר מען פּאַרשפּאָרט שלעפּן. עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן צו אים בחורים און מיידלעך, יונגע־לײַט און ווײַבלעך און מ'האָט אָנגעפּולט די קאַמער, ווי אין אַ שטײַג הינער — און וואָס זאָל איך דיר שרײַבן, בעלי היקר? ס'איז אים אָוועקגעגאַנגען מיט אַזאַ הצלחה, ס'זאָל אים נאָר פּאַרשטערט ווערן, רבונו־של־עולם, ווי מען טראָגט אים פּיטאַקלעך טאָג און טאָג! פֿון זינט ער האָט גע־עפֿנט דעם לוזיאָן איז בײַ אים פֿול ווי אַן אויג, אַחוץ שבת. ער האָט נאָך געוואָלט, דער שאַרלאַטאַן, שבת אויך עפֿענען דעם לוזיאָן, האָט מען אים געשיקט זאָגן, אַז טאָמער וועט ער זיך דערוועגן טאָן אַזאַ זאַך, וועט מען אים צעטראָגן די קאַמער מיטן הויף מיט דער שטוב, אַזוי אַז ער וועט שוין פּאַרזאָגן קינדסקינדער! האָט ער זיך אַפֿילו געהאַט אויסגעלאַכט און געזאָגט, אַז ער האָט פֿאַר אַזעלכע סטראַ־שונקעס קיין מורא ניט, ער איז, זאָגט ער, אַ חשוב בײַ נאַטשאַלסטווע, אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער פּאָליציע. נאָר פֿון דעסטוועגן האָט ער דאָס נײַניעריקע, און שבת איז בײַ אים דער לוזיאָן צו. נאָר וואָס אַרט עס אים? ער האָט גענוג עולם אין דער וואָכן. ער מעג עס אויסקרענקען, און פֿריִער פֿאַר אַלץ וואָלט ער באַ־דאַרפֿט אויסקרענקען די פּיטאַקלעך, וואָס ער האָט בײַ מיר אויסגענאַרט פֿאַר מיר און פֿאַר די קינדער און פֿאַר דער מאַמע זאָל לעבן און פֿאַר דער גאַנצער משפּחה. ווען ניט די מאַמע, וואָלט איך דען צו אים אַרײַנגעטראָטן אַפֿילו? ניט דערלעבן וואָלט דאָס בײַ מיר זײַן לוזיאָן, אַז איך זאָל גיין מיט אַלע דינסט־מיידלעך זיך שטופּן און קוקן אויף זײַן בייז ווונדער! נאָר אַז די קינדער זענען געקומען פֿון חדר און גענומען בײַ מיר בעטן איך זאָל זיי געבן צו פּיטאַקלעך, זיי ווילן גיין אין לוזיאָן, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל, האָב איך זיי גוט אויסגעשאָלטן און געגעבן וואָס בײַ מיר אויפֿן האַרצן טוט זיך. איז דאָך די מאַמע אַ באַבע, קאָן זי ניט צוזען ווי די אייניקלעך בעטן זיך, האָט זי אויף זיי רחמנות און נעמט זיך אָן זייער קריוודע: „וואָס וועט דיך אַרן, זאָגט זי, אַז זיי

וועלן זיך דורכגיין? קינדער, זאָגט זי, ווילן אַ קוק טאָן, מילא, וואָס קאָן דאָ זיין, שקראַב, זאָגט זי, וועט שוין שקראַביקער ניט ווערן..." הייב איך איר אָן זאָגן מסתמא, אַז איך האָב מורא לאָזן די קינדער אַליין, דער רוח ווייסט ווּהין און מיט וועמען. זאָגט זי צו מיר: „גיי אויך מיט זיי. פאַר וואָס, זאָגט זי, זאָלסטו אויך ניט אָנקוקן אַ וועלט? וואָס ביסטו, זאָגט זי, אַזאַ פּרעסטאַרעץ? צי דו האָסט, זאָגט זי, אַזאַ גליקלעכע וועלט ביי דיין באַשערטן, וואָס שאַרט דיר צו, זאָגט זי, אַלע ווילטיקן מיט אַלע פאַרגעניגנס, פּס — נו?"... די מאַמע אַז זי וויל עפּעס זאָגן, קען זי!.. און אָט אַזוי האָט זי מיך איבערגערעדט. נאָר וואָס דען? מיט אַ תּנאַי, האָב איך איר געזאָגט — אַז זי זאָל אויך מיטגיין. וואָס וועט זי בלייבן איינע אַליין? לאָז זי אויך וויסן פון אַ וועלט. איר נשמה איז קיין נשמה ניט?

הכלל, מיר האָבן זיך צונויפגענומען אַלע, איך און די מאַמע און די קינדער און די שוועסטער מיינע מיט אַלע זייערע קינדער, ווי זאָגט די מאַמע, גאַנץ קעקעלע קהל, און אַלע אויף מיין חשבון, אַז איך בין שוין היינט, מישטיינס געזאָגט, די נגידית אין דער משפּחה, און מיר זענען אַוועק אין דעם שיינעם לוזיאַן, אינעם טרעיאַטער הייסט עס, און וואָס זאָל איך דיר זאָגן, בעלי היקר? איך בין דיר גאָרניט אומשטאַנד צו באַשרייבן אַלצדינג, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אָנגעזען! קודם־כּל איז געווען פינצטער־חושך, כאָטש נעם זיך אַרויס אַן אויג, און אַן ענגשאַפט איז געווען, אויף דערשטיקט צו ווערן. טאַקע שיער ניט דער־שטיקט געוואָרן אַ ווייבל אין ניינטן חודש. אַ גליק, וואָס מ'האָט זי אַרויסגעפירט מיט פּאָליציע, אַזוי שטאַרק האָט זי געקוויטשעט! דערנאָך האָט זיך באַוויזן אויף דער וואַנט אַ מענטש און נאָך אַ סך מענטשן, רייטנדיק אויף פערד און אָן פערד, און אַלע לעבעדיקע, און אַלע מענטשן מאַכן מיט די הענט, און אַלע פערד לויפן איינס איבער דאָס אַנדערע מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ווי אַזוי זיי ברעכן ניט דעם קאָפּ, פאַרשטיי איך ניט! נישט מער, אייַן זאַך, וואָס מ'הערט זיי ניט רעדן. אַניט וואָלסטו געמיינט באמת, אַז די מענטשן זענען מענטשן און די פערד זענען פערד. צום סוף איז דאָס אַלצדינג אַ חלום, אַן אַנשטעל, אַ נעכטיקער טאָג! דריי מאָל האָט די מאַמע אויסגעשפּיגן נאָכדעם, אַז מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן אויף דער ליכטיקער וועלט. פון דעסטוועגן האָט זי געזאָגט אַז ס'טוט איר באַנג, וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן. נעכיי בי, זאָגט זי, וואָלט ער אויך געלעבט און אָנגעקוקט דעם דאָזיקן נאַרישן חלום איידער, זאָגט זי, ער זאָל ליגן אין דער ערד און די ביינער זיינע זאָלן פוילן... אַז אויף יעדן טריט און אויף יעדן שריט דערמאָנט זי דיר דעם טאַטן עליו־השלום, כאָטש דער פעטער אַברהם־משה

מנחם־מענדל

דרינגט מיר, אַז זי וועט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן פֿאַר אַן אַנדערן מאַן, ער זאָל שוין אַזוי האָבן די באָרד! איך האָב אים געגעבן אַ חתונה האָבן, אַז ער וועט שוין פֿאַרזאָגן אַ צענטן! איך האָב אים געזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז מיר זענען ניט גלײַך, זאָג איך, צו אײַך, מאַנסבילן, און אַז אײדער אַ מאַן, זאָג איך, זאָל בלײַבן אַן אַלמן און ברענגען די קינדער, זאָג איך, אַ מתנה אַ שטיפֿמאַמע, זאָלן מיר שוין בעסער, זאָג איך, בלײַבן אַלמנות. ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

מיינסטו אפֿשר, מענדל, אַז עס האָבן זיך ניט געפֿונען בײַ אונדז קיין בעלנים, וואָס ווילן זיך צונויפֿלייגן אַלע אין איינעם און עפֿענען נאָך אַ לוזיאַן? אַז אין יעהופּעץ, זאָגן זיי, איז פֿאַראַן צוואַנציק לוזיאַנען און אין וואַרשע פֿערציק, מעג אין כתרילעווקע, זאָגן זיי, זײַן צוויי. זיי האָבן זיך פּשוט מתקנא געווען אַן שלמה־וועלוול שאַרלאַטאַן, וואָס ער האָט פּרנסה און אַזאַ גרינגע פּרנסה. ווי זאָגט די מאַמע: ס׳שטייט געשריבן, אַז דערפֿאַר לייגט מען אַ טויטן שאַרבנס אויף די אויגן, וואָס אַז ער האָט געלעבט, האָט ער באַגערט מיטן האַרצן אַלצדינג וואָס ער האָט געזען מיט די אויגן...

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

19

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז דײַנע כּתרילעווקער ציוניסטן האָבן אַ גרויסן טעות, אויב זיי מיינען אַז איך האָב מיך „איבערגעקערט״, געוואָרן פֿון אַ ציוניסט אַ טעריטאָריסט. וואָס איז שייך? איך בין קיין מאָל ניט געווען ניט קיין ציוניסט און ניט קיין טעריטאָריסט. איך בין אַלע מאָל געווען אַ ייִד און אַ ייִד וועל איך בלײַבן... און כאָטש איך טראָג ניט אויף זיך דעם שטעמפּל ציון און אויף מײַן שטערן איז ניט אָנגעצייכנט קיין מגן־דוד, פֿון דעסטוועגן האָסטו מורא, אַז איך פֿאַר ניט גלײַך מיט אַלע ציוניסטן אויפֿן קאָנגרעס קיין ווין? וואָרעם איך, אַז איך דערהער דאָס וואָרט „ציון״ אָדער „ירושלים״ כאַפּט מיך אָוועק דער רוח. עס טוט מיך אַ ברען און עס נעמט מיך דורך אַ בענקעניש נאָך אונדזער אַלטער היים און נאָך אונדזער מלוכה, און מײַן נשמה לעכצט, גייט אויס, חלשט נאָך וואָס ניט איז, אַבי אַן אייגנס, כאָטש אַן אייגענעם ייִדישן גראָ־דאָוואָי, כאָטש אַן אייגענעם, אַ ייִדישן פּאַספּאָרט מיט ייִדישע אותיות אָפּגעדרוקט: „זה הפּספּורט שייך להרבנו מהר״ר מנחם־מענדל מארץ־ישׂראל״. אוי, ווי דער־לעבט מען דאָס! און אין דער אמתן אַרײַנגערעדט, למאי זאָלן מיר זיך נאַרן? לאָז מען אונדז געבן דרײַצן אַנגאָלעס מיט אַכצן גאַלוויסטאַנס מיטן גאַנצן לאַנד אַמעריקע אַפֿילו לאָז מען אונדז אַוועקשענקען, וועלן מיר עס דען אַוועקגעבן פֿאַר איין שטיקעלע ערד אין ארץ־ישׂראל? ס׳איז דאָך נאַריש! וואָס וועלן מיר טאָן, למשל, מיטן וירושלים עירך ברחמים תּשוב? און מיטן ותחזינה עינינו בשובך לציון, וואָס מיר זאָגן דרײַ מאָל אין טאָג בײַם דאַווענען? צי אַ שטייגער, וואָס וועט זײַן מיטן ובנה ירושלים עיר הקודש, וואָס אינעם בענטשן? אויסמעקן? אַרויסוואַרפֿן? טאָקע אַ יושר! — ניין, זוגתי היקרה, ניטאָ קיין נענטערס פֿאַר אונדז ווי ארץ־ישׂראל. אײַ איך לייג אײַן — זאָגסטו — די וועלט פֿאַר אַנגאָלע?

איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל דאָס אַנגאַלע לייגט מען אונדז פֿאַר כּמעט אומזיסט און וואָס איך זע ניט לעת־עתּה אין ערגעץ קיין אַנדער לאַנד פֿאַר ייִדן. ניטאָ, כאַטש צי זיך אויס און שטאַרב! באַרעלע, לאָז מען אונדז מאָרגן געפֿינען אַן אַנדער לאַנד, וועל איך שרײַבן פֿאַר יענעם לאַנד, ניט פֿרעגן וועלכעס איז בעסער, וועלכעס איז ערגער, אַבי אַ לאַנד, וואָרעם מיר ברענען, און אַז מען ברענט לויפֿט מען — אַזוי איז שוין דער דרך־הטבע פֿונעם מענטשן... משל למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכן? עס איז געגליכן צו איינעם, וואָס מ׳האָט אים געפֿונען ליגן אין פֿעלד כּמעט אַ טויטן, שוין דרײַ טעג ניט געגעסן, און מיר פֿרעגן בײַ אים: „זאָג, הארצעניו, וואָס ווילסטו בעסער, — פֿליישיקס אָדער מילכיקס?״ — פֿרעגט אים ניט! גיט אים פֿליישיקס, גיט אים מילכיקס, גיט אים אַפֿילו פּאַרעווועס — אַבי לאָז ער ניט אויסגיין פֿון הונגער!.. הלוואַי, הערסטו, וואָלט נאָר געווען מיט וואָס, דאָס הייסט הלוואַי וואָלט נאָר געווען אויף הוצאות, ווי מיר וואָלטן געקאָנט געבן גענוג עמיגראַנטן אי פֿאַר ארץ־ישׂראל, אי פֿאַר אַמעריקע, אי פֿאַר אַנגאָלע, אי פֿאַר נאָך אַ לאַנד. אײַ די קשיא, עס צעבערעקלט זיך דאָס ביסל ייִדן? מען ווערט צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פֿעלקער? דאָס איז אַן אַלטע קללה, — און דאָך איז דאָס בעסער ווי דאָס זיצן אין דעם אייביקן ענגשאַפֿט און ווי דאָס עסן איינס דאָס אַנדערע, ווי דו זאָגסט, לעבעדיקערהייט, אָדער דאָס אויסשמדן זיך, וואָס מען שמדט זיך הײַנט אין די מאות און אין די אלפֿים דאָ אויפֿן אָרט בלית־ברירה...

. . . .

הקיצור, לאָזן זיי זיך פֿריִער באַקענען, איך מיין דײַנע כּתרילעווקער ציוניסטן, מיט מײַן פּראָיעקט, וואָס איך האָב פֿאַר אַנגאָלע און מיט מײַן פּראָיעקט, וואָס איך האָב פֿאַר ארץ־ישׂראל, וועלן זיי נאָכדעם זאָגן צי איך בין אַן „אָפּגעשמדטער״, ווי זיי רופֿן מיך אָן, אָדער איך בין זייער אַן אמתער גוטער פֿרײַנד, וואָס האָט אין זיך דעם ייִדישן ברען מיטן סוחרישן חוש־הריח און מיטן ווײַטן קוק. איך וועל זיך ניט באַרימען פֿאַר דיר, ווי אַנדערע, ניט זאָגן אַז איך בין דאָ דער גרעסטער דיפּלאָמאַט. נאָר איך בין אַ ייִד וואָס קאָטאָרי איך ווייק מיך טאָג ווי נאַכט אין דער פּאָליטיקע, זיץ, ווי מען זאָגט, בײַם סאַמע צאַפּן און באַגעגן מיך מיט אַלערליי מענטשן און נאַש פֿון איטלעכן באַזונדער וואָס איך קאָן. למשל, נעם אָט אַזאַ מענטשן ווי כאַסקל קאָטיק. דו מעגסט דיר זאָגן אויף אים וואָס דו ווילסט, און דײַנע כּתרילעווקער חכמים קענען דיר חוזק מאַכן פֿון זײַן חברה

„הכנסת־כלה״ וויפֿל זייער האַרץ גלוסט. נאָר איך וועל דיר זאָגן מיט די ווערטער, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט אין פּרק: איזהו חכם הלומד מכל אדם — ווער איז אַ קלוגער? ווער עס לערנט זיך אָפּ פֿון יעדן איינציקן. איך האָב ביי אַט דעם ייִדן געזאָגט, וואָס ס׳איז ווערט אַ סך — אַ סך טויזנטער. עס לאָזט זיך גאָר ניט אָפּשאַצן! דהיינו, ווייסט דאָך פֿרעגן וואָס האָב איך פֿון אים אַזעלכעס געזאָגט? איך האָב פֿון אים געזאָגט אַט דאָס, וואָס יעדער פּראָיעקט, וואָס אַ מענטש האָט, באַדאַרף ער אים קענען אויסלייגן אויף פּאַפּיר, איינטיילן אין פּאַראַגראַפֿן, אויף יעדער זאַך אַ באַזונדער פּאַראַגראַף. אַלצדינג באַדאַרף זיין גוט באַטראַכט, אויסגעמאָסטן, אָפּגעוווינן און אַרומגערעדט בכדי ס׳זאָל ניט זיין נאָך דעם צו פֿרעגן קיין שום קשיא און קיין שום ווידעראַנאַנד. מיין פּראָיעקט, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר אַנגאָלע, האָט אין זיך העכער הונדערט פּאַראַגראַפֿן און באַשטייט פֿון צוויי חלקים. דער ערשטער חלק פֿאַרנעמט זיך מיט בעל־הבתישקייט, ווי אַזוי מ׳זאָל באַזעצן דאָס לאַנד, און די פֿירעכצן ווי אַזוי מ׳זאָל זיך פֿירן. און דער צווייטער חלק רעדט פֿון געלט, ווי אַזוי מ׳זאָל מאַכן עס זאָל זיין געלט. איבערגעבן דיר, זוגתי היקרה, אין גאַנצן דעם פּראָיעקט איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך! ער פֿאַרנעמט העכער צוואַנציק גרויסע בויגנס פּאַפּיר פֿון אַלע זייטן. נאָר דעם תּמצית, אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר אַרויסגעבן אין קורצן, ווייסטו אַליין זאָגן, אַז ס׳איז צוגעטראַכט קונציק, מ׳דאַרף שוין גאַרניט בעסער.

ראשית־חכמה האָב איך געמאַכט אַזוי, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין איינגעטיילט אין קאָלאָניעס. נאָר ניט גלאַט אין קאָלאָניעס, האַללאַ באַללאַ הפֿקר פּעטרישקע, נאָר מיט אַ חשבון און מיט אַ רעכענונג, אַז יעדער קאָלאָניסט זאָל פֿאַרמאָגן ניט מער ווי צוויי הונדערט דעסעטינעס ערד און יעדער קאָלאָניע זאָל באַשטיין מער ניט פֿון פֿופֿציק אַזעלכע קאָלאָניסטן, וואָס זאָלן פֿאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט און אַלע פֿופֿציק קאָלאָניסטן זאָלן זיין ווי איין משפּחה, זאָלן זיך זיצן טאָקע יעדער מיט זיין סעמייסטווע אין זיין שטוב מיט זיין בעל־הבתישקייט, נאָר אַז ער גייט אַרויס אין פֿעלד אויף דער אַרבעט, זאָל ער גיין ניט אַליין, נאָר מיט די איבעריקע ניין און פֿערציק קאָלאָניסטן, אַלע אין איינעם. ווייסטו דאָך פֿרעגן מן־הסתּם, וואָס עפּעס אַלע אין איינעם? באַדאַרף מען דיר קלאָר מאַכן. דער ענין פֿון ערדאַרבעט, דאַרפֿסטו וויסן, איז בעצם אַ שווערע הלכה. אַחוץ וואָס מען באַדאַרף עס קענען באַדאַרף מען עס נאָך קאָנען... ניטאָ וואָס צו לייקענען — אַ ייִד איז ניט דערויף באַשאַפֿן געוואָרן. ער איז ניט מסוגל צו גראָבע אַרבעט.

איז דאָך שלעכט? איז דאָ אַן עצה. די ענגלענדער האָבן דערקלערט אַ מאַשינע אויף צו באַאַרבעטן ערד, וועסטו הערן וואָס די מאַשינע טוט: מ׳דאַרף צו איר ניט קיין פערד, ניט קיין אָקסן, ניט קיין מענטשן. דאָס הייסט, איין מענטש בלויז זעצט זיך אויף איר אַוועק, טוט אַ דריי אַ רעדל, גייט אַוועק די מאַשינע און אַקערט דיר אויס צוויי הונדערט דעסעטינעס ערד אין איין שמע־ישראל! און אויסגעאַקערטע ערד האָט אין זיך אַ טבע, מ׳באַדאַרף זי באַראָנעווען. נעמט מען די אייגענע מאַשינע און מען נעמט אַרויס פון איר דעם אַקער און מען טוט אַרײַן אַ באַראָנע, און מען טוט אַ דריי דאָס רעדל, באַראָנעוועט זי דיר אויס די גאַנצע צעאַקערטע ערד. דערנאָך באַדאַרף מען זייען. נעמט מען אַרויס די באַראָנע און מען טוט אַרײַן אַ זײער. דערנאָך קומט שניטצײַט און מען באַדאַרף שנײַדן, טוט מען אַרײַן אין דער מאַשינע אַ שנײַדמעסער און מען שנײַדט. דערנאָך דאַרף מען בינדן די סנאָפּעס. דערנאָך באַדאַרף מען דרעשן די תבואה, ווערט די מאַשינע אַ דרעשמאַשין. און טאָמער ווילסטו קאַרטשעווען וואַלד, רײַסן ביימער, רײַסט זי דיר ביימער און קאַרטשעוועט דיר וואַלד — בקיצור, ס׳איז אַ ברכה פון גאָט! איך זיץ מיר אויף דער מאַשינע, קוק אַרײַן אין אַ ספר, אָדער איך דאַוון מיר, אָדער איך זאָג מיר אַ קאַפּיטל תהילים, און זי אַרבעט שוין פאַר מיר אַלצדינג וואָס איך באַדאַרף. איין חסרון האָט די מאַשינע — זי קאָסט געלט. און אַ סך! אויף אונדזער געלט מאַכט עס אויס אַזוי גרויס ווי לערך צען טויזנט רובל. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס פאַר פּוֹפּציק קאָלאָניסטן? צו צוויי הונדערט אויף אַ קאָלאָניסט און פאַרטיק! אי דאָס — ניט במזומן. די בעסטע מאַשינעס גיט מען הײַנט אויף אויסצוצאָלן. אַזוי איז מיט דער גרויסער מאַשינע, אַזוי איז מיט די קלענערע מאַשינעס, וואָס זענען שייך צו בעל־הבתישקייט, קאָנען אַלע זײַן קהלישע. למשל, אַט איז הײַנט געוואָרן אויס מאָדע מעלקן אַ קו מיט די הענט. איין מאַשינע קאָן אויסמעלקן פופציק בהמות מיט אַ מאָל. אָדער, אַ שטייגער, הינער אויסזיצן. אַ מאָל פלעגט מען אַוועקזעצן אַ קוואָקע אויף די אייער, פלעגט זי זיצן און זיצן און געווינט ווערן זיצנדיק. הײַנט איז צוגעטראַכט געוואָרן אַזאַ מין אויוון, וואָס מ׳לייגט אונטער אייער וויפל דו ווילסט. הונדערט שאָק אייער, טויזנט שאָק אייער, — און פון גרויס היץ פּיקן זיך דיר אַליין אויס הענדעלעך. איז דאָס ניט אַ חיות? געוויינטלעך, אַ בעל־הבית פון צוויי הונדערט דעסעטינעס ערד האָט ניט ביכולת צו האָבן אַלע מאַשינעס, נאָר פאַר פופציק בעלי־בתים אין איינעם אויסשרײַבן די אַלע אויסגערעכנטע מאַשינעס איז אַ געלעכטער.

הקיצור, פון דעם אַליין זעסטו שוין אַרויס, אַז מײַן פּראָיעקט איז אויסגע־

אַרבעט געוואָרן מיט אַ פּלאַן און מיט אַ שׂכל און באַוואָרנט מיט אַלצדינג, פֿונעם קלענסטן ביזן גרעסטן. למשל, בײַ מיר איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז יעדע קאָלאָניע פֿון פֿופֿציק סעמייסטוועס, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט, האָט זיך איר שוחט מיט איר בית־מדרש, מיט איר באָד להבדיל, מיט אירע חדרים, מיט איר מאַרק אַפֿילו — אַלצדינג אַרויסגעזען פֿרײַער. אַזעלכע קאָלאָניעס צו פֿופֿציק סעמייסטוועס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט, גייען צען. דערנאָך קומט אַ שטאָט. אויף צען קאָלאָניעס איין גרויסע שטאָט. אין שטאָט קאָנען שוין וווינען עטלעכע טויזנט סעמייסטוועס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט מיסחר, בויען פֿאַבריקן, באַנען, מילן, זאַוואָדלעך, עפּענען קלייטן, האַנדלען מיט תּבֿואה, שפּע־געלירן אויף דער בערזע, ווי געוויינטלעך אַ גרויסע שטאָט, נאָר אַלע נייטיקע זאַכן, ווי ברויט, מילך, קעז און פּוטער, קאַרטאָפֿליעס, ציבעלעס, רעטעכער, פּעטרישקע און שאַר־ירוקות באַקומען זיי פֿון די צען קאָלאָניעס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט. נאָך דער דאָזיקער גרויסער שטאָט גייען ווידער צען קאָלאָ־ניעס צו פֿופֿציק סעמייסטוועס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט און ווידער אַ גרויסע שטאָט פֿון עטלעכע טויזנט סעמייסטוועס מיט פֿאַבריקעס, מילן, קלייטן, בערזעס, יאַרידן וכדומה און אַזוי ווײַטער איבערן גאַנצן שטח פֿונעם לאַנד. די קאָלאָניעס וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט זענען מחויב אויסצוהאַלטן די גרויסע שטאָט מיט געלט און מיט מענטשן. געלט — דאָס מיינט מען שטײַער, וואָס יעדער מענטש איז מחויב צו צאָלן, און מענטשן — דאָס מיינט מען סאָל־דאַטן, דאָס הייסט זיי שיקן אַוועק אַלע איינאונצוואַנציק־יאָריקע אין שטאָט אַרײַן (אַחוץ פּערוועראַזראַדנע בני־יחידים) און אין שטאָט מאַכט מען זיי שוין פֿאַר סאָלדאַטן, וואָס קומען צו ניץ טאָקע פֿאַר זיי אַליין, פֿאַר די קאָלאָניסטן הייסט עס, טאָמער מאַכט זיך אַ מלחמה, אָדער אַן אָנפֿאַל, און גלאַט פּאָליציע... און אויפֿן געלט וואָס פֿאַלט אַרײַן פֿון די שטײַערס האַלט מען אויס די ייִדישע גימנאַזיעס מיט די אוניווערסיטעטן, וווּ מען נעמט אויף אַהין צו אַלעמען, ייִדן און ניט־ייִדן, פֿראַנק און פֿרײַ אָן אַ שום פּראָצענטן מיט נאָרמעס פֿאַר פֿרעמדע. בכלל דאַרפֿסטו וויסן, אַז אין מײַן פּראָיעקט איז ניטאָ דאָס וואָרט „פֿרעמדע" און דאָס וואָרט „פּראָוועס". בײַ מיר איז ניטאָ קיין „פֿרעמדע", ניטאָ קיין „אייגענע", פּראָוועס האָבן אַלע, וואָרעם מאַי דאָך גאָט ברוך־הוא, וואָס האָט באַשאַפֿן די מענטשן, זענען בײַ אים אַלע מענטשן גלײַך, הײַנט לא כּל־שכּן אַ מענטש בײַ מענטשן!..

נאָר דאָס אַלצדינג, וואָס איך שרײַב דיר דאָ, איז נאָך ערשט אַ שמינית שבשמינית פֿון מײַן פּראָיעקט, וואָס איז כּולל אין זיך אַלצדינג, ניט דורכגעלאָזט

קיין מינדסט נאַרישקייט. איצט בלייבט איבער נאָר איין זאַך: געלט! איך האָב דאָס אויך באַוואָרנט. ווּעסטו דאָך פרעגן ווי אַזוי? ווייס איך ניט אויב דו ווּעסט עס פאַרשטיין, וואָרעם מיין פּלאַן, וואָס איך לייג פאָר, האָט אַ שייכות מיט שפּעגעלאַציע, און דו ביסט דאָך, געדענק איך, פון תמיד אָן קעגן שפּעגעלאַציעס. אין קורצע ווערטער וועל איך מיך פון דעסטוועגן פּרוּוון דיר אַרויסגעבן דעם תוך פון דער דאָזיקער שפּעגעלאַציע. ס׳איז אַ באַנק — אויף אַקציעס. די אַקציעס ווערן פאַרקויפט און דאָס געלט פאַלט אַריין אין דער באַנק, וואָס קויפט די ערד אויף איר נאָמען מיט אַלע אינסטרומענטן און מאַשינעס, בויט אויס הייזער, קויפט איין פי און אַלצדינג וואָס מען דאַרף, און פאַרקויפט דאָס שוין פון זיך צו די קאָלאָניסטן פאַר אַ סך אַ גרעסערן פּרייז אויף אויסצאָלן, און דער ריווח פון דער באַנק ווערט צעטיילט אויף דער האַלב: איין האַלב גייט אויף צוצוקויפן נאָך אַקציעס, און וואָס מער אַקציעס איז דאָך מער געלט, און די צווייטע האַלב גייט אויף דעווידענט, וואָס די באַנק גיט אַרויס אַלע יאָר אירע אַקציאָנערן. און די אַקציאָנערן, אַחוץ וואָס זיי נעמען דעווידענט, פאַרדינען זיי נאָך אויף די אַקציעס גופא, וואָרעם אַז דער דעווידענט וואַקסט, הייבן זיך די אַקציעס, און די אַקציעס הייבן זיך, איז דעמאָלט פאַראַן אַ סך בעלנים אויף אַקציעס, און וואָס מער אַקציעס איז מער געלט, און וואָס מער געלט איז מער קאָלאָניסטן, און וואָס מער קאָלאָניסטן איז בעסער פאַרן לאַנד, און אַז דאָס לאַנד מאַכט גוטע געשעפטן הייבן זיך די אַקציעס, און אַז די אַקציעס הייבן זיך איז דאָ אַ סך בעלנים אויף די אַקציעס, און וואָס מער אַקציעס איז מער געלט, און וואָס מער געלט איז מער קאָלאָניסטן — דו פאַרשטייסט? ס׳איז אַ ראָד און עס דרייט זיך! אַוודאי איז נאָך דאָ דערביי געגנוג פּרטים, מיט פּרטים, מיט פּרטים, — נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן נאָך מער באריכות. לע״ע לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳, און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: דאָס אַנגאָלע האָט מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אינעם טערק מיט זיין אַדרינאָפּאָל. לאָז ער זיך זיצן דאָרטן געזונטערהייט. ווי באַלד ער גייט ניט אויף מיין שניט, טאָ לאָז ער זיך שלאָגן קאָפּ אין קישן. איך וויל מיך גאָרניט מישן אַפילו. און ווער ס׳איז געווען

גערעכט — איך צי ער — דאָס װעלן מיר זען שפּעטער. לאָמיר נאָר עלטער װערן מיט אַ װאָך און לאָמיר נאָר הערן װאָס איז געװאָרן מיט דעם איבערקוקן פּונעם בוקאַרעשטער שלום, און װי אַזױ האָט סעזאַנאָװ אױפֿגענומען די שתּדלנים, װאָס אַדרינאָפּאָל האָט די טעג געהאַט אַרױסגעשיקט קײן פּײטערבאַרג. די דעלע־גאַציע באַשטײט פֿון זעקס פּאַרשױן. צװישן זײ זענען, זאָגט מען, צװײ משלנו, יהודים הײסט עס. כּדאַי צו װיסן, צי זײ האָבן זיך אַ טראַכט געגעבן פֿאַרן אַרױספֿאָר מכּוח פּראָװעזשיטעלסטװע, צי זײ האָבן זיך פֿאַרלאָזט אױף נסים?..

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין פּתרילעווקע

20

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מען זאָל תמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות וישועות ונחמות בתוך כלל־ישראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך פֿאָר קיין ווין אם־ירצה־השם גאָר אָן אַ שום תירוץ אויפֿן קאָנגרעס, און ניט אַליין — איך פֿיר מיט זיך אַ פֿאַרטיקן, אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן פֿאַר ארץ־ישראל, אַ סך גרעסערן און אַ סך בעסערן פֿון יענעם פּלאַן, וואָס איך האָב דיר געהאַט געשריבן וועגן אַנגאָלע. ארץ־ישראל, פֿאַרשטייסטו מיך, איז ניט אַנגאָלע. אַנגאָלע איז אַנגאָלע, און ארץ־ישׂראל איז ארץ־ישראל. דער נאָמען אַליין איז שוין גענוג, אַז אַ ייִדיש האַרץ זאָל ווערן אָנגעוואַרעמט און אויפֿגעקאָכט און עס זאָל פֿאַרצאַפּלט ווערן פֿון בענקעניש און פֿאַרברענט ווערן פֿון חרפּה פֿאַר זיך אַליין, אַז אַלע פֿעלקער האָבן אַ היים, נאָר מיר שלעפּן זיך אַרום ווי די בעטלערס אויף פֿרעמדע חתונות, קלויבן די ברעקלעך אונטערן טיש, וואָס דאָס פֿאַרגינט מען אונדז אויך ניט און מען יאָגט אונדז מיט הינט און מיט שטעקנס און מיט שטיינער — גוואַלד געשריגן! נעם די באָלגאַרן, די סערבן, די מאָנטענעגערער אַפֿילו, ווער זענען זיי קעגן אונדז? פּאַסטעכער, גראָבע יונגען, ווילדע מענטשן, — זענען זיי זיך מפֿקיר, מוסר־נפֿש יעדער פֿאַר זײַן לאַנד, לייגן אַוועק די לעצטע בני־יחידים און פֿאַרזעצן דאָס לעצטע קישעלע — און מיר? די עלטסטע פֿון אַלע פֿעלקער, די אויסדערוויילטע בײַ גאָט, ווײַז מיר וואָס האָבן מיר ביז אַהער — שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר — געטאָן פֿאַר אונדזער לאַנד, פֿאַר ארץ־ישראל? אַ ווערטעלע אויסצורעדן א—ר—ץ־י—שׂ—ר—א—ל! דאָס לאַנד פֿון ישׂראל! אונדזער אייגן לאַנד, ווו עס ליגן באַהאַלטן אונדזערע אָבות־אבותינו, ווו מיר האָבן געהאַט אונדזער בית־המיקדש, אונדזערע כהנים און לוויים, אונדזער אָרגל, אונדזערע נביאים, אונדזערע מלכים, מלכי בית־דוד — ניין! קענסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט, עס וועט זיך בײַ קיינעם ניט עפֿענען אַ מויל, אַפֿילו בײַ די גרעסטע שונאים אונ־

דורע, אָפּצולייקענעך, אַז מיר האָבן ניט קיין רעכט אויפֿן דאָזיקן לאַנד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אונדזער שווייס, מיט אונדזער בלוט און מיט אונדזערע טרערן. איי, עס געהערט דערווייל צום טערק? איז דאָס פֿאַר אונדז די גרעסטע מעלה, נאַרעלע. ווארעם ס׳זאָל חלילה געהערן צו אַן אַנדערער מלוכה וואָלט געווען פֿאַר אונדז אפֿשר אַ סך ערגער. מען מעג זיך זאָגן אויף אים, אויפֿן טערק היסט עס, וואָס מ׳וויל: „רויטע יאַרמלקע", „בלויע הויזן", „טויזנט ווייבער" — ער איז אָבער פֿאָרט אונדזערער אַן אייגענער, אַ גליד־שוועסטערקינד, קומט אַרויס, צווישן אונדז רעדנדיק, פֿונעם זעלבן שורש וואָס מיר, ס׳זאָל אונדז צו קיין חרפּה ניט זיין, פֿון אַברהם אָבינו... פּראַוודע, ניט פֿון איין מאַמען. אונדזער מאַמע איז געווען שׂרה, זיין מאַמע — הגר, אַ דינסט און אַ קעפּסוויב. בכן, איז וואָס?... זעט מען דען ניט אַרויס באַשיימפּערלעך, אַז דאָס האָט די השגחה אַזוי געפֿירט, אַז צו ווען מען באַדאַרף אַריינפֿאַלן אונדזער ארץ־ישׂראל? — צו אונדזער גע־שוועסטערקינד ישמעאל אין די הענט אַריין, בכדי ס׳זאָל קענען מיט דער צייט אַריבערגיין צו אונדז... וועסטו דאָך פֿרעגן אַ קלאָץ־קשיא, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? מיר זענען דאָך, וואָס איז שייך, ניט גלייך צו אַנדערע, מיר וועלן דאָך ניט אָנפֿאַלן אויפֿן טערק אין מיטן העלן טאָג און מיט גוואַלד ארץ־ישׂראל ביי אים ניט אָוועקנעמען. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען טאָן איז, — אָוועק־קויפֿן. איז ערשטנס באַדאַרף מען פֿרעגן דעם צווייטן צד אויך, טאָמער וועט ער גאָרניט וועלן פֿאַרקויפֿן? און צווייטנס, טאָמער אַפֿילו יאָ, וואָס וועלן זאָגן די אַנדערע מלוכות? אויפֿן טערק האָבן דאָך אַלע אַ דעה... און לאָמיר שוין זאָגן, אַז מצד זה וועט אויך ניט זיין קיין מניעה, ווער טו פֿרעגן אַ נייע קשיא: ווו וועלן מיר, קבצנים, כּתריליקעס, נעמען אַזוי פֿיל געלט? בעט איך דיך, זוגתי היקרה, זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבן. לייען דעם בריוו ביזן סוף וועסטו געפֿינען אַ תּירוץ אויף אַלצדינג און דו וועסט אַליין מודה זיין, אַז איך האָב עס מיט גאָטס הילף אַזוי באַוואָרנט, אַז ס׳זאָל זיין רעכט אַרום און אַרום.

ראשית, וועגן ניט וועלן פֿאַרקויפֿן — לאָמיר אָקאָרשט זען, פֿאַר וואָס זאָל ער ניט וועלן פֿאַרקויפֿן? ער וועט געוויס וועלן פֿאַרקויפֿן. ס׳איז ביי מיר קלאָר ווי דער טאָג! און קיין מאָל איז ניט געווען אַזאַ צייט ווי איצט. ווערסטו דאָך פֿרעגן, פֿאַר וואָס עפּעס איצט? דאַרף מען פֿאַרשטיין, וואָס אין דער פּאָליטיקע טוט זיך. ס׳איז אַזוי די געשיכטע: אָט דאָס אַריינטרעטן זיינס קיין אַדרינאָפּאָל און ניט וועלן פֿון דאָרט אַרויס האָט אים גורם געווען אַ גרויסן היזק, ער ווייס גאָר אַליין ניט וויפֿל, וואָרעם ער לאָזט זיך ניט אָפּשאַצן. עס האָט געבראַכט

דערצו, אַז מען זיצט און מען ברעכט זיך די מוחות דאָרט אין די „הויכע פּענצ־טער“ — מען וויל אים פֿון דאָרטן אַרויסדאַסן. נאָר ניט מיט בלוט־פֿאַרגיסן וויל מען דאָס טאָן, מ׳וויל דאָס טאָן מיטן נײַעם מיטל פֿון בויקאָט, וואָס שטאַמט פֿון פּוילן. דאָס הייסט מ׳וויל בויקאָטעווען מיט געלט. די מלוכות רעכענען אָפּמאַכן יד־אחת, אַז מ׳זאָל ניט לײַען אים קיין צוויי צעבראָכענע גראָשנס! אַ סברה, אַז מיר האָבן אים שוין לאַנג ווערן דעם געגעבן צו וויסן פֿון פּיטערבאָרג, אַז ער זאָל זיך גאָר ניט ריכטן מער אויף אַ הלוואה. „מיר“ וועלן אים קיין געלט ניט לײַען, דאָס הייסט, ניט מיר (ווו האָבן מיר געלט אויף צו פֿאַרלײַען, אַז מיר אַליין לײַען?), נאָר מיר וועלן שיסן דורך אונדזערע פֿרײַנד, דורך די פֿראַנצויזן. זיי וועלן אונדז פֿאָלגן און וועלן ניט שקאָנטירן קיין איין טערקיש וועקסעלע אַפֿילו, און אַז די פֿראַנצויזן זאָגן זיך אָפּ פֿון דישקאָנט, מעג מען נעמען די טאָרבע און גיין איבער די הײַזער. דאָס ווייסן מיר פֿון זיך זעלבער. מיר אַליין מעגן זיך ווינטשן פֿאַרמאָגן, וואָס מיר זענען שולדיק די פֿראַנצויזלעך הייסט עס. אַ סברה, נאַרעלע, אַז צוואַנציק מיליאַרד פֿרענקלעך! דאָס איז אַ קײַמא לן פֿון אַכט מיליאַרד אויף אונדזער געלט. אַ פֿײַנע מטבע — ווי מיינסטו? כאַסקל קאַטיק זאָגט, אַז ער האָט אויסגערעכנט, אַז מ׳זאָל אָט די סומע למשל געווען געגעבן אָדם הראשונען אין איינציקע קערבלעך, און אָדם הראשון זאָל לעבן, זאָגט ער, ביז הײַנטיקן טאָג און זאָל זיצן 24 שעה אין מעת־לעת, ניט עסן ניט טרינקען ניט שלאָפֿן, נאָר זיצן און ציילן די קערבלעך, וואָלט ער באַדאַרפֿט, זאָגט ער, נאָך לאַנג־לאַנג לעבן ביז ער וואָלט פֿאַרטיק געוואָרן! הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין?

בקיצור, ס׳איז איצט אַן אמתע שעת־הכּושר, דער בעסטער מאָמענט הייסט עס מ׳זאָל עפּעס קענען מאַכן מיט אים אַ געשעפֿט. נאָר וואָס דען? ס׳איז דאָך נאַריש — ווו האָבן ייִדן אַזוי פֿיל געלט אַלע אין איינעם, שוין אַפֿילו מיט די רויטשילדס און מיט די שיפֿס און מיט די בראָצקיס און מיט די פּאָליאַקאָווס, אַז מען זאָל קענען אָוועקקויפֿן בײַם טערק ארץ־ישׂראל? איז דאָך שלעכט! בין איך געפֿאַלן אויף אַן עצה — און מיר דאַכט, אַז דו וועסט אַליין אויך זאָגן, אַז דאָס איז די בעסטע המצאה וואָס אַ מענטשנס שׂכל האָט געקענט צוטראַכטן. דהײַנו וואָס? איך האָב אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון אַרענדע. ער גיט אונדז אָפּ ארץ־ישׂראל הייסט עס על־פּי קאָנטראַקט אין דער אַרענדע, וועלן מיר זאָגן, אויף ניין און נײַנציק יאָר. מילא בײַ פֿאַרקויפֿן, הייבט זיך אָן פּאָליטיקע, דיפּלאָמאַ־טיקע, דער, יענער. עס שמעקט ניט די ענגלענדער. עס פּאַסט ניט פֿאַר די פֿראַנ־צויזן. אָבער בײַ לשון־אַרענדע — וועמען גייט עס אָן? אין דער אַרענדע קען

איך מיר אַוועקגעבן מײַן שטוב, מיט מײַן חדר, מיט מײַן בעטל, מיט מײַן קאַפּאָטע אַפּילו — וועמענס עסק איז דאָס? ווער קאָן מיר זאָגן אַ דעה אויף מײַן קאַפּאָטע? דו פֿאַרשטייסט, צי ניין — מיר נעמען ניט צו בײַ קיינעם, מיר קויפֿן ניט אַוועק בײַ עמעצן, מיר דינגען נאָר אָפּ דאָס לאַנד ארץ־ישׂראל בײַ אים אויף נײַן און נײַנציק יאָר און מיר צעשרײַבן זיך מיט אים בפּירוש, אַז דאָס לאַנד איז זײַן לאַנד און ער איז מלך, סולטאַן הייסט עס, ווי געווען, ניט געמינערט אַ האָר. נישט מער, אַזוי ווי מיר זענען אַרענדאַטאָרס, פֿירן מיר זיך אײַן אין אונדזער אימעניע אונדזערע אייגענע מינהגים און פּאַראַנדקעס, כּאדם העוסק בשלו — פּאַלנע בעלי־בתּים. מיר האָבן זיך ניט נאָר אונדזער אייגן לשון מיט אונדזערע אייגענע בתּי־מדרשים, שולן, גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן, — מיר פֿירן זיך לויט אונדזערע אייגענע דינים, האָבן זיך אונדזערע אייגענע זאַקאָנעס, מיט אונדזערע פּריסוטסטווענע מעסטעס, מיט אונדזערע פּאָליציייסקע, מיט אונדזערע גובערנאַטאָרעס און מיט אונדזערע אייגענע מיניסטאָרן אַפּילו. דאָס אַלצדינג ווערט אַרומגערעדט באריכות בײַ מיר אין מײַן פּראָיעקט פֿון ארץ־ישׂראל. איך האָב שוין אַפּילו אין זינען געהאַט אָנמערקן די פּאַסיקע פּאַר־שוינען אויף אַלע העכסטע שטעלעס, רעכן איך פֿריִער זײַן אין ווין אויפֿן קאָנ־גרעס, זען מיט וואָס וועט זיך ענדעקן. לעת־עתּה האָב איך מיר פֿאַרצייכנט די נעמען פֿון די פּאַסיקסטע קאַנדידאַטן.

דער ראש וראשון, דער פּרעזידענט הייסט עס, באַדאַרף צו זײַן, נאָך מײַן מיינונג, ניט קיין אַנדערער, נאָר מאַקס נאָרדעו. ער איז פֿאָרט אַ מענטש מיט אַ מויל, פֿאַרשטייסטו מיך, אַ שאגת ארי. אַז ער רעדט, זאָגט מען, ציטערן די ווענט און פּערל שיטן זיך פֿון מויל. און פֿאַר וויצע־פּרעזידענט וואָלט מען באַ־דאַרפֿט אויסקלויבן וואָלפֿסאָנען. דוד וואָלפֿסאָן איז אַ ייִד, פֿאַרשטייסטו מיך, מיט אַ הדרת־פּנים, כּאַפּט דעם אָפּבליק פֿון דאָקטאָר הערצל עליו־השלום און טאַקע אַ שיינער בעל־הבית אויך, און ניט קיין נאַר, גאָר קיין נאַר ניט! און אַז ער רעדט, רעדט ער ווי אַ מענטש, פּראָסט ייִדיש, זשאַרגאָן, אַזוי ווי איך, אַזוי ווי דו, ניט ווי די איבעריקע דײַטשן, וואָס אַ ייִדיש וואָרט איז בײַ זיי טרייף ווי חזיר... הײַנט מיט מיניסטאָרן האָבן מיר אויך קיין דאגה ניט. מען דאַרף ניט האָבן, דאַכט מיר, קיין בעסערן מיניסטער וונוטרעניך דיעל ווי אוסישקין. אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער! ער אַז ער זאָגט עפּעס מוז עס אַזוי זײַן, ס'זאָל זיך קערן די וועלט! אַפּילו אַז ס'איז ניט אַזוי, איז דאָס אויך אַזוי... אמת, דער דאָק־טאָר טשלענאָוו וואָלט אַפּילו אויך געווען ניט קיין שלעכטער מיניסטער, איז

ער אָבער צו אַ ווייכער מענטש. ער איז נאָר גוט פֿאַר אַ דיפּלאָמאַט. אים וואָלט איך געמאַכט פֿאַר אַ מיניסטער אינאָסטראַניך דיעל, ס׳זאָל ניט זײַן סאָקאָלאָוו. סאָקאָלאָוו איז בילכער. סאָקאָלאָוו איז אַ מענטש פֿון שפּראַך, רעדט אַלע לשונות, און לשון־קודש — ווי אַ וואַסער. אויף אַ מיניסטער פּראָסוויעשטשעניע פּאַסט דאָקטאָר לעווין, שמריהו לעווין. ער האָט מיט פֿינף פֿינגער צונויפֿגעשטעלט אַ פּאָליטעכניק אין ארץ־ישראל, געווען אין אַמעריקע, געמאַכט געלט מיט סטיפּענדיעס, מיט וואָס דו ווילסט! און פֿאַר אַ מיניסטער פּוטיי סאָאָבשטשעני איז גאָלדבערג אָנגעמאָסטן, איסאַק גאָלדבערג פֿון ווילנע. נאָר די אַלע מיניסטער־סטוועס זענען דאָך אײַגנטלעך בלאָטע. דער עיקר איז דאָך דער מיניסטער פֿינאַנס! וואָרעם אם אין קמח אין תורה, פֿאַרשטייסטו מיך. זענען מיר אָבער מיט אַ מיניסטער פֿינאַנס אויך באַוואָרנט. אַ מיניסטער פֿינאַנס האָבן מיר ברוך־השם אַזעלכן, וואָס אַלע מיניסטער פֿינאַנסן מעגן הייצן בײַ אים די הרובע. דאָס איז — זלאַטאָפּאָלסקי. גלייב מיר, זוגתי היקרה, אַז אַפֿילו וויטין, דעם גרויסן וויטי, וועט ער דיר פֿאַרשטעקן אין גאַרטל! איין חסרון נאָר — ער איז שוין אַ ביסל צו פֿאַרשפּיצט, צו אַ שאַרפֿער קאָפּ און צו אַ שאַרפֿער שפּעגעלאַנט! נאָר איך מיין, אַז דער דאָזיקער חסרון איז, פֿאַרקערט, די גרעסטע מעלה. פֿינאַנסן האָבן אַ שײַכות מיט דער בערזע און בערזע מוז האָבן שפּעגעלאַציע, און שפּעגעלאַציע האָט ליב אַ שפּעגעלאַנט. איך בין דאָך אַליין געווען אַ מאָל ניט הײַנט געדאַכט אין דעם ברויט, ווייס איך דעם טעם... נאָר די פֿאַרשוויגענע, וואָס איך האָב דיר דאָ אויסגערעכנט, זענען נאָך ניט אַלע, צו זיי זענען נאָך דאָ קאַנדידאַטן, און צו די קאַנדידאַטן זענען דאָ נאָך קאַנדידאַטן. מיט מענטשן האָבן מיר קיין דאגה ניט. צו גאָט האָפֿנדיק, מיר וועלן מיט אונדזערע מיניסטאָרן חלילה ניט פֿאַרשעמט ווערן און נאָך אויסגלײַכן זיך מיט זייערע אַלע פּאַשיטשעס און מאַשיטשעס און ווענעזילעס, וואָס זייערע זיידעס האָבן נאָך גאָר ניט לאַנג געפּאַשעט חזירים. און אַפֿילו נעם דעם גרויסן מאַיאָרעסקו, וואָס איז הײַנט אין די פֿעדערן, ווער איז ער? געוויס ניט מר בר רב אשיס אַן אייניקל. זײַן זיידע, אויב ניט דער טאַטע נאָך, איז געוויס געווען אין רומיניע אַ פּאַסטעך מיט אַ לאַנגן שטעקן. וואָס איז צו רעדן? מיר, אַז מיר וועלן געבן אַ שיק אַרויס איבער דער וועלט אונדזערע דעלעגאַטן, קיין האַג אויף דער שלום־קאָנפֿערענץ, אָדער אויף אַ בוררות, אַ פֿאַרלאָזעניש ערגעץ, אָדער גלאַט אַזוי קיין לאָנדאָן אָדער קיין פּאַריז, קיין בערלין אָדער קיין מאָסקווע (אויב מ׳וועט אַרײַנלאָזן), וועט זײַן אויף וועמען אַ קוק צו טאָן און מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן, און די וועלט וועט

ערשט דעמאָלט זען, ווער מיר זענען און וואָס מיר זענען, און מ׳וועט זיך שלאָגן על־חטא, אַזוי ווערט מען חרטה האָבן — פֿאַרשרײַב מײַנע ווערטער! מ׳וועט חרטה האָבן, וואָס מען איז זיך באַגאַנגען מיט אונדז ווי מיט די לעצטע שבֿ־לעצטע. און עס וועט גאָר זײַן אַ ייִחוס וואָס מ׳האָט אונדז צו גאַסט, און מ׳וועט גאָרניט וויסן, ווו אונדז אַוועקצוזעצן — אַ קלייניקייט די דעלעגאַטן פֿונעם נײַעם ייִדישן לאַנד, פֿון ארץ־ישׂראל!.. עס איז מיר נאָר אַ חידוש, וואָס קיינער איז ביז אַהער דערויף ניט געפֿאַלן. ווו זענען געווען אונדזערע גרויסע קעפּ? איך מיין דעם פּלאַן פֿון נעמען ארץ־ישׂראל אין דער אַרענדע. די ציוניסטן, זאָלן מיר מוחל זײַן, האָבן אַלץ געטומלט זיך ביז אַהער, אָדער אָפּקויפֿן דאָס לאַנד, אָדער אַ טשאַרטער, אָדער נאָר טרוקענע קאָלאָניזאַציע. ס׳זאָל דאָס עמעצן קומען אויף דער מחשבה אַנדערע — דאָס ניט! דערויף האָט מען באַדאַרפֿט האָבן אַ סוחר און אַ סוחר איז דײַן מנחם־מענדל. איך זאָג ניט אויף זיך, אַז איך בין אַ גאון אָדער אַ דאָקטאָר הערצל. איך בין נאָר אַ סוחר און האָב אין די זאַכן אַ שטיקל געפֿיל. דאָס וועסטו אַרויסזען ערשט פֿונעם צווייטן חלק פֿון מײַן פּלאַן. מילא, אַרענדע איז טאַקע גאַנץ גוט. דאָס פֿאַרשטייט יעדער ייִד. די פֿראַגע איז אָבער: ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, ווי אַזוי דרייט מען אויס, אַז דעם טערק זאָל זיך לוינען אָפּצוגעבן ארץ־ישׂראל אין דער אַרענדע צען מאָל מער ווי פֿאַרקויפֿן? איז איין מאָל אַוועק. והשנית — און דאָס איז דער עיקר — ווו נעמט מען דערצו די קלינגערס בים־בים־באָם? אָט דערויף בין איך אָפּגעזעסן, זוגתי היקרה, דרײַ נעכט און געשריבן און געשריבן, און מיט גאָטס הילף, איך האָב אויפֿגעשטעלט אַ בנין, וואָס מ׳וועט לעקן די פֿינגער! נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — איך דאַרף לויפֿן מכוח אַן אויסלענדישן פּאַס — מאַך איך דאָס בקיצור. אם־ירצה־השם אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן נאָך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס די שוויגער שתחיה, און די גאַנצע משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: איך רעכן, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, איז צוריקוועגס, שוין פֿאַרנדיק פֿונעם קאָנגרעס הייסט עס, זאָל איך מיך אַראָפּכאַפּן צו אײַך קיין כּתרילעווקע זיך זען מיט דיר און מיט די קינדערלעך זאָלן לעבן און מיט דער גאַנצער משפּחה, ניט אויף לאַנג געווײנטלעך, אויף אַ פּאָר טעג.

איך בין דאָך אַ פֿאַרקויפֿטער מענטש. און ניט גלײַך פֿון ווין וועל איך אַראָפּ־פֿאָרן, איך דאַרף זײַן פֿריִער אין עטלעכע גרויסע שטעט, אין יעהופּעץ, אין אָדעס, אין מאָסקווע, און אין ריגע און אין כדומה אַזעלכע מקומות. מ׳וויל איך זאָל דאָרטן לייענען אַ ריפֿעראַט וועגן מײַנע פּראָיעקטן פֿון אַנגלאָלע און פֿון ארץ־ישראל. ניט אומזיסט, געוויינטלעך. אדרבה, מ׳זאָגט מיר צו הרים וגבעות. מען וועט מיך, שרײַבן זיי, באַפֿרידיקן על צד היותר טוב, און פֿון הוצאות אומקערן שמועסט מען ניט. עס וואָלט געווען ניט קיין שלעכטער פּלאַן, כ׳לעבן, איך זאָל קאָנען זײַן מיט מײַן ריפֿעראַט אומעטום אין אַלע שטעט. מיר זאָלן רעכענען למשל זעקס און זיבעציק גובערניעס, לכל־הפּחות צו צען שטעט אין אַ גובערניע, איז שוין אַזוי גרויס ווי זיבן הונדערט און זעכציק שטעט, אַחוץ קלײנע שטעטלעך און מעסטעטשקעס, די רעכן איך ניט, און יעדער שטאָט זאָל בלײַבן אחר נכיון הוצאות כאָטש איין הונדערטער, האָבן מיר אַ קײַמא לן פֿון עטלעכע און זיבעציק טויזנט קאַרבן — דאָס וואָלט מיר דווקא ניט געשאַדט און עס וואָלט צו מײַן פּרנסה פֿון שרײַבערײַ געווען דווקא נישקשה פֿון אַ זײַטיק קערבל, ווי מיינסטו?

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

21

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות בתוך כּלל ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך האָב שוין אַן אויסלענדערשן, אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַס — אַזוי גרינג קומט אָן אַ ייִדן אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַס? — און אם־ירצה־השם גאָר אָן אַ שום תּירוץ לא יאוחר ווי מאָרגן פֿאָר נאַכט אָדער אויפֿן ערגסטן פֿאַל איבער מאָרגן אין דער פֿרי — אויב ס׳וועט ניט זײַן חלילה עפּעס אַן איבערשלאָג, פֿאָר איך אַרויס גלײַך קיין ווין אויפֿן קאָנגרעס. איך שטעל מיר פֿאָר, וואָס וועט זיך דאָרט טאָן, אַז די ציוניסטן וועלן געוווירווערן פֿון מײַן פּלאַן אויף נעמען ארץ־ישׂראל אין דער אַרענדע. ביז אַהער האָט יעדער ציוניסט געמיינט, אַז דערמיט וואָס ער איז אַ ציוניסט מאַכט ער גליקלעך דאָס ייִדישע פֿאָלק, און אַז ער האָט אײַנגעצאָלט אַ שקל אָדער געקויפֿט אַן אַקציע, איז ער שוין יוצא. און ווער שמועסט, אַז איינער זאָגט צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און קויפֿן דאָרט אַ שטיקל ערד — קאָן מען זיך שוין פֿון אַזעלכע גאָרניט אויסצאָלן! וויפֿל דו זאָלסט ניט שרײַבן פֿון אים אויף די גאַזעטן איז אים ווינציק. ער וואָלט וועלן, אַז אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן אים אונטערטראָגן אַ גאָלדענעם מענדאַל פֿון אַ פּוד אײַזן. וואָרעם אַ קלייניקייט, אַ ייִד איז זיך מפֿקיר, וואַרפֿט אַוועק אַ לאַנד, ווו מען האָט אים אַזוי ליב, מען קייכלט אים און מען יאָכלט אים און מען גיט אים אַלע פּראַוועס, אים און זײַנע קינדער און זײַנע קינדסקינדער — קומט אים ניט קיין קניפּ אין בעקל? — נײַן, זוגתי היקרה, לאָז נאָר דורכגיין מײַן פּלאַן וועגן נעמען ארץ־ישׂראל אין דער אַרענדע, וועסטו זען אַז אַלע ייִדן וועלן ווערן ציוניסטן און אַלע וועלן פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, סײַדן שוין טאָקע אַן אמתער שׂונא־ישׂראל, אָדער אַ קאַליקע וואָס קאָן זיך ניט רירן פֿונעם אָרט, אָדער גאָר אַ משומד. וואָרעם באַרעכן זיך אַליין, ווער וועט זיך דאָס אָפּזאָגן, אַ שטייגער, פֿון אַזאַ זאַך? מען

נעמט און מען ברענגט דיך צו פֿירן אין דײַן לאַנד, אין דײַן אײגענעם לאַנד, — אין דײַן באַטקאָװשטשינע גװאַלד געשריגן! — און מען באַזעצט דיך, און מען בױט דיר אױס אַ דירה, און מען קױפֿט דיר אײַן סקאָט, מיט מאַשינעס אױף אױסצאַלן, מיט רעמאָנענט, מהכּל בכּל מכּל פֿלעקל — פֿאַלנע כּאַזײַסטװע! — נעמט זײַט מוחל און פֿאַרזײט אײַך תּבֿואה, אָדער פֿלאַנצט אײַך אַ װײַנגאָרטן, און מען זאָגט צו דיר: רב ייִד! אָט האָט איר אײַך אַ פֿאַרטיקן שלוש־סעודות, אָדער מאַכט אײַך אַ פֿערמע, פֿאַרפֿירט אײַך אַ מאָלאָטשנע, האָדעװעט אײַך עופֿות, קאַטשקעס, גענדז — ניק, מ׳באַדאַרף דאָך זײַן אַ רײנער אַ משוגענער מ׳זאָל זאָגן איך װיל בעסער פּגרן פֿון הונגער דרײַ מאָל אַ טאָג אַחוץ װעטשערע אָבי זײַן אין כּתרילעװקע!.. איצט בלײַבט איבער נאָר אײן זאַך: װי קומט די קאַץ איבערן װאַסער? דאָס הײסט, װי אַזױ נעמט מען דאָס קײן עין־הרע מיליאָנען מיט ייִדן און מען פּעקלט זײ אַריבער מיט װײַב און קינדער און מיטן גאַנצן בעטגעװאַנט און מיטן פּסחיקן געפּעס אױף אַ נײַ אָרט? נאָר דאָס פֿאַרשטײט דאָך אַ מינדסט קינד, אַז ניט מיט אַ מאָל אין אײן אימפּעט װערט אױפֿגעטאָן אַזאַ זאַך. אָדעס איז אין אײן טאָג ניט אױפֿגעבױט געװאָרן, פּאַװאָלינקע, ביסלעכװײַז, אײנציקװײַז באַדאַרף מען זיך אַריבערטראָגן און באַזעצן זיך. פֿרי׳ער װעלן פֿאָרן געװײנטלעך די פֿאַרמעגלעכע, די גדולים אונדזערע, די בראָצקיס, די װיסאָצקיס, די גינזבורגס מיט די פּאָליאַקאָװס, מיט די האַלפּערינס, מיט די זאַיצעװס און מיט די איבעריקע מיליאָנשטשיקעס אונדזערע, דערנאָך די קלענערע נגידים, דערנאָך מיטעלע בעלי־בתּים, דערנאָך אַ ביסל געמײנערע ייִדן, בעל־מלאָכות, כּלי־קודש, געפּאַלענע מענטשן און גלאַט אָרעמע־לײַט. װאָרעם דאָס לעבן איז אַ מאַרק און די װעלט אַ יאַריד. אַזױ װי אין אַ קראָם מוז זיך געפֿינען פֿון כּל מאַמינים שהוא, און אַזױ װי אױף אַ יאַריד װערן אַרױסגעפֿירט כּלערלײ מינים סחורות, סקאָט און שאר־ירוקות, אַזױ איז אױך דער ייִשובֿ פֿון מענטשן. אין אַ מדינה מוז זײַן אַלצדינג. כּל־זמן עס איז פֿאַראַן נגידים, גבֿירים־אַדירים, מיליאָנערן, מוזן זײַן אױך אָרעמע־לײַט און קבצנים, דלפֿנים, עניים ואבֿיונים. װאָרעם אַז ס׳װעלן ניט זײַן קײן קבצנים, צו װאָס װעט מען דאַרפֿן דעמאָלט די נגידים? אײַ, װעסטו װעלן זאָגן — דאַרף מען זײ טאַקע אױף כּפּרות? האָסטו בײַ מיר געפּועלט. איך װאָלט, מעגסטו מיר גלײבן בנאמנות, גאָרניט געהאַט קעגן דעם, מען זאָל נעמען אַלע זײערע מיליאָנען און צעטײלן צװישן די אָרעמע־לײַט חלק כּחלק, אַזױ אַז ס׳זאָל אױסקומען אַלעמען גלײַך. איז אָבער דער חסרון, װאָס מען באַדאַרף בײַ זײ, בײַ די נגידים הײסט עס, אױך אָנפֿרעגן, און זײ, די נגידים

הייסט עס, ווילן דאָס בשום־אופן־ואופן ניט. אַדרבה, וואָס מער אַ מיליאָנער האָט מיליאָנען וויל ער נאָך מער. ער זאָל קענען וואָלט ער איינגעשלונגען אַלע מיליאָנערן מיט אַלע מיליאָנען פֿון דער גאַנצער וועלט! אַזוי איז שוין דער שטייגער פֿון דער וועלט משׁשת ימי בראשית. אַ שיינעם פּנים האָבן ביי מיר יענע, וואָס ווילן מיר איינרעדן און ברענגען טויזנט ראיות פֿון געלערנטע פֿילאָזאָפֿן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט וואָס מענטשן וועלן זיין ברידער און ס'וועט ניט זיין מער ניט קיין נגידים, ניט קיין אָרעמע־לייט. בהמות? זיי וויסן ניט, אַז אונדזער ישעיה האָט דאָס געזאָגט נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. נאָר וואָס דען? מיט אַ „יעזשעלי" האָט ער עס געזאָגט: והיה, אַזוי זאָגט ישעיה הנביא — און עס וועט זיין, זאָגט ער, באחרית הימים — אַז משיח, זאָגט ער, וועט קומען...

הקיצור, זענען מיר שוין מיט דער עמיגראַציע, דאָס הייסט מיטן אַריבערפּעקלען דאָס ביסל יידן קיין ארץ־ישראל, אַזוי שיין ווי פּאַרטיק. איצט בלייבט איבער ווידער די אייגענע צרה: געלט! געוואַלד, זאָגסטו, ווו וועט מען נעמען אַזוי פֿיל געלט? באַדאַרף איך דיר דערמאָנען, זוגתי היקרה, וואָס איך האָב דיר געהאָט געשריבן שוין אין איינעם פֿון מיינע פֿריערדיקע בריוו, אַז קעגן דער דאָזיקער צרה האָב איך אַ תרופֿה: — אַקציעס. דו באַדאַרפֿסט וויסן, אַז איין מענטש אַליין, ער מעג זיין דער גרעסטער מיליאָנער, וועלן מיר זאָגן ראָטשילד אַפֿילו, איז ניט אומשטאַנד אויפֿצוהייבן אַ געשעפֿט אָן שותּפֿים, אַקציאָנערן הייסט עס. נאַרעלע! די גרעסטע הלוואות, וואָס ראָטשילד מאַכט די מלוכות, מאַכט ער זיי קיין מאָל ניט אַליין, נאָר מיט שותּפֿים. דאָס הייסט רעדן פֿון געשעפֿט רעדט מען טאַקע מיט ראָטשילדן, יאָ! און דינגען זיך פֿאַר פּריצענט דינגט מען זיך טאַקע מיט אים. נאָר אַז עס קומט צום רעכטן סמיך, דאָס הייסט צו ציילן די גראָשנס, שלעפּט מען צו בלעכרעדערן מיט מענדעלסאָנען פֿון בערלין מיט רב יאַנקל שיף און מיט וואַנדערבליטן פֿון אַמעריקע און מיט די אַלע איבעריקע שור־הבּרס און לוויתנס פֿון דער בערזע און מען מאַכט אָן אַבשטשע סאָבראַניע אין לאָנדאָן, אין פֿראַנקפֿורט, אין ווין אָדער אין פּאַריז, און ראָטשילד הייבט זיך אויף און זאָגט זיך אָפּ עטלעכע געציילטע ווערטער: „קינדער! אָט די און די מלוכה, זאָגט ער, באַדאַרף האָבן אַ הלוואה פֿון עטלעכע מיליאַרד אויף אַזאַ און אַזאַ טערמין און אויף אַזעלכע און אַזעלכע פּראָצענטן. אויב איר זענט, זאָגט ער, סאָגלאַסנע אויף אַקציעס, בשותּפֿות הייסט עס, נעם איך דריט האַלבן מיליאַרד און דאָס איבעריקע, זאָגט ער, נעמט איר, איז דאָס געמאַכט? לאָז זיין, זאָגט ער, מיט מזל־ברכה"... אַזוי זאָגט זיך אָפּ ראָטשילד זיין דרשה. און אויב דאָס גע־

שעפּט איז אַ גוט געשעפֿט, וואָס מען קאָן דערבײַ אַחוץ פּריצענט נאָך עפּעס כאַפּן פֿון אויבן, שטייט אויף וואַנדערבליט פֿון אַמעריקע און רופֿט זיך אָן צו ראָטשילדן: זאָגט נאָר, איך בעט אײַך, וואָס איז מיט אײַך דער מער, פּאַני ראָטשילד, וואָס איר האָט זיך עפּעס צעלאָזט, זאָגט ער, און אַליין זיך גענומען דעם בעסטן פּסוק פֿון אתּה הראית, זאָגט ער, און האָט זיך אײַנגעטיילט אַ חתיכה הראויה להתכבד, די העלפֿט, און די אַנדערע העלפֿט, זאָגט ער, לאָזט איר איבער פֿאַר אונדז קבצנים? דאָס, זאָגט ער, ווייסט איר כאָטש אַז איך, וואַנדערבליט, זאָגט ער, קאָן נעמען אויף מײַנע פּלייצעס די גאַנצע הלוואה, אַלע פֿינף מיליאַרד?" ענטפֿערט אים אָפּ ראָטשילד אײדל, דיפּלאָמאַטיש: „איך גלייב אײַך, זאָגט ער, הער וואַנדערבליט, אַז מיט אײַער אַפּעטיט, זאָגט ער, קאָנט איר אײַנשלינגען פֿינף מאָל פֿינף מיליאַרד. דאַרפֿט איר אָבער ניט פֿאַרגעסן, זאָגט ער, אַז בײַ אונדז אין דער תּורה שטייט געשריבן: וחי אחיך עמך. אויף אײַער ענגלעש לשון וועט עס, זאָגט ער, הייסן: לעבן אונד לעבען לאַסען..." פֿאַרדריסט דאָך עס וואַנדערבליטן — ער איז אַ קריסט — למאי אַ ייִדל, ראָטשילד הייסט עס, לערנט אים דרך־ארץ? ענטפֿערט ער אים אָפּעט, אויך אײדל און אויך דיפּ־לאָמאַטיש, אַז כאָטש ער האָט ניט די ערע צו זײַן, זאָגט ער, אַ ייִד אַזוי ווי ער, ראָטשילד הייסט עס, פֿון דעסטוועגן ווייסט ער גאַנץ גוט, זאָגט ער, וואָס אין דער ייִדישער תּורה, אין דער ביבל שטייט געשריבן, גלײַך ווי ער. „און דאָס וואָס איז שייך, זאָגט ער, צו לשון־אַפּעטיט, מיינט ער אַז זיי, די ראָטשילדס הייסט עס, וועלן זיך נאָך אויסגלײַכן מיט אים, מיט וואַנדערבליטן הייסט עס"... אויך ניט שלעכט אָוועקגעגעבן! קאָן דאָך ראָטשילד מסתּמא ניט פֿאַרטראָגן אַזאַ שטאָך. פּאַריז איז ניט מאָסקווע, פֿאַרשטייסטו מיך, און ראָטשילד איז ניט גע־ווינט געוואָרן צו הערן שטעכווערטער, וויל ער אים אָפּענטפֿערן צוריק נאָך מיט אַ גרעסערן שטאָך. איז דאָך אָבער דאָ רב יענקל שיף פֿון אַמעריקע, אַ ייִד מיט אַ קעפּעלע און מיט אַ צונג, כאַפּט ער זיך אויף און צענעמט זיי, דעם אַהער, דעם אַהין, שאַ! און מאַכט אַ פּשרה — „יחלוקו"... ביסטו שוין פֿאַרטיק? דו מיינסט אַוודאי אַז דערמיט קאָנטשעט זיך דער גאַנצער עסק? דאָס הייסט זיי צעטיילן זיך מיט די אַקציעס, גיבן אָפּ דאָס געלט און אַ גוטער טאָג? האָסטו אַ טעות! דאָס געלט גיבן זיי טאַקע, נאָר זיי נעמען דאָס באַלד אָפּ צוריק. ווי אַזוי? גאָר פּשוט. יעדער פֿון זיי, פֿון די דאָזיקע שור־הבּרס און לוויתנס הייסט עס, קומט צו פֿאָרן צו זיך אַהיים און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, געוויינטלעך אויף די גאַזעטן, אַז ער האָט געמאַכט דער און דער מלוכה אַ הלוואהלע אַ פּעטס, אַ גע־

שמאַקס, אַ צוקערדיקס, אָבער טאַקע פֿון די אַנטיקן! און הייבט אָן אַפּלויבן די מלוכה, אַז זי איז נאָר לעילא ולעילא און אַז אירע פֿינאַנסן זענען אײַזן! ווערט אַ קאַך אויף דער בערזע און מען הייבט אָן פֿאַרשרײַבן זיך אויף די אַקציעס און מען כאַפּט די אַקציעס ווי הייסע לאַקשן. און אַקציעס האָבן אין זיך אַ טבע, אַז ווי באַלד מען פֿרעגט זיך נאָך אויף זיי — הייבן זיי זיך! און אָט אויף אַזאַ אופֿן ווערן די אַקציעס געכאַפּט און פֿאַרצוקערט עד לפֿק, אַזוי אַז בײַ ראָטשילדן בלײַבט ניט איבער אײן אַקציע, זאָלסט זאָגן אויף אַ רפֿואה!

וואָס זשע טוט מײַנסטו ראָטשילד מיטן געלט? זוכט ער צו מאַכן אַ נײַע הלוואה, בײַ אַן אַנדער מלוכה, ניט אַליין חלילה, נאָר דורך די מעקלערס די דיפּלאָמאַטן, און אויך מיט די זעלבע שותּפֿים, די שור־הברס מיט די לוויתנס פֿון דער בערזע, און ווידער אַ מאָל פֿאָרט מען זיך צונויף אויף אַ זאַסעדאַניע, און ווידער אַ מאָל אַקציעס, און ווידער אַ מאָל געקומען אַהיים און צעשיקט די אַקציעס צווישן ברייטן עולם מיט אַ פֿאַרדינסטל פֿון אויבן.

הקיצור, עס קומט אויס אַז די אַלע הלוואות, וואָס די מלוכות מאַכן בײַ ראָטשילדן, מאַכן זיי גאָר אייגנטלעך בײַ אונדז, בײַ מיר, בײַ דיר און בײַ כּל־ישׂראל און בײַ דער גאַנצער וועלט. וואָרעם יעדער ווער עס האָט געלט, דער האָט אַ חלק אין דער הלוואה. און אַפֿילו דער וואָס האָט ניט קיין געלט, האָט אויך אַ חלק. ווי איז דאָס מעגלעך? וועל איך דיר קלאָר מאַכן אין צוויי ווערטער. למשל, דו קויפֿסט פֿלייש בײַם קצב און ברויט בײַם בעקער. דער קצב מיטן בעקער קויפֿן פֿאַר דײַן געלט דעם ווײַב אַ קליידל און די קינדער שיכלעך. דער קרעמער און דער שוסטער באַצאָלן זייערע סחורות פֿון די פֿאַבריקעס, און דער פֿאַבריקאַנט ווערט דערפֿון רײַך און קויפֿט אַקציעס — קומט ניט אויס, אַז דו האָסט אין זיי אַ חלק? דעריבער, פֿאַרשטייסטו מיך, וועט בײַ דיר ניט זײַן אָפּגעפֿרעגט, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז ס׳איז גאָרניט דאָ אַזאַ סומע, וואָס די וועלט זאָל ניט קענען דעקן. און קיינער באַדאַרף זיך דעריבער ניט שרעקן, טאָמער וועט דער טערק אויסבעטן צו אַ הויכן מקח פֿאַר דער אַרענדע פֿון ארץ־ישׂראל, און טאָמער וועט ער זיך הייסן באַצאָלן ראַטע פֿאַר עטלעכע יאָר פֿריִער, אָדער טאָמער וועט ער זיך הייסן געבן צו אַ גרויסן זאַלאָג. הלוואי זאָל נאָר זײַן אין דעם די מניעה און מ׳זאָל שוין קאָנען צוטרעטן צום קאָנטראַקט פֿון דער אַרענדע נאָך דעם פּלאַן, וואָס איך האָב מיט גאָטס הילף אויסגעאַרבעט. און אָט אַזוי ווי דו זעסט זענען מיר הייסט עס צוגעקומען צום רעכטן שפּיץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט אויספֿירן, וועגן דעם פּלאַן פֿון דער אַרענדע. נאָר מחמת איך האָב

קיין צייט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו פֿונעם וועג וועל איך דיר אַרויסשרייַבן אַ סך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זייַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרייַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

מנחם־מענדל פֿון וואַרשע צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

22

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

והשנית זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך פֿאָר. ניט איך זאָג אַז איך פֿאָר, נײן, איך פֿאָר טאַקע! אין עטלעכע שעה אַרום גייט אַוועק דער קוריער קײן ווין און איך האָב שוין אַפֿילו אַ בילעט אויך. דאָס הייסט האָבן האָב איך אים נאָך ניט. נאָר ס׳איז גלײַך ווי בײַ מיר אין קעשענע. די רעדאַקציע, פֿאַרשטייסטו מיך, האָט מיר צוגעזאָגט נעמען אַ בילעט, ווײַל איך פֿאָר אויף זייערע הוצאות פֿאָר איך. מײנסט אפֿשר אַז נאָר איך אַלײן? נײן, עס פֿאָרן מיט מיר נאָך עטלעכע שרײַבערס פֿון דער רעדאַקציע, אַזוי ווי איך, אויך אויף זייערע הוצאות, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע. בקאָמפּאַניע הייסט עס פֿאָרן מיר. און בקאָמפּאַניע פֿאָרט זיך גאָר אַנדערש. דו זיצסט מיט מענטשן, רעדסט מען, שמועסט מען, פֿון דעם, פֿון יענעם, מען דערציילט מעשׂיות, נעכטיקע טעג, אויפֿן הימל אַ יריד — דערווײַל פֿאָרסטו אײַן אַ שטיק וועג און דו קוקסט זיך גאָר ניט אַרום ווי די צײַט איז אַוועק. הקיצור, מיר פֿאָרן קײן ווין אויפֿן קאָנגרעס. דאָס הייסט מיר זענען גרייט צו פֿאָרן. מיר פּאַקעווען זיך שוין אין וועג אַרײַן. ניט איך, מײַנע קאָלעגן פּאַקעווען זיך, נעמען מיט איטלעכער זײַנע כּלי־מכשירין מיט זײַנע שפּאַרגאַלן. איך, ברוך־השם, בין שוין לאַנג אַ פֿאַרטיקער. איך דאַרף מיך ניט פּאַקן, איך האָב ניט קײן שפּאַרגאַלן. איך נעם מיר דעם טלית־ותּפֿילין און די פּען — איך האָב אַ פּען וואָס זי שרײַבט אַלײן — און זײַ געזונט! דער עיקר — איך פֿיר מיט זיך אַ זאַך וואָס איז נײטיקער פֿון אַלע זייערע שפּאַרגאַלן און שרײַבערײַעכצן. איך מײן דאָס דעם פּראָיעקט פֿון נעמען ארץ־ישׂראל אין דער אַרענדע. איך האָב אים אײַנגעניית אין אַ זיכערן אָרט און פֿאָר מיר מיט אַ קלאָרן קאָפּ. ערשטנס פֿאָרט מען דאָך אין באַן. אַפֿילו טאַקע צו די דײַטשן אין אויסעג־לאַנד, נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשׂה. און צווייטנס וויל איך ניט אַז די כאַליאַסטרע

זאָל גאָר וויסן אַפּילו, אַז איך פֿיר מיט זיך אַ פּראָיעקט אויפֿן קאָנגרעס. זיי זענען פֿאַרשטייסטו מיך גרויסע אַפּשפּעטערס, לצים. פֿון איטלעכן באַזונדער האָבן זיי ליב דיר אָפּצולצעווען. און ניט נאָר פֿון יענעם, נאָר פֿון זיך אַליין און איינס פֿון דאָס אַנדערע. אַזאַ טבע שוין ביי אונדזערע חברים שרייבערס. ס׳איז דאָ ביי אונדז איינער אַ שרייבער, פֿון די גרויסע שרייבערס, גאָר פֿון די גדולים. איז ער אַפּילו אַזוי אַ גוטער ברודער, נאָר אַ לץ, אוי אַ לץ! אויף איטלעכן האָט ער דיר אַן אַנדער צונעמעניש. מיך למשל קרוינט ער אַלע טאָג מיט אַ נייעם נאָמען: ביסמאַרק, ביקסטנפֿעלד, וואַנדערבליט, וויטי, קאָקאָווצעוו, לעכוטשאַן... די לעצטע צייט, זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טומל פֿונעם קאָנגרעס, הייס איך שוין ביי אים קיין אַנדער נאָמען ניט, נאָר טעאָדאָר מענדל, אָדער מנחם הערצעל. ווייסטו פֿאַר וואָס? איבער אַ מעשה וואָס האָט זיך געטראָפֿן אַנומלטן ביי אונדז טאָקע אין דער רעדאַקציע.

איך קום מיר אַריין איין מאָל אין דער רעדאַקציע, טרעף איך אַ ייִדן, אַזוי אַפּילו אַ גאַנץ פֿיינעם מענטשן, מיט אַ גאָלדענעם זייגער, זיצט זיך אַזוי בהרחבה, גלעט זיך די באָרד, שוויצט און רעדט פּאַוואָלע, גאַנץ ברייטלעך, מיט אַ הייזעריקלעך קול, ווי אַ חזן נאָך ימים־נוראים, און מיט אַ שמייכעלע. פֿון וואָס רעדט אַ ייִד? פֿון קינדער. פֿון זיינעם אַ זון טאָקע דערציילט ער. ער האָט, זאָגט ער, אַ זון אַ בן־יחיד, איין און איינציקן הייסט עס. מילא, איז דאָס אַ זון, זאָגט ער, אַ געראָטענער, אַן אויסגעשפּילטער, אַ קראַסאַוויעץ, אַ חכם און אַ קענער, אַלע קענערס, זאָגט ער, דאַרפֿן ביי אים הייצן די הרובע! און אַ שרייבער, אַלע שרייבערס, זאָגט ער, מעגן זיך באַגראָבן! און אַ רעדנער, אַלע רעדנערס, זאָגט ער, מעגן זיין די כּפּרה! און דווקא אויף לשון־קודש — אַז מען שמועסט אַ צאַצקע, איז דאָך ניט שייך! און טאָמער איז איינך, זאָגט ער, קאָרג, איז ער אייך אַ געקאָנטשעטער אויך. אויף יוריע האָט ער געקאָנטשעט. נאָר ניט גלאַט געקאָנטשעט. געקאָנטשעטע זענען היינט, זאָגט ער, אַזוי ווי די הינט, וועלכער ייִד האָט דאָס ניט קיין זון אַ געקאָנטשעטן? נאָר די אַלע געקאָנטשעטע מעגן, זאָגט ער, פֿאַר אים איינגעמען אַ מיתה־משונה! ווארעם וואָס וויסן זיי? און וואָס קאָנען זיי? און וואָס פֿאַרמאָגן זיי? און ווער זענען זיי? גראָבע יונגען, בור־דיוקעס און שאַרלאַטאַנעס, קיין צלם פֿאַר קיין אַלף, קיין ייִדיש וואָרט, פּוסטע־פּאַסניקעס, ליידיק־גייערס, פּייפֿערס, הויכע קאָלנערס, אונטערגעקאָטשעטע הויזן, גלאַטע קעפּ, פּלאַטשיקע מוחות, פֿאַלנע אידיאָטן! — בקיצור־המעשה, איז זיך מישב, זאָגט ער, אַט דער זון זיינער דער דאָזיקער דער געראָטענער און ווערט

משוגע, ניט דאָ געדאַכט, ניט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט... נעבעך! אַ מענטש האָט איין זון, אַ בן־יחיד, און אַזאַ געראָטענעם בן־יחיד, גייט ער און ווערט משוגע! לאָזט זיך אויס אַ מעשה — וואָס איז זײַן משוגעת? ער שלאָגט מענטשן? צי ער לויפֿט איבער די גאַסן? חס־וחלילה! זײַן משוגעת איז, זאָגט ער, נאָר — ציוניזם! ער איז, זאָגט ער, געוואָרן פּלוצעם, פֿון דער העלער הויט, מ׳ווייסט ניט פֿון וואַנען און פֿון וואָס, אַ ציוניסט און נאָך וואָס פֿאַר אַ ציוניסט! ער האָט זיך אַרײַנגענומען, זאָגט ער, אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ — ערדאַרבעטעכץ. ער וויל ווערן אַ פּראָסטער ערדאַרבעטער וויל ער, און ניט אין ערגעץ, נאָר אין ארץ־ישראל. און וואָס טויג אײַך? ס׳איז אים, זאָגט ער, ניט איבערצושפּאַרן. ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן, איר פֿאַרשטייט, זאָגט ער, אַן אומגליק? איין זון, אַ בן־יחיד, אַ פֿרישער, אַ געזונטער, אַ גלאַטער, אַ קראַסאַוויעץ און נאָך אַ גע־קאָנטשעטער דערצו, פֿאַרגינט ער זיך גאָר זאָגן, זאָגט ער, אַז ער וויל אַוועקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן ווערן אַן ערדאַרבעטער — אַ פּרא־אדם קען! פּראַוור־דע, זאָגט ער, מ׳האָט אים דאָ ניט געוואָלט, זאָגט ער, צושרײַבן פֿאַר קיין פּאָ־מאָטשניק פּריסיאַזשנע, סײַדן ער וועט זיך פֿריִער רעכט אָפּשמדן, ניט אַנדערש. משום־האַ, איז וואָס? באַדאַרף מען, זאָגט ער, לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן? גראָבן ערד? און נאָך ווו? אין ארץ־ישראל?! אַ ווילד לאַנד! ווילדע טערקן! חלוקה־ייִדן! טונעיאַדצעס! בעטלערס! שלעפּערס!.. און מײַן ייִד האָט זיך עס צעלאָזט — פּעך און שוועבל!.. האָט עס מיך מסתמא רעכט פֿאַרדראָסן און טאָקע גוט פֿאַרקאָכט בײַם האַרצן — אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פֿון אַ ייִדן, ליאַפּען אויף אַ לאַנד גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן! ער זאָל כאָטש זאָגן עפּעס מיט אַ טעם, אָדער מיט אַ שׂכל, איז נײַן! גלאַט עס געפֿעלט אים ניט ארץ־ישראל און גיי טו אים עפּעס — זאָל מען אים שווײַגן? נעם איך און שפּרינג אַרויס און פֿאַל אַרויף אויף מײַן ייִדן און שיט אים אָפּ מיט פּריסעק: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, ווי שעמט איר אײַך ניט, זאָג איך, אין אײַער ווײַטן האַלדז אַרײַן? ווי ווערט איר ניט, זאָג איך, פֿאַרברענט פֿאַר בושה? איר זאָלט שוין כאָטש שווײַגן, זאָג איך, און לאָזן, זאָג איך, אַז די שׂונאים אײַערע זאָלן פֿאַר אײַך רעדן! ווי קומט איר, זאָג איך, צו ארץ־ישראל? איר זענט, זאָג איך, געוויס פֿונעם ערב־רב זענט איר! ווייסט איר, זאָג איך, ווען אַזעלכע ייִדן ווי איר וועלן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל? אַז אײַערע קינדער וועלן זיך פֿריִער, זאָג איך, גאַנץ פֿײַן אויסשמדן און אײַערע נגידים וועלן ווערן, זאָג איך, קבצנים — אָט דעמאָלט, זאָג איך, וועט איר זיך דערמאָנען אַז ס׳איז דאָ אַ לאַנד וואָס הייסט ארץ־ישראל, נאָר ס׳וועט

שוין זײַן, זאָג איך, צו שפּעט, ווי דער גוי זאָגט, פּאַסלי יאַרמאַרקו..." הקיצור, איך האָב אים, וואָס אַרט דיך, אָוועקגעגעבן אַ רעכטע פּאַרציע, ווי אים קומט! איך ווייס נאָר אַליין ניט פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען. הערט ער מיך אויסעט, דער ייִד הייסט עס, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעלע און מיט איין אויג אַ צוגעמאַכטס: „ווער זענט איר עס?" זאָג איך: „ווער איך? איך בין, זאָג איך, אַ ייִד". זאָגט ער: „אַז איר זענט אַ ייִד, ניט קיין פּאָניע — דאָס זעט מען. איך וויל וויסן, זאָגט ער, מה שמכם?" זאָג איך: „מנחם־מענדל". הייבט ער זיך אויף, מײַן ייִד, ענטפֿערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט, ווישט אָפּ די ליפּן, פֿאַרשפּילעט זיך די קאַפּאָטע, דרייט זיך אויס און מאַכט צו אונדז אַלעמען: „אַ גוטן!" — און ניטאָ מער. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עס האָט געהאַט, זאָג איך דיר, דעם זיבעטן חן! די גאַנצע רעדאַקציע האָט מיר נאָכדעם אָפּגעגעבן מזל־טוב. „בראַוואָ! מיר האָבן גאַרניט געוווסט, זאָגן זיי, אַז איר זענט, רב מנחם־מענדל, אַ ציוניסט און נאָך אַזאַ פֿײַערדיקער ציוניסט. סך־הכל האָבן מיר אײַך געהאַלטן, זאָגן זיי, די גאַנצע צײַט פֿאַר אַ טעריטאָריסט..." דאַנק איך זיי פֿאַרן קאָפּלימענט און רוף מיך אָן צו זיי: „ווער האָט אײַך געזאָגט, זאָג איך? טשעפּעט זיך אָפּ, איך בין ניט קיין ציוניסט און ניט קיין טעריטאָריסט און ניט קיין נישט, זאָג איך, איך בין מער ניט קיין זאַך, נאָר אַ ייִד..." אַזוי האָב איך זיי אָפּגעזאָגט און בין מיר אַוועק צו מײַן אַרבעט, צום פּראָיעקט פֿון דער אַרענדע אויף ארץ־ישׂראל און האָב מיר שטילערהייט אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן, וואָס איך גיב דיר אים דאָ אין קורצן, בכדי זאָלסט זען, אַז דײַן מנחם־מענדל פֿאַרנעמט זיך ניט מיט קיין פּוסטע זאַכן.

קודם־כל פּראָיעקטיר איך, אַז מען זאָל שיקן אַ דעפּוטאַציע צום סולטאַן, טאַקע די אייגענע קאַנדידאַטן, וואָס איך האָב דיר געהאַט אויסגערעכנט אין איינעם פֿון מײַנע פֿריִערדיקע בריוו. דאָס זענען אַלץ מענטשן געקאַנטשעטע, פֿאַרשטייסטו מיך, מענטשן מיט שפּראַך, און גלאַט מענטשן וואָס האָבן אַ נאָמען, ניט קיין ייִנגלעך. אַזעלכע מענטשן אַז זיי גיבן אַ גיי אַרײַן צום סולטאַן איז דאָך אַ מחיה! דאָס ערשטע באַדאַרפֿן זיי זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אים ווער זיי זענען, און וואָס זיי זענען, און פֿון וואַנען זיי זענען, און ווער ס'האָט זיי געשיקט, ניט זשאַלעווען קיין ווערטער, נאָר ניט אַלע מיט אַ מאָל, איינציקווײַז באַדאַרפֿן זיי רעדן, און זאָגן אים, ווי די מעשׂה איז, צוליב וואָס זיי זענען געקומען. דאָס הייסט קומען זענען זיי געקומען גלאַט אַזוי, אָפּגעבן אים מזל־טוב מיטן נצחון, וואָס ער האָט סוף־כל־סוף אָפּגעהאַלטן, אַרויסגעטריבן דעם שׂונא פֿון אַדריאַנאָפּאָל און פֿון

קירקעלעס... און דערנאָך פּאַוואָלינקע אַריבערגיין טאַקע צום ענין גופא. נאָר קודם־כּל דאַרפֿן זיי אים געבן צו פֿאַרשטיין, ער זאָל זיך ניט איבערשרעקן, ניט מיינען אַז זיי זענען געקומען צו אים חלילה מיט אַ חזקה, אָדער מיט פּרעטענ־סיעס, אַז ארץ־ישראל האָט אַ מאָל געהערט צו אונדז, אַז ס'איז אונדזער לאַנד נאָך פֿון ווייס איך ווען אָן, וואָס גאָט האָט עס צוגעזאָגט נאָך צו אַברהמען... מיר וויסן גאַנץ גוט, באַדאַרפֿן זיי אים זאָגן, אַז דאָס לאַנד געהערט איצט צו אים, צום טערק הייסט עס, אײַ ס'איז אַ מאָל געווען אונדזערס? מילא, הייבט זיך אָן אַ מעשה — ס'איז אַ גאָטס זאַך, גאָט פֿרעגט מען ניט קיין קשיות... און זיי מעגן אים דערבײַ דערציילן עפּעס אַ פֿײַנעם משל, אַ מדרש אַ פּסוק, ס'מאַכט ניט אויס, — ביז מען וועט אַרויף אויף דעם, אַז געקומען איז מען אייגנטלעך צו אים מיט אַ געשעפֿט, טאַקע פֿון זײַן טובה וועגן. דהײַנו, וואָס איז דאָס געשעפֿט? — באַדאַרפֿן זיי אים אויפֿקלערן, איידל, ניט פּוגע־בכּבֿוד זײַן, און צווישן זיך גערעדט, ווי גוטע פֿרײַנד, כּך־וכך: אַזוי ווי ער, דער טערק הייסט עס, איז ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ גרויסער בעל־חובֿ, די האָר זענען ניט זײַנע און ניט דאָ געדאַכט אַ ניצרך, ער באַדאַרף נאָך האָבן געלט און געלט אויף אויסצופֿירן די גרויסע נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין דער מלחמה, אָדרינאָפּאָל און קירקענעס וכדומה. און אַזוי ווי עס קומט אים אָן שווערלעך צו מאַכן אַ נײַע הלוואה, ניט איבער דעם וואָס ער איז חלילה קיין בטוח, אַדרבה ואַדרבה! נאָר איבער דעם וואָס די „הויכע פּענצטער", צוליב זײַן פּאָליטיקע דאָרטן, סטראַשען אים מיטן פּוילעשן מיטל, מיט בויקאָט, בכדי ער זאָל אָפּגעבן אַדרי־נאָפּאָל מיט קירקעלעס, על־כּן האָבן זיי פּאַר אים אַן איסטאַטשניק, וואָס ניט נאָר מאַכן אַ הלוואה אויף ווײַטער, זיי קאָנען אים אין גאַנצן שטעלן אויף די פֿיס, אָפּרייניקן פֿון אַלע חובֿות, וועקסלעך און זאַקלאַדניעס, מאַכן אים פּאַר אויס בעל־חובֿ, אָבער טאַקע לחלוטין אויס! ווי אַזוי? לאָז מעלתו מוחל זײַן זיי אונטער־שרײַבן אַ קאָנטראַקט אויף ארץ־ישראל, אַז ער גיט עס אָפּ צו די ייִדן הייסט עס אין דער אַרענדע, דאָלגאָסטראָטשענע, אויף נײַן און נײַנציק יאָר, אויף די און די קאָנדיציעס, און ווידער דאַרפֿן זיי אים געבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיט דער ראַטע איז ער געזיכערט. וואָרעם אַחוץ וואָס מען חתמעט אים אַ קאָנטראַקט, קאָן מען אים געבן, אויב ער וויל, אַ רעכטן זאַלאַג, און אַחוץ דעם זאַלאַג גיט מען אים אַ לעקעכל וואָס וועט זײַן טײַערער בײַ אים פֿון אַלצדינג, אַפֿילו פֿון מזומן. דהײַנו? אַזוי ווי ער האָט צו טאָן מיט ייִדן, און די גרעסטע שור־הבר מיט די גרעסטע לוויתנס פֿון דער ערד זענען דאָך צו מיינסטן ייִדן, מען קאָן אים אויסרע־

כּענען אויף די פֿינגער טאַקע בײַ די נעמען: ראָטשילד, מענדעלסאָן, בלײַכרעדער, יעקב שיף — הקיצור, זאָגן זיי אים צו, די דעלעגאַטן הייסט עס, אַז זיי וועלן שוין זען מסתּמא, אַז זייערע באַנקירן זאָלן איבערנעמען אויף זיך אַלע זײַנע חובות, וועקסלען און זאַקלאַדניעס אויף די אייגענע קאָנדיציעס, וואָס ער צאָלט אַנדערע, אפֿשר נאָך מיט אַ פּראָצענט ביליקער, און חוץ־לזה וועט מען אים מאַכן אַ פֿרישע הלוואה, טאָמער דאַרף ער איצט נייטיק האָבן, ס'איז בײַ אים אַזאַ צײַט, נאָר וואָס געפֿירט אַ מלחמה פֿון איין זײַט אין איטאַליע, פֿון דער אַנדערער זײַט מיט די באַלקאַנער. אמת, ער האָט טאַקע גובר געווען, נאָר הוצאות זענען דאָך געפֿאַלן, אַ קלייניקייט וואָס אַזאַ מלחמה קאָסט! און עס וועט נאָך מסתּמא קאָסטן און קאָסטן... אָט אַזוי טאַקע מיט דעם לשון באַדאַרף מען אים זאָגן, גוט אײַנדרינגען, ניט זשאַלעווען קיין ווערטער. און טאַקע תּוך כּדי־דיבור אַריבערכאַפּן זיך פֿון דאָרטן קיין לאָנדאָן און פֿון לאָנדאָן קיין פּאַריז און פֿון פּאַריז געבן אַ שפּרונג קיין בערלין און קיין ווין, צו די שור־הבורס מיט די לוויתנס, און דער עיקר צו די ראָטשילדס, מיטן גאַנצן פּלאַן פֿון דער אַרענדע, און זאָגן ראָטשילדן, אַז מען איז געקומען צו אים, דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, חלילה ניט אַ נדבה בעטן, ניין, ער זאָל ניט מיינען, נאָר מיט אַ געשעפֿט איז מען צו אים געקומען, מיט אַ געשעפֿט, וואָס טרעפֿט איין מאָל אין צוויי טויזנט יאָר! אַ געשעפֿט, וואָס קאָן אים אַרײַנברענגען אַ גאַנץ פֿײַנעם פּראָצענט אויף זײַן קאַפּיטאַל און נאָך געבן פּרנסה צוועלף מיליאָן ייִדן, אין אַזאַ צײַט, אַזאַ ביטערע צײַט אויף ייִדן נעבעך אויף דער גאַנצער וועלט בכלל, ובפֿרט בײַ אונדז, ווו ס'איז ניטאָ קיין פּראַווען, אָן אַ שיעור אָגראַניטשעניעס, אומעטום פּראָצענטן, און רדיפֿות, און גזירות, און דאָס לויפֿן וואָס מען לויפֿט, און דאָס שמדן וואָס מען שמדט זיך, און מענדל בייליס, למען־השם ניט פֿאַרגעסן מענדל בייליס! און טאַקע אַ רעכטן ווײַן טוט אויך בעת־מעשׂה און טאַקע אַלע אין איינעם. ניש־קשה, די ראָטשילדס זענען אויך ייִדן, מיט ייִדישע הערצער, כּשרע קיכן, יום־כּיפּור, זאָגט מען, פֿאַסטן זיי, אין פֿראַנקפֿורט איז נאָך הײַנט אויך דאָ אַ שול זייערע, ווו אָרעמע ייִדן דאַווענען, זאָגט מען, אַלע טאָג מינחה־מעריב...

אָפּגעפֿאַרטיקט זיך מיט די ראָטשילדס, באַדאַרף מען זיך אַ נעם טאָן צו אונדזערע ייִדן אַליין, זיי זאָלן ניט מיינען אַז עס איז אַ שפּילעכל און ניט פֿאַר־לאָזן זיך אויף נסים. פֿרײַער דאַרף מען קומען געוויינטלעך צו די גבירים־אַדירים, צו די מיליאָנערן אונדזערע, און אַ רעד טאָן מיט זיי קורצע ווערטער, קלאָרע דיבורים, פֿרײַער מיט אַ משל און דערנאָך מיט אַ ממש־נפֿשך: זענט איר ייִדן,

באַוויַיזט זיך אַרויס מיט אײַער ייִדישקייט. טראָגט זיך איבער גלײַך מיט אונדז אַלע, טאָקע מחילה מיט אײַערע קאַפּיטאַלן מיינט מען, אַהין צו צו, אין אונדזער לאַנד אַרײַן, אין אונדזער אייגן לאַנד. מיט געלט, נישקשה, וועט איר דאָרטן מאַכן ניט קיין ערגערע געשעפֿטן ווי דאָ, און אפֿשר נאָך אַ סך בעסערע. אלא וואָס דען? איר ווילט ניט? ס'איז אײַך ניט באַקוועם, אָדער עס לוינט אײַך ניט פֿאַר אײַערע קינדער, זיי האָבן געקאָנטשעט? אָדער עס פּאַסט אײַך ניט פֿאַר אײַערע שכנים? זייער שיין! בלײַבט דאָ! נאָר מיט איין תּנאי, וועלן מיר אײַך בעטן: וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך דעם נאָמען ייִד! לאָז מען אונדז אויפֿהערן שטעכן אין די אויגן איבער אײַך און לאָמיר אויפֿהערן אָפּקומען פֿאַר אײַערע זינד!..

אָט דאָ פּאַסט אַ שטעכעדיקער משל פֿון קעלמער מגיד, אָדער אַ מעשׂה פֿון מאָטקע חבד. מען דאַרף זיי ניט שאַנעווען, ניט קוקן וואָס זיי זענען נגידים... און דעם פּשוטן עולם דאַרף מען אויך ניט גלעטן איבערן קאָפּ. זיי דאַרפֿן ניט מיינען, אַז דערמיט וואָס זיי זענען אָרעמע־לײַט זענען זיי מיוחסים, יאָה עניותא לישראל, שוין פּטור פֿון אַלצדינג און דאַרפֿן אַליין גאָרניט טאָן. זיי דאַרפֿן פֿאַרגעסן אַלצדינג, וואָס איז געווען ביז אַהער, און דאַרפֿן אָנהייבן נאָך אַ מאָל פֿון אָנהייב, פֿון מה טובו, ווי אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן, אַז אַברהמען, יצחקן און יעקבן איז אָנגעשטאַנען צו פּיטערן שאָף, מעג זיי אָנשטיין גראָבן ערד, אַקערן און זייען, שנײַדן און דרעשן, האָדעווען עופֿות אין ארץ־ישראל, געגנדז און קאַטשקעס, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען שייך צו כאַזיאַיסטווע, אָדער צו ערדאַרבעטעכץ. נישקשה, ס'וועט זיי גאָרניט אָפּפֿאַלן, און צום שידוך ניט שאַטן. אַדרבה, זיי וועלן נאָך ווערן דערמיט געהויכט און געקרוינט אין די אויגן פֿון אַלע פֿעלקער פֿון דער גאַנצער וועלט... גלייב מיר, איך בין ניט קיין משוגענער. איך זאָג ניט, אַז אַלע צוועלף מיליאָנען ייִדן זאָלן אַרויסגיין אין פֿעלד אויף דער אַרבעט. ס'איז דאָ גענוג וואָס צו טאָן אין ארץ־ישראל אַחוץ ערד־אַרבעט און אַחוץ ווײַנגערטנער. ס'איז דאָ מיסחר, ס'איז דאָ שיפֿן, מען קאָן עפֿענען בערזעס, מאַכן די גרעסטע שפּעגעלאַציעס — טאַטעניו! ס'וועט קלעקן פֿאַר אַלעמען... און דאָ גייט אַוועק בײַ מיר אַ גאַנץ צעטל פֿון מיסחרים, שפּעגעלאַציעס, וואַרעמבעדער, וויסטאַווקעס, און נאָך און נאָך — אַלצדינג מיט פּאַראַגראַפֿן, אויף יעדער זאַך אַ באַזונדער פּאַראַגראַף, ווי בײַ כאַסקל קאָטיק אין זײַנע אוסטאַוון. נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר — שוין פֿונעם אָרט — אַרויסשיקן אַלצדינג באריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און

מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳, און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: אַזוי ווי איך פֿאָר אַרויסעט אויף דער וועלט און רעכן אם־ירצה־השם אויף סוכות זײַן אין דער היים, ווילט זיך מיר זייער ברענגען עפּעס פֿאַר דיר און פֿאַר די קינדער שיחיו און פֿאַר דער שוויגער שתחי׳, איטלעכן באַזונדער וואָס אים פּאַסט. אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, איך בין געווען אין אַמעריקע און געקומען בשלום צוריק און האָב געקראָגן אַ שטעל, וואָס גיט מיר פּרנסה בכבוד און וואָס איך קען נאָך ברענגען אַ שטיקל טובה דער וועלט אויך, איז אַ יושר, אַז דו זאָלסט אויך הנאה האָבן. על־כּן, זוגתי היקרה, זאָלסטו מיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג פּאָדראָבנע, וואָס דו ווילסט און וואָס דו באַגערסט. און שרײַבן זאָלסטו מיר קיין ווין ציוניסטן־קאָנגרעס דליאַ מנחם־מענדל איזו סאָבסטווענ׳ע רוקי.

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון ווין צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

23

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך־השם בקו החיים והשלום. השית״ב זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות וישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך בין אין ארץ־ישׂראל. דאָס הייסט סע רעדט זיך נאָר אַזוי ארץ־ישׂראל. הייסן הייסט עס, אַז איך בין דערווײַל אין ווין, נאָר גוט איז מיר ווי אין ארץ־ישׂראל. אַ קליינינקייט, ייִדן גייען דאָ אַרום פֿראַנק און פֿרײַ מיט די מגן־דודס אין די לאַצן, מען רעדט לשון־קודש אויף אַלע גאַסן און מען קושט זיך און איך אויך בתּוכם. געקומען צו פֿאָרן קיין ווין, זענען מיר באַלד אַוועק אין שטאָט אַרײַן אויף די סטאַנציעס, וואָס די ציוניסטן האָבן אָנגעגרייט פֿון אונדזערט וועגן שוין פֿון לאַנג און פֿאַרשריבן פֿריִער יעדע סטאַנציע אויף פּאַפּיר. אַ סברה, אַז זיי האָבן אונדז מיט טעלעגע וואָכן פֿריִער נאָך באַוואָרנט מיט קוואַרטירן, געוואָג אַנגעטויטשעט זיך ביז זיי האָבן דאָס אַלצ־דינג אײַנגעגעסטאַלעוועט, אויסגערעכנט אַז די דעלעגאַטן פֿון דער שטאָט באַדאַרפֿן שטיין דאָ, און די דעלעגאַטן פֿון יענער שטאָט באַדאַרפֿן שטיין דאָרטן, אַלצדינג פֿאַרשריבן נאָך די נומערן און על־פּי א״ב, פּײַנטשיק, אין אַ לאַנגן ספּיסעק, אויפֿן דײַטשן שטייגער. נאָר אַ פּנים מחמת גרויס אימפּעט און טומל — אַ וווּנ־טעלע, אַזוי פֿיל ייִדן קיין עין־הרע קומען אָן מיט אַ מאָל? — האָט זיך אויס־געלאָזט, אַז ס׳איז אַרויס אַ שטיקל מישמאַש, מען האָט זיך פֿאַרביטן מיט די יוצרות, מיט די דעלעגאַטן הייסט עס און מיט די האָטעלן! האָבן מיר דאָס געהאַט אַ ביסל דאָס לויפֿעניש, וואָס זאָלסטו קלערן? אַ שיין ביסל געשוויצט, אַרומגעטראָגן זיך מיט די קלומקעס פֿון איין האָטעל צום אַנדערן, וואָרעם אַלע האָטעלן זענען שוין פֿאַרנומען, ביז מיר האָבן, מיט גאָטס הילף, אַרום פֿאַר נאַכטלעך שוין, קוים קוים געפֿונען אַ מקום־מנוחה ערגעץ בײַ אַ דײַטש, וואָס ניט מיר פֿאַרשטייען זײַן לשון, ניט ער פֿאַרשטייט אונדזער לשון, כאָטש אונדזער לשון איז כּמעט העכער האַלב דײַטש כּידוע. נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען

אַ האַלבע צרה. מילא, פֿאַרשטייט אונדז ניט דער דײַטש — אַ שיינע כּפּרה! קיין שידוך באַדאַרפֿן מיר מיט אים ניט טאָן און אייביק וועלן מיר דאָ ניט זײַן, סוף־כּל־סוף וועט מען דאָך שליסן דעם קאָנגרעס און מיר וועלן פֿון דאַנען אי״ה אַוועקפֿאָרן, הלוואי זאָלן מיר שוין אַזוי גיך אויסגעלייזט ווערן פֿון גלות. און פֿאַר נויט, אַז ס׳איז שוין גאָר שלעכט, איז גענוג פֿאַר אַ דײַטש אַז מ׳באַווײַזט אים אַ מטבע אין צוויי פֿינגער, פֿאַרשטייט ער דיך אויסגעצייכנט! ביטער איז מיט אונדזער אייגן לשון, וואָס מען טאָר עס דאָ ניט באַניצן און מען מוז רעדן אויף לשון־קודש. וואָס זאָל מען טאָן? אַז אַלע רעדן אַזוי! אוסישקין, זאָגט מען, האָט אַ מאָל אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט: „היברית או רוססית". דער פּשט איז אַזוי: לשון־קודש אָדער רישעס! — און אַז אוסישקין זאָגט אַ וואָרט, איז פֿאַרפֿאַלן. אײַ וועסטו דאָך פֿרעגן, וואָס טוען די דאָזיקע דעלעגאַטן וואָס קענען ניט קיין לשון־קודש און ניט קיין רישעס? וואָס זשע מיינסטו? איז טאַקע ניט גוט. זיצט מען און מען שווײַגט. אַ ברירה האָט מען? נאָר שייך זאָגן מען שווײַגט? ווי איז דאָס מעגלעך? אַ מענטש איז דאָך ניט קיין בהמה. ובפֿרט מען איז דאָך עפּעס געקומען אויף אַ קאָנגרעס דאַכט זיך מיר! גיט מען זיך אַן עצה: מען גייט אַוועק אין אַ ווינקעלע און מען רעדט שטילערהייט אויף ייִדיש, אוסישקין זאָל ניט הערן... נאָר האָב צײַט, ביסט נאָך ניט פֿאַרטיק. די גזירה פֿון רעדן דווקא אויף לשון־קודש וואָלט נאָך אויך געווען אַ האַלבע צרה, ווען מען זאָל מעגן רעדן כאָטש ווי מען רעדט בײַ אונדז. איז אָבער בײַ זיי אַ גזירה בתוך גזירה: מען דאַרף רעדן אויף לשון־קודש ניט ווי די ייִדן בײַ אונדז רעדן, נאָר ווי די טערקן אין ארץ־ישראל. „סאָפֿערדיט" ווערט עס בײַ זיי אָנגערופֿן. דאָס הייסט אַלצדינג איז בײַ זיי מיט אַן „אַ" און האַרט מיט אַ „טאַ". למשל נעם הויזן. פּשוטע הויזן וואָס מען טראָגט. דאַכט זיך, וואָס וואָלט זיי געאַרט זיי זאָלן זאָגן מכנסים, ווי מיר זאָגן? איז ניין? קומט אויס בײַ זיי אַז מען באַדאַרף זאָגן „מיכנאַסאַיִם". וואָס דאַרפֿסטו מער? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין ברוך־השם אויך ניט אַזאַ גרויסער עם־הארץ און האָב אויך געלערנט אַ מאָל אין אַ חדר, און ניט שלעכט געלערנט, פֿון דעסטוועגן מוטשע איך מיך, קוים־קוים וואָס איך כאַפּ מיטן אויער! נאָר פֿון דעסטוועגן אַז יענער רעדט איז דאָס אַ מחיה צו הערן. אַפֿילו די וואָס פֿאַרשטייען ניט קיין וואָרט, זאָגן אויך, אַז עס קלינגט זיי אין די אויערן, גלײַך ווי זיי וואָלטן הערן די שענסטע ניגונים פֿונעם בעסטן חזן. וואָס דאַרפֿסטו מער? אַ מיידל איז דאָ אַרויפֿגעגאַנגען און האָט געגעבן אַ רעד אויף לשון־קודש, האָט זיך עס צעגאָסן אין אַלע אברים! אָדער זאָלסט האָרכן, פֿאַראַן דאָ איינער

אַ דעלעגאַט, דאַכט זיך פֿון אַדעס, אַ ליבער מענטש, אַ גאָלד, זשעבעטינסקי רופֿט מען אים, נאָר הייסן הייסט ער וולאַדימער. אַפֿילו אַ גוייִשער נאָמען, נאָר וואָס פֿאַר אַ הייסער ייִד דאָס איז! אש־להבה! נאָך גאָר אַ יונגער־מאַנטשיק, בלוט און מילך! איז אָט דער זשעבעטינסקי, וולאַדימער הייסט עס, אַז ער שטעלט זיך אַוועק און הייבט אָן רעדן אויף לשון־קודש, — איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ממש טעם גן־עדן! אַ כפּרה אַלע בעסטע חזנים פֿון דער גאַנצער וועלט! אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט וואָלסטו געזעסן און וואָלסט נאָר געהערט, עס וואָלט דיר גאָרניט נימאס געוואָרן! עס מאַכט ניט אויס וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט קיין לשון־קודש, נאָר דו וואָלסט אַזוי הנאה געהאַט, אַז דו וואָלסט זיך גאָרניט געקענט אָפּרייַסן. אַזאַ כוח האָט עס אין זיך! און פֿאַרגעס ניט, אַז דאָס איז נאָך אַלץ קודם הקאָנגרעס. דאָס איז גלאַט אַזוי, אַ קאָנפֿערענציע איז דאָס. וועסטו דאָך פֿרעגן וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין אָט דאָס קאָנפֿערענציע? וועל איך דיר קלאָר מאַכן. קאָנגרעס ווייסטו דאָך וואָס דאָס איז? אַז מען קומט אויפֿן קאָנגרעס, די דעלעגאַטן הייסט עס, און ביז דער קאָנגרעס הייבט זיך אָן קלויבט מען זיך דער־ווייַל צונויף אַלע טאָג, עטלעכע מאָל אַ טאָג, און אַלע מאָל אין אַן אַנדער אָרט, און מען רעדט זיך אויס, און מ'שמועסט זיך אויס און מען קריגט זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע, און מען טראָגט אַרויס אַ רעוואָלוציע, אַ פּסק־דין הייסט עס, הקיצור, מען גרייט צו אַלצדינג פֿריִער צום קאָנגרעס — ווערט דאָס אָנגע־רופֿן קאָנפֿערענציע. פֿאַרשטייסטו שוין?

די ערשטע קאָנפֿערענציע, וואָס איז דאָ געווען, איז געווען אַ שפּאַרעניש איבערן לשון. דאָס הייסט מען האָט זיך מפלפל געווען אויף וואָס פֿאַר אַ לשון מיר זאָלן רעדן דאָ אויפֿן קאָנגרעס, בכדי מיר זאָלן זיך קענען גוט פֿאַרשטיין? איז אַפֿילו אין פֿלוג, אין עצם גענומען, דער דאָזיקער פּילפּול, נאָך מייַן נאַרישן שׂכל, גאָר אין גאַנצן איבעריק. נאָך אַ מאָל: ייִדן פֿאָרן זיך צונויף און ווילן זיך אַ ביסל דורכשמועסן, לאָז זיך יעדער רעדן ווי ער קען. און אַז מען וויל מען זאָל זיך גאַנץ גוט פֿאַרשטיין, איז דאַכט מיר ניטאָ קיין גרינגערס ווי אונדזער פּשוט ייִדיש לשון, ווארעם וואָסער ייִד פֿאַרשטייט עס ניט קיין ייִדיש? ניין! זענען אָבער דאָ אַזעלכע אייַנגעשפּאַרטע ייִדן, און דווקא אונדזערע רישעשע ייִדן, פֿון פּיטערבאָרג, פֿון אַדעס און פֿון באַהסלעוו, וואָס זאָגן בפּירוש, אַז זיי פֿאַר־שטייען ניט קיין ייִדיש וואָרט, כאָטש נעם זיי אַראָפּ דעם קאָפּ! „ייִדיש נע פּאָ־נימאַיעם!” — האָבן זיי געבעך געטענהט און צענומען מיט די הענט און מיט אַזאַ פּנים, אַז ס'איז טאַקע געווען אַ רחמנות צו קוקן. אַנדערע האָבן געשריגן:

„יִדיש נע זשעלאַיעם! נאָש ראָדנאָי יאַזיק אילי דערעוווני יאַווריייסקי אילי נאַש רוסקי!" אָדער לשון־קודש הייסט עס אָדער רישעס! וואָס טויג דיר — ס'איז געוואָרן אַ רעכטער טומל מיט אַ רעכטן געפּילדער, איינע האָבן געטענהט מען זאָל רעדן אויף דריַי לשונות, אויף לשון־קודש הייסט עס און אויף רישעס און אויף יידיש אויך. און אַנדערע האָבן געשריגן: ניין, גענוג אויף צוויי לשונות, אויף לשון־קודש און אויף רישעס, וואָרעם יידיש פאַרשטייען מיר ניט, און ווידער אַ מאָל דאָס אייגענע פּונעם אַנהייב: „יידיש נע פּאָנימאַיעם! יידיש נע זשעלאַיעם! נאָש ראָדנאָי יאַזיק אילי דערעוווני יאַווריייסקי אילי נאָש רוסקי!" האָט דער פּרינצעדאָטעל דערזען אַז ס'איז אַ מעשה ביז מאָרגן, איז ער געפאַלן אויף אַ שכל און רופט זיך אָן: „שאַט, רבותים! אַט וועלן מיר באַלד זען. מיר וועלן מאַכן אַ באַלעטיראָוועקע מיט הענט. ווער ס'איז מסכּים נאָר אויף די צוויי לשונות, דאָס הייסט לשון־קודש און רישעס, זאָל אויפהייבן די רעכטע האַנט אין דער הייך!" האָבן זיך געגעבן אַ הייב אויף הענט! פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיט מיַין האַנט אַפילו קיין ריר ניט געגעבן, וואָרעם וואָס הייסט איך וועל מיך אַפּזאָגן פון מיַין יידיש?.. הקיצור, ס'איז שיער שיער ניט געבליבן, אַז די גרעסטע העלפט איז מסכּים, אַז מען מעג אויף יידיש אויך. איז זיך מישב איינער, אַ דעלעגאַט פון יעהופּעץ, אַ ייד אַ לערער, אַ ווילדער בעל־לשון־קודש, און הייבט אויף ביידע הענט, די רעכטע מיט דער לינקער, איז שוין במילא אויס־געקומען אחרי רבים להטות, און מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ רעוואָלוציע, אַז יידיש מאַן זכר שמה, יידיש איז פּסול! און אָט אַזוי ווי דו זעסט האָט מען אונדזער לשון געבעך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, און סך־הכּל איבער איין האַנט!..

אַוודאי האָט עס מיך אַ נעם געטאָן ביַים האַרצן: פאַר וואָס? פאַר ווענמענס זינד? קיין עין־הרע אַזוי פיל יידן האָבן אַזאַ צייַט גערעדט אויף יידיש און דאַכט זיך גאָרניט. פון יידיש רעדן איז נאָך קיינער ניט געשטאָרבן. און פּלוצעם מיט אַ מאָל — נאָט אייַך אַ גזירה: אויס יידיש! איך האָב שוין געהאַט אַפילו אַרייַנ־געפאַלן אין אַ שטיקל מרה־שחורה און אַ טראַכט געטאָן מיט זיך אַליין: „ווי איז מיר! צי קוילן זיי זיך ניט אָפּ אָן אַ מעסער, איך מיין טאַקע די ציוניסטן מיין איך, דערמיט וואָס זיי פאַרמאַכן אונדז דאָס מויל, מיר זאָלן ניט קענען רעדן מער אַ וואָרט מיט אונדזער עולם, ניט וועגן ציוניזם, ניט וועגן קיין זאַך? וואָס זאָל מען על־כּל־פּנים טאָן: רעדן מיט אַ יידן אויף לשון־קודש, צי רעדן מיט אים אויף רישעס, אַז ניט איך יכול, ניט ער איז מבין?"... איך האָב שוין אַפילו געוואָלט אַרויסשפּרינגען מיט אַ געשריי: „גוואַלד, יידן, וואָס טוט איר? איר

הרגעט זיך אַליין אַוועק! איר זענט עתיד ליתן את הדין! דערמאָנט אײַך אין אײַערע מיליאָנען ברידער, וואָס רעדן ייִדיש, וויסן ניט קיין אַנדער לשון!.. האָב איך מיך צוריק דערמאָנט וואָס אין פּרק שטייט: „שבעה דברים בגולם"... „הדיוט קופּץ בראש..." וואָס בין איך עפּעס פֿאַר אַ מוכיח? זיי זענען דען קיין ייִדן ניט? צי זיי זענען ניט קיין ציוניסטן, וואָס זיי ווילן דערטרינקען דעם גאַנצן ציוניזם אין אַ לעפֿל לשון־קודש? צי דער מוח איז זיי חלילה אויסגעטריקנט און זיי זעען ניט אין וואָס פֿאַר אַ סכּנה זיי קריכן?... והראיה, אַז ס'איז אויפֿגעשטאַנען אָט דער וולאַדימער זשעבעטינסקי, וואָס איך זאָג דיר, און האָט גענומען רעדן אויף לשון־קודש, איז מיר אָפּגעגאַנגען דער גאַנצער כּעס מיטן גאַנצן פֿאַרדראָס, און איך האָב געמוזט מסכּים זײַן מיט אים, אַז ער איז נעבעך גערעכט, וואָס ער וויל אַז אַלע ייִדן באַדאַרפֿן קענען רעדן אויף לשון־קודש. ער זאָגט, אַז אַ ציוניסט וואָס קאָן ניט רעדן קיין לשון־קודש, איז קיין תּירוץ ניט — לאָז ער זיך אויסלערנען! מען גיט אים צײַט ביזן איבערצווייאָריקן קאָנגרעס. זייער גערעכט! אין צוויי יאָר קאָן מען אויסלערנען אַפֿילו אַ בער טאַנצן. פֿאַר וואָס זאָלן מיר טאַקע ניט קענען אַלע רעדן אויף לשון־קודש? אָט האָט ער אַליין, זשעבעטינסקי וולאַדימער הייסט עס, זאָגט מען, ערשט פֿאַר צוויי יאָרן אויך ניט געקענט אַ וואָרט, און הײַנט? אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן! ניין, איך רעכן, בלי נדר, אַז איך וועל קומען אי"ה אַהיים, קיין וואַרשע הייסט עס, וועל איך מיר דינגען אַ ייִדן וואָס קען און וועל מיט אים אַוועקרעדן אַ שעה אין טאָג, צוויי שעה, דרײַ שעה אין טאָג, וואָס מער איז אַלץ בעסער, און אַז איך וועל זיך אויסלערנען, וועל איך דעמאָלט אין דער רעדאַקציע און אויף דער אַכסניה ווו איך שטיי, און אומעטום, קיין אַנדער שפּראַך ניט רעדן, אַחוץ לשון־קודש! קאָנסט פֿאַרשטיין ווי ווײַט ס'איז מיר אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ, אַז אַפֿילו מיט דעם דעלעגאַט פֿון יעהופּעץ, וואָס האָט אויפֿגעהויבן ביידע הענט און אָפּגעקוילעט דעם זשאַרגאָן, זענען מיר געוואָרן נאָכדעם אוהבים נאמנים. ער איז אַליין צוגעגאַנגען צו מיר און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ווער ער איז און אָנגעהויבן צו מיר בזה־הלשון: „אַ נעים זמירות ושירים אארוג כּי אליך נפשי תּערוג" — דאָס הייסט, ער וועט מיר מאַכן קופּלימענטן און זינגען לידלעך, וואָרעם ער איז נאָך מיר אַ כּפּרה... וואָס ענטפֿערט מען אַזעלכן? גיי איך און איך זאָג אים דאָס וואָס ווײַטער שטייט: „נפשי חמדה בצל ידיך לדעת כּל רז סודיך". דאָס האָב איך אים געגעבן אַן אָנצוהערעניש אויף זײַנע ידים, וואָס ער האָט אויפֿגעהויבן, און געגעבן אים צו וויסן, אַז איך ווייס הייסט עס דעם גאַנצן סוד... מיינסטו מסתּמא

אַז ער האָט זיך געשטויסן וואָס איך מיין ? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן ! דערהערט פֿון מיר די דאָזיקע ווערטער, מאַכט ער צו מיר ווײַטער מיט אַ קאָמפּלימענט : „על־כּן אדבר בך נכבדות ושמך אכבד בשירי ידידות“ — בקיצור, מיר האָבן זיך צעקושט און פֿון דעמאָלט אָן קאָנען מיר זיך שוין ניט צעשיידן. מיר גייען אַרום כּסדר אין צווייען און רעדן. ער מיט פּסוקים אויף לשון־קודש, איך אויף רישעס דערווײַל... איך וואָלט דיר באַדאַרפֿט איבערגעבן אַפֿילו אונדזערע שמועסן וואָרט אין וואָרט, נאָר מחמת איך האָב קיין צײַט ניט — ציוניסטן לויפֿן אַלע מאָל אויף אַ נײַער קאָנפֿערענציע און איך אויך בתוכם — מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן נאָך מער באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי : איך האָב געוווּסט פֿריִער, אַז ס׳וועט אַזוי זײַן. וואָס דען ? מען וועט מבטל מאַכן אונדזער לשון און דער עולם וועט שווײַגן ? געשיקט זיך עס ! כּך־הווה. די ערשטע באָמבע איז געקומען פֿון סמאָרגאָן. סמאָרגאָן פּראָטעסטירט שטאַרק קעגן די 27 הענט, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן קעגן אונדזער ייִדיש ! נאָך איר איז אַרויסגעטראָטן באָהסלעוו, שוין גלײַך צו מיר מיט אַ פּראָטעסט, און ווי עס שײַנט זענען זיי געווען אַ ביסל אויפֿגעטראָגן אויף דער מעשׂה. „אויב, זאָגן זיי, אונדזער דעלעגאָטס האַנט איז אויך געווען צווישן די 27 הענט — מעג זי אים אָפּדאַרן. נאָר ס׳איז נאָך ניט קיין ראיה, זאָגן זיי, אַז גאַנץ באָהסלעוו און די גאַנצע וועלט באַדאַרפֿן פּלוצעם אין מיטן דערינען משוגע ווערן און אויפֿהערן צו רעדן ייִדיש !...“ דערנאָך גייט אָשמיאַנע. פֿון דאָרטן שרײַבט מען מיר, אַז כאָטש מיר זענען ניט באַקאַנט „ליטשנע“, פֿון דעסטוועגן זענען מיר שטיקלעך מחותּנים דורך זייערן אַן אָשמיאַנער שמואל מאַטעסעס, הײַנט זיצט ער אין באָקו... לכן, פֿרעגן זיי בײַ מיר אַן עצה, ווי בײַ אַ גוטן פֿרײַנד : אַדרבה, וואָס זאָלן זיי טאָן ? לשון־קודש — פֿאַרשטייען ניט די קינדער. רישעס פֿאַרשטייען ניט די טאַטעס. סײַדן רעדן אויפֿן ווינק ? דערנאָך האָב איך באַקומען אַ שאַרפֿן פּראָטעסט פֿון אונדזער כּתרילעווקע, זידלען זיי מיך כּאחד הריקים : „סטײַטש, ווּ בין איך געווען ? למאַי האָב איך געשוויגן ? למאַי אַזוי און למאַי אַזוי ? עס וועט מיר אויספֿאַלן באָקאָם, זאָגן זיי ! לאָם איך זיך נאָר דערוועגן קומען, זאָגן

זיי, צו פֿאָרן קיין כּתרילעווקע, ווײַל איך שוין זען!.. אויפֿן בריוו איז ניט געחתמעט קיינער, נאָר צוויי ווערטער: „ייִדן שביִידן"... און פֿון דער גרויסער ריסטאָקראַטישער יעהופּעץ (אחרון אחרון חביב) האָב איך אויך מקבל געווען אַ גאַנץ פֿײַנעם פּראָטעסט, געחתמעט פֿון די גרעסטע סאַכאַרנעזאַוואָטשיקעס און מיליאָנערן. „איר ווייסט גאַנץ גוט, רב מנחם־מענדל — אַזוי הייבט זיך אָן זייער פּראָטעסט — אַז מיר, יעהופּעצער מיליאָנערן, זענען ניט אַזעלכע הייסע חסידים פֿון אײַער זשאַרגאָן און ניט קיין גרויסע לייענער פֿון ייִדישע ביכלעך דאָרטן, גאַזעטן וכדומה. וואָרעם ערשטנס, ווו האָבן מיר צײַט? ס'איז געגוג אַז מען קאָן אָפּכאַפּן אַ רוסיש בלאַט, טעלעגראַמעס, קורסן פֿון דער בערזע וכדומה, זאָל מען נאָך לייענען אײַערע ייִדישע גאַזעטן דאָרטן... און צווייטנס פּאַסט אונדז ניט, ווי זאָגט דער פֿראַנצויז: זאַבלעס אָבליזש (וואָס דאָס באַדײַט — ווייס איך ניט. מסתּמא מיינען זיי, אַז מען טאָר ניט ווײַזן אַ ייִדן אַ וועג...) נאָר איר ווייסט גאַנץ גוט — איר זענט דאָך עפּעס אַ מאָל אויך געווען אונדזערער אַ יעהופּעצער — מיר האָבן ליב, מיר האָבן זייער ליב, אַז מען דערציילט אונדז אַ ייִדישן וויץ און דווקא אויף זשאַרגאָן, און בפֿרט אַ פֿעפֿעריקן וויץ, ובפֿרט באַלד נאָכן עסן... אָנו פּרוווט דערציילן דעם אייגענעם וויץ אויף לשון־קודש — ווער וועט אים פֿאַרשטיין? אָדער אויף רישעס — וואָס פֿאַר אַ טעם וועט ער האָבן? הײַנט וואָס דרייען זיי אַ מוח, טאַקע די ציוניסטן אײַערע?" אַזוי לאָזן זיי אויס זייער פּראָטעסט און עס גייען געחתמעט אַלע גרעסטע: די בראָצקיס און די האַלפּעריגס און די זײַצעווס און באַראָן גינסבורג און פּאָליאַקאָוו. דערנאָך גייט אַ צעטל פֿון קלענערע מיליאָנערן און סאַכאַרנעזאַוואָטשיקעס: ראַבינערזאָן, באַלאַכאָווסקי, העפּנער — די איבעריקע זענען שוין צו פֿאַרדרייט...

הנ"ל

מנחם־מענדל פֿון ווין צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

24

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד הערכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז ס׳טוט זיך חושך, עס קערט זיך די וועלט. אַלע לויפֿן, אַלע רעדן, אַלע היצן זיך, אַלע פּאַטשן בראַוואָ, אַלע גייען אַרויס פֿון די כּלים און איך אויך בתוכם. איצט, פֿאַרשטייסטו אויך, איז שוין אויס קאָנפֿערענציעס, איצט איז שוין טאַקע דער אמתער קאָנגרעס! עס לאָזט זיך גאָר ניט באַשרײַבן, וואָס איז אַזעלכעס קאָנגרעס! מען מוז אַליין זײַן דערבײַ מען זאָל וויסן וואָס דאָס איז! שטעל דיר פֿאָר אַ זאַל, וואָס איז גרויס למשל ווי דער גאַנצער מאַרק אין כּתרילעווקע, אויב ניט גרעסער נאָך, און דער דאָזיקער זאַל איז אָנגעפּאַקט פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט דעלעגאַטן, קאָרעספּאָנדענטן און געסט, געסט פֿון דער גאָרער וועלט, אַזוי פֿיל, וואָס איז טאַקע לא יספּר מרוב! און מחמת דעריבער איז אַן ענגשאַפֿט מיט אַ טומל מיט אַ שטופּעניש מיט אַ דערשטיקעניש מיט אַ היץ עד אין־לשער! דאָס איז אינעווייניק. הײַנט וויפֿל זענען געבליבן אין דרויסן? וואָרעם ס׳איז דען דאָ אַזאַ זאַל אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען אַרײַננעמען אין זיך אַזוי פֿיל מענטשן קיין עין־הרע? האָט מען צוגעטראַכט אַ מיטל (אַ דײַטש פֿאַלט דיר אויף אַ שׂכל!) מען האָט אַרויסגעזען פֿריִער, טאָמער קומען אַ סך מענטשן, איז מען געגאַנגען און מען האָט איבער־געציילט וויפֿל ערטער ס׳איז דאָ אין זאַל, האָט מען פּונקט אַזוי פֿיל אָפּגעדרוקט קאַרטלעך. וויפֿל ערטער אַזוי פֿיל קאַרטלעך. דו פֿאַרשטייסט? און די קאַרטלעך האָט מען אײַנגעטיילט, אומזיסט געווייַנטלעך, קודם פֿאַר די דעלעגאַטן, פֿאַר די ציוניסטן הייסט עס, דערנאָך פֿאַר די קאָרעספּאָנדענטן, די שרײַבערס פֿון די גאַזעטן הייסט עס. און די איבעריקע קאַרטלעך האָט מען געלאָזט פֿאַרקויפֿן צווישן די געסט, די וואָס קומען גלאַט אַזוי אָנקוקן דעם קאָנגרעס. און דאָס איז זעסטו דווקא אַ שׂכל: זענט איר ניט קיין ציוניסטן און קומט צו פֿאָרן גלאַט אַזוי אָנקוקן,

טאַ צאָלט זשע געלט! נאָר אַזוי ווי אַזעלכע געסט זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן טויזנט מאָל אַזוי פֿיל ווי ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן קאַרטלעך, האָט ניט געסטײַעט קיין קאַרטלעך און מען האָט אָנגעהויבן צו כאַפּן די קאַרטלעך און צאָלן פֿאַר די קאַרטלעך אין טאָג אַרײַן, צו צוואַנציק קרוין, צו פֿופֿציק קרוין, צו הונדערט קרוין פֿאַר אַ קאַרטל. ס'איז גאָר ניט געווען קיין טײַער, אַבי גיט אַהער קאַרט־לעך! דערזעענדיק ס'איז שלעכט, זענען די דײַטשן געפֿאַלן אויף אַ המצאה און האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרקויפֿן ערטער. נאָר וועלכע ערטער האָבן זיי גענומען פֿאַרקויפֿן? געוויינטלעך, די אומזיסטע ערטער פֿון די קאָרעספּאָנדענטן, די שרײַ־בערס פֿון די גאַזעטן הייסט עס. זענען אַ סך קאָרעספּאָנדענטן דערבײַ געבליבן אין דרויסן און איך אויך בתוכם. איז דאָך געוואָרן אַ גרויסער גוואַלד מיט אַ גרויסן טומל און מיט אַ גרויסן ליאַרעם. מער פֿון אַלעמען האָט גוואַל־דעוועט דער יעהופֿעצער דעלעגאַט, דער וואָס האָט אויף דער קאָנפֿערענציע, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, אויפֿגעהויבן ביידע ידים און דערמיט באַגראָבן אונדזער יידיש. ער איז אויך אַ קאָרעספּאָנדענט, אַ שרײַבער אַזוי ווי איך, נאָר פֿון אַ לשון־קודשדיקער גאַזעט. ער האָט אויפֿגעהויבן אַזאַ סקאַנדאַל קעגן די דײַטשן, אַז זיי וועלן אים האָבן צו געדענקען: „דײַטשאַנים! — האָט ער זיך צעשריגן שוין ניט אויף לשון־קודש נאָר אויף זשאַרגאָן — דײַטשאַנים! גנבים! קאַרמאַנשטשיקעס! מירן אײַך צעטראָגן דעם קאָנגרעס! מירן אײַך אַזוי און אַזוי! מירן אײַך דאָס און דאָס!...” גוט, גוט אָוועקגעגעבן! און וואָס מיינסטו איז געווען דער סוף? מען האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט! וואָס דען? פֿאַר אַ שרײַבער האָט מען דרך־ארץ, נאַרעלע, אומעטום, בפֿרט אַז ער הייבט אויף אַ קול און רעדט ווערטער! אמת, אַז מיר זענען אַרײַן האָבן מיר שוין געהאַט אַ פֿײַג, ניט קיין ערטער און האָבן געמוזט בלײַבן שטיין אויף די פֿיס, נאָר ווער קוקט דע־רויף? אַבי מיר זענען אינעווייניק און קענען זען גלײַך מיט אַלעמען, און קענען האָרכן גלײַך מיט אַלעמען, און קענען פּאַטשן בראַוואָ גלײַך מיט אַלעמען. אַזוי איז די מאָדע אויף אַ קאָנגרעס. ווער ס'זאָל ניט אַרויף אויף דער בימה פּאַטשט מען אים בראַוואָ. דערנאָך, אַז ער הייבט אָן צו רעדן פּאַטשט מען אים ווײַטער. און אַז ער הערט אויף צו רעדן פּאַטשט מען אים אָוודאי און אָוודאי, עטלעכע מינוט כסדר!... דו קענסט דיר דען משער זײַן אַ שטייגער וואָס עס טוט זיך אָפּ, אַז, קיין עין־הרע, אַזאַ עולם פֿון אפֿשר צען טויזנט פּאַרשוין הייבן אָן אַלע מיט אַ מאָל צו פּאַטשן בראַוואָ? מער פֿון אַלעמען האָט מען געפּאַטשט סאָקאָלאָוון. געפּאַטשט כמעט אַלע פֿינף מינוט. נאָר אַז ס'איז געקומען צו מענדל ביילים און

ער האָט גענומען צו דערציילן ווי דער ביילים נעבעך קומט אָפּ גאָט די נשמה שולדיק, און אין וואָס מען איז אים חושד, איז געוואָרן אַזאַ פּאַטשעריי, אַז מען האָט צעטראָגן דעם זאַל! אַן עבירה וואָס ער אַליין איז דאָ ניט געווען. איך מיין טאַקע מענדל ביילים. ווען ער זאָל געווען זיין דערביי, ווען ער זאָל געווען הערן די געשרייען פון צען טויזנט מיילער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ליאַרע־מען: „ס׳ אַ ליגן!״ „ס׳אַ בילבול!״ „שקר־וכזב!״ — ווען ער זאָל דאָס אַלצדינג, זאָג איך, געווען זען און הערן, וואָלט ער געמעגט ווערן ברייטער ווי לענגער און וואָלט געקענט גרינגער אַריבערטראָגן די צרות מיט די יסורים, וואָס ער טראָגט נעבעך איבער דאָרטן אין געפּענגעניש! אוי, ביילים, ביילים! אַז איך דערמאָן זיך אָן דעם יידן, טוט מיר אַ ריס ביים האַרצן און עס פּליט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: מיט וואָס באַלוינט מען אַזאַ מענטשן, וואָס איז געווען נעבעך אַן אומ־זיסטער קרבן פאַר כל־ישראל, בשעת ער וועט אם־ירצה־שם מיט גאָטס הילף אַרויס ריין און פריי פון געפּענגעניש? קיין געלט איז דאָך דאָ ניט שייך, וואָרעם עס לאָזט זיך דען אָפּשאַצן? נאָר אַ קאָמבינאַציע האָב איך פאַר זיינעט וועגן אַזעלכע, וואָס הלוואי דערלעבן מיר שוין די מינוט, די רגע!.. דערוויייל קערן מיר זיך אום צוריק צום קאָנגרעס.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זוגתי היקרה? איך האָב גאָר ניט אַזוי פיל ווערטער איך זאָל דיר קאָנען אָפּמאָלן אַקוראַט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קאָנגרעס! זען פאַר זיך טויזנטער יידן, אַלע אָנגעטאָן יום־טובדיק און אַלע מיט איין מחשבה, מיט איין געדאַנק — ציון, ווערט שוין יום־טובדיק אויף דער נשמה! היינט וואָס איז ווערט צו וויסן אַז ס׳איז נאָך דאָ לענדער אויף דער וועלט, ווו יידן קאָנען זיך צונויפזאַמלען פראַנק און פריי און אַרויסזאָגן הויך אויף אַ קול — אַלצדינג וואָס יעדער טראַכט ביי זיך אין האַרצן!.. זאָלסט געווען זיין דערביי בעת מען האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, וואָס מיר האָבן אַוועקגעשיקט צום זקן, צו פראַנץ־יוסף, אים אָפּגעגעבן מזל־טוב מיטן קאָנגרעס און געבענטשט מיט אַריכת־ימים פאַר זיין באַגיין זיך מיט די יידן, און דערנאָך דעם ענטפער וואָס ער האָט אונדז געענטפערט!.. אָדער זאָלסט געווען זען דעם ים מיט מענטשן וואָס האָט פאַרפלייצט די גאַסן פון שטאָט ווין, בעת מיר זענען געגאַנגען אַלע ווי איין מענטש צו הערצלען אויף קבר־אָבות און געלאָזט אַ טרער! און דעם פּאַראַדאָק וואָס דערביי איז געווען, און די שטילקייט! דעמאָלט וואָלסטו אַליין געזאָגט, אַז דער קאָנגרעס — דאָס איז אַ מין קיבוץ־גלויות, אַ מין יום־טוב בבחינת עולה־רגל, ווי פאַר צייטן, אַ מאָל — אַ מאָל, בעת די יידן פלעגן זיך

פֿון גאַנץ ארץ־ישׂראל צונויפֿקומען אונטער אַ יום־טוב עולה־רגל זײַן קיין ירושלים. איך זאָל ניט מורא האָבן טאָמער זינדיק איך, וואָלט איך געמעגט זאָגן אַז איצט רוט די שכינה אין ווין. בקיצור, דער ייִד וואָס איז ניט געווען כאָטש איין מאָל אויף אַ קאָנגרעס, איז ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט אים! זינט איך לעב האָב איך מיך אַזוי ניט געפֿילט אַז איך בין צווישן ייִדן, ווי דאָ אויפֿן קאָנגרעס. עס ווײַזט זיך מיר אויסעט, אַז איך בין נײַ געבוירן, גלײַך ווי עס וואָלטן מיר אויסגעוואַקסן פֿליגל און איך פֿלי, איך פֿלי! עס איז נאָר אַן עבירה וואָס דער קאָנגרעס וועט מער ניט געדויערן ווי איין וואָך. וואָס איז אַ וואָך? און אגב האָב איך מורא צו זאָגן, אַל תּפתּח פּה לשׂטן, איך טראַכט איבער: ווי איז מיר, ווען וועל איך קומען צו גאָט? דאָס הייסט, ווען וועט קומען די גליקלעכע שעה, וואָס איך וועל אויך קאָנען אַרויסטרעטן מיט מײַנע פּראָיעקטן? אַז אַלע שטופּן זיך צו דער בימה, אַלע ווילן רעדן, יעדער וויל עפּעס זאָגן און יעדער האָט וואָס צו זאָגן — און בסך־הכּל איז דאָ אויסגעטיילט געוואָרן די צײַט, ווער אין וואָסער אַ שעה ס׳זאָל רעדן און וויפֿל מינוט ער זאָל רעדן — אַז צען מינוט איז בײַ זיי אַ סך! נײַן, איך זע ניט אַרויס ס׳זאָל אַזוי גיך קומען צו מיר. נאָר מסתּמא וועל איך שוין מיטן אייבערשטנס הילף כאַפּן די מינוט פֿון איינעם צום אַנדערן — ס׳איז נאָך ווײַט צו נעילה און וועל מיך מעלדן צום וואָרט. אַזוי איז דאָ דער מינהג: מען באַדאַרף זיך מעלדן צום וואָרט. ווילסטו דאָך וויסן וואָס דאָס הייסט? וועל איך דיר קלאָר מאַכן. למשל, דו ווילסט זיך אַרויפֿכאַפּן אויף דער בימה עפּעס זאָגן, קענסט ניט נעמען און גלײַך אַרויפֿשפּאַנען און גלײַך אָנהייבן זאָגן. אָבער גאָר לא! מען וועט דיך ניט לאָזן! וואָס דען? דו באַדאַרפֿסט זיך פֿריִער פֿאַרשרײַבן, אַז דו האָסט עפּעס וואָס צו זאָגן, פֿאַרשרײַבט מען דיר די אָטשערעד, נאָר אַזוי ווי ס׳איז פֿאַראַן בעלנים צו רעדן אָן אַ שיעור און צײַט זייער ווינציק — לכן, איז גאָר אוממעגלעך אַז די אַלע וואָס מעלדן זיך צום וואָרט זאָלן אַ מאָל קומען צום וואָרט, מען זאָל אַפֿילו זיצן גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, ניט עסן, ניט טרינקען, ניט שלאָפֿן... איז דאָך שלעכט? איז דאָ אַן עצה — זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבן, אַ דײַטש האָט דיר צו אַלצדינג אַן עצה! די אַלע וואָס מעלדן זיך צום וואָרט, אַז זיי דערזעען פֿאַר זיך אַ סך רעדערס, נעמען זיי און קלויבן אויס צווישן זיך איינעם אַ גענעראַל, דאָס הייסט אַזעלכן וואָס זאָל רעדן פֿאַר זיי אַלעמען, איז דאָך ממה־נפשך: וועט מען מיך אויסקלויבן פֿאַר אַ גענעראַל, איז מה־טוב. אלא ניט, וועל איך מײַן פּראָיעקט אָוועקגעבן דעם אויסגעקליבענעם גענעראַל, לאָז ער אים לייענען, לאָז מען אים פּאַטשן בראַוואָ

— מוחל דעם כבוד, מוחל די פּעטש. וואָרעם דער עיקר איז דאָך ביי מיר נאָר די טובה, וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען פאַרן כלל־ישראל. און מחמת איך האָב קיין צייט ניט — ס'איז נאָך דאָ גענוג אַרבעט, ס'איז נאָך דאָ אַ באַנק אַ קאָלאָ־ניאַלע און אַ פאָנד אַ נאַציאָנאַלער, וואָס מען דאַרף באַוואָרענען, ס'איז ניט קיין קנעפּלעך, ס'איז געלט, ביין מיליאָן! אַ ווערטעלע! היינט אַ קאָמיטעט, וואָס מען דאַרף קלויבן, מיט אַ פּרעזידענט, מיט טשלענעס, ווען וועלן מיר מיט דעם אַלצ־דינג פאַרטיק ווערן? — לכן מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן מער באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: דו מיינסט אַז דער הימל איז צו דער ערד געפאַלן און עס האָט זיך ניט געפונען דאָ קיין איין און איינציקער מליץ־יושר וואָס זאָל האָבן איין זיך די שטאַרקייט און אָננעמען זיך די קריוודע פון אונדזער יידיש? עס האָט זיך געפונען אַזעלכע, און ניט איינער, נאָר צוויי. ווער זיי זענען ווילסטו וויסן? איינער איז אַן אינזשעניר פון יעהופּעץ און דער אַנדערער אַן אַדוואָקאַט פון וואַרשע — און ביידע נאָך גאָר יונגע לייט, מזיקים! צו זיי אויף דער צונג אַריינפאַלן, זאָל גאָט שומר־ומציל זיין! אוי האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט די מתנגדים פון זשאַרגאָן! אוי האָבן זיי זיי געדברט! פּעד־און־שוועבל! פאַסן האָבן זיי געשניטן! ס'איז נאָר אַן עבירה, אַז זיי האָבן זיך שוין איינגעשטעלט און מוסר־נפש געווען פאַר אונדזער יידיש, פאַר וואָס האָבן זיי דאָס ניט אַרויס־געזאָגט טאַקע אויף יידיש? דאָס אייגענע ווען זיי זאָגן אויף יידיש וואָלטן דאָך עס אַלע פאַרשטאַנען... נאָר ווי די מעשה איז — ס'איז דאָ אַ האָפענונג, אַז אויף אונדזער יידיש זאָל קומען אַ שטיקל ישועה... וואָס דאַרפסטו מער, נאַרעלע? ס'איז אַ סברה, אַז דער זשעבעטינסקי אַליין, וואָס מען רופט אים וולאַדימער, זאָל האָבן געזאָגט, אַז אויפן צוועלפטן קאָנגרעס וועט ער שוין רעדן גאָר אויף זשאַרגאָן, און גיי טו אים עפּעס! דאָס, זעסטו, וועט זיין שיין! נאָר שענער פון אַלצדינג וואָלט געווען, גאָט זאָל טאָן אַ נס — גאָט אַז ער וויל קען ער! — און אוסישקין זאָל זיך עפּעס אַרויסכאַפּן כאַטש אומגערן מיט אַ יידיש וואָרט —

דו מיינסט ער קען ניט? ער קען זייער גוט, נאָר ער וויל ניט — אַ קאַפּריז! — דעמאָלט וואָלטן שוין אַלע ייִדן הייסט עס געקאָנט רעדן אויף ייִדיש פּראַנק און פרייַ, אַ סוף, אויס גלות!.. וואָס דען מיינסטו? ס'איז אויף אַלצדינג דאָ אַ צייַט...

הנ"ל

מנחם־מענדל פֿון ווין צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין פתרילעווקע

25

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום, השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז מיר האַלטן שוין בײַ נעילה, הײַנט בײַ נאַכט ווערט דער קאָנגרעס געשלאָסן — און איך בין מיט מײַן פּראָיעקט נאָך אַלץ פֿון פֿאָרנט. און ס׳איז גאָר קיין חידוש ניט — ס׳איז אַזוי ווינציק צײַט געווען, און צו טאָן איז געווען אַזוי פֿיל, אַז איך ווייס גאָר ניט, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זײַן, ווי אַזוי וועט מען פֿאַרטיק ווערן מיט די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן? צי וועלן מיר ניט בלײַבן שטעקן חלילה אין מיטן? געוואַלד, ווען וועלן מיר אויסקלויבן אַ קאָמיטעט? און וואָס וועט זײַן מיטן פּרע־זידענט? מען דאַרף דאָך אויסקלויבן אַ פּרעזידענט אויף צוויי יאָר! איך שטיי און קוק אַרויף אַהין גאַנץ אויבן און אויף דער עסקאַדרע, ווו ס׳זיצן אונדזערע גדולים, און טראַכט מיר: וועמען פֿון זיי מאַכט מען פֿאַר אַ פּרעזידענט? אַז ס׳איז פֿאַראַן קיין עין־הרע אַזוי פֿיל קאַנדידאַטן און אַלע אויסגעצייכנטע, אַלע וואָלטן זיי גאַנץ גוט געטויגט און קיינער פֿון זיי וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט. מילא פֿון זייערע, פֿון די דײַטשן הייסט עס, איז דאָך אָפּגערעדט. איטלעכער דײַטש איז אַ געבוירענער פּרעזידענט. דער אויסזען, דאָס האַלטן זיך, דאָס גיין אָנגעטאָן אַזוי אַז ס׳זאָל גלאַנצן און ס׳זאָל פֿינקלען און ס׳זאָל זינגען. הײַנט דאַרף מען קענען קאָמאַנדעווען, מייק ניט! מען דאַרף קענען געבן אַ זעץ מיטן האָמער איבערן טיש אַזוי, אַז דער זאַל זאָל געבן אַ ציטער. הײַנט די שפּראַך? דו שפּילסט זיך מיט דער שפּראַך? למאי זאָלן מיר זיך נאַרן, איך שטעל מיר פֿאָר, ווי וואָלט זײַן, אַ שטייגער, ווען איך בין אַ פּרעזידענט און טו מיר אַ רעד אויף אונדזער ייִדיש לשון: „הערט זשע אויסעט רבותים, די מעשׂה דערפֿון איז אַזוי״... אמת, מען וועט מיך טאַקע פֿאַרשטיין, וואָס איך זאָג און וואָס איך וויל זאָגן, נאָר וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט דאָס האָבן? צו וואָכעדיק! מעשׂה אַסיפֿה!...

אויף לשון־קודש וואָלט עס שוין אויסגעקומען אַפילו אַ סך שענער, איז אָבער דער חסרון — סאַפּערדיט! „ראַבאַטיי״, (רבותי) „הקאָנגרעס״ (דער קאָנגרעס)... „באַדעט״ (אין אָדעס)... וכדומה. — שיין איז דאָס טאַקע, נאָר ווער ווערט עס פֿאַר־שטיין?... קאָן מען דאָס גלייכן צו דייַטש, אַז אַ דייַטש שטעלט זיך אַוועק, פֿאַר־לייגט די הענט אַהינטער און הייבט אָן: „מייַנע דאַמען אונד העררען!״ — אָדער: „גע־הער־טער קאָנגרעס!״ — עס קלינגט דאָך ווי אַ גלאָק! נייַן, מעגסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט, נאָר אַזוי פֿיל קאַנדידאַטן ווי די דייַטשן האָבן, פֿאַרמאָגן מיר ניט. אַז מ'טוט אַ קוק אַ שטייגער אויפֿן איצטיקן פּרעזידענט, אויף דוד וואָלפֿסאָן, זעט מען טאַקע בחוש, אַז גאָט אַליין האָט אים געהייסן זייַן אַ פּרע־זידענט. דאָס זיצן זייַנס, דאָס שטיין, דאָס רעדן, דאָס בנעימות'דיקע שמייכלען, דער קוק, דער מאָך מיט דער האַנט — אַ קיסר! און וואָס איז באַדענהיימער מיינסטו? אַ שלעכטער פּרעזידענט? און וואַרבורג? און האַנטקע? און סימאָן? און זשאָן פֿישער פֿון אַנטווערפּן? — הקיצור, איך רעד ניט פֿון די דייַטשן, איך רעד פֿון אונדזערע, פֿון די רישעשע רעד איך. אָט נעם למשל אונדזער סאָקאָלאָוו — אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פֿאַר אַ פּרעזידענט! צי אַ שטייגער דאָק־טאָר טשלענאָוו? צי אוסישקין? זעט ער דען ניט אויסעט בעת ער זיצט אויבן אָן אויף דער עסקאַדרע סייַ ווי סייַ ווי אַ פּרעזידענט? אָדער דער דאָקטאָר שמריהו לעווין? אָדער דעם דאָקטאָר וויצמאַן וואָס פֿעלט? צי אַ שטייגער מזאה פֿון מאָסקווע, — אָדער טיאָמקין פֿון יעליזאַוועטגראַד? זיי וואָלט ניט אָנגע־שטאַנען צו זייַן פּרעזידענטן? צי זשעבעטינסקי, אָט דער וואָס מען רופֿט אים וולאַדימער, כאָטש אַפֿילו איז ער נאָך אַ ביסל צו יונג, מיינסטו וואָלט ער ניט געטויגט? בייַ מיר וואָלסטו געפּועלט דאָקטאָר פּאַסמאַניק אויך, ווען ער זאָל ניט זייַן פֿון דער פּאָזיציע. „פּאָזיציע״ ווערן אָנגערופֿן די שרייַערס, די וואָס קריטי־קירן, די וואָס ס'געפֿעלט זיי ניט קיין זאַך. זייער עובֿדה איז נאָר איינס: זיי באַ־דאַרפֿן זוכן אויף אַלעמען חסרונות און אויף אַלצדינג באַדאַרפֿן זיי דיר זאָגן אַז ס'איז שלעכט. אַזוי איז אומעטום אין אַלע פּאַרלאַמענטן פֿון דער גאַנצער וועלט און אַזוי איז אויך בייַ אונדז אויפֿן קאָנגרעס. אַז איינער גייט אַרויף אויף דער בימה און הייבט אָן עפּעס זאָגן, אָדער פֿאַרלייגן, קוקן מיר אַלע בעת־מעשׂה אויף דער פּאָזיציע, אויפֿן דאָקטאָר פּאַסמאַניק הייסט עס, וואָס וועט דער דאָקטאָר פּאַסמאַניק זאָגן? דאַכט זיך יענער רעדט אַזוי זיס, אַזוי אויסגעצייכנט גוט, גאָלד מיט זילבער, נאָר אים באַדאַרף עס מסתמא ניט געפֿעלן. און כּך־הווה. יענער האָט נאָך גאָרניט אָנגעהויבן צו זאָגן — אַהאַ, דער דאָקטאָר פּאַסמאַניק שרייַבט

שוין אַ צעטעלע — דאָס גרייט ער זיך שוין מעלדן צום וואָרט! יענער האָט נאָר וואָס געענדיקט, מען פּאַטשט אים נאָך בראַוואָ, ער האָט נאָך קיין צײַט ניט געהאַט אַפּילו איבערכאַפּן דעם אָטעם, אַפּווישן דעם שווייס, ליגט ער שוין אַ צעקלאַפּטער, אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעריבענער — אַ מת! דאָס האָט אים דער דאָקטאָר פּאַסמאַניק צו רעכט געמאַכט. אַ מויל — זאָל דער אייבערשטער שומר־ומציל זײַן! ס'איז דאָ אויפֿן קאָנגרעס, מאָל דיר, נאָך אַזעלכע שרײַערס ווי ער. ס'איז דאָ אַ דוד טריטש פֿון קפּריסין, אַ דאָקטאָר קאַן פֿון האַג, נאָר פֿאַר קיינעם האָב איך אַזוי ניט מורא ווי פֿאַרן דאָקטאָר פּאַסמאַניק. פֿאַר אָט דעם ייִדן ציטער איך אימת־מוות! איך ווייס פֿריִער, אַז ער וועט מײַן פּראָיעקט פֿון ארץ־ישׂראל צעברעכן, צעמאָלן, מאַכן פֿון אים אַש! נאָר ס'אַרט מיך ניט. לאָז נאָר קומען צו מיר די אָטשערעד, וועט שוין זײַן רעכט. וואָס הער איך די פּאָזיציע, אַז דאָס פּובליקום, דאָס פֿאָלק איז מיט מיר! פֿון וואַנען ווייס איך דאָס? פֿון מײַן נײַעם גוטן פֿרײַנד פֿון יעהופּעץ, אָט דער וואָס האָט אַוועקגעקוילעט דעם זשאַרגאָן אויף דער קאָנפֿערענציע. דו קענסט דיר גאָר ניט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ ליבער מענטש דאָס איז און וואָס פֿאַר אַ לעבן צווישן אונדז איז געוואָרן. נפֿש־אחת! אומעטום זענען מיר ביידע איינס נעבן דאָס אַנדערע. אויף די גרופּעס וואָס מיר האָבן זיך דאָ אַראָפּגענומען מיט אַלע דעלעגאַטן שטייען מיר אויך איינער נעבן אַנדערן. אויף איין פּאָרטרעט שטייען מיר אַראָפּגענומען אין צווייען אַרומגענומען. שיק איך דיר אים מיט זײַנעם אַן אויפֿשריפֿט פֿון אונטן: הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו... דער פּשט איז, אַז די וואָס האָבן זיך ליב באמת איז נאָר דער טויט קאָן זיי צעשיידן. ער גייט ניט אין ערגעץ אָן מיר און איך אָן אים. און גיין איז דאָ פֿאַראַן ברוך־השם וווהין. מיר האָבן דאָ אונדזער אײ־גענעם ייִדישן טעאַטער, וווּ מען שפּילט אויף לשון־קודש. מיר האָבן דאָ אַפּילו אונדזער אייגענעם ייִדישן קינעמאַטאָגראַף, ווו דו קאָנסט זען פֿאַר איין האַלבע קרויך, פֿאַר צוואַנציק קאָפּיקעס הייסט עס, גאַנץ ארץ־ישׂראל מיט ארץ־יהודה מיט דער מערת־המכפּלה מיט דעם כּותל־מערבֿי, ווי ס'לעבט אַלצדינג און ס'שוועבט פֿאַר די אויגן. זאָלסט געוועזן זען די טרערן וואָס מיר ביידע האָבן פֿאַרגאָסן קוקנדיק אויף די אַלע זאַכן! ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מײַן פֿרײַנד, געווײַנטלעך אויף לשון־קודש, אַז ווען מיר זאָלן געוועזן קומען אַהער צו צו קיין ווין נאָר צוליב דעם אַליין — איז דיינו! איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, נאָר איך האָב מיך צוגעקלעפּט צו אָט דעם ייִדן. שבת זענען מיר געגאַנגען ביידע אין איינעם אין דער דײַטשער שול. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן ניט קיין צילינדערס, ניט איך

ניט ער, האָט מען אונדז ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן. בײַ די דײַטשן איז דער צילינ־דער טײַערער פֿונעם טלית. אַז זיי דערזעען אין שול אַ ייִדן אָן אַ צילינדער, נעמען זיי אײַן אַ מיתה־משונה. האָבן מיר געמוזט גיין זוכן אַ ייִדישע שול, און מחמת ווין איז נישקשהדיק גרויס, זענען מיר זיך געגוג אָנגעגאַנגען און איך האָב אים בדרך־אַגב איבערגעגעבן מײַן גאַנצן פּלאַן פֿון נעמען ארץ־ישראל — איז אים דער דאָזיקער פּלאַן אַזוי געפֿעלן, אַז ער איז אַרויס פֿון די כּלים! ס׳איז נאָר אַן עבירה, זאָגט ער, וואָס ער איז בײַ מיר אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף זשאַרגאָן, ניט אויף לשון־קודש. אויף לשון־קודש, זאָגט ער, וואָלט עס געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם. נאָר איך דאַרף זיך, זאָגט ער, ניט זאָרגן. ער נעמט זיך אונטער אים איבערזעצן אויף לשון־קודש בלי־נדר שבת, זאָגט ער, און אָן אַ גראָשן געלט, ער וויל איך זאָל אים דיקטעווען אויף ייִדיש און ער וועט עס איבערזעצן וואָרט אין וואָרט. ס׳איז בײַ אים, זאָגט ער, אַזוי גרינג ווי אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָס. נאָך גרינגער. וואָרעם אַ פּאַפּיראָס דאַרף מען ערשט קריגן, און שרײַבן איז בלאָטע — מען טונקט אײַן די פֿעדער, זאָגט ער, און מען שרײַבט. ובפרט לשון־קודש, וואָס עס איז זײַן מוטערשפּראַך — איז דאָך ניט שייך. מיר וואָלטן זיך שוין געגומען צו דער אַרבעט, איז ניטאָ קיין צײַט, זאָלסטו זאָגן, אַ מינוט! — מען דאַרף דורכפֿירן אַן אוניווערסיטעט אין ירושלים — ס׳איז ניט קיין ווער־טעלע! נאָר מיר האָבן אים שוין כּמעט ווי דורכגעפֿירט. געלט שיט זיך אַזוי ווי באָב. פֿופֿציק טויזנט, זיבעציק טויזנט און הונדערט טויזנט. פֿון דרײַ טויזנט, פֿון פֿינף טויזנט און פֿון צען טויזנט רעדט מען גאָר ניט. דאָס האַרץ וואַקסט און די נשמה פֿרייט זיך, אַז מען טוט אַ קוק ווי די נגידים וואַרפֿן מיט נדבות — הונדערטער טויזנטער, אַ ווערטעלע אויסצורעדן! בײַ אַט אַזעלכע נתינות, וואָס איז דער חידוש וואָס מיר וועלן באַלד אין גיכן האָבן אַלצדינג. מיר האָבן שוין כּמעט אַלצדינג. מיר האָבן אַן אייגענע גימנאַזיע האָבן מיר אין יפֿו. הײַנט האָבן מיר אַן אייגענעם פּאָליטעכניק אין חיפה. און איצט אַן אייגענעם אוניווער־סיטעט אין ירושלים. וואָס ווילסטו נאָך? עס בלײַבט איבער נאָך אַריבער־פּעקלען אַהין צו צו דאָס ביסל ייִדן און מיר זענען שוין פֿאַרטיק אַרום און אַרום. וועגן דעם האָב איך שוין געזאָרגט און דאָ וועט מען שוין מוזן אָנקומען צו מיר, צו מײַן פּלאַן הייסט עס. מען וועט זיך פֿון מײַנע הענט שוין ניט אַרויס־דרייען אי״ה מיטן אייבערשטנס הילף. דערווײַלע דאַרף מען לויפֿן אין זאַל פֿונעם קאָנגרעס, ס׳איז דער לעצטער טאָג, ס׳איז מײַן טאָג הייסט עס, וואָס איך באַדאַרף אַרויסטרעטן אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט

מאַך איך עס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס די שוויגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר־שכחתי: איך האָב אָפּגעהאַלטן דעם בריוו דעם גאַנצן טאָג אין קעשענע — איך האָב אַלץ גערעכנט אָט אָט קומט מײַן אַטשערעד און איך וועל לייענען מײַן פּראָיעקט, וועל איך דיר שוין אין איין וועגס קאָנען שרײַבן פֿון דעם אויך. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלע היומס, ס׳איז שוין לאחר־הקאָנגרעס און מײַן פּראָיעקט איז נאָך בײַ מיר! איך האָב אים געהאַלטן ביז דער לעצטער שעה. וואָס האָב איך גערעכנט? איך האָב גערעכנט, אַז ס׳וועט האַלטן בײַ נעילה, בײַם שליסן דעם קאָנגרעס הייסט עס, וועל איך גאָרניט וואַרטנדיק אויף קיין אַטשערעד נעמען און אַרויפֿגיין אויף דער בימה, געבן אַ פּאַטש אין טיש און זאָגן: „הערט זשע אויס, רבותים, די מעשה דערפֿון איז אַזוי. איר האָט אָפּגעהאַלטן קיין עין־הרע אַזאַ עולם אַכט טעג מיט אַכט נעכט און אויפֿגעטאָן דאַנקען גאָט אַזוי פֿיל גרויסע זאַכן, נאָר איין זאַך, רבותי, האָט איר פֿאַרגעסן — ארץ־ישראל! דאָס הייסט, ווי אַזוי קומען מיר צו ארץ־ישראל? על־כּן הייסט עס, האָב איך פֿאַר אײַך אַ פּלאַן אַזוי און אַזוי״... און איך וועל אַרויסנעמען מײַן פּעקל כּתבים און וועל זיי איבערלייענען דעם גאַנצן פּראָיעקט פֿון מה טובו ביזקל עלינו. אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. נאָר אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. פּונקט אין דער מינוט וואָס איך בין אויפֿגעשטאַנען און אַ לאָז געגעבן זיך צו דער עסקאַדרע, שטייט אויף דער פּרעזידענט, דוד וואָלפֿסאָן הייסט עס, דערלאַנגט אַ זעץ מיטן האַמער איבערן טיש: „מײַנע דאַמען אונד הערן! איך בין אײַך מודיע הייסט עס, אַז דער קאָנגרעס איז געשלאָסן און לשנה־הבאה הייסט עס, בירושלים!..״ און עס ווערט אַ פּאַטשערײַ בראַוואָ און דער גאַנצער עולם, ווי איין מענטש, כאַפּט אונטער דעם „עוד לא אבדה תקוותנו״, אַלע זינגען און איך אויך בתוכם. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זוגתי היקרה? ווער ס׳האָט ניט געהערט דאָס דאָזיקע זינגען, דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געהערט! און ווער ס׳האָט ניט געזען נאָכדעם דאָס געזעגענען זיך, מיטן קושן זיך, דער האָט קיין שיינס ניט געזען! אַלע געזעגענען זיך, אַלע קושן זיך, און איך אויך בתוכם. איצט באַדאַרף מען אָנהייבן אַ טראַכט טאָן הייסט עס מכּוח ווו נעמט מען הוצאות

אויף צוריקוועגס? די דײַטשן האָבן אונדז אויסגעבײַטלט ביזן לעצטן העללער. נאָר מילא, איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן — די רעדאַקציע וועט מיך מסתמא ניט לאָזן שטעקן אין דער בלאָטע. וואָס וועלן אָבער אַנדערע טאָן? למשל, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, מײַן נײַער גוטער פֿרײַנד פֿון יעהופּעץ? זאָגן זאָגט ער ניט, נאָר איך פֿאַרשטיי אין אים, אַז ס׳איז בײַ אים גראָמלעך אין קעשענע און ס׳וועט אים ניט סטײַען קיין קליינגעלט ביז יעהופּעץ... ער באַרימט זיך אָבער אַז ער האָט רגלים... „אויף אַ קאָנגרעס, זאָגט ער, מעג מען, נישקשה, גיין צו פֿוס!" און לאַכט נאָך בעת־מעשה. אַ מאָדנער ייִד! ער לאַכט און מיך בראָט עס. קיין עין־הרע אַזוי פֿיל נגידים אויפֿן קאָנגרעס, גבירים־אַדירים, ייִדן זאַטע, מיט בײַכלעך, מען זאָל עס נעמען אויפֿן קאָפּ, אַ שטייגער, טאָמער האָט יענער ניט? טאָמער דאַרף נעבעך יענער?... פּע, אַ מיאוסע וועלט, הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַ פּאַסקודנע וועלט!... אַ שטייגער, נעם טאַקע מיך אַליין מיט מײַנע פּראָיעקטן. אַלע האָבן דאַכט זיך געוווּסט גאַנץ גוט, אַז איך בין געקומען אַהער צו צו ניט מיט ליידיקע הענט — עמעצן זאָל עס דיר אײַנפֿאַלן אין קאָפּ אַ מחשבה, ער זאָל צוגיין און זאָגן: „רב מנחם־מענדל, אַנו באַווײַזט, וואָס האָט איר?" נייק, איטלעכער האָט בעסער זיך אין זינען. איטלעכער איז געקומען מיט זײַנעם און איטלעכער איז אַ בעלן מען זאָל אים הערכן!... נאָר אַז מען וויל צוריק, איז אפֿשר גאָר גלײַך אַזוי? איך פֿאָר דאָך במילא אַרויסעט אויף דער וועלט, וועל איך דעם דאָזיקן פּראָיעקט מיט אַלע מײַנע פּראָיעקטן לייענען אין מײַנע ריפּעראַטן פֿאַרן עולם — דאָרט האָב איך צײַט. מען דאַרף זיך ניט כאַפּן, מען דאַרף זיך ניט מעלדן צום וואָרט און האָב קיין מורא ניט פֿאַרן דאָקטאָר פּאַסמאַניק. איך וויס, אַז איך וועל בײַם עולם אי״ה אויסנעמען. און בפֿרט אַז איך וועל אַרויס מיט מײַן נײַעם פּראָיעקט, וואָס פּיקט זיך איצט בײַ מיר אין קאָפּ, אַ נײַער פּלאַן, אַ שפּאָגל נײַע קאָמבינאַציע, טאַקע אויף רישענלאַנד, אָבער אַ קאָמבינאַציע — זאָג איך דיר — אַן אַנטיק שבאַנטיקן! ווי באַלד אַזוי, מעג מען דאָך טאַקע זאָגן „גם זו לטובה".

הנ״ל

מנחם־מענדל פֿון ווין צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין פּתרילעווקע

26

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך איר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן מ׳זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ וויסן, זוגתי היקרה, אַז איך בין נאָך אַ היגער, אַ וויגער הייסט עס, אַלע דעלעגאַטן מיט אַלע געסט זענען זיך צעפֿאָרן באַלד נאָך נעילה, נאָר אַ סך קאָרעספּאָנדענטן מיט שרײַבערס — און אויך איך בתוכם — זענען פֿאַרבליבן דאָ נאָך אויף אַ פּאָר טעג, ניט צוליב גלאָט אַזוי מען זאָל אַ הוליע טאָן, מעגסט שוין זיכער זײַן, נאָר צוליב זייער אַ נייטיקער זאַך, צוליב אַ תּכלית־זאַך. דהײַנו, מיר האָבן זיך באַטראַכט אַזוי: אַלצדינג האָט מען אויפֿן קאָנגרעס ברוך־השם מתקן געווען — אַ קאָמיטעט האָבן מיר אויסגעקליבן דאַנקען גאָט זייער אַ פֿײַנעם, פּרעזידענטן האָבן מיר צוויי — פּראָפֿעסאָר וואַרבורג און דאָקטאָר טשלענאָוו — אַ באַנק האָבן מיר אַן אייגענע, אַן אוניווערסיטעט האָבן מיר אויך, און לשון־קודש רעדן מיר, — אַלעמען הייסט עס באַוואָרנט. פֿאַר וואָס זאָלן מיר ניט זען אונדזער אייגענעם תּכלית אויך? דאָס הייסט פֿאַר וואָס זאָלן מיר, שרײַבערס הייסט עס, ניט אַ טראַכט טאָן מכּוח זיך אַליין טאָקע? פֿאַר וואָס זאָלן מיר ניט האָבן אַ פֿאָנד, אונדזער אייגענעם פֿאָנד? אַלע שרײַבערס אויף דער גאַנצער וועלט זענען זיך נוהג זיי האָבן אַ פֿאָנד, און נאָר מיר, ייִדישע שרײַבערס, האָבן ניט זאָלסט זאָגן אַ סימן פֿון אַ פֿאָנד! מיט וואָס זענען מיר ערגער פֿון בעל־מלאָכות? בעל־מלאָכות אַפֿילו, שנײַדערס, שוסטערס, קירזשנערס מעגן האָבן אַ פֿאָנד און מיר ניט? ווערסטו דאָך פֿרעגן מן־הסתם, וואָס איז דאָס אַזעלכעס „אַ פֿאָנד״ און אויף וואָס באַדאַרף מען דאָס? מוז מען דיר קלאָר מאַכן, זאָלסט וויסן מיט וואָס מען עסט עס, און אַגב דאַרף מען דיר דערציילן אַ מעשה, ווי קומט צו אונדז, מיר זאָלן גאָר אָנהויבן טראַכטן מכּוח פֿאָנד? ומעשה־שהיה כך־היה.

ס'איז דאָ איינער אַ באַרימטער שרײַבער מיטן נאָמען מרדכי בן הלל הכהן — מרדכי הייסט עס, דער זון פֿון הללן און איז אַ כּהן, זיצט ער אַט דער כּהן אַליין אין ארץ־ישראל און ס'איז אים דאָרטן זאָגט מען גאַנץ גוט, נאָר פֿון דעסט־וועגן האָט ער אין זינען אונדז אויך, ער טראָגט אויפֿן קאָפּ הייסט עס אַלע זײַנע חברים די שרײַבערס וואָס אין חוץ־לארץ, האָט ער זיך מישב געווען און צוגע־שיקט צום קאָנגרעס זײַנעם אַ פּראָיעקט אויף צו באַוואָרענען אַלע אונדזערע לײַט, די שרײַבערס הייסט עס, מיט פּרנסה אויף דער עלטער אָדער אַזוי, טאָמער מאַכט זיך אַ ייִדישער שרײַבער ווערט קראַנק, אָדער ער שטאַרבט חלילה אַוועק, זאָל זײַן אַ פֿאָנד, און דער פֿאָנד זאָל שוין זאָרגן הייסט עס פֿאַר אים און פֿאַר זײַן ווײַב און פֿאַר זײַנע קינדער. וועסטו דאָך פֿרעגן: ווו ווערט מען נעמען געלט? ס'ווערט זײַן געלט גענוג, די־והותר, זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבן. ערשטנס, פֿון דעם וואָס די שרײַבערס אַליין וועלן אַרײַנטראָגן, טשלענסקי ווזנאָסן, דערויף איז דאָ בײַ אים אַ פּונקט, אַז יעדער שרײַבער מוז זײַן אַ טשלען, און דער וואָס איז ניט קיין טשלען איז קיין שרײַבער ניט, דאָס הייסט אַ שרײַבער איז ער, נאָר קיין טשלען איז ער ניט. צווייטנס ווערט זײַן געלט פֿון די ריפֿעראַטן און פֿון קאָנצערטן וואָס מען ווערט מאַכן אין אַלע שטעט און שטעטלעך בכל תּפֿוצות־ישׂראל. דאָס ווערט אַרײַנברענגען טויזנטער! הײַנט נדבות? נדרים? ירושות? ווי ווערט זיך עס ניט געפֿינען בײַ אונדז אין שטאָט איין גביר, וואָס ווערט זיך דער־מאָנען פֿאַרן טויט, ער לאָזט איבער אַזוי פֿיל געלט אויף עולמות, אַז ס'איז דאָ אַ פֿאָנד פֿאַר ייִדישע שרײַבערס? הײַנט קערות, איך מיין די טעלער, וואָס מען שטעלט ערב יום־כּיפּור אין די שולן און בתּי־מדרשים, וואָלטן געקאָנט מיינסטו קאָרג אַרײַנברענגען? דאָס איז שוין מײַן אייגענע קאָמבינאַציע, וואָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן. מען שטעלט אַזוי פֿיל טעלערס ערב יום־כּיפּור בײַ די שולן, מעג שטיין נאָך איין טעלער — אָן אַן אומגליק, ייִדן וועלן דערפֿון ניט בדלות ווערן! הײַנט ווו זענען עפּעס חתונות? און בריתן? און פּדיון־הבנס? צי אַ שטייגער עס מאַכט זיך אַ פֿײַנע לוויה, — דעמאָלט איז די בעסטע צײַט אויף נעמען געלט. אַ ייִד אַז מען דערמאָנט אים דעם מלאך־המוות, טוט ער זיך אַ כאַפּ צו דער קעשענע און גיט געלט! קיין סך ניט, די קלענסטע מטבע קראַצט ער אויס, נאָר ער גיט! בקיצור, ס'איז אַלצדינג באַטראַכט געוואָרן פֿריִער און אויסגע־אַרבעט געוואָרן מיט שׂכל און מיט אַ רעכענונג, אַזוי אַז מיט געלט דאַרפֿסטו גאָר קיין דאגה ניט האָבן. דער עיקר איז אחדות, דאָס הייסט מיר אַליין צווישן זיך זאָלן זיך אָפּגעבן צו דעם מיט געטרײַשאַפֿט און מיט ליבשאַפֿט, וואָרעם

ווי באַלד ס׳איז אונדזער אייגענער אינטערעס — איז דאָך ניט שייַך, ובפרט נאָך בייַ אונדז, שרייַבערס הייסט עס, מיר זענען דאָך ניט קיין שניַידערס, ניט קיין שוסטערס! און אַז בייַ אונדז, וואָס מיר רעדן פֿון אחדות און שלום און שטראָפֿן דעם עולם און זאָגן אים מוסר, בייַ אונדז זאָל גאָר ניט זייַן קיין אחדות, איין דעה, איין נשמה, איז דאָך שוין טאַקע עק וועלט!...

און כּך־הווה, ווי איין אַזאַ מינוט אויסגערעדט, תּיכּף־ומיד, ווי באַלד נאָר דער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן, אַזוי האָט מען געלאָזט בעטן אַלע שרייַבערס און מיך אויך בתוכם, אַז מיר זאָלן זיך מטריח זייַן אויף אַן אַסיפֿה הייסט עס, אויסהערן דעם פּראָיעקט פֿון יענעם שרייַבער, וואָס אין ארץ־ישראל, מכּוח דעם פֿאָנד און אויסאַרבעטן דעם אוסטאַוו הייסט עס, מיט אַלע פּאַראַגראַפֿן, הכּל כּמינהג כּאַסקל קאָטיק (אַן עבֿירה וואָס כּאַסקל קאָטיק איז ניט געוועזן דערבייַ — ער וואָלט דאָך געקליבן נחת!). און צונויפֿגערופֿן אויף דער אַסיפֿה האָט מען אונדז פֿייַנטשיק, דורך בריוולעך, ווו ס׳איז געשטאַנען בפּירוש, אַז מען לאָזט בעטן אַלעמען, ווער סע שרייַבט פֿון רעכטס אויף לינקס. די משמעות, אַז ס׳איז קיין חילוק ניט, צי דו שרייַבסט אויף לשון־קודש צי אויף זשאַרגאָן, אַבי ייִדיש! און געחתמעט אויף די בריוולעך איז געשטאַנען ניט קיין אַבי־ווער, נאָר טאַקע ח. נ. ביאַליק אַליין! ניט יענער ביאַליק פֿון יעהופּעץ וואָס האַנדלט מיט וואַלד, נאָר דער באַרימטער, דער גרויסער ביאַליק, וואָס שרייַבט לידער, לייענט ריפֿע־ראַטן אויף לשון־קודש, דרוקט ביכלעך און קערט וועלטן!

הקיצור, האָבן מיר זיך צונויפֿגעקליבן הייסט עס, די וואָס שרייַבן פֿון רעכטס אויף לינקס, אַלע באַרימטע שרייַבערס, יעדער אין זייַן בראַנזשע, אַרום און אַרום קעגן אַ דרייַ מנינים, און דאָס ערשטע איז געווען — וועמען מאַכט מען פֿאַר אַ פּרעזידענט אויף דער אַסיפֿה? איז אַרויס אַ שטיקל סיכסוך. די בעלי־לשון־קודש האָבן געוואָלט מען זאָל אָוועקזעצן איינעם פֿון זייערע, זענען אַרויס די זשאַרגאָניסטן מיט אַ פּראָטעסט — זיי האָבן מורא, זיי ווילן ניט אַז אין פֿאָנד זאָלן געוועלטיקן „מיכנאַטאַים״!... איז מען געפֿאַלן אויף אַ המצאה און מען האָט אויסגעקליבן אַזעלכן, וואָס זאָל זייַן אי אַהין אי אַהער — ראובן ברייַנין הייסט ער. אָט דער ראובן ברייַנין איז אַ באַרימטער בעל־לשון־קודש און אַ גרויסער חסיד פֿון לשון־קודש, זיך מפֿקיר געווען און אַוועקגעלאָזט זיך קיין אַמעריקע צו פֿאַרשפּרייטן דאָרטן לשון־קודש, נאָר דערווייַל איז ער געוואָרן דאָרטן אַ רידאַקטאָר פֿון אַ ייִדיש בלאַט אויף זשאַרגאָן, מסתּמא צוליב פּרנסה, וואָס זאָל מען געבעך טאָן? ווי זאָגט די גמרא: „פּשוט נבלה בחוץ...״ אָדער ווי מען זאָגט עס

אין אַמעריקע אויף זייער לשון: „העלף יור סעלף״... אָדער ווי דײַן מאַמע זאָגט: „דער גוי איז טריף, דער גראָשן איז כשר״...

הקיצור, מען האָט קיין בעסערן פּרעזידענט ניט געקאָנט אויסזוכן, און די אַסיפה האָט זיך מיט מזל אָנגעהויבן, און ס'איז אַלצדינג געווען גוט און שיין און פײַן אַרום און אַרום. וואָס טוט גאָט? שפּרינגט אַרויסעט איינער אַ שרײַ־בערל, פון די יונגע בעלי־לשון־קודש, איינער פון די וואָס האָבן נאָך אויף דער קאָנפערענציע אײַנגעלייגט די וועלט: „ייִדיש ניע זשעלאַיעם! נאַש ראַדנאַי יאַזיק דוואַ יאַזיקאַ — אילי דערעווּנע יעווּרעיסקי אילי נאַש רוסקי!״ און האָט זיך צעפּלאַקערט: ער וויל ניט זיצן מיט די זשאַרגאָניסטן, זאָגט ער, אין איין מסיבה! ער וויל אַפילו אין זייערע ד' אַמות, זאָגט ער, ניט שטיין! ער וועט ניט אַוועקגעבן, זאָגט ער, קיין איין פּאָניע פאַר להבדיל צען טויזנט ייִדן וואָס רעדן זשאַרגאָן — הײַנט גיי טו אים עפּעס!... נאָך אים איז אַרויסגעטראָטן נאָך איינער און נאָך איינער, — זשאַרגאָן לא יזכור ולא יפּקד! זשאַרגאָן איז טרייפער פון חזיר, פון שינקע און פון קאָלבאַס און פון וואָס דו ווילסט! און וואָס טויג דיר — מען האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פּאַראַגראַף, אַז דער פאָנד איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר די וואָס שרײַבן אויף לשון־קודש. איז דאָך געוואָרן מסתמא אַ גרויסער גוואַלד מיט אַ גרויסן טומל מיט אַ גרויסן געפילדער צווישן די זשאַרגאָניסטן און איך אויך בתוכם: סטײַטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ רציחה אין דער וועלט, אַז איין ייִד דעם אַנדערן זאָל בויקאָטעווען דערפאַר וואָס ער רעדט אויף ייִדיש, גלײַך ווי נאָר זיי וואָלטן געווען די רעכטע ייִדן און מיר וואָלטן געווען חלילה קאַראַימען, אָדער משומדים אָדער פּושע־ישראלס! אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, עס האָבן זיך אַרײַנגעלייגט מענטשן וואָס האָבן ליב שלום, און מער פון אַלעמען האָט געאַרבעט דער פּרעזידענט ראובן ברײַנין, אָט דער באַרימטער בעל־לשון־קודש, וואָס גיט אַרויס אַ זשאַרגאָניש בלאַט אין אַמעריקע, און מען האָט געמאַכט אַ פּשרה (לאַנג לעבן זאָלן זיי!), אַז מיר, כאָטש מיר שרײַבן אויף ייִדיש, זענען פון דעסטוועגן אויך ייִדן, גלײַך מיט אַלע ייִדן, נאָר אַזוי ווי ס'איז אַרויס אַ חילוקי־דעות, פאַראַן הייסט עס אַזעלכע וואָס פּריזנאַיען אונדז ניט צוליב אונדזער לשון, על־כן זאָל מען וואַרפן גורל דורך אויפגעהויבענע הענט, אַזוי ווי די דײַטשן זענען זיך נוהג אויפן קאָנגרעס, דאָס הייסט ווער ס'איז קעגן ייִדיש דער זאָל אויפהייבן די האַנט. האָבן זיך געגעבן אַ הייב אויף הענט און עס האָט זיך אַרויס־באַוויזן, אַז פון די כמעט דרײַ מניינים הענט זענען פופצן פאַר לשון־קודש און פערצן פאַר זשאַרגאָן. איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער גוואַלד מיט אַ גרעסערן

טומל מיט אַ גרעסערן געפּילדער. ס'איז שיער ניט דערגאַנגען צו פּעטש! דאָס הייסט עס זענען געווען פּעטש אויך, נאָר די פּעטש זענען געווען ניט דערפאַר, נאָר פאַר אַן אַנדער זאַך. נאָר דו ווילסט וויסן דעם שפּיץ? דער שפּיץ איז געווען — מען איז זיך צעגאַנגען מיט גאָרניט! די בעלי־לשון־קודש זענען זיך אַוועק באַזונדער און מיר באַזונדער, און ס'איז געבליבן ביי אונדז, זשאַרגאָניסטן הייסט עס, אַז מיר זאָלן זיך אַפּטיילן און מיר זאָלן זיך באַזונדער מאַכן אַ פאָנד. לאָזן זיי זיך לעבן הייסט עס הונדערט און צוואַנציק יאָר, מיר וועלן זיך באַגיין אָן זייער לאַסקע, אם־ירצה־השם מיט גאָטס הילף, און מיר האָבן צו זיי קיין טענות ניט! „אַ סימן — אַזוי האָט געזאָגט אחד משלנו, נאָמבערג הייסט ער — לאָז קומען איינער פון זיי צו אונדז מיט אַ בקשה אַז ער וויל אַריינטרעטן צו אונדז אין דער חברה, בכדי טאָמער וועט אים זיין עפּעס אַ טובה פון אונדזער פאָנד, איז מיט אַלע כבודן! מיר וועלן אַפילו ניט מזכיר זיין פון דעם, סטייטש, איר האָט אונדז אַ מאָל אַרויסגעוואָרפן, געמאַכט פאַר לא יבוא בקהלם!" אָט אַזאַ מענטש איז נאָמבערג און אָט אַזעלכע מענטשן זענען מיר אַלע, און אַזאַ טבע ביי אונדז זשאַרגאָניסטן! מיר גייען מיט דעם גאַנג, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז ניט געווען נאָך ניט קיין לשון־קודש, ניט קיין זשאַרגאָן, און אַז גאָט ברוך־הוא איז אַ גרעסערער בעל־מידות פון אונדז. ער איז ניט מקפיד אויף וואָס פאַר אַ לשון מען זאָל צו אים רעדן. קומט אַ ייִדענע, וואָס פאַרשטייט ניט קיין לשון־קודש, און וויינט זיך אויס פאַר אים אין אַ פּראָסטער תחינה אויף זשאַרגאָן — הערט ער זי דען ניט אויס? און אַז דער שפּאָלער זיידע האָט גאָר גערעדט אויף גוייִש? און אַז רב יצחק לוי דער באַרדיטשעווער רב פלעגט זיך יום־כּיפּור צו כּל־נדרי אויסטענהען מיטן רבונו־של־עולם גאָר אויף רישעס? און על־כּולם, לאָמיר זיך אָקאָרשט אויסרעכענען מיטן ייִחוס אַקוראַט — וואָס וועט זיין איבער הונדערט יאָר אַז מיר וועלן שטאַרבן, וועט מען עפּעס לייגן כּבוד? בלאָטע! מען וועט אונדז אַלע גלייך, די בעלי־לשון־קודש מיט די זשאַרגאָניסטן, אַריינלייגן טיף־טיף אין דער ערד אַריין — הײַנט וואָס דאַרף מען זיך דאָ איבערנעמען? איך האָב דאָס אייגענע אַרויסגעזאָגט איינעם פון זיי, ער איז אויך אַ באַרימטער שרייבער און דערצו נאָך אַ חקרן און אַ רידאַקטאָר פון אַ זשורנאַל. הייסן הייסט ער קלויזנער און שרייבן שרייבט ער זיך „דאָקטאָר קלויזנער"... האָט ער מיך דווקא אויסגעהערט מיט קאָפּ, אַ טראַכט געטאָן אַ ביסל, דערנאָך אַ שמייכל געטאָן און מודה געווען מיר, אַז אין מיינע ווערטער שטעקט אַ געדאַנק און אַז דעם דאָזיקן געדאַנק האָט שוין אַ מאָל געהאַט אַרויסגעזאָגט איינער אַ גרויסער,

גאָר אַ גרויסער פֿילאָסאָף, ער האָט מיר אים אַפֿילו אָנגערופֿן בײַם נאָמען, נאָר דעם נאָמען האָב איך פֿאַרגעסן. און אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך האָט ער מיר דערלאַנגט צוויי פֿינגער און געזאָגט, אַז ער ווייס אַז איך טו אַ מאָל אַ שרײַב אויף לשון־קודש אויך, און דעריבער האָפֿט ער, אַז ס'וועט קומען אַ מאָל אַ צײַט וואָס איך וועל זיך נאָך אַרומקוקן און וועל אין גאַנצן אַריבערגיין צו זיי, צו די בעלי־לשון־קודש הייסט עס. און מיר זענען זיך צעגאַנגען די גרעסטע גוטע פֿרײַנד! מיט אַלעמען גוטע פֿרײַנד. מיט אַלעמען געקושט זיך פֿאַרן אַוועקפֿאָרן. אַזאַ טבע בײַ מיר ברוך־השם, — איך קריג מיך ניט מיט קיינעם, דו ווייסט דאָך, כ'האָב פֿײַנט מחלוקות. ייִדן דאַרפֿן זיך ניט קריגן — ניטאָ איבער וואָס... דערווײַל האַלט איך בײַ אַוועקפֿאָרן פֿון ווין, איך האָב שוין אויף הוצאות אויך, די רידאַקציע האָט מיר צוגעשיקט, און אין קאָפּ פּלאָנטען זיך מיר קאָמבי־נאַציעס מיט קאָמבינאַציעס, ווי אַזוי מען זאָל מאַכן אַז אונדזער פֿאָנד זאָל האָבן וואָס מער געלט, ווארעם וואָס מער אַ פֿאָנד האָט געלט איז אַלץ בעסער סײַ פֿאַרן פֿאָנד און סײַ פֿאַר די טשלענעס. און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו' און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

שיינע־שיינדל פֿון כּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין וואַרשע

16

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד המפֿורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז מיר זענען נאָר וואָס געקומען פֿונעם פֿעלד, איך און די מאַמע זאָל לעבן, מיט פֿאַרשוואָלענע אויגן און מיט אָנגעווייטיקטע הערצער. מיר האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט אויפֿן טאַטנס קבר, און גלאַט אָנגעגעסן זיך מיט צרות. מען דאַרף האָבן אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער, ווי די מאַמע זאָגט, אַז מ׳זאָל צוזען וואָס עס טוט זיך אָפּ בײַ אונדז אויפֿן הייליקן אָרט, אַז ס׳קומט ראָש־חודש אלול. אַ ווערטעלע אויסצורעדן קבר־אָבות! פֿון דער גאָרער וועלט פֿאָרט מען זיך צונויף אַהער, און צום מיינסטן ווײַבער — ווײַבער ווי מאָן, ווי שטערן אין הימל! אַן ענגשאַפֿט ווי אין שטאָט, ניפּריטשקעם! נאָכן פּאָגראָם און נאָך דער כאָלערע, ניט הײַנט געדאַכט, און נאָכן טרײַבן פֿון די דערפֿער קומען צו קברים, און דאָס הייליקע אָרט וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט! ס׳האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז ס׳וועט אין גיכן כּמעט שוין ניט זײַן וווּ צו לייגן, מען וועט מוזן אָפּנעמען נאָך פֿעלד, אַניט וועט מען חלילה דאַרפֿן, ווי די מאַמע זאָגט, גאָט בעטן מען זאָל גיכער שטאַרבן... קאָנסט פֿאַרשטיין, אַז נאָכן טאַטן עליו־השלום גייען דרײַ שורות פֿרישע קברים, צווישן זיי העכער האַלב נאָך ניט קיין געמויערטע. מען דאַרף האָבן אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער, אָדער פֿון יחיאל דעם קברות־שמש, מען זאָל זיך אָנגעדענקען וווּ ווער ס׳ליגט! ער איז פֿון אײַזן יחיאל טאַקע, אַז ער האַלט אויס פֿון די ווײַבער, מען צעטראָגט אים די ביינער: „רב יחיאל, ווײַזט מיר מײַן מאַן! רב יחיאל, ווײַזט מיר מײַן טאַטן! ווײַזט אונדז די מאַמען!...״ ער טראָגט זיי אַלע אויפֿן קאָפּ, איז קלאָר אויף אויסנווייניק, אויסגעבונדן מיט אַלע טויטע! און יואל דעם חזן זאָלסטו אָנקוקן! אַז מען צעטראָגט אים ניט אויף שטיקלעך אַז עס קומט ראָש־חודש אלול, איז אויך אַ נס מן השמים! איך ווייס ניט ווי אַזוי אַלע יאָר — איך בין אויף קבר־

אָבות דעם ערשטן מאָל — נאָר די געשרייען מיט די געוויינען מיט די קוויטשע־רייַען פֿון די ווייַבער זענען אַזוי גרויס, אַז מייַנע שׂונאים זאָלן אַזוי האָבן יאָרן, ווי מען הערט אַפֿילו דעם חזנס „מלא". מען זעט נאָר ס'שטייט אַ ייִד און שאָקלט זיך, און אַז ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט, ציט ער אויס די האַנט מען זאָל אים עפּעס געבן — און דאָס איז דאָך בייַ אים דער עיקר. ווי זאָגט די מאַמע: ס'שטייט געשריבן, אַז כּלי־קודש האָט גאָט באַשאַפֿן זיי זאָלן נעמען פֿון טויט און פֿון לע־בעדיק... וואָס גייט זיי אָן יענעמס ווייטיק אָדער יענעמס טרערן? מיר דאַכט, אַז אַ שטיין קאָן אויך צעגאַנגען ווערן, אַז מען זעט, אַ שטייגער, ווי אַזאַ ייִדענע ווי חיענע די אַלמנה וואַרפֿט זיך פֿון איין קבר אויפֿן אַנדערן. אָט, דאַכט זיך, איז זי געלעגן אויף אַ קבר, געיאָמערט און געאַרבעט מעשׂים, און אָט ליגט זי שוין אויף אַן אַנדער קבר און יאָמערט שוין אויף אַ נייַעם אופֿן, און איידער דו קוקסט זיך אַרום — אַהאַ, זי וואַלגערט זיך שוין אויף אַ פֿרישן קבר און אירע קולות גייען ביזן זיבעטן הימל! אַ גאַנצן מאַיאָנטיק פֿאַרמאָגט זי דאָרט, חיענע טאַקע! נאָר ווו נעמט זיך צו אַ ייִדענע אַזוי פֿיל טרערן מיט אַזוי פֿיל רייד? זאָלסט זי הערן ווי זי טענהט זיך אויסעט מיט די טויטע — מען זאָל זייַן פֿון אײַזן! נאָר דאָס אַלצדינג איז נאָך גאָלד אַקעגן דעם וואָס טוט זיך אָפּעט בייַ אונדז אויף יענער זייַט בית־עולם! איך מיין די אָרעמע־לייַט, וואָס שלעפּן בייַ די פּאָלעס, רייַסן פֿון די הענט, מאַכן ברוין און בלוי, — זיי ווילן נעבעך אַ נדבֿה. ראש־חודש אלול, זאָגט די מאַמע, איז זייער צייַט. אָרעמע־לייַט, זאָגט זי, זאָלן ניט האָבן דעם ראש־חודש אלול, וואָלטן זיי געווען אַנזעצערס...

אַקעגן וואָס הייסט עס דערצייל איך דיר דאָס אַלצדינג? אַקעגן דעם, טאָמער ווערסטו זיך כאַטש צוליב די ווייַנענדיקע טעג דערמאָנען אַז דו האָסט ערגעץ אַ היים און אַז דו האָסט אין דער היים אַ ווייַב ביז הונדערט צוואַנציק יאָר מיט קינדערלעך זאָלן געזונט זייַן, און אַז דו ווערסט זיך דערמאָנען ווערסטו זען מאַכן דייַן נסיעה אַ ביסל קירצער, בכדי זאָלסט וואָס פֿריִער קאָנען קומען אַהיים, מען קוקט דאָ אַזוי אַרויס אויף דיר. די גאַנצע שטאָט כּמעט!.. נאָר עפּעס גלייבט זיך מיר ניט, הערסטו, מענדל, אַז אָט אַזוי אַ נעמסטו און קומסט צו פֿאָרן אַהיים! ווי ווען זיך ניט געפֿינען אין וועג קיין זיבעצן שלימזלס וואָס ווען דיר פֿאַר־דרייען דעם קאָפּ אַכצן מאָל מיט זייערע חלומות און מיט זייערע פּראָיעקטן, לכה־דודי־ביכלעך, נעבעטיקע טעג, אויפֿן הימל אַ יאַריד! מעגסט דיר זאָגן, מענדל, אויף מיר, אַז איך בין אַ ייִדענע און אַ קליינשטעטלדיקע און וואָס דו ווילסט, נאָר ס'פּאַטויפֿען זיך ניט בייַ מיר אין קאָפּ דייַנע גליקן מיט דייַנע גאָלדענע

פּראָיעקטן אויף צו נעמען ארץ־ישׂראל, וואָס דו לייגסט עס אָפּעט פון טאָג אויף טאָג. ממה־נפשך, האָסטו עפּעס וואָס צו זאָגן, זאָגט מען! וואָס דאַרפסטו וואַרטן אויף כּבוד? איז איין מאָל אָוועק. און צווייטנס מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז עפּעס גלייבט זיך מיר ניט, אַז אַלע דיינע פיינע בריות דאָרטן, די צעניסטן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין ווין אויפן גאַנגרעס, אַז זיי זענען אַזוי די כּפּרה נאָך ארץ־ישׂראל, ווי דו זאָגסט. ס'איז אַ פּראָסטער שׂכל — אַז מען האָט ליב ארץ־ישׂראל, פאָרט מען קיין ארץ־ישׂראל, ניט קיין ווין. ווי זאָגט די מאַמע: אַז מען וויל עסן, זינגט מען ניט קיין זמירות, און אַז מען זינגט זמירות, איז אַ סימן אַז מען איז זאַט... זיי זאָלן געווען בעסער זיך דורכפאָרן אַהער צו צו, מאַכן אין כּתרילעווקע דעם גאַנגרעס, וואָלטן כאָטש געבליבן דאָ די עטלעכע קערבלעך, וואָס איר האָט דאָרטן אויסגעבראַכט, פאַרדינט אַ מיצווה אין די דייטשן, זיין זאָלן זיי די כּפּרה פאַר מיינע אַלטע שיך, וואָס וואַלגערן זיך אויפן בוידעם! איר האָט דאָרטן געטרענצלט געלט בשעת דאָ ייִדן נעבעך האָבן ניט אויף יום־טוב — אויף פּסח איז כאָטש פאַראַן מעות־חיטין, און אויף ימים־נוראים איז דאָס אויך ניטאָ! — דיינע צעניסטן זאָלן דאָס נעמען אויפן קאָפּ כאָטש איין מינוט, וואָלטן זיי זיך באַגראָבן ניין איילן פאַר זיך אַליין! נאָר וואָס, מישטיינס געזאָגט, פאַר אַ ווערט האָבן ביי דיר מיינע ווערטער, אַז דו ביסט אין די פעדערן, צווישן אַזעלכע גרויסע מענטשן, וואָס עס שטייט זיי ניט אָן אַפילו רעדן אויף ייִדיש מיט אַ ייִדן! איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, ווער איז ער אָט אַ יענער שישקין וואָס דו שרייבסט אַז ער לאָזט קיינעם קיין ייִדיש וואָרט ניט אַרויסרעדן? און פון וואַנען נעמט זיך, זאָג מיר, ביי ייִדן אַזאַ רציחה? מיר דאַכט, אַז אַפילו צווישן גוים, להבדיל, האָבן מיר נאָך פון אַזאַ גזירה ניט געהערט, אַז מיר זאָלן ניט טאָרן רעדן צווישן זיך אויף אונדזער לשון! און ווער איז אָט יענער פּיסמעניק, וואָס דו האָסט פאַר אים אַזוי מורא? געבענטשט וואָלטן געווען זיינע הענט, ווען גאָט גיט אים איין אַזאַ זין אין קאָפּ, ער זאָל אייך דאָרט אַלעמען רעכט דורכבויקערן — איר זאָלט אויפהערן זיך טיילן דאָרטן מיט די כּיבודים, ווי ביי די הקפות, מאַכן איינס דאָס אַנדערע פאַר פּרעזידענטן, און בעסער אין זינגען האָבן — ייִדן זיצן אָן פּרנסה, ווערן שיִער ניט דערשטיקט פון אַלע זייטן... אַז אָך און ווי איז די יאָר, אַז איך הייס שוין דאָ איצט די נגידית ניט נאָר אין דער משפּחה, אין דער גאַנצער שטאָט טאַקע, און מען לאָזט מיך ניט אָטעמען, מען לייגט מיר פאַר געשעפטן מיט געשעפטן, און מען גיט מיר עצות, און מער פון אַלע דער פעטער אַברהם־משה, וואָס איך זאָל טאָן מיטן ביסל געלט, וואָס האָט זיך

בײַ מיר צונויפֿגעקליבן דורכן זומער, וואָרעם גיין גייט בײַ מיר כּמעט ניט אַוועק גאָרניט, אַ דירה אין איינעם בײַ דער מאַמען, פֿון מאָדעס האַלט איך ניט. — מער ניט דאָס עסן וואָס מען עסט, מיטן שׂכר־לימוד פֿאַר די קינדער זאָלן געזונט זײַן. זאָלסט כאָטש קומען שוין און פֿאַרהערן זיי וואָס זיי קענען, איך בין אַ בלינדער מענטש, איך ווייס ניט וועלכער חדר איז בעסער, דער מסוכּנער צי ניט דער מסוכּנער, פֿרעג מיך בחרם! און אַגב, ווען דו ביסט דאָ אויפֿן אָרט, האַלטן מיר דאָ אַלע אין איינעם זיך אַן עצה, וואָס טוט מען מיטן געלט, ס׳אַן עבֿירה, מ׳וואָלט עפּעס געקענט דערפֿון האָבן, כאָטש די מאַמע גיט מיר די בעסטע עצה, איך זאָל דאָס געלט האַלטן בײַ זיך גוט גוט באַהאַלטן, אַזוי אַז קיין בן־אָדם זאָל ניט וויסן און אַפֿילו דיר זאָל איך ניט מזכּיר זײַן פֿון דעם. זי זאָגט: ס׳איז געזינטער פֿאַר דער בעל־הביתטע, אַז די קאַץ ווייסט ניט, אַז ס׳איז דאָ סמעטענע אין שטוב... נאָר גאָרניט, לאָמיר שוין דערלעבן זען דיך אַ מאָל אין אַ גוטער שעה אַ מזל־דיקער און אָנקוקן דיך וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט, צי זעסטו נאָך אויס ווי אַ מענטש, צי אַזאַ יאָר אויף מײַנע שׂונאים, ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

שיינע־שיינדל פֿון פּתרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין ווין

17

לכבוד בעלי היקר החכם מופלג הנגיד מפֿורסם מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י!

ע ר ש ט נ ס קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זענען דאָ אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט נ ס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך שרײַב דיר שוין דעם צווייטן בריוו אין דער וועלט אַרײַן און הייב ניט אָן צו וויסן, ווו דו ביסט און וואָס דו טוסט און פֿון וואַנען דו פֿאָרסט און וווהין דו פֿאָרסט און וואָס וועט זײַן פֿון די פֿאָרעכצן וואָס דו פֿאָרסט? ווי זאָגט די מאַמע: דער וואָלקן ווייסט ניט וווהין דער ווינט טראָגט אים... איך בין אַ בעלנטע געווען אויף אַ טשיקאַוועס זיך נאָכפֿרעגן בײַ די רידאַקציע, זי זאָל מיר שרײַבן ווו דו ביסט. האָט זי אײַנגענומען אַ שטומעניש אַ פֿולע לעפֿל און שאַ! ס׳שטייט ניט אָן אַ פּנים דעם טאַטן אירן, אַ מכּה איר, ניט אום עשרת ימי תּשובֿה דערמאָנענדיק, זיך איבערשרײַבן מיט זייער מנחם־מענדלס ווײַב! שרײַבן צו איר אַ דריטן מאָל האָב איך ניט געוואָלט. צו פֿיל כּבֿוד. ווי זאָגט די מאַמע: ווער עס קומט ניט צו מיר, דער קומט ניט צו מיר... די מאַמע מײַנע אַז זי זאָגט אַ וואָרט, באַדאַרף מען עס פֿאַרשטיין. זי איז נעבעך איצט, איבער ימים־נוראים, אַזוי דערשלאָגן, אַז ס׳איז אַ רחמנות צו קוקן. אַ ווערטעלע אויסצורעדן — אַ ייִדענע הערט ניט אויף צו וויינען זינט דער ראָש־חודש אלול איז אַרײַנגעטראָטן. שוין העכער אַ חודש אַז עס טריקנט זיך איר ניט אויס די אויגן. טאָמער איז געווען קאַרג דאָס וויינען וואָס מיר האָבן זיך אָנגעוויינט אויפֿן הייליקן אָרט צו קבֿר־אָבֿות, האָט אונדז יואליק דער חזן פֿאַרבעסערט מיט זײַנע סליחות זאָגן, וואָס האָט געקאָנט נעמען אַ טויטן, און איצט מיט זײַנע שחריתים און מוספֿים ביידע טעג ראָש־השנה. ער האָט אַלײַן גענוג זיך אָנגעוויינט און געמאַכט די גאַנצע שול וויינענדיק. אונדזער יואליק האָט פֿון תּמיד אָן אַ שם פֿאַר אַ גרויסן בעל־בּכי. ער אַז ער צעוויינט זיך, איז אים ניט אײַנצושטילן. ווי זאָגט די מאַמע: דער דאָזיקער ייִד איז געבוירן געוואָרן אין אַ רעגנדיקן טאָג... און אפֿשר איז גאָר יואליק ניט

אַזוי פֿיל שולדיק וויפֿל מענדלביילעס, אַט אַיענער, וואָס זיצט אין דײַן שיינעם יעהופּעץ און וואַרט, ווען וועט שוין קומען דער טאָג, וואָס מען וועט אים אַ מאָל זאָגן וואָס מען וויל האָבן פֿון זײַן לעבן... דאָס יעהופּעץ, ניט אום עשרת ימי תשובה דערמאָנענדיק, וואָלט געמעגט אָדער פֿאַרברענט ווערן, אָדער אײַנגעגעזונקען ווערן, אַזוי ווי סדום — וואָס ווילן זיי האָבן פֿון אָט אַ דעם ייִדן? נאָ דיר אַ פּריטשעפּע! טאָמער איז געווען קאַרג הייסט עס די אייגענע צרות, וואָס מען האָט מיט די שיינע מעשׂיות, וואָס מען הערט זיך אָן אויף ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט, מיטן טרײַבן וואָס מען טרײַבט, מיטן הונגערן וואָס מען הונגערט, מיטן קרענקען וואָס מען קרענקט און מיט די אַלע איבעריקע בשׂורות טובות ישועות ונחמות וואָס דו באַרימסט זיך מיט זיי אין אַלע דײַנע בריוולעך, האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַזאַ מין אַנשיקעניש! אַלע מאָל קומט מען צו פֿאָרן פֿון יעהופּעץ מיט אַ נײַעס און אַלץ פֿון אָט דעם מענדל ביילעס. עס ווערט זיי גאַרניט נימאס! אויף יעדן אָרט, וווּ דו גייסט און דו שטייסט הערסטו נאָר מענדל ביילעס מיט מענדל ביילעס. אין שול און אין מאַרק און אין באָד להבדיל — אומעטום. קומסט אַרויס אין די יאַטקעס און מאַנסט בײַם קצב אַ בעסערן חלק פֿליש, זאָגט ער דיר: „מענדל ביילעס וואָלט געווען צופֿרידן מיט דעם אויך..." קומסטו צו צו עזריאל דעם פֿיליער און באַקלאָגסט זיך אויף די פֿיש, ס'איז ניט קיין פֿיש, ס'איז פֿישלעך — זאָגסטו אים, פּלאָטויצעס ניט קיין פֿיש, — רײַסט ער אַרויס די פֿיש בײַ דיר פֿון די הענט מיט אַ רציחה: „פֿישלעך? פּלאָטויצעס? מענדל ביילעס האָט דאָס אויך ניט!"... און די נגידים, ניט אום עשרת ימי תשובה אויסגערעדט, זיי זאָלן גאָר קיין גוטס ניט האָבן ווײַל זיי ווילן לעבן! זיי באַדאַרפֿן נאָר אָבי אַן אויסרייד. מען בעט בײַ זיי מער מיט אַ קערבל אויף אָרעמע־לײַט, וואָס האָבן נעבעך ניט אויף יום־טוב, קומען זיי אָפּ מיט אַ קרעכץ: „מענדל ביילעס, זאָגן זיי, וואָלט אײַך מוחל געווען דעם יום־טוב, אָבי ער זאָל כאָטש זײַן פֿרײַ" — האָסטו עפּעס צו זיי? איינעם אַ נײַעם נגיד, יונה קרעפּעל, האָט די מאַמע הײַנטיקן ערב ראָש־השנה געזאָגט אַ גוט וואָרט. מען איז געווען בײַ אים אַ נדבה בעטן אויף אַן אַרויסגעטריבענער סעמייסטווע און מען האָט אים גענומען אויסמאָלן דעם דלות מיטן צער, האָט ער ניט געוואָלט הערן און געענטפֿערט, אַז מענדל ביילעסן איז אַ סך ערגער! האָט זי זיך געטראָפֿן מיט אים בײַ דער שול, ווי ער לויפֿט אַזוי הענדעם־פּענדעם, ס'איז ערב ראָש־השנה, שטעלט זי אים אָפּעט, די מאַמע הייסט עס, און מאַכט צו אים: „יונה, קענסט שוין גיין צוריק" (זי זאָגט אים נאָך אַלץ דו, כאָטש ער איז שוין אַ נגיד), קוקט ער זי אָן: „פֿאַר

וואָס צוריק?״ זאָגט זי: „אַרויסגעוואָרפֿן דײַן דאַווענען״. פֿרעגט ער: „פֿאַר וואָס איז אַרויסגעוואָרפֿן מײַן דאַווענען?״ זאָגט זי: „דערפֿאַר ווײַל ס׳שטייט געשריבן, זאָגט זי, אַז תּפֿילה און צדקה איז אַ פּראָשעניע צו גאָט און אַ הערבאָווע מאַרקע — זי ווערט ניט אָנגענומען...״ געענטפֿערט האָט ער איר דערויף גאָרניט, יונה קרעפּעל הייסט עס. נאָר פֿאַרשטיין האָט ער זי פֿאַרשטאַנען אויסגעצייכנט. ווען מען קומט צו אים אין דער מינוט וואָלט מען געקאָנט, מײַן איך, בײַ דעם חזיר, ניט אין עשרת ימי תּשובה גערעדט, אַרויסשלעפּן די גרעסטע נדבה. דער גאַנצער עולם איז געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט פֿון די שרעקלעכע מעשׂיות, וואָס מען דערציילט זיך און פֿון אָט דעם מענדל ביילעס, אַז דער חזן האָט גענומען זאָגן דעם „ונתנה־תּוקף״, איז געוואָרן אין שול אַ יאָמער מיט אַ קלאָג, סײַ בײַ די ווײַבער, סײַ בײַ די מאַנסבילן, און אַז ס׳איז געקומען צו די ווערטער „דאָס דו ביסט אַ דיין און אַ שטראָפֿער און דו ווייסט אַלדינג און דו ביסט אַן עדות...״ האָבן אַלע פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ רעדט זיך פֿון דעם מישפּט וואָס דער מענדל ביילעס דאַרף אויסשטיין, און אַלע האָבן דערפֿילט ווי עס גייט איבער אַ פֿראָסט איבערן לײַב... און שפּעטער, בײַ די ווערטער: „און דו עפֿנסט אויף דעם ספֿר הזכרונות...״ איז געוואָרן הימל עפֿן זיך! מען האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן ווײַבער געחלשטע איינע נאָך דער אַנדערער! איינע נאָך דער אַנדערער!... די מאַמע איז זייער גערעכט וואָס זי זאָגט: אויב אונדזערע טרערן וועלן אָט דעם ייִדן ניט אַרויסרײַסן פֿון געפֿענגעניש, איז אַ סימן אַז אַלע טויערן פֿונעם הימל זענען פֿאַרשלאָסן געוואָרן... איך וואָלט וועלן וויסן נאָך איין זאַך, מענדל, דו ביסט דאָך עפּעס אַ וועלטמענטש און האָסט צו טאָן כּסדר מיט גרויסע לײַט, וואָס איז אייגנטלעך די מעשׂה מיט דעם בילבול פֿון מענדל ביילעס? — איך קאָן ניט אַרויס פֿון די זאָגעכצן וואָס מען זאָגט דאָ. איך בעט גאָט מען זאָל שוין איבערקומען דעם יום־כּיפּורדיקן תּענית געזונטערהייט און ס׳זאָל שוין קומען דער ליבער יום־טוב סוכּות מיטן ליבן שׂימחת־תּורה — טאָמער וועט זיך דער אייבערשטער דערבאַרעמען, דו וועסט שוין טאַקע פֿאַרט קומען אַ מאָל אַהיים, ווי דו זאָגסט צו אַז דו קומסט אויף די אַנדערע טעג, כאָטש דעם אמת זאָגנדיק — ס׳איז דאָך עשׂרת ימי תּשובה, דאַרף מען זאָגן דעם ריינעם אמת — עס גלייבט זיך מיר עפּעס ניט, אַז אָט אַזוי אַ נעמט עס מנחם־מענדל און קומט עס צו פֿאָרן אַהיים! ווי זאָגט די מאַמע: ניט איין סוכּות וועט אַוועקגיין, ביז דער גליקלעכער שׂימחת־תּורה וועט קומען... אַנו, מענדל, איך וואָלט עס געוואָלט זען, לאָז דיר גאָט געבן אַזאַ זין, זאָלסט חלילה ניט קומען צו פֿאָרן אויף די אַנדערע טעג סוכּות, בין איך דיר דעמאָלט

ניט מקנא! דו מיינסט איך וועל דיר עפּעס טאָן? איך וועל דיר ניט טאָן גאָרניט, נאָר דו וועסט שוין וויסן וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן און וועסט שוין פֿאַרזאָגן, ניט אום עשׂרת ימי תּשובה אויסגערעדט, קינדסקינדער! ווי עס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און אימער גליק דײַן באמת געטרײַע פֿרוי

שיינע־שיינדל

מנחם־מענדל פֿון יעהופּעץ צו זײַן װײַב שײנע־שײנדל אין כּתרילעװקע

27

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שײנע־שײנדל שתחי׳!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום, השם־יתברך זאָל העלפֿן, אַז מען זאָל תּמיד האָרכן אײנס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות, ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ װיסן, זוגתי היקרה, אַז איך בין אין יעהופּעץ! דאָס הײסט, ניט אין יעהופּעץ גופֿא, נאָר בײַ יעהופּעץ, אויף יענער זײַט יעהופּעץ, אויף דער סלאָבאָדקע, װאָס רעכנט זיך טשערניגאָװער גובערניע. װעסטו דאָך פֿרעגן מסתּמא: װאָס טו איך דאָ? — צוליב בײליסן! אַלע שרײַבערס פֿון דער גאַנצער װעלט זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַהער צוליב בײליסן, און איך אויך בתּוכם, און מען הערט דאָ מער ניט, נאָר בײליס און בײליס — אַ הצלחה פֿון אַ מענטשן! עס האָט זיך מיר אַפֿילו ניט געחולמט איך זאָל אויסװאַקסן פּלוצעם אין יעהופּעץ, איך װאָלט בעסער, גלײב מיר, געװאָלט זײַן איצט אין דער הײם, טאַקע בײַ אײַך אין כּתרילעװקע מיט איך, זיך זען מיט דיר, זוגתי היקרה, און מיט די קינדערלעך זאָלן געזונט זײַן, און מיט דער גאַנצער משפּחה — אַזאַ צײַט ניט געזען זיך! נישט מער, איך בין אין דעם פּונקט אַזוי פֿיל שולדיק, װי בײליס איז שולדיק, װעסטו הערן אַ מעשׂה.

אַ האַלבע מינוט פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן פֿון װין פֿונעם קאָנגרעס, איך בין שוין געװען געפּאַקט צו דער נסיעה, קומט מיר אָן אַ דעפּעש, אַ סטראַטשנע, פֿון דער רעדאַקציע:

„נעפּרעמענאָ סיו מינוטו פּאָיעזשײַטיע יעהופּעץ דיעלאָ בײליס״.

באַקומען אַזאַ באָמבע, בין איך געבליבן געפּלעפֿט: ערשטנס, װאָס קאָן מען מיך דאַרפֿן אין יעהופּעץ און װאָס פֿאַר אַ מחותּן בין איך מיט בײליסן? און צװײטנס, װי קאָן איך מיך װײַזן אין יעהופּעץ — װוּ האָב איך אַ פּראָװאָזשיטעלסטװע? גײ איך און קלאַפּ אָװעק אַ דעפּעש אין דער רעדאַקציע, אויך אַ סטראַטשנע:

„סטראַטשיטיע נעמעדלענאָ קאַקאָי נאַדאָבנאָסט קאַקאַיאַ פּראַוואָזשיטעל־סטווע?"

קומט מיר אָן אַן ענטפֿער מיט אַ ירגזון — מײַן רעדאַקטאָר איז אַ בייזער ייִד:

„נע בודטי מנחם־מענדל — נע ספּראַשיוויַיטיע גלופּאָסטי גאָוואָראַט יע־הופּעץ טאַק יעהופּעץ!"

קאָן מען קיין חזיר ניט זײַן און מען דאַרף פֿאָרן קיין יעהופּעץ! איַי, ווו וועל איך נעמען אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע? מילא, אויך די אייגענע מעשׂה, ווי זאָגט די מאַמע דײַנע: וואָס ס׳וועט זײַן מיט כּל־ישׂראל, דאָס וועט זײַן מיט ר׳ ישׂראל... און באמת, קאָרג ייִדן פֿאָרן טאָג־טעגלעך קיין יעהופּעץ אָן אַ סימן פֿון פּראַוואָזשיטעלסטווע — אם־כּן, איז וואָס? שטאַרבן זיי דען? און כּך־הווה: געקומען בין איך קיין יעהופּעץ שוין פֿאַרנאַכטלעך. אין דרויסן איז געווען פֿינצ־טער־חושך, נאַס און קאַלט, און איך בין געווען דווקא צופֿרידן וואָס ס׳איז פֿינצטער. צו וואָס באַדאַרף איך מען זאָל מיך זען? ניט מחמת איך האָב מורא, וואָס האָב איך מורא? איך האָב עפּעס געגנבעט? צי געהרגעט אַ מענטשן? נאָר גלאַט אַזוי, איך האָב פֿײַנט צו האָבן צו טאָן מיט פּאָליציע — איך נעם אַן איזוואָזטשיק און גיב אַ זאָג: „פּאַשאָל!" פֿרעגט מיך דער איזוואָזטשיק: „קודאַ?" זאָג איך אים נאָך אַ מאָל: „פּאַשאָל!" אַ גוייִשער קאָפּ — מען זאָגט אים פּאַשאָל, איז אים ווינציק!

הקיצור, איך פֿאָר און טראַכט מיר בעת־מעשׂה: וואָס טוט מען? וווּהין פֿאַרפֿאָרט מען? מען וועט דאָך מיר געבן דעם וועג נאָך איידער איך וועל שטעלן אַ פֿוס... איך בין דאָך אַ מאָל געווען, ניט הײַנט געדאַכט, אַ היגער און וויס גוט דעם טעם פֿון גלות, פֿון טאָגן דאָרט, ווו מען נעכטיקט ניט, פֿון ציטערן ווי אַ גנב, פֿון ליגן אין געהאַקטע ווונדן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ בוידעם אָדער פֿרירן ווי אַ הונט אין קעלער, און פֿון נאָך אַזעלכע זיסע זאַכן, וואָס חבוט־הקבר איז אַ שפּילעכל אַקעגן דעם, און עס פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק: השיבנו נאַזאַד, דאָס הייסט טאָמער וואָלט איך פֿאַרקערעוועט דעם איזוואָזטשיק אויפֿן וואָקזאַל, גענומען אַ בילעט און מאַרש קיין כּתרילעווקע, און יום־טוב? טראַכט איך מיר צוריק: פּרנסה! אַז די רעדאַקציע הייסט — איז קיין תּירוץ ניט, איך קאָן נאָך חלילה בלײַבן אָן אַ שטעל! שלעכט — וואָס טוט מען? דערמאָן איך מיך: שאַ! איך האָב דאָך אַ גוטן פֿרײַנד, נאָר וואָס זיך באַקענט מיט אים אין ווין אויפֿן קאָנגרעס און געקושט זיך מיט אים! דאָס איז יענער לערער, דער בעל־לשון־

קודש, וואָס האָט מיט איין האַנט שיִער־שיִער ניט אָפּגעקוילעט אונדזער זשאַרגאָן און וואָס איז געוואָרן מיט מיר דערנאָכדעם נפש־אחת.

זיין אַדרעס איז ביי מיר פֿאַרשריבן. ער זיצט ערגעץ אויפֿן פּאַדאָל, ניזשנע וואָל. ער איז אַ גוט מענטשל, טראַכט איך מיר, ער וועט מיר שטיין אין מיינע נויטן. איי, ער איז ניט קיין איבעריקער גביר? אָן אָן אומגליק. אדרבא, פֿון אַן אָרעמאַן קאָן מען גיכער האָבן אַ טובה איידער פֿון אַ נגיד, — איך זאָל האָבן די ברכות! און ניט לאַנג געטראַכט, רוף איך מיך אָן צו מיין גוי: „פּאַשאָל נאַ פּאַדאָלי, ניזשנע וואָל!"

דערהערט די ווערטער „פּאַדאָל" און „ניזשנע וואָל", דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ, דער גוי הייסט עס, ער טראַכט זיך, אַ פּנים, אויף מיר, אַז איך באַדאַרף זיין אַ ייִד, ניט אַנדערש, וואָרעם אַלע ייִדן זיצן אויף פּאַדאָל... טראַכט איך מיר: וואָס אַרט מיך אַז דו טראַכסט? טראַכט צוזעצטערהייט! אַבי פֿון דיין טראַכטן זאָל נאָר עפּעס ניט אַרויס קיין ערגערע זאַך... און איך כאַפּ אַ קוק אויף בײדע זייטן — קיין עין־הרע מענטשן אויף און אָפּ, און סאָלדאַטן, ברוך־השם, אַנגעוואָפּנטע, רייטנדיק אויף די פֿערד, ווי בשעת ערב פּאָגראָם, ניט היינט געדאַכט. איך בין שוין אין די זאַכן געניט און האָב אַ חוש־הריח... און עס ווערט מיר קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן און אויף דער נשמה אַ ביסל דאַסיק... נאָר פֿון דעסטוועגן אַרויסגעבן זיך פֿאַרן גוי ווילט זיך מיר ניט, מאַך איך מיר דווקא האַרץ און רוף מיך אָן צו אים גאַנץ לעבעדיק: „אַהאַ, נעוואָראָקאָ, מנאָגאָ נאַראָד!" היפּשלעך מענטשן הייסט עס, ביי איך קיין עין־הרע ניט!.. דרייט ער אויס צו מיר דעם קאָפּ, דער גוי הייסט עס, טוט אַ קוק אויף מיר מיט איין אייגל און לאָזט דאָס פֿערדל גיין פּאָוואָליע און מאַכט צו מיר: „אָצע וואָשעהאָ בראַטאָ סודיאַט" — מען מישפּט אונדזער ברודער הייסט עס... טוט זיך מיר אַ ריס אָפּ אין האַרצן מסתמא, נאָר איך מאַך מיך תמעוואַטע: „קאָוואָ סודיאַט?" — וועמען הייסט עס מישפּט מען? רופֿט ער זיך אָן דער ערל: „אַ ביילינסאָ!" מאַך איך זיך ווי איך וויס גאָר ניט פֿון קיין ביילינס און קוק גאָר ניט אויף אים. „אַ זאַווישטשע"? — פֿאַר וואָס, הייסט עס, מישפּט מען אים? — „כיבאַ ווין קאָני קראַדעט?" — ער איז דען אַ פֿערד־גנב, צי וואָס?... ענטפֿערט ער ניט דער גויעץ גאָרניט, ער טוט אַ שמיץ דאָס פֿערדל און אַ קוק מיר אין די אויגן אַריין מיט אַזאַ כיטראָסט, אַז ס'ווערט מיר פֿאַרקילט אינעווייניק. נאָר אַרויסבאַוויזן אים? — אַ מכה! נעם איך און טו אַ זאָג צו אים גרויסלעך, ווי אַ פּריץ: „פּאַשאָל פּאַדאָל, בודע נאַ וואָדקע!" — ער זאָל פֿאָרן הייסט עס אַ ביסל גיכער, וועט ער

באַקומען דעם טרונק, דעם שלאָק זאָל ער באַקומען, ווי ער האָט דאָס מיך אָנגעשראָקן... אומזיסט און אומגישט !..

בקיצור, איך בין געקומען צו פֿאָרן בשלום אויפֿן פֿאַדאָל ניזשנע וואָל, זיך צעצאָלט מיטן איזוואָזטשיק פֿײַן און שיין און הייב מיך אָן אַרומזען, ווו בין איך אין דער וועלט. פֿינצטער־חושך. קיין לאַמטערנעס ניטאָ, מען קאָן דאָ געהרגעט ווערן און קיין האָן זאָל ניט קרייען. טאַפּ איך די ווענט, קלעטער איך גליטשיקע טרעפּ, — קוים אָפּגעזוכט דאָס מקום־מנוחה פֿון מײַן פֿרײַנד דעם לערער דעם בעל־לשון־קודש ! אמת, ניט אַזאַ געהויבענער פּאַלאַץ, בראַצקי, מאָל דיר, זיצט אַ סך שענער — נאָר דערפֿאַר אָבער ער אַליין, מײַן פֿרײַנד הייסט עס, אַז ער האָט מיך דערזען, איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן — גלײַך ווי ער וואָלט דערזען דעם טאַטן פֿון יענער־וועלט ! ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן אַלע אַרבעט און זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר קושן, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך שוין ניט געזען ימים ושנים ! שלום־עליכם ! עליכם־שלום ! ברוך־הבא אַ גאַסט ! וואָס טוט איר דאָ ? וואָס מאַכט אַ ייִד מנחם־מענדל ? און איר וואָס מאַכט ?... עט, מען מאַכט ! אַז אַך און ווי, זאָגט ער, איז דאָס מאַכן ! אַהין־אַהער, מען האָט זיך צערעדט, און דווקא אויף פּראָסט ייִדיש, אָן קונצן אָן אַ נעים זמירות... פֿרעג איך אים דאָך מסתמא : ווי קומט עס, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן דאָס לשון־קודש ? טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט :

„עט, וועמען ליגט עס אין זינען ? איצט איז ניטאָ, זאָגט ער, בײַ אונדז קיין זאַך, איצט איז בייליס, נאָר בייליס !"

בקיצור, איך בין פֿון אים געוווּיר געוואָרן מעשׂיות מיט מעשׂיות, און אַלץ וועגן אים, וועגן בייליסן הייסט עס, אַזעלכע מעשׂיות, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער ! און מיר הערן ניט אויף צו שמועסן און מיר חזרן איבער אַלע פּראָצעסן וואָס זענען געווען מיט די עלילת־דם, וואָס ביז אַהער, און מיר פֿרעגן איינס דאָס אַנדערע : געוואַלד, ווײ געשריגן ! היתכן ? הישמע ? ווו זענען מיר ? אין וואָסערע צײַטן לעבן מיר ? דערווײַל די צײַט שטייט ניט, עס איז שוין פֿאַוואָלינקע רעכט נאַכט, אָנגעגעסן זיך מיט צרות האָבן מיר גענוג. מ׳קאָן, זאָגט ער, די נשמה ניט אויסשפּײַען, מען באַדאַרף עפּעס נעמען, זאָגט ער, אין מויל אַרײַן, גייט, רב מנחם־מענדל, וואַשט זיך. און מיר האָבן זיך גאַנץ פֿײַן געוואַשן, אַוועקגעזעצט זיך און איבערגעביסן — עפּעס ניט אַזאַ געהויבענע סעודה, בײַ בראַצקין, מאָל דיר, עסט מען בעסער, — און מ׳האָט ווידער גענומען שמועסן און טאַקע ווידער אַ מאָל בייליס און אָבער אַ מאָל עלילת־דם — עס

דרייט זיך שוין דער קאָפּ, עס שווינדלט שוין אין די אויגן. מ׳דאַרף, זאָגט ער, אַ טראַכט טאָן, רב מנחם־מענדל, וועגן שלאָפן, ווי מיינט איר? זאָג איך: „מאַכטייסע״. נאָר ס׳איז גוט צו זאָגן שלאָפן, אַז ס׳איז דאָ ווו. און בסך־הכּל פאַרמאָגט ער, מיין פריינד הייסט עס, זיין אייגנס איין סאָפּקע מיט איין קי־שעלע. גייט ער און טרעט מיר אָפּ די סאָפּקע מיטן קישעלע און מאַכט צו מיר: „אָט האָט איר, זאָגט ער, אַ סאָפּקע, טוט זיך אויסעט, רב מנחם־מענדל, לייגט אייך צו אַ ביסל״. זאָג איך: „נו, און איר?״ זאָגט ער: „עט, פאַר מיר זאָלט איר זיך ניט זאָרגן, איך וועל שוין, זאָגט ער, ווי־סע־ניט־איז...״ זאָג איך: „ביין, אויף דער סאָפּקע לייגט איר זיך און איך וועל שוין, זאָג איך, ווי־סע־ניט־איז...״ הקיצור, ער — מיר, איך — אים, סאָפּקע אַהער, סאָפּקע אַהין — מיר דערהערן אין דער צווייטער שטוב אַ גערויש, דער גערויש איז מיר באַקאַנט, ער שמעקט מיט המוצאי־מנוחה. איך בין אין די זאַכן ברוך־השם געניט, איך האָב אַ גוטן חוש־השמיעה... און איך מאַך צו אים: „מיר דאַכט, אַז ס׳איז אַן אַבלאַווע?״ זאָגט ער: „מיר דאַכט אויך אַזוי...״ זאָג איך: „וואָס טוט מען? מען דאַרף זיך באַהאַלטן!״ זאָגט ער: „איך מיין אויך אַזוי״. און אַליין איז ער טויט, ווי אַלע טויטע, און רעדן רעדן מיר שטיל, מען זאָל ניט דערהערן. „ווו, זאָג איך, קאָן מען זיך באַהאַלטן?״ זאָגט ער: „אין דעם איז קיין מניעה ניט. ס׳איז דאָ, זאָגט ער, ביי מיר, דאַנקען גאָט, ווו, ס׳איז דאָ, זאָגט ער, אַ בוידעם, ס׳איז דאָ אַ קעלער. ווו ווילט איר בעסער?״ זאָג איך: „מיר איז אַלץ איינס, אַבי, זאָג איך, ניט שפּאַצירן ערב יום־טוב מיטן עטאַפּ קיין כּתרילעווקע, חס־ושלום...״ — „ווייסט איר וואָס, זאָגט ער, למאַי זאָלן מיר ריזיקירןביידע אויף איין אָרט? אָמער, זאָגט ער, לאָמיר טאָן, זאָגט ער, ווי אין פּסוק שטייט ביי יעקב אָבינו: והיה יבוא אל המחנה האחת והכּהו, והיה המחנה הנשאר לפליטה — טאָמער, זאָגט ער, וועט מען כאַפּן איינעם פון אונדז אויפן בוידעם, וועט כאַטש בלייבן דער צווייטער, וואָס אין קעלער. אָדער פאַרקערט, זאָגט ער, טאָמער פּאַקט מען איינעם אין קעלער, וועט בלייבן דער וואָס אויפן בוידעם. ווי געפעלט אייך, זאָגט ער, דער דאָזיקער געדאַנק?״ — „אַ געדאַנק, זאָג איך איז דאָס זייער אַ ווילער, נאָר מען דאַרף, זאָג איך, זען וואָס גיכער, ווי זאָגט איר אויף לשון־קודש, מוציא מן הכּוח אל הפּועל זיין״...

הקיצור, מיר האָבן זיך אָפּגעוואָלגערט אַ נאַכט אין שרעק און אין פּחדים, ס׳זאָל זיך שוין אַזאַ נאַכט ניט אומקערן! — קוים דערלעבט טאָג, און אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, כאַפּ איך דאָס פּעקל און וויל גיין, לאָזט ער מיך ניט, מיין פריינד

הייסט עס, און מאַכט צו מיר אויף לשון־קודש: „איש הירא ורך הלבב", וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? גלייבט מיר, זאָגט ער, ס'איז בלאָטע. אַט זיך איך שוין דאָ באַלד אַ האַלב יאָר, זאָגט ער, איז בסך־הכּל געווען מער ניט אַז אַזעלכע דריי־פיר אַבלאַוועס אויף דער דאָזיקער גאַס. גלייבט מיר, זאָגט ער, ס'איז גאָר ניט אַזוי דער הצעקתה, ווי מיר אַליין מאַכן דעם גוואַלד. ס'איז נאָר שלעכט, זאָגט ער, בעת אַן אַבלאַווע, ביי נאַכט, מען איז אַנגעשראָקן, מיינט מען מי יודע וואָס, אין דער פרי אָבער, אַז מען לעבט איבער בשלום, איז חוזק מיט חוזק!... אַזוי רעדט ער איבער מיר, מיין פריינד הייסט עס, ער וויל מיך מפּתה זיין. איך אָבער לאָז מיך ניט. איך האָב מיך אָוועקגעשטעלט שטאָל און אייזן און געזאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ער זאָל מיר אָנשיטן אַ שטוב מיט גאָלד, זאָג איך, נעכטיק איך ניט ביי אים ניט! הקיצור, מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט און איך האָב מיך אָוועקגעלאָזט תיכף־ומיד אויף דער סלאָבאָדקע, וואָס רעכנט זיך צו טשערניגאָווער גובערניע, און אין טשערניגאָווער גובערניע מעגן יידן פראַנק און פריי זיצן אומעטום, אַחוץ די דערפער, און איך האָב מיר אָפּגעדונגען אַ קוואַרטיר מיט עסן און האָב מיך אָוועקגעזעצט דיר שרייבן אַ בריוו, און באַלד ווי איך ענדיק דעם בריוו, אַזוי לאָז איך מיך אָוועק אין שטאָט, אין יעהופּעץ הייסט עס, — ביי טאָג מעגסטו דאָרט זיין וויפל דו ווילסט — און רעכן קודם־כּל זיך באַגעגענען ערגעץ מיט די לייט פון דער רעדאַקציע. זיי זענען דאָרט אַלע, כּמעט די גאַנצע רעדאַקציע איז אין יעהופּעץ. און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, אַלע זיינען דאָ פאַרנומען מיט בייליסן און איך אויך בתוכם, מאַך איך דאָס בקיצור. אי"ה אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אָרויסשרייבן אַלצדינג מער באריכות, לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און הצלחה. זיי געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שוויגער שתחי' און דער גאַנצער משפחה זאָלסטו לאָזן גריסן איט־לעכן באַזונדער גאָר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

מנחם־מענדל פֿון יעהופּעץ צו זײַן װײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעװקע

29

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינע־שיינדל שתחי!

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפֿן, מען זאָל תּמיד האָרכן איינס פֿון דאָס אַנדערע נאָר גוטס מיט בשׂורות טובות ישועות ונחמות בתּוך כּלל־ישׂראל — אָמן.

ו ה ש נ י ת זײַ װיסן, זוגתי היקרה, אַז איך בין שוין אַ װאַסילקאָװער. װעסטו דאָך פֿרעגן, װאָס איז מיר געפֿעלן װאַסילקאָװ? דאַרף איך דיר זאָגן, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם ניט געבענקט, נאָר אַז מען האָט קיין אַנדער ברירה ניט, איז װי דײַן מאַמע זאָגט: אַז מען קען ניט אַריבער מוז מען אַרונטער... הער אַן אַנטיק, װאָס מיט אַ מענטשן קאָן זיך טרעפֿן! דאַכט זיך גאַנץ גענוג געװען די פּחדים, װאָס איך בין אויסגעשטאַנען אין יעהופּעץ די ערשטע נאַכט בײַ מײַן גוטן פֿרײַנד דעם בעל־לשון־קודש נאָך דער אָבלאַװע, װאָס איז געװען אויף פּאָדאָל, האָב איך געמיינט, אַז װי באַלד איך בין שוין אויף דער סלאָבאָדקע, און סלאָבאָדקע איז דאָך טשערניגאָװער גובערניע, איז אַן עק, בין איך פּטור פֿון פּראַװאָזשיטעלסטװע און פֿון אָבלאַװעס און פֿון שלעק און פֿון צרות און װעל מיר קאָנען אַרומדרייען זיך אַ גאַנצן טאָג אין יעהופּעץ און בײַ נאַכט בין איך מיר אַ סלאָבאָדקער — און רופֿט מיך קנאַקניסל. װאָס טוט גאָט? זאָגט ער נײן! מען טאָר ניט זײַן קיין חכם! אַז ס'איז באַשערט געװען דעם נביא יונהן צרות, האָט עס אים געטראָפֿן אין מיטן ים אויפֿן שיף. אַזוי איז געװען מיט מיר אויך. שטעל דיר פֿאָר, אַז איך האָב אַפֿילו קיין איין נאַכט ניט איבערגענעכטיקט אויף דער סלאָבאָדקע, ניט קיין צײַט געהאַט אַפֿילו אַרומקוקן זיך װוּ איך בין אין דער װעלט — אַהאַ, ס'איז שוין אַ פּאָגראָם! דאָס הייסט ניט קיין פּאָגראָם, צו אַ פּאָגראָם האָט מען ניט דערלאָזט, נאָר ס'איז געװען כּמו װי אַ פּאָגראָם. דהײַנו, עס האָבן זיך אָנגעשיכּורט עטלעכע חברה־לײַט, און דווקא סטודענטלעך, זאָגט מען, און דווקא אין יעהופּעץ, און מען איז געקומען צו אונדז אויף דער סלאָבאָדקע און מען האָט גענומען סטראַשן די סלאָבאָדקער ייִדן — אַזוי און אַזוי! אײַער בייליס! מיר װעלן אײַך באַװײַזן! און מען האָט זיך שוין געגעבן אַ לאָז צו די

יידישע קלייטלעך, מיט די יידישע הײַזלעך, שיער־שיער אַ פּאָגראָם ככל משפטו וחוקתו. האָט דער אייבערשטער געטאָן אַ נס, ס׳איז אָנגעקומען פּאָליציע טאַקע פֿון יעהופּעץ, צעטריבן דעם עולם, אַ צוויי־דרײַ חברה־לײַט גענומען אין חדר אַרײַן, און ס׳איז געוואָרן שטיל... נאָר אַ פּחד איז געבליבן אַזאַ גרויסער, אַז מען האָט שוין מורא געהאַט אַפילו זיך אויסטאָן און טראַכטן מכח שלאָפֿן. האָב איך מיך מישב געווען אַזוי: ביילים איז טאַקע ביילים, נאָר צו וואָס טויג דיר די פּחדים מיט די שרעק, מנחם־מענדל? ביילים פֿון יעהופּעץ וועט דען גרינגער זײַן דערמיט, וואָס מנחם־מענדל פֿון כתרילעווקע וועט כאַפּן מיט אַ שטיין אין קאָפּ אויף דער סלאָבאָדקע? און איך האָב קוים דערלעבט טאָג און בין אַוועק קיין יעהופּעץ, ניט געזעגן זיך מיט קיינעם, און גלײַך אויפֿן וואָקזאַל, גענומען אַ בילעט קיין וואַסילקאָוו. וואַסילקאָוו איז אויך ניט ווײַט פֿון יעהופּעץ, כמעט אַזוי ווי סלאָבאָדקע, אפֿשר ווײַטער אויף אַ שעה פֿאָרעכץ, אַ באַן גייט, ממה־נפֿשך, וועט מען דאַרפֿן, וועט מען פֿאָרן נאָך אַ שעה, וואָס קאָן דאָ זײַן? דערווײַל האָב איך דעם אינדערפֿרײַקן פּאָיעזד אָנגעוווירן, ווײַל איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע אויפֿן קרעשטשאַטיק — דריי איך מיך אַרום איצט דאָ אויפֿן וואָקזאַל אין יעהופּעץ הייסט עס, און צו וואָרעמעס־צײַט רעכן איך זײַן אי״ה אין וואַסילקאָוו און דאָרט זיך באַזעצן ביז ביילימעס דיעלאָ וועט זיך קאָנטשען, און אַז ס׳וועט זיך קאָנטשען די דיעלאָ, וועל איך מיך אָפּבעטן בײַ דער רעדאַקציע אויף אַ וואָך צײַט און וועל זיך דורכפֿאָרן אַהיים שוין צו דיר, זוגתי היקרה, און צו די קינ־דערלעך זאָלן געזונט זײַן, זיך זען געזונטערהייט און דערציילן אַלצדינג אין נחת און אין פֿריידן. דערווײַל בין איך נאָך גאָר צעטומלט, ניט געטאָן גאָרניט, ניט געזעגן זיך נאָך אַפילו מיט מײַנע לײַט פֿון דער רעדאַקציע. ווו האָב איך זיי געקאָנט זען, אַז זיי זענען אַלע ערגעץ דאָרט, ווו מען מישפּט ביילימן און איך האָב צו טאָן מיט מײַנע פּראָוועס, איך זוך אַ מקום־מנוחה און קאָן ניט געפֿינען! אָט אַז גאָט וועט העלפֿן, איך וועל ווערן אַ וואַסילקאָווער, איך וועל מיך באַזעצן אין וואַסילקאָוו הייסט עס, וועל איך מיך דעמאָלט נעמען צו דער אַרבעט. דערווײַל זיץ איך ווי אויף אַ פּרעמדער פֿור און דער קאָפּ טראָגט, קאָמבינאַציעס מיט קאָמ־בינאַציעס מיט קאָמבינאַציעס! און די עיקר־קאָמבינאַציע איז דאָס, וואָס איך האָב טאַקע פֿון זײַנעט וועגן, פֿון ביילימעס וועגן הייסט עס, אַ פּלאַן אויף אם־ירצה־שם נאָכדעם, נאָכן פּראָצעס. איך וויל, פֿאַרשטייסטו מיך, ערשטנס, אַז ביילים אַליין נעבעך זאָל זיך אַ ביסל צעפֿירן די הענט, באַקומען כאָטש אַ שטיקל באַ־לוינונג פֿאַר די כמעט דריט האַלבן יאָר, וואָס ער איז אָפּגעקומען אין געפֿענגעניש,

און פֿאַר די געבראָטענע ליַידן, וואָס ער שטייט אויס נאָך איצט זיצנדיק אויפֿן בענקל. און צוויטנס, לאָז די וועלט זען אָט דעם דאָזיקן „מערדער“, וואָס שטעלט צו בלוט פֿאַר אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט אויף פּסח... הקיצור, מײַן פּלאַן איז, אַז תּיכף־ומיד, ווי נאָר דער פּראָצעס ווערט זיך קאָנטשען, זאָל ער ניט מאַכן קיין לאַנגע שהיות, בייליס הייסט עס, פֿאַרברענגען נאָר אַ צוויי־דרײַ טעג אין דער היים בײַ זײַן ווײַב און קינדער, אַ ביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם, און טאַקע תּוך־כּדי־דיבור אויפֿהייבן זיך און אַוועקפֿאָרן איבער דער גרויסער וועלט און קודם־כּל קיין אַמעריקע — דאָרט וועט ער מאַכן גאָלד! אין אַמעריקע זענען דאָ ברוך־השם שוין צוויי מיליאָן ייִדן זאָגט מען, און איך קען אַמעריקאַנער ייִדן. אַן אַמעריקאַנער ייִד וועט ניט זשאַלעווען קיין קוואָדער (אַ קוואָדער איז ווי בײַ אונדז אַ האַלב קערבל) גיין אָנקוקן בייליסן. מער ניט נאָר אָנקוקן. ווען מיר זאָגן, אַז פֿון די צוויי מיליאָן ייִדן וועלן אים גיין אָנקוקן נאָר די העלפֿט, האָסטו אויך אַזוי גרויס ווי אַ מיליאָן קוואָדערס, — האָסטו ניט אַ קײַמא לן פֿון אַ האַלבן מיליאָן רובל אויף אונדזער געלט? נאָר איך בין דיר מוחל, איך וואַרף דיר אַראָפּ פֿון דער העלפֿט נאָך אַ העלפֿט און גיב דיר צו, אַז עס דאַרף פֿאַלן הוצאות, די נסיעה קיין אַמעריקע, דאָס אָפּדינגען אַ זאַל, מוזיקע, בופֿעט, שאר־ירקות — אַלצדינג קאָסט געלט — איך האָב די אַלע ראָסכאָדן אין זינען געהאַט פֿריִער און אַלצדינג אַראָפּגערעכנט, איז אחר נכיון כּל ההוצאות בין איך דיר ערוב פֿאַר רי״ש אַלפֿים! נישט מער, איין זאַך — מען דאַרף האָבן דאָס ביסל מזומנס, די ערשטע הוצאות. נאָר בלאָטע! אין דעם וועט ניט זײַן קיין מניעה. עס וועלן זיך געפֿינען אַזעלכע בעלנים, וואָס וועלן אויסלייגן. אויף אַזאַ זאַך וועלן זיך געפֿינען צען פֿאַר איינעם. הלוואי העלפֿט שוין גאָט מיר זאָלן אים דערלעבן זען בשלום אַ באַפֿרײַטן! דאָס איז איצטער דער אייניציקער געדאַנק בײַ אונדז אַלעמען. מען הערט הײַנט מער ניט, נאָר דאָס. מען רעדט הײַנט פֿון קיין זאַך ניט, אַחוץ בייליס, איך בין דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ דער בערזע אויפֿן קרעשטשאַטיק, אַרײַנגעכאַפּט זיך צו סעמאַדעניך, דאָרט ווו איך האָב אַ מאָל פֿאַרבראַכט מײַנע יאָרן און טעג ניט הײַנט געדאַכט. אויסגעטרונקען אַ גלעזל קאַווע און האָב מיך צוגעקוקט און ניט דערקענט דאָס פּלאַץ! וואָס מיר בערזע? ווער מיר סעמאַדעני? אַ חורבן! עס דרייען זיך אַרום עטלעכע באַקאַנטע פּנימער, מעקלערס, פֿאַרכמורעטע, פֿאַר־חושכטע, מען זעט ניט זיי זאָלן זיך צונויפֿקלויבן, ווי אַ מאָל אין די גוטע יאָרן, בײַ איין טישל און שמועסן. מען הערט ניט זיי זאָלן לאַכן. עס לאַכט זיך זיי אַ פּנים ניט. מען כאַפּט נאָר איטלעכער אַ בלאַט צײַטונג, מען פֿאַרקלײַבט זיך אין אַ

װינקעלע, מען שטעקט אַרײַן די נאָז אין בלאַט און מען לײענט װעגן בײליסן און װעגן פראָצעס. װאָס דאַרפֿסטו מער? איך האָב געכאַפּט אַ גאַראַדאָװאָי, פֿון די װאָס שטײען אױפֿן קרעשטשאַטיק און גיבן אַכטונג ייִדן זאָלן זיך ניט צו שטאַרק אַרומדרײען זיך בײַ די בענק און בײַ די קאַנטאָרן, האָט דער דאָזיקער גאַראַדאָװאָי אױך געלײענט אַ צײַטונג. בין איך אַ בעלן געװען אונטערגנבֿענען זיך אַ קוק טאָן, װאָס לײענט אַ גאַראַדאָװאָי? אױך פֿון אונדזער פראָצעס? פֿון אונדזער בײליסן? און כּך־הװה: איך האָב געגעבן אַ שטעק אַרײַן די נאָז און האָב דערזען מיט גרױסע אותיות אָפּגעדרוקט: דיעלאָ בײליס! די דאָזיקע מעשׂה איז מיר אָבער שיִער אױסגעפֿאַלן באָקאָם. דער גאַראַדאָװאָי האָט געגעבן אױף מיר אַ קוק מיט די עיניים — איז מיר פרחה־נשמתי געװאָרן! װאָס טו איך אַ שטײגער, אַז ער טוט מיך אַ נעם — פּאַטשפּאָרט? בין איך אָבער קליגער פֿון אים. גײ איך און טו מיך אַ כאַפּ אַרײַן אין דער װאָלזשעסקי־קאַמסקי באַנק אַרײַן, צעבײַט בײַ דער קאַסע אַ צענערקערבלשטיק אױף קלײן געלט, זיץ אַ װײַלע, אין באַנק האָט יעדער פראַװע צו זיצן װיפֿל ער װיל, דערנאָך האָב איך מיך אַרױסגעכאַפּט פֿון באַנק פֿײַל אױסן בױגן, גענומען אַן איזװאָזטשיק און — „פּאַשאָל נאָ װאָקזאַל!“ — װעמען הער איך? אױפֿן װאָקזאַל בין איך דאָך אַ פּאַסאַזשיר גלײַך מיט אַלע פּאַסאַזשירן, קאָן מיר אַרומדרײען, קאָן מיר טרינקען טײ, קאָן מיר אַװעקזעצן שרײַבן אַ בריװ, אַז איך װיל — קײנער קאָן מיר ניט פֿאַרװערן! איצט שרײַב איך דיר דעם בריװ און אָט באַלד אַקאָרשט װי מען זעט ניט זעץ איך מיך אױף אין פּאָיעזד און פֿאָר קײן װאַסילקאָװ. און מחמת איך האָב קײן צײַט ניט — מען קלינגט שױן פּערװוי זװאָנאָק — מאַך איך דאָס בקיצור. אי״ה אינעם אַנדערן בריװ, שױן פֿון װאַסילקאָװ גופֿא, װעל איך דיר אַרױסשרײַבן אַלצדינג באריכות. לע״ע זאָל גאָט געבן מיט מזל־ברכה, מיט גליק און מיט הצלחה. זײַ געזונט און קוש די קינדער שיחיו און גריס דער שװיגער שתחי׳ און דער גאַנצער משפּחה זאָלסטו לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

ע י ק ר ־ ש כ ח ת י: צו מײַן איצטיקן פּלאַן װעגן בײליסן באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ נאָך אַ פּלאַן. היות װי בײליס איז אַ פּראָסטער מענטש און אַן עלנטער, ניט געװען נאָך קײן מאָל אין אַמעריקע, זאָל איך אפֿשר מיטפֿאָרן מיט אים, דו פֿאַרשטײסט? ער װעט זיך באַװײַזן פֿאַרן עולם, דערצײלן די נסים־ונפֿלאות, װאָס ער איז אױסגעשטאַנען, און איך װעל זײַן דער... דער... דאָרט

ווערט עס אַנגערופֿן „מעניזשער״ אויף זייער אַמעריקאַנער לשון. איַי טאָמער ווערט די רעדאַקציע מיך ניט וועלן אָפּלאָזן? פֿאַר וואָס זאָל זי ניט וועלן? וואָס ווערט איר אָרן, אַז איך וועל שרײַבן פֿון דאָרטן אַלצדינג מכּל דבר שורש, ווי אַזוי מען האָט אים אויפֿגענומען, בײַליסן הייסט עס, און וואָס ער האָט גערעדט, און וואָס זיי האָבן גערעדט און וואָס איך האָב גערעדט...

הנ״ל